STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00480

KALIFORNIER SHRIFTN

Permanent preservation of this book was made possible by
Robert & Carrie Zeidman
in memory of
Meyer David Zeidman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאליפארניער שריפטן

1954 — יובל אויסגאַבע — 1854

פאר ליטעראַטור און היסטאָריש-געזעלשאַפטלעכע
שטודיעס און פאַרצייכענונגען, צו דער געלעגנהייט פון
הונדערט יאָר אידיש לעבן אין קאַליפאָרניע.

לאָס אַנדזשעלעס

1955

אַרויסגעגעבן פון
לאָס אנדזשעלעסער אידישן שרייבער פאַראיין ביים איקוף

רעדאַקציע: שׂרה פעל־יעלין, ש. סעקולער,
א. ראָטבלאַט, חיים שוואַרץ.

Printed in U.S.A.

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 HARLEM PLACE
LOS ANGELES 12, CALIFORNIA

אינהאַלט

זייט:

אַ „פאַרנויג״ פון דער רעדאַקציע 5

א. ראטבלאט: דער אנטוויקלונג־פּראָצעס פונם אידישן ישוב אין לאָס אַנדזשעלעס 6

שרה פעל־יעלין: קאַליפאָרניע (ליד) 38

ס. בוימאַן: בייטראג פון די אידישע יוניאָנס צו דעם אידישן ישוב אין לאס אנגעלעס 40

שמואל דן: אויבס אויף קאַליפאָרניער וועגן (ליד) 47

יצחק אפרת: מיין דאַנק (ליד) 50

כאַוועד־פּאוער: אַ אידישער פאַרמער אין קאַליפאָרניע 51

ש. סעקולער: אידישע שרייבער און ביכער אין לאָס אנגעלעס 63

אב וויקטאָר: לאָס אנגעלעס 69

י. ראשעל: אידיש־אמעריקאנער פלאסטישע קינסטלער אין קאַליפאָרניע.. 70

ב. מאָזער: פיר ברידער זיינען זיי געווען 83

א. מאימודעס: אידישע דערציאונג אין לאָס אנדזשעלעס 91

זאַרי גאָטפריד: דער אידישער ישוב אין פעטאלומא 96

שאול האָפמאַן: הונדערט יאָר אידישער ישוב אין סאן פראנציסקא...... 103

ירחמיאל פארבער: אידישע ישובים אין קליינע שטעטלעך אין דרום קאַליפאַרניע 105

ס. פ.: דער אידישער ישוב אין אָוקלאנד 110

יאָסל לעדער: עלסינאָר, דער ניי־אויפגעקומענער אידישער ישוב....... 112

מרדכי סופר: אונדזער משכן (ליד) 113

יצחק טאַיפ: אַ נייער טאָג געבוירן (ליד) 111

א. מאוריס: „איקוף״ — אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פונם פּראָגרעסיוון קולטור־לעבן אין לאָס אנדזשעלעס 114

חיים שווארץ: מיין היים און מיין לאַנד (ליד) 117

קלמן מרמר: אליהו הנביא — לעגענדע און ווירקלעכקייט 122

זייט:

שרה פעל־יעלין: עס שמעקט די ערד; נייער טאָג (לידער)............128
שמואל דן: פינגער (ליד)..............................129
יוסף ווייס: ס'ווערט פלאַצן (דערציילונג)....................134
שפרה ווייס: קאַליפאָרניע; כל־זמן איך בין דאָ (לידער)...............144
לאָטי פ. מלאך: מעשה שאַפּ (דערציילונג)....................146
מלכה גאָטפריד: מיין לאַנד; יוקאַליפּטוס (לידער)................157
שלמה י. בעלסקי: די ראָד (דערציילונג)....................159
יאנקל פרידמאַן: בהלה אין בעלוועדער (דערציילונג)...............172
גינא מעדעם: כאַזע עסטרוגא — דער ספרדישער איד און קעמפער......180
מינע סמאָלער: אין גערײַנגל (דערציילונג)....................186
אסתר מילער: אידן זוכן גליקן אין דער ווייטער וועסט (דערציילונג)......194
משה וויינשטיין: פון פייער אין וואַסער (דערציילונג)...............209
משה וויינשטיין: לאָס אַנדזשעלעס (ליד)....................214
דאָרא ביירעק: מיין שכן; דער נייער דור; מיין צושטייער (לידער)......215
יעקב לאַנין: לאָס אַנגעלעס; אַ זומער־טאָג ביים ים (לידער)...........217
אהרן גאָרעליק: סערקע שייגעץ..........................219
נ. קרופּין: וועגן „העברעאיזמען" אין דער אידישער שפּראַך.........222
רפאל פאָזנער: די רומפּולע שטאָט לאַדזש....................225

באַגריסונגען, הזכרות, בילדער.

Dr. Sanford Goldner: Lessons of 300 Years
of American Jewish History 1

א „פאַרנויג" פון דער רעדאַקציע

מיט פרייד טראָגן מיר צו אונדזערע לייענער אָט־די אויסגאַבע, אויף וועלכער זיי האָבן לאַנג אַרויסגעקוקט. אויך מיר, פון דער רעדאַקציע, און די מיטגלידער פון אונדזער שרייבער פאַראיין — די „אַרויסגעבער־פאַרלעגער" — זיינען שוין געווען אומגעדולדיק . . . אָבער מיר האָבן געוואוסט די סיבות פונם אָפּהאַלט, וועלכער איז געווען אומפאַרמיידלעך, אונטער די אומשטענדן.

שוין דער פאַקט, וואָס די אויסגאַבע האָט אַריבערגעשטיגן אונדזערע פּלענער, און זי דערשיינט אין א דאָפּלטער צאָל זייטן ווי מיר האָבן פאַרטראַכט פון אָנפאַנג, גיט א באַגריף וועגן די שוועריקייטן אינם לויף פון דער אַרבעט. און ס'זיינען געווען פיל אַנדערע שוועריקייטן.

מיר געפינען אָבער א באַלוינונג אין דעם, וואָס צוויי פון אונדזערע פונדאַמענטאַלע צילן זיינען, בדרך כלל, פאַרווירקלעכט געוואָרן: ערשטנס, די אויסגאַבע זאָל האָבן א ספּעציפיש קאַליפאָרניער פּנים — די אַנדערשקייט און דער קאָלאָריט פונם „גאָלדענעם שטאַט", און דער אויפקום און אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון אידיש לעבן ביים פּאַסיפישן ברעג, דער עיקר — פון דער פענאָמענאַל־אויסגעוואַקסענער, קאָלירפולער און ברייזנדיקער אידישער געמיינדע אין לאָס אַנדזשעלעס — זאָלן קומען צום אויסדרוק . . .

צווייטנס, די אויסגאַבע זאָל זיין דער קאָלעקטיווער אויסדרוק פון פּראָגרעסיווע שרייבער, וועלכע „רופן זיך איבער" מיט די פּראָבלעמען פון דער גורל'פולער עפּאָכע, וואָס מיר לעבן איבער, און באַגרייפן די שטרעבונגען און קאַמפן פון די געקריוודעטע און אונטערדריקטע איבער גאָר דער וועלט, פאַר פרייהייט און סאָציאַלן וואוילזיין, ועל כולם — פאַר שלום אויף דער וועלט . . .

מיר ווילן האָפן, אַז אָט־דער ערשטער פאַרזוך פון אונדזער שרייבער־פאַראיין וועט ניט זיין דער לעצטער, און אָט־די אויסגאַבע וועט נאָכגעפאָלגט ווערן אַזוי אָפט ווי מעגלעך. מיר זיינען זיכער, אַז אונדזערע פריינט און אונטערשטיצער פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור, וועלכע האָבן זיך אַזוי וואַרעם אָפּגערופן מיט זייער הילף, וועלן שטיין מיט אונדז אויך אין דער צוקונפט . . .

אונדזערע לייענער וועלן האָבן אין זינען, אַז „כל התחלות קשות" (יעדער אָנהויב איז שווער) . . . מיר האָבן צוגעקראָגן דערפאַרונג, געלערנט פון די טעותן און בלויזן, און וועלן זען אויסצומיידן זיי אין דער צוקונפט. דאָס וועט אויך דערמוטיקן אונדזער שרייבער־קאָלעקטיוו, און סטימולירן אים צו פאַרפאָלקאָמענען זיך, פּאַכמעניש און אידייאיש, כדי זיי זאָלן נאָך בעסער דינען דעם פאָלק און מאַכן זייער ביישטייער צו דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור.

מיט דרך ארץ, **די רעדאַקציע.**

לאָס אַנדזשעלעס, סעפּט., 1955

א. ראָטבלאַט

דער אַנטוויקלונג־פּראָצעס פונם אידישן ישוב אין לאָס אַנדזשעלעס

אין דער געשיכטע פון 300 יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע, האָט דער אויפקום פונם אידישן ישוב אין ל. א. אריינגעשריבן אַ גלאָררייכן קאַפּיטל. זיין פענאָמענאַלער וואוקס, זיינע ריזיקע דערגרייכונגען און זיין דערוואָר־בענע פּאָזיציע צו ווערן דער צווייטער גרעסטער און וויכטיקסטער ישוב אין לאַנד, אין משך פון 100 יאָר, זיינען אַ גרויסער צושטייער, און זיין 100־יאָריקער יובל דאַרף מיט שטאָלץ אַריינגענומען ווערן אין די אַלגעמיינע פייערונגען פון 300 יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע.

די געשיכטע פונם היגן ישוב דאַרף נאָך ערשט געשריבן ווערן. זי וואַרט נאָך אויפן פאָרשער־היסטאָריקער, וועלכער זאָל אַרויסברענגען אַלע עלעמענטן, פאַקטן און געשעענישן אין אַ כראָנאָלאָגיש־דאָקומענטאַלן סדר. אַלע ביז־איצטיקע פּאַרעפנטלעכטע פאַקטן זיינען בלויז אויבערפלעכלעכע, כמעט־היסטאָרישע פאַרזוכן, וועלכע ווערן איבערגעחזרט און קיין נייעס ווערט ניט צוגעגעבן.

נאָך ערגער איז דער פּאַדריסלעכער פאַקט, וואָס אין אַלע ביז־איצטיקע פאַרזוכן מערקן זיך דיזעלבע פונדאַמענטאַלע בלויזן, וועלכע וואַרפן זיך אין די אויגן ביי די געשיכטע־שרייבער פון 300 יאָר — דאָס פשוטע פאָלק, וואָס האָט געגעבן קאָליר און אינהאַלט צום עכטן שפּרודלדיקן אידישן פאָלקס לעבן, קומט ניט צום אויסדרוק. ס'ווערן פאַרטושט זיינע סאָציאַלע ראַנגלענישן, זיינע שטרעבונגען און אַספּיראַציעס. די ארבעטער באַוועגונג ווערט כמעט אינגאַנצן פאַרשוויגן. קעגן די סאָציאַליסטישע, פּראָגרעסיווע עלעמענטן ווערט פּראַקטיצירט אַ חרם. געשיכטע ווערט אויף אַזאַ אופן געשענדעט און פאַר־שוועכט.

מיט מיין איצטיקן פאַרזוך פאַרמעסט איך זיך ניט צו שרייבן די געשיכטע פונם אידישן ישוב אין ל. א. אונטער די בעסטע אומשטענדן, מיט אַ שפע פון מאַטעריאַל, מיט די נויטיקע אַרכיוו־דאָקומענטן, וואָלט דער באַשרענק־טער פּלאַץ אין אונדזער אויסגאַבע אַזוינס ניט דערלויבט. איך וועל פּרובירן, קאַליידאָסקאָפּיש, איבערגעבן דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס דער ישוב האָט דורכגעמאַכט דורכן יאָרהונדערט — דער עיקר אין די לעצטע 50 יאָר, זינט זיין „מאַיעסטעט", דאָס פאָלק, האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע.

* * *

דער אָפיציעלער יובל פונם ישוב אין ל. א. איז, כראָנאָלאָגיש, ניט קיין ריכטיקער. ס'איז פעסטגעשטעלט, אַז אידן האָבן זיך געפונען דאָ מיט עטלעכע יאָר פריער פון 1854. שוין אין 1850 האָבן זיך געפונען 6 אידן צווישן די קאַרגע 1600 נפשות, וואָס דער „פּועבלאָ" האָט דאַן געציילט. אָבער מיר נעמען גערן אָן דעם אָפיציעלן יובל־יאָר, צוליב 2 טעמים: א) כדי צו ווערן שותפים צום 300־יאָריקן יובל פון גאַנצן לאַנד; ב) מחמת דער געדאַנק אָנצוהויבן פונם יאָר, ווען דאָס הייפל אידן האָט זיך אָנגעהויבן

אָרגאַניזירן געזעלשאַפטלעך, איז אַ גוטער געדאַנק. אין 1854 איז געגרינדעט געוואָרן די „ל. א. היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי" — דער ערשטער טראַט צו אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן.

יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז אידן זיינען געווען צווישן די מיוחסים — „נייטיוו סאָנס", „נייטיוו דאָוטערס", „פּיאָנירס אָף די וועסט" — וועלכע „בלאָזן פון זיך" און זוכן כבוד און פּריווילעגיעס פאַר זיך. אידן זיינען געווען צווישן די פּיאָנערן „פּעט־פאַינדערס", און צווישן די „גאָלד־יעגער", בעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער „גאָלד־ראַש". אידן האָבן געמאַכט דעם מאַקסימום ביישטייער צו דער פענאָמענאַלער אַנטוויקלונג פון קאַליפאָרניע . . .

דער פּאָרטוגעזיש־אידישער קינסטלער־צייכנער, סאָלאָמאָן נאָנעס־קאַרוואַרהאַלאָ, האָט זיך געפונען אין דער עקספּעדיציע פון גענעראַל דזשאָן סי. פרימאָנט, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן אין דער געשיכטע פון קאַליפאָרניע, אַלס דער „אַנטדעקער". גאַסן און סקווערן ווערן אָנגערופן אויף זיין נאָמען. פרימאָנט־מאָנומענטן געפינען זיך אין אָפיציעלע אַנשטאַלטן, אין פּאַרקס און מוזייען; אויף שליאַכן און פאַרוואָרפענע וועגן, אַרום די היסטאָרישע פּלעצער, וואו ער האָט אָנגעפירט שלאַכטן, אָדער עפּעס אַנטדעקט.

יענער פעריאָד איז געווען דער „בראשית" פונם „גאָלדענעם" שטאַט. ערשט אין 1850 איז קאַליפאָרניע אַריינגענומען געוואָרן אין דער „יוניאָן" — געוואָרן אַ טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז צושטאַנד געקומען, נאָכדעם ווי דאָס יונגע לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן ראַשיק צו אַנטוויקלען אינדוסטריעל, און האָט זיך באַלד אָנגעשטעקט מיט אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן פון „עקספּאַנסיע".

דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן צום פיל־געלאָקטן מערב — צום פּאַסיפישן ברעג. אויף אָט־דעם וועג האָט זיך, כידוע, געפונען אַ ריזיקע שטרעקע אונטער דער הערשאַפט פון מעקסיקע. ווען אַלע „פרידלעכע" און „כשרע" מיטלען — אָפּצוקויפן טעקסאַס און קאַליפאָרניע; אויפצורייצן די באַפעלקערונג, און אַלערליי פּראָוואָקאַציעס — האָבן זיך ניט איינגעגעבן, האָט פּרעזידענט פּאָלק דערקלערט קריג און באַזיגט מעקסיקע. קעגן אָט־דעם קריג האָט דער יונגער אייב לינקאָלן, דעמאָלט אַ קאָנגרעסמאַן פון אילינאָי, אויפגעהויבן זיין שטים פון פּראָטעסט און פאַרדאַמט די־דאָזיקע רויבעריי.

אינטערעסאַנט איז די געשיכטע פון לאָס אַנדזשעלעס. די „אָפיציעלע" היסטאָריקער פאַרלייקענען דעם פאַקט, וואָס די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן כמעט דורכאויס פון נעגערס און אינדיאַנער. צווישן די 44 נפשות־מרגלים, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אינם ניי־אַנטדעקטן „טאָל", מיטן צוועק צו בויען דעם ישוב, וועלכן זיי האָבן צוערשט געקרוינט מיטן נאָמען „לאַרעינאַ דע לאָס אַנגעלעס" (די קעניגין פון די מלאכים), און שפּעטער פאַרקירצט צו „לאָס אַנגעלעס" (די שטאָט פון מלאכים) — צווישן זיי האָבן זיך געפונען: 26 נעגערס, 16 אינדיאַנער און בלויז 2 „קאַווקאַזער" (ווייסע).

נאָך אינטערעסאַנטער איז דער היסטאָרישער הינטערגרונט, וואָס האָט געפירט צו דער אַנטדעקונג און גרינדונג פון לאָס אַנדזשעלעס. ס'קלינגט מאָדנע, וואָס שוין דעמאָלט איז רוסלאַנד געווען פאַרמישט, און האָט געהאַט אַ שייכות דערמיט . . .

די צאַרישע רוסלאַנד האָט, כידוע, געהאַט „אַריינגעשטעלט אַ פוס" אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, בעת זי האָט קאָלאָניזירט און באַהערשט אַלאַסקאַ, וועלכע זי האָט שפּעטער פאַרקויפט צו די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר 15 מיליאָן רובל. שפּאַניע, וועלכע האָט געהאַט באַזעס אין מאַנילא, און געבאַלעבאַטעוועט אין אַנדערע פּונקטן פונם פּאַסיפישן ברעג, האָט זיך דערשראָקן, אַז רוסלאַנד זאָל פון אַלאַסקאַ ניט קריכן ווייטער — דער עיקר צו דער נאָענטער קאַליפאָרניע. זי האָט זיך אויך געשראָקן, אַז ענגלאַנד, וועלכע איז פאַרטריבן געוואָרן פון די 13 קאָלאָניעס אין מזרח, זאָל זיך ניט וואַרפן צום פּאַסיפישן מערב, כדי גוט־צו־מאַכן דעם גרויסן פאַרלוסט, און צו שטאַרקן איר געפאַלענעם פּרעסטיזש. רוסלאַנד איז אָבער געווען די הויפּט־געפאַר.

צוליב דעם האָט דער שפּאַנישער קעניג, קאַרלאָס דער 3־טער, באַשלאָסן צו פאַרפעסטיקן זיינע פּאָזיציעס מיט באַזעס אַרום די ברעגן פון קאַליפאָרניע. מאָנטערעי, דער וויכטיקסטער פּאָרט, איז געווען דער ערשטער ציל־פּונקט. די עקספּעדיציע, וועלכע איז באַשטאַנען אויך פון יעזואיטן, וועלכע האָבן געדאַרפט איינשטעלן מיסיאָנערן־פּונקטן („מישאַנס"), האָט געהאַט די אויפגאַבע צו עטאַבלירן ישובים, כדי צו פאַרזיכערן אַ הינטערלאַנד, אויף וועלכן זי זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן אין אַן „עת צרה". . . . מעקסיקע האָט די יעזואיטן פאַרטריבן און אַליין איבערגענומען אָט־די אויפגאַבע.

בקיצור, די מרגלים, וואָס האָבן געזוכט פּאַסיקע פלעצער פאַר „מי־שאַנס" און ישובים, האָבן פאַרצייכנט די וואונדער פון אַ טאָל („וועלי"), וואו ס׳וואַקסן אַלערליי געוויקסן און ס׳פליסט אַ טייך — דער איצטיקער „לאָס אַנדזשעלעס ריווער" — און ניט געקענט אָפּלויבן זיך פון דער גאַסט־פריינטלעכקייט פון די אינדיאַנער אין אַ קליינעם ישוב, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן „יאַנג־נאַ" — לויט דער שילדערונג איז דאָס געווען אויף מעין סטריט, אַרום דער „פּלאַזאַ" . . .

דעם 27טן דעצעמבער, 1779, האָט דער אַדמיניסטראַטאָר, דע־קראַי, אַרויסגעגעבן אַן „אוקאַז" צו עטאַבלירן אַ ישוב אין אָט־דעם „טאָל". ס׳האָט גענומען כמעט 2 יאָר ביז דער „אוקאַז" איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. דעם 4טן סעפּטעמבער, 1781, איז דער גאָווערנאָר דע־נעווע, בכבודו ובעצמו, אַראָפּגעקומען צו פּראָקלאַמירן די גרינדונג פון דער „שטאָט פון מלאכים".

* * *

די פּיאָנערן־עפּאָכע פונם אידישן ישוב האָט געדויערט אַרום 50 יאָר — ביזן אָנהויב פונם נייעם יאָרהונדערט. אַז דער פאַרשריט איז געווען אַ לאַנגזאַמער, איז קענטיק פון דעם, וואָס אין 1900 זיינען געווען בסך־הכל אַרום 200 אידישע משפּחות . . . דאָס פאַרמינערט אָבער ניט די היסטאָריש־וויכטיקע ראָלע פון די פּיאָנערן, און זייער גרויסן ביישטייער צו דער אַנט־וויקלונג פונם ישוב. מ׳טאָר דערביי ניט פאַרגעסן דעם „תוהו ובוהו" פונם „בראשית", וואָס זיי האָבן געפונען אינם וויסטן, האַלב־טראָפּישן לאַנד.

צווישן דער קליינער גרופּע פּיאָנערן, וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַ־מענט פונם אידישן ישוב, שיינט אַרויס דאָס געשטאַלט פון דזשאָזעף ניו־מאַרק. ער איז געווען אַ דייטשער איד, וועלכער האָט געקראָגן אַ רעליגיעזע

דערציאונג און איז פאַרבליבן מיטן „פינטעלע איד". ער איז געווען אַן ענער־גישער מענטש, מיט גרויסע פיאיקייטן און מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער.

דזשאָזעף ניומארק איז געקומען אין קאַליפאָרניע פון ענגלאַנד, אין 1850, אַלס איינער פון דער גרויסער מחנה „גאָלד־זוכער". ער האָט זיך אָבער אין גיכן באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס און איז געוואָרן אַ סוחר. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען צוליב דעם, וואָס דער „גאָלד־ראַש" איז שוין געווען כמעט פאַרביי. נאָר סיי ווי האָט ער ניט געהאַט קיין גרונד צו באַ־קלאָגן זיך און חרטה האָבן. ער און זיין ברודער העריס זיינען רייך געוואָרן און די „דינאַסטיע" ניומארק איז, עד־היום, פאַרבליבן באַוואוסט אין דער „ביזנעס־וועלט" צווישן די גרויסע „האָלסיילערס". (דאָס איז דער פאַל מיט אַלע אַנדערע פיאָנערן: קיינער פון זיי האָט ניט דערלייגט דער „באָבעס ירושה". זייערע נעמען שיינען אַרויס צווישן די באַנקירן, אינדוסטריאַ־ליסטן און אין גרויס־האַנדל. מיר געפינען זיי נאָך איצטער צווישן די „פני" פון שטאָט — די „גבירה׳קראַטיע" . . .).

דזשאָזעף ניומארק ווערט מיט רעכט באַצייכנט אַלס דער אַרכיטעקט־בויער פונם ישוב. אין זיין הויז האָט ער געגרינדעט דעם ערשטן אידישן פאַראיין — די אויבנדערמאָנטע „ל. א. היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי". אָט־די סאָסייעטי האָט געהאַט איינגעאָרדנט דעם ערשטן מנין פאַר ימים נוראים. ס׳איז אויפגעקומען אַן אָרגאַניזירט אידיש לעבן. מ׳האָט באַלד אָנגעהויבן טראַכטן וועגן קויפן קרקע פאַר אַ בית־עולם. רבי איידלמאַן ווערט אַראָפּגעבראַכט פון סאַן פראַנציסקאָ, אַלס דער ערשטער רב. ער ווערט געשילדערט אַלס אַ זייער סימפּאַטישער מענטש און גרויסער לערנער. שפּעטער, אין 1873, ווערט אויפגעבויט די ערשטע שול, אויף בראָדוויי, צווישן צווייטער און דריטער. דערנאָך קומט פאָר, ווי געוויינלעך, אַ שפּאַל־טונג: די דייטשע יאַהודים פירן איין דעם רעפאָרמיסטישן נוסח, קעגן דעם ווילן פון רבי איידלמאַן, וועלכער איז געווען אַן אַלטמאָדישער אָרטאָדאָק־סישער איד. ער רעזיגנירט, און מיט דער צייט ווערט אויפגעבויט נאָך אַ שול . . .

אַנדערש ווי די פיאָנערן פון 1654 אין ניו־אַמסטעדאַם, וועלכע האָבן געקראָגן אַ פיינטלעכע אויפנאַמע מצד דעם אַנטיסעמיטישן גאָווערנאָר, פיטער סטאַיוועסאַנט — האָבן די פיאָנערן פון 1854, אין ל. א., געפונען פריינטשאַפט און סימפּאַטיע, סיי פון די ווייסע, סיי, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, פון די מעקסיקאַנער און אינדיאַנער.

ס׳איז פאַרצייכנט, למשל, דער פאַקט, אַז דער ערשטער מנין איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין הויז פון אַ קריסט, דזשאָן טעמפּל, אויף וועמענס נאָמען די שפּעטערדיקע הויפּט־גאַס פון דער אידישער „געטאָ" — טעמפּל סטריט — איז גערופן געוואָרן. און נאָך שפּעטער, ווען קיין שול איז נאָך אַלץ ניט געווען, האָט אַ ריכטער, איגנאַציוס סעפּאַלוועדאַ, אַ שפּאַניער, איינגעלאַדן די אידן צו דאַווענען ימים נוראים אין זיין געריכט־צימער . . .

איין פאַל פון אַנטיסעמיטיזם איז יאָ פאַרצייכנט, אין 1865. ס׳איז אָבער געקומען פון אַ יחיד — אַ קריסט, וואָס האָט דערפילט אַ קאָנקורענץ מצד אידישע קרעמער. פּרודענס באָדרי, דער אַנטיסעמיט, האָט זיך גע־האַט אויסגעדריקט, בעת ער איז געפאָרן אויף אַ שיף פון סאַן פראַנציסקאָ

אַהיים קיין ל. א., אז ער וועט ניט רוען ביז אַלע אידן וועלן פאַרטריבן ווערן פון שטאָט, מחמת זיי פארכאַפּן אַלע געשעפטן. העריס ניומארק האָט זיך, אויף אַ פּראַקטישן אופן, ניט דערלאָזנדיק צו קיין פּאַניק, אָפּגערעכנט מיט באַדרין: ער האָט אויסגעקויפט זיין געשעפט, און דער אנטיסעמיט האָט זיך אָפּגעטראָגן פון שטאָט.

די ערשטע פרויען־אָרגאַניזאַציע איז אויך פארבונדן מיט די ניו־מארקס: ראָזאַ, די פרוי פון דזשאָזעף ניומארק, איז געווען די גרינדערין. איר שוועגערין, העריסעס פרוי, איז געווען די ערשטע פּרעזידענטין; מרס. דזשאָנאַס — די קאַסירערין; מרס. בער — די דיוס סעקרעטאַרין. די צילן פון דער „לײדיס אָקזילערי" זיינען געווען באַשרענקטע: קודם כל — טשאַריטי — העלפן אַ ניי־אָנגעקומענעם; ארויסהעלפן די מענער אין זייערע קהל'שע פונקציעס און פּלענער, ווי, למשל, אויפפּאַסן אויפן בית־עולם, אַרבעטן פאַר אַ שול און ענלעכע פּראָבלעמעס . . . דער פאַראיין האָט זיך שפּעטער אויך אָפּגערופן מיט הילף פאַר די געליטענע אינם היס־טאָרישן פייער אין שיקאַגאָ, אין 1871. אין די 250 דאָלער, וואָס די „היברו בענעוואָלענט" האָט בייגעשטייערט, האָט די אָקזילערי צוגעטראָגן 100 דאָלער.

צום רום פון אָט־דער ערשטער פרויען אָרגאַניזאַציע אין ל. א., דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער פּונקט אין איר קאָנסטיטוציע, וועלכער פּראָקלאַ־מירט, אַז איר הילפס־טעטיקייט איז פריי פון דיסקרימינאַציעס בנוגע גלויבן און קאָליר; אַז זי איז גרייט צו העלפן אויך די „אַפריקאַנער", ווי די נעגערס זיינען אין אַ סך פּלעצער באַצייכנט געוואָרן צו יענער צייט.

* * *

מיטן אָנקום פונם נייעם יאָרהונדערט האָט דער אידישער ישוב אָנ־געהויבן צו בייטן זיין פּנים. „עמך"־אידן, פּשוטע פאָלקס־מענטשן, האָבן אָנגעהויבן צו קומען אַלץ מער און מער. דער גרעסטער טייל האָט זיך געשלעפּט און געצויגן צו דער זוניקער, וואַרעמער קאַליפאָרניע, כדי צו ראַטע־ווען זיך מיטן לעבן. די קרבנות פון דער „ווייסער פּלאָג", וועלכע האָט אין יענע יאָרן געבושעוועט צווישן דער אָרעמשאַפט פון די ניו יאָרקער טענעמענט הייזער און סוועט־שעפּער, האָבן פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ. אָבער ס'האָבן ניט אויסגעפעלט קיין אָנגעגריפענע פון אַנדערע כראָנישע חולאתן, און סתם אַזעלכע, וואָס זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן צויבער פון קאַ־ליפאָרניע . . . אַ סך לונגען־קראַנקע, וועלכע האָבן זיך געהיילט אין דענווער, האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט קיין לאָס אַנדזשעלעס, פאַרבליבן תּוש־בים, געבראַכט, מיט דער צייט, זייערע פאַמיליעס און צוגעצויגן פריינט. אַזוי, אַז אין 1905 געפינען זיך שוין, לויט די ערשטע, מער־אָדער־ווייני־קער, ראַיעלע קוואַלן, ארום 2,500 אידן (סעמיועל סי. קאָס: „די ל. א. דזשואיש קאַמיוניטי").

אַרום יענער צייט הויבן זיך אָן צו באַווייזן וועלטלעכע, מער־אָדער־ווייניקער פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און קלובן, מחמת צווישן די אָנגע־קומענע פון מזרח־שטאַטן, דער עיקר פון ניו יאָרק, זיינען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אריינגעצויגן אין דער ארבעטער באַוועגונג און אין די סאָציאַליסטישע, אנארכיסטישע און ציוניסטישע קרייזן. אין

1905 האָט דאָ שוין פונקציאָנירט אַ קליינע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „עדיוקיישאָנאַל קלאָב". דער שניידער ארבעטער, נייטן הערמאַלין, איינער פון די אריבערגעקומענע פון דענווער, דערציילט, אַז ער האָט באַלאַנגט צו אָט־דעם קלוב. איינער, מיטן נאָמען קאָהען, אַ „סאַלון קיפּער", וועלכער איז געווען „אַנארכיסטיש געשטימט", האָט אים אָרגאַניזירט, געוואָרן דער רעדל־פירער און זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט.

הערמאַלין דערציילט, אַז די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין 1905, און פריער, די מעשה גאַפּאָן, מיטן „בלוטיקן זונטיק" פון 9טן יאַנואַר, האָט אויפגערודערט די אידישע באַפעלקערונג. אינם „עדיוקיישאַנאַל קלאָב", וואו מ'פלעגט אַ סך דעבאַטירן וועגן רעליגיע און שטאַט, האָבן אָט־די פאַסירונגען פאַרנומען דעם אויבן־אָן. אין 1906 האָט דער קלוב דורכגעפירט אַ מעמאָריאַל נאָך די קרבנות פונם „בלוטיקן זונטיק", מיטן סאָציאַליסטישן פירער, דזשאָב הערימאַן, אַלס רעדנער.

די ערד־ציטערניש אין סאַן פראַנציסקאָ, אין 1906, האָט אויך אַרויסגעהאָלפן צום וואוקס פונם אידישן ישוב אין ל. א. אַ גרויסע צאָל געליטענע פון דער גרויליקער קאַטאַסטראָפע האָט פאַרלאָזן די רואינירטע שטאָט און זיך באַזעצט אין ל. א. דערמיט דערקלערט זיך דער שפּרונג, וואָס דער היגער ישוב האָט געמאַכט אין משך פון 2 יאָר: אין 1907 געפינען זיך שוין אין ל. א. 7,000 אידישע נפשות, כמעט 3 מאָל אַזוי פיל.

דאָס אידיש לעבן ווערט שפּרודלדיקער און אינטערעסאַנטער מיטן אָנקום פון אַ צאָל אידישע אינטעלעקטואַלן און ארבעטער אינטעליגענטן: דר. לעאָ בלעס, די ברידער אהרן און חיים שאַפּירא, פּיטער קאָהאַן, ב. קאָהען, די ברידער יודל און איטשקע לעוויט, ע. ניושטיין, הערי מאַרקוס און אַ סך אַנדערע, האָבן אויפגעלעבט דעם ישוב און געהויבן זיין גייסטיקן מצב. זיי האָבן זיך יאָרן־לאַנג אויסגעצייכנט אויף אַ סך געביטן פונם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, געווען די פּיאָנערן־בויער פון די ערשטע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, און די טרעגער פונם פּראָגרעסיוון געדאַנק.

אין 9־1908 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ארבעטער רינג ברענטש 248, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, ניט נאָר אַלס אַ ראַדיקאַלע, סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע — אויך אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל. אָט־דער ברענטש, און דער א. ר. בכלל, ווערן פאַררעכנט אַלס די „פאָטערס" פונם סאַניטאַריום אין דואַרטע, וועלכער איז איצט באַוואוסט איבער דער וועלט אַלס „די שטאָט פון האָפענונג" („סיטי אָף האָופּ").

דער סאַניטאַריום איז אַרויסגעוואַקסן פון דער שרעקלעכער לאַגע פון די אָנגעלאָפענע קראַנקע מענטשן פון גאַנצן לאַנד, עלנדע און הילפלאָזע, וועלכער זיינען געוואָרן אַ פּראָבלעם פאַר דער גאַנצע געמיינדע. ס'האָט פאַסירט אָפט, אַז אַ הוסטנדיקער, מיט־בלוט־שפּייענדיקער, איז פשוט געפאַלן אין גאַס. גוטע מענטשן האָבן געזוכט צו לינדערן די נויט פון אָט־די אומגליקלעכע. פּרויען זיינען געגאַנגען איבער די הייזער, צו זאַמלען געלט און שפּייז פאַר זיי. די קראַנקע ארבעטער רינג מיטגלידער זיינען געווען אַ לאַסט, קודם־כל, אויפן ברענטש.

בעת ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן בלויז

דורך עטאַבלירן אַ סאַניטאַריום פאַר טובערקולאָזע, וועלכער זאָל געשטיצט ווערן פון אַלע שטעט איבערן לאַנד, איז דער א. ר. ברענטש 248 געוואָרן די טרייב־קראַפט פון אַט־דער באַוועגונג. דער ערשטער מאַסן־מיטינג, אין 1912, מיט חיים שאפירא אַלס רעדנער און אַפּיל־מאַכער, איז איינגעאָרדנט געוואָרן פונם ברענטש. ווען דער ברענטש האָט זיך, ווי דער מנהג איז, געשפּאָלטן, און ס'איז אויפגעקומען דער 2־טער ברענטש 443, און צווישן זיי איז אָנגעגאַנגען אַ קריגעריי — האָבן זיי, פונדעסטוועגן, געאַרבעט פאַרן סאַניטאַריום האַנט־אין־האַנט. אַז דער סאַניטאַריום איז, אין 1913, נאָך אַ סך מאַטערנישן און אַמפּעררייען וועגן אַ פּלאַץ, עטאַבלירט געוואָרן, האָט דער א. ר. בר. 248 אויפגעשטעלט די ערשטע 2 „טענטס" אויפן וויסטן מדבר־באָדן . . .

אַרום יענער צייט קומען־אויף אַ ריי אָרגאַניזאַציעס פון אַ פּראָגרעסיוון, וועלטלעכן כאַראַקטער. אין 1909 ווערט געגרינדעט אַ „סאָשל־ליטעראַרי קלאַב". ס'ווערן אָרגאַניזירט אַ סאָציאַליסטישער לאָקאַל און אַ פּועלי־ציון פאַראיין. דער אַרבעטער רינג ברענגט אַראָפּ ב. וולאַדעקן, און דער סאָציאַליסטישער לאָקאַל — ראובן זאַלצמאַנען. זיי זיינען געווען די ערשטע לעקטאָרן, וואָס די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן „אימפּאָרטירט", אין 1911.

אין 1912, בעת דער אידישער ישוב האָט שוין געציילט אַרום צען טויזנט נפשות, איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן אַ אידישער צייטונג. (אַן ענגליש־אידישע וואָכנבלאַט, „בני ברית מעסענדזשער", איז דערשינען אין 1897 און גייט אַרויס, אָן אַן איבעררייס, ביז היינט). דער פאַרשטאַער־בענער דר. יחזקאל וואָרטסמאַן, אַן ענערגישער, אַמביציעזער שרייבער־פּובליציסט, איז געווען דער פאָטער פונם געדאַנק. די צייטונג איז אין 1913 דערשינען אין סאַן פראַנציסקאָ, כאָטש דער אויסקוק איז געווען אויף ל. א., וועלכע האָט שוין אַרויסגעוויזן סימנים פון דער צוקונפטיקער מעט־ראָפּאָליע, וועלכע וועט פאַררוקן סאַן פראַנציסקאָ אין הינטער־גרונט. וואָרטס־מאַן האָט אָבער געהאָפט צו קריגן פינאַנציעלע אונטערשטיצונג פון די אי־דישע גבירים אין ס. פ., וועלכע זיינען געווען מער תקיף און מער אידיש־געזעלשאַפטלעך באַוואוסטזיניק.

די צייטונג — „קאַליפאָרניער אידישע שטימע" — האָט אויפגעהערט צו דערשיינען באַלד ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, אין 1924, איז זי ווידער געקומען צום לעבן און האָט דורכגעמאַכט אַן אַ שיעור גלגולים. ס'האָבן זיך געביטן די אַרויסגעבער און, נאָך אַפּטער, די רעדאַקטאָרן. זי איז געווען אַ ציל־ברעט פון מחלוקות און אינטריגעס. זי האָט געהאַט אויסצושטיין קאָנקורענץ פון אַנדערע צייטונגען — „פּראָגרעס", „די צייט", „פּאַסיפישע וואָכנבלאַט", וועלכן האָבן געהאַט אַ קורץ לעבן. זי איז אויך אַ קאָרגן יאָר אַרויסגעגאַנגען אַלס אַ טעגלעכע צייטונג, פון אָנהויב, מיט א. וואָלינערן אַלס רעדאַקטאָר, דערנאָך מיט ה. רויזענבלאַטן — ביז זי איז אריינגעפאַלן אין די הענט פון סעמיועל געטש, דעם ביז־איצטיקן אַרויסגעבער־רעדאַקטאָר, און זי איז געוואָרן אַן ענגלישע — פון אָנפאַנג מיט איין זייט אין אידיש; דערנאָך — מיט איין קאָלום, צו־ליב יוצא וועגן, און ענדלעך — דורכאויס אין ענגליש . . .

קליין ווי דער ישוב איז נאָך געווען, האָט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן

געברויזט און געשפרודלט מיט אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן, צווישן אַלע שיכטן, דער עיקר — צווישן דעם פּראָגרעסיוון סעקטאָר, וועלכער האָט געהאַלטן אין צוקריגן פרישע כוחות, צווישן זיי — רעדנער, לעקטאָרן און שרייבער. צו די פריער דערמאָנטע זיינען צוגעקומען דוד גיסנעט, ישראל אָסמאַן, י. ש. נאַאומאָוו, מ. ח. לונער, נח מישקאָווסקי א. אַ. — מענטשן מיט אַ פּען און גוטע לעקטאָרן . . .

אין 1913 איז אָנגעקומען די אַנטוישטע גרופּע קאָלאָניסטן פון דער „קלאַריאָן קאָלאָניע" אין יוטא. אַ צאָל פון די אַריבערגעקומענע האָט גע־מאַכט אַ וויכטיקן בייטראַג צום ישוב. אייניקע פון זיי, ווי דער שרייבער און קולטור־טוער, י. פרידלאַנד, י. איזגאַר און גאַרין, זיינען עד היום אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער . . . אין 1911 ווערט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו גרינדען אַ געזאַנג פאַראיין, וועלכער ווערט שפּעטער פאַרוואַנדלט אין „דער מוזיקאַלישער און דראַמאַטישער פאַראיין". אין 1912 ווערט געגרינ־דעט אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול, מיט חיים שאַפּיראָ אַלס פּרינציפּאַל, און דר. בלעס, אהרן שאַפּיראָ, ל. שטיינבערג און נח מישקאָווסקי, אַלס לערער.

אינטערעסאַנט זיינען די לאָזונגען אויפן אויפרוף צו גרינדן די נאַ־ציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול: „די אידישע אינטעליגענץ פאַר די אידישן מאַסן" . . . „די אידישע יוגנט פאַרן אידישן פאָלק" . . . „אַ פריי(עס) אידיש(עס) פאָלק — פאַר אַ באַפרייטער מענטשהייט" . . . די נעמען פון חיים שאַפּירא און י. אייבל, ווערן אָנגעגעבן, צו ווענדן זיך פאַר אינפאָרמאַציע.

די ערשטע שול האָט געהאַט אַ סך שוועריקייטן. זי איז אונטערגע־גאַנגען אין מאָל און אַ צווייטן — ביז דער גרינדונג פון דער פאָלקס־שול. אַרום יענער צייט האָבן די אַנאַרכיסטיש־געשטימטע עלעמענטן געגרינ־דעט די „מאָדערן סקול" (זי האָט אויך געשמ'ט אַלס „פערער סקול") . . . דעמזעלבן גורל האָט געהאַט די דראַמאַטישע גרופּע, וועלכע האָט אין 1916, דעם 24טן דעצ., אויפגעפירט „די אידן" פון טשעריקאָוו. די אַנטיילנעמער זיינען געווען: חיים שאַפּירא, אַב. פאָול, אסתר אַפּטייקער, אהרן שאַפּירא, מרדכי הוירש, אַניוטא אייבל א. אַ. זי האָט לאַנג ניט עקזיסטירט. אַ צווייטע איז אויפגעקומען, בעת י. ברזלי איז אָנגעקומען, און אויך זי האָט ניט געהאַט קיין אריכת ימים . . .

דער אידישער ישוב איז געוואַקסן, און אין 1917 שוין געציילט צוואַנציק טויזנט נפשות, ניט געקוקט אויף דער מלחמה און די אומגינסטיקע עקאָנאָ־מישע און פּאָליטישע באַדינגונגען. די אַרבעטער באַוועגונג איז געווען פּאָ־ראַליזירט, דורך טעראָר און פּרעים־אַפּס. דער „מעקנאַמאַרא פּראָצעס", אין שייכות מיטן אויפרייס פון דער „טאַימס" געביידע אין 1910 (אַגב, איז אַ אידישער אַרבעטער, מיטן נאָמען קאַפּלאַן, געווען פאַרמישט אין אָט־דעם פּראָצעס); דערנאָך — דער געיעג קעגן די „וואָבליס" פון דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו", און שפּעטער — דער היסטאָרישער טאָם מוני פּרעים־אַפּ — זיי זיינען געווען דער אויסדרוק פון דער אַנטשלאָסנקייט מצד די אונטערנע־מער צו האַלטן די אַרבעטער פאַרשקלאַפט און ניט צו דערלאָזן זיי צו אָר־גאַניזירן זיך אין יוניאָנס. דער אָפּן שאָפּ איז געוואָרן אַ הייליקער געבאָט. בכדי צו כשר'ן דעם טעראָר „געזעצלעך", איז איינגעפירט געוואָרן דער

„קרימינעל סינדיקאַליזם" געזעץ, אַ מיטל צו פּאָליצייאישן ווילקיר און הפקרות.

דער ישוב איז געוואַקסן און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט געקאָכט און געברויזט. מ׳זוכט נאָכצוטאָן דעם גרויסן ניו יאָרק. ס׳קומען אויף, פונדעסטוועגן, אידישע יוניאָנס אין די נאָדל־ און בוי־פאַכן און אַ בעקער־לאָקאַל. לאַנדסמאַנשאַפטן ווערן אָרגאַניזירט. אפילו אַ „שנאָרער"־גרופּע ווערט „אימפּאָרטירט" פון ניו יאָרק. „קיבעצאָרניעס" קומען אויף . . . די אידישע בעקערייען העכערן דעם פּרייז פון ברויט, און די אידישע גאַס ווערט אויפגעברויזט פון אַ ברויט־סטרייק; אַז די בעקער אייגנטימער בלייבן פאַר־עקשנט — ווערט געבוירן אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי, אויף טעמפּל סטריט. (אונדז וועט נאָך אויסקומען צו דערמאָנען די־אַ בעקעריי שפּעטער).

אַ וויכטיקע אינסטיטוציע, ערב די 20־קער יאָרן, איז געווען דער „אי־דישער אינסטיטוט", פון וועלכן דר. לעאָ בלעס איז געווען דער גייסטיקער פירער. דער „אינסטיטוט" איז געווען אַ קולטור־צענטער און אַ קיבעצאָר־ניע צוגלייך. ער האָט זיך געפונען אויף קאָורט סטריט, דאַון־טאַון. דער שטענדיקער לעקטאָר איז געווען דר. בלעס, מערסטנס אויף ליטעראַרישע טעמעס. ס׳פלעגן דאָרטן אויך פאָרקומען דעבאַטעס וועגן סאָציאַל־פּאָלי־טישע פראַגן. אַ חוץ דעם איז דער אינסטיטוט געווען אַ ראַנדעוואו־פּלאַץ. מ׳האָט געקענט אַריינקוקן אין אַ צייטונג אָדער זשורנאַל, און סתם כאַפּן אַ שמועס.

אַן אייגנאַרטיקע, ספּעציפיש־קאַליפאָרניער אינסטיטוציע איז געווען דער „האַיקינג־קלאַב", וועלכער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. דער קלאַב האָט, צומאָל, געציילט איבער 100 מיטגלידער, מענער און פרויען. זייער ציל איז געווען איינצואָרדנען אויספלוגן (האַיקס) אין די בערג, אָדער — אין די הייסע זומער־חדשים — צו די ביטשעס. די אויספלוגן זיינען פאַר־געקומען סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק, יעדן סוף־וואָך, מיט ספּעציעלע פּלענער פאַר אַ יום־טוב׳דיקן סוף־וואָך, פון מער ווי איין טאָג . . . דער „האַיקינג קלאַב" האָט געהאַט דעם אָנבליק פון אַ האַלב־מיליטערישער אָר־גאַניזאַציע, צוליב דער איינהייטלעכער כאַקי־אוניפאָרם, מיט רוק־זעק אויף די פּלייצעס, און מיט דער אָרגאַניזירטער דיסציפּלין. די אויספלוגן אויף די בערג זיינען פאָרגעקומען, געוויינלעך, דורך די נעכט, מחמת בייטאָג איז שווער צו קלעטערן באַרג־אַרויף. ס׳האָט אויך געשפּילט דערביי דער באַגער צו זען אויפן שפּיץ־באַרג דעם צויבערלעכן נאַטור־ספּעקטאַקל פונם זון־אויפגאַנג . . .

דער „האַיקינג־קלאַב" איז, גלייכצייטיק, געווען אויך אַ קולטור־גע־זעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע. ער האָט איינגעאָרדנט לעקציעס און קאָנ־צערטן. ער האָט געציילט אין זיינע רייען אַ סך אינטעליגענטע, און אפילו טאַלאַנטירטע מענטשן. איינער פון זיי, ליפשיץ, איז געווען אַ וואונדערלע־כער, געשולטער זינגער. דער קלאַב האָט דורכגעפירט אונטערנעמונגען לטובת וויכטיקע צוועקן, דער עיקר פארן סאַניטאַריום, וועלכער האָט פאַר־נומען דעם אויבן־אָן אויף דער טאָג־אָרדענונג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אָן אויסנאַם, און פאַר דער „פּיפּלס רעליף", די היסטאָרישע הילפס־אָרגאַני־

זאַציע, נאָך דער ערשטער מלחמה, וועלכע איז געוואָרן אַ ברייט־פאַרצווייגטע פאָלקס־באַוועגונג . . .

* * *

די 20׳קער יאָרן קאָנען באַצייכנט ווערן אַלס דער פּעריאָד, ווען דער אידישער ישוב איז אַרויף „אויפן ברייטען שליאַך״. ער איז געוואַקסן ממש מיט יעדן טאָג. די צוגן פון די מזרח־שטאַטן פלעגן אָנקומען איבערגע־פּאַקטע מיט „עמיגראַנטן״. גאַנצן משפחות האָבן איינגעוואַנדערט. די 2 באַן סטאַנציעס האָבן אויסגעזען ווי „קעסל־גאַרדן״. די ציפערן באַשטע־טיקן דאָס: פון די 20 טויזנט אין 1917, איז דער ישוב אויסגעוואַקסן אין 1923 — צו 44 טויזנט, און אין 1927 — צו 65 טויזנט אידישע נפשות. דאָס איז אַ חוץ די, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די דערבייאיקע שטעט און שטעט־לעך, אין וועלכע ס׳זיינען אויפגעקומען היפשע אידישע ישובים, ווי: סאַן־דיעגאָ, פּאַסאַדינאַ, לאָנג־ביטש, פרעזנאָ, פּאָמאָנאַ, אָנטאַריאָ, די ים־ברעג שטעטלעך און אַ סך אַנדערע.

די ניי־אָנגעקומענע האָבן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות. אַ דירה איז געווען — ווי אַן אוצר צו געפינען, און רענט — הימל־הויך. די נאָך־מלחמה „פּראָספּעריטי״ פון דער האַרדינג אדמיניסטראַציע האָט קיין ל. א. ניט דערגרייכט, מחמת קיין אינדוסטריע איז נאָך דאָ ניט געווען. אַ דזשאַב איז געווען אַ זיסער טרוים, און די ווידזשעס — נישטיק . . .

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז, פונדעסטוועגן, געווען ראַשיק און ברויזנדיק צווישן אַלע שיכטן. ס׳זיינען אויפגעקומען נייע שטאַטישע אינ־סטיטוציעס און אנשטאַלטן — אַ משוב־זקנים, אַ יתומים־הויז, אַ היים פאַר מיידלעך („האַמבורגער האָום פאַר גוירלס״), אַ הכנסת־אורחים און ביקור־חולים, פון וועלכע ס׳איז אַרויסגעוואַקסן אַ „היים פאַר אומהיילבאַרע״ און דערנאָך — דער „מאָונט סיני האָספּיטאַל און קליניק״, וועלכער איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אַ ריזיקער הייל־אנשטאַלט פון אַ גרויסן פאַרנעם; ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַן „עקס־פּיישענטס האָום״ פאַר די סאַניטאַריום־פּאַציענטן, וועמענס צושטאַנד איז פאַרבעסערט געוואָרן, אָבער אַרבעטן האָבן זיי נאָך ניט געקענט. אַ נייע פּראָבלעם איז געשאַפן געוואָרן פאַרן ישוב. די „עקס־פּאַציענטן היים״ האָט געזוכט אָט־די פּראָבלעם צו לייזן . . . גלייכצייטיק איז דער סאַניטאַריום געוואַקסן. נייע „קאָטעדזשעס״, נייע גע־ביידעס האָבן געמאַכט פּלאַץ פאַר מער פּאַציענטן און די באַדערפעניש־זיינען אומגעהויער געשטיגן, און מ׳האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן טרע־וואָגע . . .

די אידישע גבירה׳קראַטיע האָט די גאַנצע צייט געזוכט צו קריגן די העגעמאָניע איבער אַלע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטן. זי האָט אָבער שטענ־דיק אָנגעטראָפן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. נאָך אין 1912 איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „פעדעריישאָן אָף דזשואיש טשאַריטיס אָף ל. א.״, און אין 1919 געביטן געוואָרן אויף „פעדעריישאַן אָף דזשואיש וועלפער אָרגאַניזיישאָנס״. די „פעדעריישאָן״ וויל נאָך עד־היום ניט אויפגעבן איר העגעמאָניע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער קאָמיוניטי קאָונסיל עקזיסטירט שוין אַרום 22 יאָר, און שוין עטלעכע יאָר ווי ס׳ווערן געמאַכט פאַרזוכן צוזאַמענצו־

שמעלצן די בײדע קערפּערשאַפטן, כדי צו פאַרמײדן דופּליקאַציעס און טאַקע שפּאָרן קהל'שע געלט.

דער פּאַקט איז, אַז די װיכטיקסטע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן זײַנען אױפגעקומען אױף דער איניציאַטיװע, און מיט די מיטלען, פונם פּשוט'ן פּאָלק, װי למשל דער סאַניטאַריום, דער מושב־זקנים, די הײמען פאַר אומ־הײלבאַרע און עקס־פּאַציענטן, דער מאַונט־סיני שפּיטאָל און קליניק, די הײם פאַר אַלטע אין רעסידאַ, און אַנדערע. אַט־די אַנשטאַלטן זײַנען טאַקע עד־היום פאַרבליבן, מער־אָדער־װײניקער, דעמאָקראַטישע פּאָלקס־אינסטי־טוציעס. (די „עקס־פּאַציענטן הײם" איז מיט יאָרן שפּעטער אױפגעגעבן גע־װאָרן, מחמת אירע פונקציעס זײַנען איבערגענומען געװאָרן פונם „סאָשל־סױרװיס" דעפּאַרטמענט בײַם סאַניטאַריום).

די גרעסטע אױפלעבונג האָט אין די 20'קער יאָרן פאַרצײכנט די ראַ־דיקאַל־פּראָגרעסיװע באַװעגונג. דער אַרבעטער רינג האָט שױן געהאַט 4 ברענטשעס אין ל. א., אױך ברענטשעס אין פּאַסאַדינאַ, סאַן־דיעגאָ און לאָנג־ביטש. איבערן שטאַט זײַנען אין אַ צאָל שטעטלעך אין צפון קאַליפאָרניע אױפגעקומען ברענטשעס. ס'װערט אָרגאַניזירט אַ סטײט־קאָמיטע און אײַנ־געפירט אַ יערלעכע סטײט קאָנפערענץ, דורכן סוף־װאָך פון „לעיבאָר דעי" . . . ס'זײַנען אױך אױפגעקומען ברענטשעס פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד" און „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג" . . . אַ צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן זײַנען געגרינדעט געװאָרן. און אײניקע האָבן געשפּילט אַ גרױסע ראָלע אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ספּעציעל האָט זיך געהאַט אױסגעצײכנט די װאַרשעװער סאָסײַעטי . . .

פאַרשטײט זיך, אַז ס'איז אױך געװען אַ געררעטעניש אױף אַלערלײ קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס — כאָרן, דראַמאַטישע פאַראײנען, ליטעראַרישע קלובן, א. א. דער ערשטער שרײַבער־פאַראײן איז געגרינדעט געװאָרן סוף 1922. דער פאָרזיצער איז געװען דער דיכטער פּינטשע בערמאַן, און דער סעקרעטאַר — א. ראָטבלאַט. די מיטגלידער זײַנען געװען: י. פרידלאַנד, מ. ראַדזשערס, סענדער ראַגינסקי, ז. קלײן און ראָזענטאַל . . .

* * *

יענער פּעריאָד איז, כידוע געװען דער היסטאָרישער מאָמענט, װען די װעלט איז, װי מיט אַ רױטן שנור, צעטײלט געװאָרן אין צװײ קעגנ־זעצלעכע, אַנטאַגאָניסטישע לאַגערן, אַלס רעזולטאַט פון דער װעלט־אױפטרײסלענדיקער אָקטאָבער רעװאָלוציע. אין ל. א. האָט זיך דער ברוד־דער־קריג צעפלאַקערט מיט אַ העלישן פײַער, װעלכער האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אַרײַנגעדרונגען אין די הײמען און פאַמיליעס . . . דער ברודער־קאַמף האָט זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אינעם אַרבעטער רינג, װאו די לינקע האָבן שנעל באַקומען אַ גרױסן אײַנ־פלוס און געקראָגן די אױבערהאַנט אין 3 פון די 4 ברענטשס — 248, 512 און 655.

פון אָנפאַנג האָט מען געגלױבט, אַז דאָס איז אַ צײַטװײַליקע דערשײַ־נונג. מ'האָט נאָך געמײנשאַפטלעך געאַרבעט פאַר אַן אַרבעטער רינג לײַ־סעאום, װעלכן מ'האָט געהאַלטן אין בױען און דערלעבט שױן צו זען דעם

דאַך. די באַאמטע זיינען געווען פון ביידע צדדים — מאקס היטלמאַן, פון לינקן צד איז געווען דער קאַסירער; א. ראַטבלאַט, פון רעכטן — דער סעקרעטאר, און ה. קאמינקער, אַ געלאַסענער, אַ לאַגישער, פון אלעמען רעספעקטירט, און אַ לינקער — איז געווען דער פאַרזיצער. צו דער היסטאַרישער קאַנווענשאַן אין טאָראָנטאָ זיינען די צוויי דערווײלטע דעלעגאַטן פון ל. א. געווען שאול עלשטיין, פון די רעכטע און ראַזענשטיין, פון די לינקע . . .

יענע קאַנווענשאַן האָט, כידוע, פאַרזיגלט דעם ווייטערדיקן קורס פונם א. ר., און אַוועקגעשטעלט אים אינם לאַגער פון די געשוואָרענע שונאים פון דער נייער ארבעטער און פויערים מלוכה. דער קאַמף צווישן „לינקס" און „רעכטס" האָט זיך אומגעהויער פאַרשטאַרקט. יעדער צד האָט געזוכט צו קריגן די העגעמאָניע איבער די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס. די לינקע, מיט זייער עקשנות און התלהבות, זיינען געגאַנגען פון זיג צו זיג. זיי האָבן באַהערשט די א. ר. שול, די „קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי" און ס׳האָט געהאלטן דערביי, אַז זיי זאָלן איבערנעמען די „דיסטריקט קאָמיטע". איין דעלעגאַט צו דער פאַרשטייענדיקער דיסטריקט קאָנפערענץ האָט געדאַרפט אַנטשיידן דעם גורל. און די לינקע האָבן דעם דעלעגאַט געוואונען, בעת נייטן רובין — דער זעלבער חשובער זקן, וועלכער האָט לעצטן יאָר איינגעריכטעט די ביבליאָטעק אין „מישא יאבלאָן צענטער" — איז דערווײלט געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון סאַן דיעגאָ . . . די רעכטע האָבן אבער ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די לינקע זאָלן איבערנעמען די פירערשאַפט פונם א. ר. אין קאליפאָרניע. זיי האָבן נייטן רובינען ניט צוגעלאָזן צו דער קאָנפערענץ.

אַט־די האַנדלונג מצד די רעכטע איז געווען ווי אויל אויפן פייער, און זי האָט געבראַכט מער פּרעסטיזש און ווייטערדיקע טריאומפן פאַר די לינקע. זיי האָבן שוין געהאַט דערווײלט מיט אַ גרויסער מערהייט, זייער קאַנדידאַט חיים־לייב סאימאָן, צו דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באַארד, קעגן לואיס האָפמאַנען, דעם פּאָפּולערסטן, פון אַלעמען רעספּעקטירטן, קאַנדידאַט, וואָס די רעכטע האָבן געהאַט אַרויסגעשטעלט . . . די רעכטע האָבן אָבער באַוויזן צו באַהערשן די „קאָאָפּעראַטיווע פּרעס", מיט דער „פּאַסיפישער פאָלקסצייטונג", אַ וואָכנשריפט, וועלכע איז דאַן רעדאַגירט געוואָרן פון יעקב גינזבורגן, שפּעטער — פון אַ קאָלעגיום, ביז זי איז אונטערגעגאַנגען.

פאַרשטייט זיך, אַז וועגן צוזאַמענאַרבעטן האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. דער געפּלאַנטער לייסעאום איז אויפגעגעבן געוואָרן. אויף זיין פּלאַץ איז אויפגעבויט געוואָרן די רוסישע באַד, אויף ערשטער און שיקאַגאָ. מ׳האָט זיך צעטיילט מיט דער „ירושה", און יעדער צד האָט באַנוצט דאָס געלט פאַר זיינע צוועקן. שפּעטער האָבן ביידע צדדים עטאַבלירט אייגענע „היימען": די רעכטע — דעם „וולאַדעק צענטער", פון וועלכן דער „אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד" איז דער „געזעצלעכער" אייגנטימער; די לינקע — דעם „קאָאָפּעראַטיוון צענטער", אַ פּרעכטיקער, מאַסיווער בנין אויף ברוקלין און מאַט, וועלכער איז געוואָרן דער „בינשטאָק" פון דער גאַנצער אידישער לינקער באַוועגונג. דאָרטן איז איינגעשטעלט געוואָרן די בעקעריי מיט אַ געבעקס־קראָם, אַ קאַפעטעריע, א גרויסער זאַל אויפן צווייטן שטאָק, מיט אַרום 800 זיץ־פּלעצער, און קלענערע מיטינג־צימערן.

אָבער ניט געקוקט אויף די קריגערייען און שפּאַלטונגען — און ס'זיי־נען געווען מחלוקות אויך אויסער די „לינקע־רעכטע"; אויך ארום סאַני־טאַריום האָט געפלאַקערט אַ קאַמף פון קליקעס און צדדים, און שפּעטער אַרום „אינקיורייבל האָום" — האָט דער ישוב געמאַכט ריזיקן פאַרשריט. די לינקע האָבן פארשטאַרקט זייער אומפּאַרטייאישע שול; די רעכטע — זייער א. ר. שול. אין 1924 ווערט געגרינדעט דער „פרייהייט געזאַנג פאַר־איין". אין 1926 — דער א. ר. כאָר. די לינקע גריבדן אַביסל שפּעטער דעם „פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער" . . . די „פאָלקס־שול" ווערט פאַרשטאַרקט און אויסגעברייטערט, ביז דער שטופּע אויפצובויען, אין 1928, אַן אייגענע היים, די „פאָלקס־הויז" — א פיינער בנין אויף סאַטאַ גאַס, מיט אַ היפשן אַדיטאָריום און אַ צאָל קלענערע צימערן . . .

לאָס אַנדזשעלעס ווערט אַרום יענער צייט דער „מעקא" פון שרייבער און קינסטלער. דער דיכטער ה. רויזענבלאַט מאַכט דאָ זיין היים, ווערט אַקטיוו אינעם געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן און איז שעפעריש־פּרוכט־באַר . . . ל. שאַפּירא באַזעצט זיך דאָ, כאָטש אַפּגעזונדערט פון דער וועלט. ער איז דאַן גאָר געווען פאַרכאַפּט פון דער אידייע צו אַנטדעקן קאָלירטע פילמס. ער האָט אויסגעגעבן אַ שלל אַנגעליענע געלט; איז געוואָרן אַ סטו־דענט פון כעמיע, פיזיק און מעכאַניק, טאָג און נאַכט געמייסטרעוועט אונ־טער פאַרשלאָסענע טירן און פאַרהאַנגענע פענסטער — געציטערט מ'זאָל ניט אויסכאַפּן דעם „גרויסע סוד". ער איז געווען אַזוי זיכער מיט אַ דער־פּאָלג, אַז ער האָט געמאַכט פּלענער וואָס ער וועט טאָן מיטן „גרויסן גע־ווינס" . . . ווער ווייסט אויב דאָס האָט ניט גורם געווען ער זאָל זיך נעמען צום ביטערן טראָפּן, בעת דעם „גרויסן סוד" האָט עמיצער אַנדערש אנטדעקט. דערצו איז פריער געשטאָרבן זיין קלייניקע, קרוב צו 100 יאָר, אַלטינקע מאַמע, וועלכע ער האָט ארומגעפּירט איבער גאָר דער וועלט. דערנאָך — דער גרעסטער קלאַפּ: זיין פריידל, וועלכע האָט געוואַכט איבער אים און פאַרגעטערט אים, אונטער אַלע אומשטענדן, איז פּלוצים געשטאָרבן . . .

אַ גאַנצע פּלעיאַדע אידישע שרייבער, אויסער די אויסגערעכנטע צוויי, זיינען אַנגעקומען ארום יענער צייט: יונה ראָזענפעלד, מ. דאָליצקי, חיים גאָלדבלום, ש. מילער, יצחק האָראָוויץ, ה. גאָלדאָווסקי, יצחק בלום, פ. דעמביצער, א. ליטוואַק, יחזקאל מ. בראַנשטיין, ל. מאַטעס, ל. בערקאָוויטש, א. עסעלין, פּינטשע בערמאַן, י. ל. מאַלאַמוט, י. אלקאַן, ש. בעלסקי, ראָזאַ נעוואָדאָווסקאַ, שפרה ווייס, איידאַ טילעס, ברכה קודלי און אַ סך אַנדערע . . . דאָס געדרוקטע וואָרט לעבט־אויף. ס'ווערן געמאַכט פאַרזוכן אַרויסצוגעבן אַלערליי שריפטן, ערנסטע און אמאַטאָרישע — „זונלאַנד", „מעריב", „פּאַ־סיפיק", „ליד", וועלכע האָבן געהאַט מער־אָדער־ווייניקער, אַ ליטעראַרישן פּנים, און אַ סך געלעגנהייט־אויסגאַבן — דער „רויטער האָן", דער „בעזים", יערלעכע א. ר. „בולעטינען", ספּעציעלע „פאָרווערטס" אויסגאַבן א. א.

* * *

די לינקע באַוועגונג האָט פאַרצייכנט אַ גלאָררייכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ל. א., מיט דער גרינדונג פון „איקאָר", וועלכער איז באַלד געוואָרן אַ לעבעדיקע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, פאַרצווייגט צווישן אַלע שיכטן

פון דער באפעלקערונג. ער האָט געקראָגן די סימפּאַטיע און אונטערשטי־צונג פון אַ סך אַנגעזעענע כלל־טוער פון אַלע ריכטונגען, וועלכע זיינען אימפּאָנירט געוואָרן פון די באַמיאונגען מצד דער סאָוועטן־רעגירונג צו רעהאַביליטירן די אידן — פריער דורך קאָלאָניזאַציע אין פאַרשיידענע טיילן פונם לאַנד, שפּעטער — אין בירא־בידזשאַן.

דעם באַדן פאַר אַ דערפאָלגרייכער „איקאָר״־באַוועגונג אין ל. א. האָט צוגעגרייט דער אומפאַרגעסלעכער דר. נ. קאַווינאָקי, אַ קאָלירפולע פּער־זענלעכקייט, באַליבט און רעספּעקטירט פון אלעמען, אפילו אין די „הויכע פענסטער״, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַן אַקטיווער ראַ־דיקאַל אין די ארבעטער רינג און סאָציאַליסטישע קרייזן, און איז געוואָרן אַ הייסער פריינט פון דער סאָוועטן־מאַכט פונם ערשטן טאָג, וואָס זי איז געקומען צום לעבן. ער האָט געמאַכט אָפטע רייזעס אין דער נייער רוס־לאַנד און געבראַכט באַגייסטערנדיקע גרוסן. ער איז באטראכט געוואָרן אַלס דער „אומאָפיציעלער״ אמבסאדאָר פון די „באָלשעוויקעס״ און דער פּאַרמיטלער פון די „אמטאָרג״ און אַנדערע שלוחים. דאָך איז ער געווען אַ דירעקטאָר אין דער „פעדערײשאַן״, אין סאַניטאריום און פיל אַנדערע אינ־סטיטוציעס.

נאָך איידער דער „איקאָר״ איז געגרינדעט געוואָרן, איז אין ל. א. געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג צו שאַפן הילף פאַר סאָוועט רוסלאַנד (שפּע־טער: סאָוועטן פאַרבאַנד). דר. קאַווינאָקי און זיין פרוי, אויך אַ פּראָמינענטע דאָקטאָרשע, האָבן אין אָט־דער באַוועגונג פאַרנומען אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע.

ס׳שיינען אַרויס די געשטאַלטן פון אַ סך ליכטיקע פּערזענלעכקייטן, שוין ניט צווישן די לעבעדיקע, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן אַ סך כחות און ענערגיע פאַרן „איקאָר״; אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס און פאַרלוימדונגען קעגן דער נייער מלוכה, אויפגעקלערט איר ראָלע, און געמאַכט פריינט פאַר איר — דער שטילער, באַשיידענער תלמיד־חכם, ציוניסטישער פירער, שרייבער און עסייאיסט, דר. לואיס ג. ריינאָלדס; דער אדוואָקאַט גאָטסדאנקער; דער באַשיידענער, בלחש־ריידנדיקער קינסטלער־יוּוועליר, י. מייערס; דער ציו־ניסטישער טוער און שיין־רעדנער חיים מארגאָלין; די איידעלע, צאַרטע, חוה בראון; דער ארבעטער רינג טוער און סאָציאַליסט, לובין; דער ענער־גישער, אומדערמידלעכער טוער און פאָלקס־טריבון, שמואל ראָזנפעלד; די באַשיידענע לינא היטלמאַן, אסתר לעוויט, ש. קאַדיש און אַ סך אַנדערע . . .

פון די לעבעדיקע, זיי צו לאַנגע יאָר, האָבן געשפּילט אַ ראָלע אינם איקאָר־אָמבידזשאַן, און זיינען ביז איצט אַקטיווע טוער אין דער פּראָגרעסיוו־גע־זעלשאַפטלעכער באַוועגונג, אויף פאַרשיידענע געביטן — די קוירטמאַנס, די קרופּינס, די קלאָפּערמאַנס, איוואַ מייערס, מ. לובאַרטאָווסקי, מאַקס היטל־מאַן, איטשקע לעוויט, ראוז ראזנפעלד און אַ צאָל אַנדערע . . .

אַ וויכטיקע געשעעניש, וועלכע האָט דערהויבן דעם ישוב און גייס־טיק באַפליגלט אים, איז געווען דער אָנקום פון דער באַרימטער „ווילנער טרופּע״ קיין לאָס אנדזשעלעס. געקומען איז אָט־דער קינסטלערישער אַנ־סאַמבל מיט גרויסע דערוואַרטונגען און אַ סך פּלענער — צו שטילן דעם דורשט נאָך טעאַטער ביים בעסערן עולם פונם נייעם, שפּרודלדיקן ישוב; געהאָפט צו מאכן דאָ זיין היים, נאָך יאָרן פון וואַנדערן איבער דער וועלט.

דער ישוב האָט די טרופּע אויפגענומען מיט כבוד און ליבשאַפט, „געטראָגן אויף די הענט" . . .

אָבער דער „נס" האָט ניט פּאַסירט. די פּלענער זיינען צו־נישט געוואָרן. אַ קאַרגן יאָר האָט די טרופּע פּאַרווײלט אין ל. א. (דאָס אַליין איז אַ נס . . .) און זי איז צעפאַלן געוואָרן. אייניקע זיינען פאַרבליבן, ניט געוואָלט שיידן זיך מיט קאַליפאָרניע, געהאַפט דורכצוקומען מיט אויפטריטן אין קליין־קונסט און אויף אונטערנעמונגען. נח נאַכבוש איז געווען פון די פּאַרעקשנ׳טע — געבליבן לענגער פון אַלעמען, איז אַוועק און צוריקגעקומען. זשעליאַזאָ איז גאָר געוואָרן אַ פּאַרמער אין אַ דערבייאיק שטעטל, און איז אין עטלעכע יאָר אַרום געשטאָרבן . . . מרים ווײדא איז געוואָרן די פרוי פון י. ברזלי, וועלכער איז יאָרן־לאַנג געווען אַ לערער אין די א. ר. שולן. דאָס פּאָרל איז, מיט אַ קורצן איבעררייס, געוואָרן שטענדיקע תושבים דאָ. לייב קאַדיסאָן, דער רעזשיסער, מיט זיין פרוי, דער שוישפּילערין פּאַליא, זיינען פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט, צוליב זייער ברודער־שוואָגער שמואל קאַדיש . . . ראובן און לאה וועגדאָרף זיינען געווען פאַרבליבן, אַוועקגעפאָרן און שפּעטער אומגעקערט זיך, געוואָרן תושבים . . .

ל. א. האָט אויך געהאַט די זכיה צו האָבן דאָ, אַביסל שפּעטער, דעם גרויסן בינע־מייסטער, רודאָלף שילדקרויט, וועלכער איז געוואָרן אַ שטענדיקער תושב. געקומען איז ער אין האָליוואָוד. די „יוניווערסאַל" סטודיאָ האָט אים געהאַט אַנגאַזשירט צו שפּילן די הויפּט־ראָלע אין „מאַי פּיפּל", אַ „אידישער" פילם. אים האָט אָבער געצויגן צו דער בינע, און ער האָט דאָ געמאַכט אַ רושם אין אייניקע פּיעסן פון וועלט־רעפּערטואַר, און אין „אייקעלע מזיק", אַ מעלאָדראַמע פון אידישן לעבן אין אמעריקע . . . שילדקרויט איז דאָ געשטאָרבן אין 1930, דאַכט זיך, און ער האָט געהאַט אַ גרויסע פאָלקס־לויה . . . זיין זון, דזשאָזעף, איז אין גיכן באַרימט געוואָרן אין האָליוואָוד.

די ווילנער טרופּע האָט איבערגעלאָזן אַ בלויז אין ל. א. די טעאַטער־חסידים זיינען געווען אנטוישט און צעקרענקט. זיי האָבן ניט גערוט, און אָנגעהויבן שפּינען פּלענער. ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „אידישע טעאַטער געזעלשאַפט", וועלכע איז באַלד פּאָפּולער געוואָרן אַלס „אידטעג", וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו עטאַבלירן אַ שטענדיקן טעאַטער אין ל. א. דער „אידטעג" האָט צוגעצויגן אַ סך פּראָמינענטע כלל־ און קולטור־טוער פון אַלע שאַטירונגען. ער האָט עטאַבלירט אַן אייגענע היים, וועלכע איז באַלד געוואָרן אַ לעבעדיקער קולטור צענטער. ער האָט דורכגעפירט אינטערעסאַנטע קליין־קונסט אָוונטן, מיט דער מיטווירקונג פון די פאַרבליבענע „ווילנער" און די ניי־צוגעקומענע, ווי אליהו טענענהאָלץ, יעקב בלייפער און אַ צאָל אַנדערע, וועלכע זיינען געוואָרן היגע תושבים. אייניקע פון זיי האָבן געזוכט גליקן אין האָליוואָוד און ניט געפונען — האָבן זיי זיך געטוליעט צו אייגענע . . . מאָראַלע אונטערשטיצונג איז אויך געקומען מצד די מער גליקלעכע און באַרימט געוואָרענע אין האָליוואָוד — פּאול מוני, מאָשקאָוויץ, ווערא גאָרדן און אַנדערע; אויך פון די באַרימטע ברידער צמח — נחום און, שפּעטער, בנימין . . .

די קרוין־דערגרייכונג פונם „אידטעג" איז געווען, בעת אים איז גע־

לונגען אַראָפּצוברענגען מאָריס שוואַרצן מיט זיין קונסט טעאַטער. דאָס
איז געווען אַ גרויסע געשעעעניש, וועלכע האָט אויפגערודערט די שטאָט.
דעלעגאַציעס און הונדערטע צושויער האָבן באַלאַגערט די באַן־סטאַנציע
ביי זייער אָנקומען. דער קונסט טעאַטער האָט דאָ געהאַט אַ ריזיקן דער־
פאָלג. אַלע פאָרשטעלונגען, אין משך פון אַרום צוויי וואָכן, זיינען געווען
געפּאַקט. די באַנקעטן און אויפנאַמעס — פייערלעך און דערהויבנדיק. נאָר
צום סוף האָבן די שוישפּילער געדאַרפט ווענדן זיך צום „לייבאָר קאָמישאָנער״
צו קריגן זייערע שכירות פון שוואַרצן — געווען אַ טרויעריקע „פיניטא לאַ־
קאָמעדיא״ . . .

איך האָב „פאַרכאַפּט דעם וועג״, זע איך, און „אַריינגעפּאָרן״ אין די
דרייסיקער יאָרן, בעת מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיק מיט די צוואַנציקער,
וועלכע זיינען, לויט מיין אָפּשאַצונג, די וויכטיקסטע און קאָליר־פולסטע אין
דער געשיכטע פונם ישוב — די גאָלדענע, שטורעמדיקע תקופה. מיר מוזן
זיך אומקערן צום „דרך המלך״ . . . צו פאַרענדיקן דעם ענין טעאַטער: די
„ווילנער״ זיינען געווען פון די גאָר ערשטע. אָבער שפּעטער אין די צוואַנ־
ציקער האָבן עולה־רגל געווען אַנדערע טרופּעס, פון פאַרשיידענעם זשאַנער
— דוד מעדאָף מיט זיין טרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון זיין אייגענער
פאַמיליע; פּסח׳קע בורשטיין, די גראָסמאַנס, באָריס טאָמאשעפסקי, יעקב
קאַליך מיט זיין מאַלי פּיקאָן, לעאָ בלאָנק און אַ סך אַנדערע . . . פאַרשטייט
זיך, אַז ס׳האָבן ניט אויסגעפעלט קיין היימישע „טאַלאַנטן״, וועלכע פלעגן
אויפפירן וואָדעוויל און אַלערליי סצענעס, צומאָל אפילו פאַרמאָסטן זיך אויף
אַ דראַמאַטישער פאָרשטעלונג, פון א גרעסערן פאַרנעם. ארויסגעשיינט צווישן
אָט־די טעאַטראַלן, האָט די טעמפּעראַמענטפולע „מאַדאַם״ פעני ריינהאַרט,
וועלכע איז געווען פּאָפּולער און באַליבט צווישן פאָלק, צוליב אירע לייס־
טונגען לטובת די שטאָטישע אינסטיטוציעס, דער עיקר, פאַרן סאַניטאַריום
. . . פון העכערן זשאַנער האָט זיך אויסגעצייכנט די פיינע, ראַפינירטע זינ־
גערין און אויסטייטשערין פון אידישן ליד, די חן׳עוודיקע פייגעלע פּאַניץ,
וועלכע איז נאָך עד־היום די אַטראַקציע פונם קולטורעלן עולם.

טעאַטער איז ניט געווען קיין אויסנאַם: ל. א. איז געוואָרן, שוין אין
יענער צייט, אַ צוציאונג־פונקט פאַר קינסטלער, שרייבער און קולטור־שאַ־
פער פון אַלע ריכטונגען און זשאַנערס — איזא קרעמער, יאָסעלע ראָזענ־
בלאַט, וויקטאָר כענקין, יוסף טשערניאַווסקי מיט זיין חסידישן „דזשעז־
בענד״ (ער איז אַ קורצע צייט אויך געווען דער דיריגענט פונם א. ר. כאָר).
זשיטלאָווסקי, אָלגין, שלום אַש, פּרץ הירשביין, קלמן מרמר, וולאַדעק, ניגער,
דוד פּינסקי, יאַנאָווסקי, דוד איינהאָרן, לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, צביון, לוצקי,
ראָקער, אָשעראָוויטש, אבראַמאָוויטש און אברהם רייזין . . .

די לעצטע צוויי האָבן געהאַט פאַראורזאַכט אַ סך טומל און בייז בלוט
אין שטאָט. אבראַמאָוויטש׳עס מיטינג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דע־
מאָנסטראַציע מצד די לינקע קעגן דעם געשוואָרענעם סאָוועט־האַסער, נאָכ־
געפאָלגט מיטן אַרעסט פון אַ צאָל מענטשן אין זאַל. מיט דער הילף פון פּאָ־
ליציי האָט ער געקענט פאָרזעצן זיין רעדע . . . אברהם רייזין, וועלכער
איז אראָפּגעבראַכט געוואָרן פון דער „קולטור געזעלשאַפט״, צו דער גע־
לעגנהייט פון זיין 50־יאָריקן געבוירנטאָג, האָט פאַראורזאַכט בייז בלוט,

בעת ער האָט זיך געהאַט געוועזן אָפּגעזאָגט אויפצוטרעטן אויף די אויפ־נאַמעס, וואָס די דיסטריקט קאָמיטע און די „לײדיס אָקזילערי" פונם אַר־בעטער רינג האָבן געהאַט צוגעגרייט פאַר אים . . . סוף־כל־סוף האָט מען זיך, נאָך לאַנגע אַמפּערייען און פאַרהאַנדלונגען, געאײניקט אויף איין אַל־געמײנער גרויסער פּאַרזאַמלונג, מיט באַגריסער פון אַלע צדדים און אַן אומפּאַרטייאישן פּאַרזיצער. (אברהם רייזין איז צו יענער צייט געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער „פרייהייט", נאָך זיין צוריקקער פון סאָוועט־רוסלאַנד).

פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס ,וועלכע זיינען אויפגעקומען צו יענער צייט, דאַרפן פאַרצייכנט ווערן: דער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס"; „נעשאַנאַל קאָונסיל אָף דזשואיש ווימען", וואָס האָט געהאַט דערוואָרבן אַן אייגענע געביידע מיט אַ גרויסן אַדיטאָריום; די „סענ־טראַל דזשואיש קאָמיטע", אַ הילפס קערפּערשאַפט לטובת דעם סאַניטאָר־יום, אין וועלכער ס'זיינען אַנגעשלאָסן כמעט אַלע פאָלקס אָרגאַניזאַציעס, פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען; דער ערשטער „קאָמיוניטי צענטער" — „סאָטאָ־מישיגען" — דער פאָרלויפער פון אַ נעץ פון ענלעכע צענטערס אין אַלע טיילן פון שטאָט; אַ „ייוואָ" אָפּטיילונג, וואָס זלמן רייזין האָט גע־גרינדעט, בעת זיין באַזוך דאָ; דער ערשטער פרויען לייען־קרייז; דער „סי־דער אָף לעבאַנאָן" שפּיטאָל איז אויפגעבויט געוואָרן; דער א. ר. קעמפּ, אין „קאַרבאָן קעניאָן", אַרום 30 מייל אויסערן שטאָט, איז עטאַבלירט געוואָרן, פון אָנפאַנג בלויז פאַר קינדער, שפּעטער — אויך פאַר דערוואַקסענע. דער „ל. א. אידישער קולטור קלוב" איז געגרינדעט געוואָרן און האָט זיך קונה־שם געמאַכט אַלס אַ וויכטיקע קולטור אינסטיטוציע. אין 1946 האָט זיך דער קלוב אַריינגעצויגן אין אַן אייגענער היים, מיט אַ שיינעם אַדיטאָריום, באַצירט מיט די בילדער פון די פּראָמינענטסטע אידישע שרייבער און קינסט־לער, מיט אַ פיינער ביבליאָטעק.

אין ל. א., ווי איבערן גאַנצן לאַנד, איז אין יענער צייט דורכגעפירט גע־וואָרן די ליקווידאַציע פון די לינקע א. ר. בּרענטשעס. ס'איז געווען אַ סך אויפרודערונג און הייס בלוט, מיט דראָאונגען און סטראַשונקעס. דער אויס־רייד איז געווען — דער „לינקער אקציאָנס קאָמיטעט", וועלכן די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט געהאַט באַצייכנט אַלס אַ „דואַל" אָרגאַניזאַציע . . . דער פּאָגראָם איז דורכגעפירט געוואָרן: די לינקע בּרענטשעס — 248, 512 און 655 — זיינען אויפגעלייזט געוואָרן, און זייערע הונדערטער מיטגלידער, גע־וואָרן „מעמבערס עט לאַרדזש".

מער פון אַלץ האָט די לינקע באַוועגונג געהאַט אויסצושטיין פונם שווי־דערלעכן טעראָר, וואָס האָט געבושעוועט אין ל. א. דער געיעג און די רעפּ־רעסיעס קעגן דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו", מיט דער הילף פונם „קרימינעל סינדיקאַליזם" געזעץ — געצילט קעגן דער ארבעטער באַוועגונג בכלל — האָט מיטן אויפקום פון דער לינקער באַוועגונג אַנגענומען דעם כאַראַקטער פון ברוטאַלן פאַשיזם. קיינער איז ניט געשאַנעוועט געוואָרן. בעת אַניטאַ וויטני, פון גרויסן „יחוס" און רעספּעקטירט אפילו אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן, איז אַרעסטירט און פּראָצעסירט געוואָרן אַלס גרינדערין און פּאַר־זיצערין פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַרום 1920, איז דער סאָציאַליס־טישער פירער און וועלט־באַרימטער שרייבער, אַפּטאָן סינקלעיר, אַרעס־

טירט געוואָרן, בעת ער האָט, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, געהאַלטן אין לייענען אויסצוגן פון דער קאָנסטיטוציע, אויף אַ פּריוואַטן „לאָט״, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם פּאָליציייאישן טעראָר קעגן סטרייקנדיקע האָפן־אַרבעטער.

אויף דער סצענע האָט זיך באַוויזן דער טרויעריק באַרימטער קעפּטען האינס, אַלס הויפּט פונם „רעד סקוואַד״. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ באַנדע „שטורעם־טרופּערס״, וועלכע פלעגן זיך אַריינרייסן אין פּריוואַטע היימען, באַפאַלן פאַרזאַמלונגען, פּאָגראָמירן לאָקאַלן, מזיק׳ן און שפּאַלטן קעפּ . . . כל חמתו האָט אָט־דער בלוט־הונט אויסגעלאָזן צו „באָיל האַיטס״, וואו די אידישע לינקע באַוועגונג איז געווען קאָנצענטרירט. דער „קאָאָפּעראַטיווער צענטער״ איז פיל מאָל באַפאַלן געוואָרן, דאָס מעבל צעשמעטערט, בילדער אויף די ווענט פאַרניכטעט, די פאַרזאַמלטע צעמזיקט. איין פּאָגראָם אַזאַ איז פאָרגעקומען בעת קלמן מרמר, אַ גאַסט פון ניו יאָרק, האָט געהאַלטן אין ריידן אויף דער בינע . . . דאָס האָט געפירט דערצו, אַז דער צענטער, די בעקעריי און די קאָפּעטעריע זיינען אריבער אין פּריוואַטע הענט. אָבער די לינקע באַוועגונג האָט זיך נאָך לאַנג קאָנצענטרירט דאָרטן.

* * *

זאָל ניט בלייבן דער איינדרוק, אַז אַלע אידן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט קולטור און דערציאונג, גע׳עסק׳ט זיך אין כלל־ענינים, און געאַמפּערט זיך וועגן אידעאָלאָגיעס. ל. א. איז דעמאָלט געווען אַ מאַגנעט פאַר אַלערליי ספּעקולאַנטן און אַוואַנטוריסטן, פאַר אַלע גייציקע נאָכן דאָלאַר — פון די גרויסע העכט פון וואָל סטריט, און די קלענערע פּלאָטקעס פון „פּרי ענ־טערפּרייז״ — ביז די גאָר קליינע, וועלכע באַנוגענען זיך מיט די ברעקלעך. און, ווי זאָגט דאָס ווערטל: „ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי אידל׳ט זיך״ — אידן זיינען ניט געווען קיין אויסנאַמע.

אין די 20׳קער יאָרן איז ל. א. געווען פאַרכאַפּט פון צוויי בהלות („בומס״) — „ריעל עסטייט״ און „אויל״. אויף דער אידישער גאַס האָט געבושעוועט די ריעל עסטייט בהלה. ס׳האָט זיך געקאָכט און געררודערט מיט „לאָטס״, „הייזקעס״, „פלעטס״, „יוניטס״ און „אַפּאַרטמענטס״. אַגענטן און מעקלער האָבן געשלעפּט פאַר די פּאָלעס. אפילו הויז־פרויען זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט־דער בהלה. די אידישע קאַליפאָרניער „באַנ־געלאָס״, מיט דער גרינער לאָנקע און בלומען קוסטעס, פון פאָרנט, און מיט ציטרוס און פּרוכט בוימער אינם הויף־גאָרטן, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. פלעטס, „קאָורטס״ און אַפּאַרטמענטס, האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ. פּרעכטיקע לאַנדשאַפטן זיינען צעפּאַלמעסט געוואָרן אויף „לאָטס״. די אַטראַקציע פון „באָיל האַיטס״, די „זענעפט בערגלעך״ („מאָסטארד הילס״), דער ראַנדעוואו פון ראָמאַנטישע פּאָרלעך, און דער „סאַנקטום״ פון די בענ־קענדיקע, דערשלאָגענע ניי־אָנגעקומענע, וועלכע פלעגן שטילן זייער בענק־שאַפט און אומעט דורך צאַרטע, אומעטיקע לידער, וועלכע פלעגן זיך דער־טראָגן אין די זומערדיקע אָוונטן — אָט די אַטראַקציע איז צעשטערט גע־וואָרן. אויף די „זענעפט בערגלעך״ איז אויפגעבויט געוואָרן די מערקוויר־דיקע, קאָלירפולע „סיטי טעראַס״ — אַ נייע אידישע געגנט איז אויפגע־קומען.

די אויל בהלה איז געווען פון אַ גרויסן פּאַרנעם. גאַר גרויסע „העכט" האָבן מאַנעווורירט מיט אַ ווילדער ספּעקולאַציע פון „אויל לאַטס" און „אויל שערס". ספּעקולאַנטן און אַפּעריסטן האָבן אויסגענוצט די פאַנטאַסטישע מעשות פון איבער־נאַכט־אויפגעקומענע מיליאָנערן, וואָס ס'האָט טאַקע פּאַסירט אין זעלטענע פאַלן: איינער האָט אָנגעהויבן גראָבן דעם פונדאַמענט פון אַ הויז — און אַן אויל־קוואַל האָט אָנגעהויבן „אַרויפצושיסן" . . . ביי אייגעם אויף אַ הויז, אָדער אַ „לאָט", האָט זיך פלוצים באַוויזן די גאָלדענע פּליסיקייט — דער אייגנטימער איז באַגליקט געוואָרן.

דער „אויל־בום" האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ סקאַנדאַל, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס לאַנד. די שווינדלער האָבן אומגליקלעך געמאַכט טויזנטער אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן אינוועסטירט זייערע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע סענטן, אויף אַ סומע פון אַרום 50 מיליאָן דאָלאַר. (ניט צו פאַרמישן מיטן נאַציאָנאַלן „טי־פּאָט דאָם" אויל סקאַנדאַל, אין וועלכן קאָרפּן־קעפּ פון דער האַרדינג אדמיניסטראַציע זיינען געווען פאַרמישט, און דער אינערן מיניסטער, סעקרעטערי אַלבערט פאָל, און אַנדערע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן). אינם קאַליפאָרניער סקאַנדאַל זיינען אויך געווען פאַרמישט די „אויבערשטע פונם שטויסל" — באַנקירן, אינדוסטריאַליסטן, ריכטער און רעגירונגס באַאמטע. דער פּראָצעס האָט אויפגעטרייסלט די שטאָט. צענדליקער זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו פּריזאָן טערמינען, צווישן זיי אויך דער דיסטריקט אַטאָרני, אַזאַ קיס. צווישן די פאַרמשפּטע זיינען אויך געווען אַ סך אידן . . .

* * *

אָבער באַלד איז געקומען אַ סוף צו אַלע „בומס" און צו אַלע גאָלדענע גליקן. די דרייסיקער יאָרן זיינען אָנגעקומען מיטן הואווער קריזיס, וועלכער האָט זיך עטוואָס „פאַרשפּעטיקט" אין קאַליפאָרניע. די אידישע באַפעלקערונג האָט ערשט דערפילט דעם חורבן, בעת די „אידישע" יו־עס באַנק, אויף ברוקלין און קאַרנוועל, אינם האַרץ פון באָיל האַיטס, האָט געקראַכט סוף 1930. ס'איז געווען „תשעה־באָב" אויף דער אידישער גאַס . . .

ס'האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן די הונגער־מאַרשן און דעמאָנסטראַציעס, קעגן וועלכע קעפּטן האינס מיט זיין „רעד סקוואָד" איז געבליבן אָנמעכטיק. דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן צו רירן. ספּאָנטאַן און סטיכייאיש זיינען אויפגעקומען אַלערליי אָרגאַניזאַציעס, מיט „רעצעפּטן" צו ברענגען די ישועה. „העם ענד עגס", „טאַונסענד" און „עפּיק" קלובן זיינען אויסגעוואַקסן און פאַרשפּרייט זיך איבערן סטייט, ווי אַ וואַלד־פייער.

איבערהויפּט איז געוואַקסן די „עפּיק" באַוועגונג, מיט אַפּטאָן סינקלער בראש, וועלכע האָט געהאַט אַ ברייטן פּאַרנעם — מאַכן אַ סוף צו אָרעמקייט אין קאַליפאָרניע, ווי די איניציאַלן פון „עפּיק" האָבן אויסגעדריקט: „ענד פּאַווערטי אין קאַליפאָרניע". „עפּיק" איז געוואָרן אַ ריזיקער פּאָליטישער כח, בעת אַפּטאָן סינקלער האָט מיט זיין „עפּיק"־פּראָגראַם געוואונען אין 1934 די נאָמינאַציע פאַר גאָווערנאָר אויפן דעמאָקראַטישן טיקעט, און איז טאַקע שיר ניט דערוויילט געוואָרן . . . (אגב, אַפּטאָן סינקלער איז אויך אין 1930 „געלאָפן" אַלס גאָווערנאָר־קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מיט

חיים שאפּירא, אַלס קאַנדידאַט פאַר ליוטענאַנט־גאַווערנאָר). אידן זיינען גע־וועז „פּאַרטראָטן" אין אַט־די אַלע אָרגאַניזאַציעס (אפילו אין דער, מיטן „טריפה׳נעם" נאָמען, „העם ענד עגס"), דער עיקר אין „עפּיק". ס׳איז אפילו אַ שטיקל צייט אַרויסגעגאַנגען אַ וואָכנבלאַט, מיטן נאָמען „עפּיק", אין אידיש, רעדאַקטירט פון חיים דייטש. אידן זיינען געווען אין דער פירערשאַפט און אַקטיוו אין די קלובן, און שטאַרק אַנגעזען זיך אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר אַפּטאָן סינקלער.

אַט־די אַלע ניי־אויפגעקומענע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע אוטאָפּיס־טישע סגולות זיינען געווען דער אויסדרוק פון רעוואָלט קעגן „הואוועריזם", און דער אַנזאָגער פון דער רוזוועלט עפּאָכע, וואָס איז אַנגעקומען אין אַמע־ריקע. אין קאַליפאָרניע האָבן זיך די פאָלקס־כחות אַנגעהויבן צו יאָגן פאַר־אויס, ווי די שליוזן פון אַן אויפגעפּראַלטער דאַמבע. דער פּאָליטישער קלי־מאַט איז אָפּגעפרישט געוואָרן. די איינגעפונדעוועטע רעאַקציאָנערע רע־פּובליקאַנישע מאַשין איז צעטרייסלט געוואָרן. אַפּטאָן סינקלער איז טאַקע דורכגעפאַלן, אָבער אין דער „לעדזשיסלייטשור" איז פאָרגעקומען אַן אי־בערקערעניש, און אין 1938 איז אָלסאָן, דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט, דערוויילט געוואָרן אַלס גאַווערנאָר. ניט נאָר האָט ער איינגעפירט אַ ריי סאָציאַלע רעפאָרמען — ער האָט אויך באַפרייט טאָם מוני און דער „קרי־מינעל סינדיקאַליזם" געזעץ איז אָפּגעשאַפט געוואָרן.

די נייע עפּאָכע האָט אויך געהאַט איר ווירקונג אויף דער אידישער גאַס — אַ נייע אויפלעבונג, נייע כחות. די „פּאַלעסטינע וואָקכאַנאַליע" פון 1929 האָט זיך אויסגעוועפּט, און דער ישוב האָט זיך געקענט אָפּגעבן מיט קאָנסטרוקטיווער, שעפערישער אַרבעט . . . אין 1930 האָט זיך באַוויזן אַ נייער כח אויף דער אידישער גאַס — דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן" („אַי־דאַבליו־אָ"). איז דערשינען אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרע־נע, און אַריינגעשריבן אַ ליכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פונם ישוב. קליין אין צאָל פון אָנפאַנג, מערסטנס מיט די אויסגעשלאָסענע א. ר. מיט־גלידער אַלס קאַדרען, איז ער שנעל געוואָקסן און איז פאַרצווייגט געוואָרן איבערן סטייט, מיט אַ ברייט־אַנטוויקלטער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט, מיט אַ נעץ פון קינדער שולן, פרויען און יוגנט קלובן. דער „אָרדן" איז געוואָרן אַ שם־דבר אין שטאָט.

* * *

בעת אין אַמעריקע איז געוואָרן ליכטיקער, מיטן אָנקום פון דער רוז־וועלט עפּאָכע, זיינען די האָריזאָנטן איבער גאָר דער וועלט פאַרצויגן גע־וואָרן מיט פינסטערע, דראָענדיקע וואָלקנס, און דער אידישער הימל איז געוואָרן גאָר שוואַרץ: די ברוינע בעסטיע האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט. היטלער האָט אָנגעהויבן זיין פּראָגראַם צו באַהערשן די וועלט מיט אידישע פּאָגראָמען. באַלד איז געקומען דאָס טראַגיש־רומפולע קאַפּיטל שפּאַניע, פאַר די ווייט־זעעוודיקע איז קלאָר געוואָרן, אַז נאָר דורך איינקייט קען זיך די וועלט ראַטעווען פון פאַשיסטישער פאַרשקלאַפונג. דימיטראָוס שאַל־רוף צו אַ פאַראייניקטן פראָנט איז געוואָרן אַ לאָזונג און אַ „שם המפורש" איבער גאָר דער וועלט.

אייניקייט איז געוואָרן דער געבאָט פון טאָג אין דער פּיינפולער אידישער וועלט. אין ל. א. האָט דער געדאַנק פון אייניקייט אַרומגעכאַפּט אַלע שיכטן און שאַטירונגען פון דער אידישער געמיינדע. דער „ל. א. אידישער קאמיוניטי קאָונסיל״, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1933 האָט מיט גרויסע אותיות אויסגעקריצט אויף זיין עמבלעם „אחדות״. אַ לאַנגע צייט איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף, מצד די אויפגעקומענע פּאָלקס כחות, פאַר אַ דעמאָקראַטישער, רעפּרעזענטאַטיווער קערפּערשאַפט צו פאַרוואַלטן די געמיינדע אינטערעסן. זיי האָבן געזוכט צו באַפרייען זיך פון דער העגעמאָניע פון דער גבירקראַטישער „פעדערישאַן״. היטלערס קומען צו מאַכט האָט דעם פּראָצעס פאַרשנעלערט און אַרויסגערוקט „אחדות״ צום פאָדערגרונט.

דער „פּאַראייניקטער פראָנט״ האָט אין ל. א. געפונען זיין אויסדרוק אין אַ ריי „אַנטי־נאַצי ליגס״, קאָונסילס און קלובן, פאַרצווייגט איבער דער שטאָט. די אידישע „אַנטי־נאַצי ליג״ האָט בוכשטעבלעך באַהערשט די אידישע גאַס. אַלע מחיצות זיינען פארשוואונדן. אפילו דער ארבעטער רינג און דער „אידישער אַרבעטער קאָמיטעט״ זיינען אריינגעצויגן געוואָרן. איבער די קעפּ פון זייערע פאַרעקשנטע פירער. אַזעלכע קאָמוניסטן־פרעסער, ווי זייערע וואָרט־זאָגער ניושטיין, הערי שער, יודל לעוויט, דער „פאָרווערטס״־פאַרוואַלטער, און אַ סך אַנדערע זיינען געווען אין דער „ליג״, צוזאַמען מיט איקאַריסטן, ציוניסטן, קאָמוניסטן און קאָנסערוואַטיווע כלל־טוער. ה. רויזנבלאַט איז געווען פאַרזיצער אַ צייט; פּיטער קאהאן — דער שטענדיקער קאַסירער; חיים שאפּירא — דער אָפּטער רעדנער און אין דער פירערשאַפט. צווישן די אַקטיוויסטן זיינען געווען: שמואל ראָזנפעלד, וויצע־פאָרזיצער; וויליאם קעסנער, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; אהרן קורטמאַן און יעקב אשפּיז, וועלכע זיינען שפּעטער געשטאַנען אין דער פירערשאַפט פון דער „ליג״ — א. קורטמאַן, אלס עקזעקוטיוו סעקרעטאַר און י. אשפּיז, אַלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר. דער ניט־פּערי‌אָדישער בולעטין, „דער אַנטי־נאַצי״, איז רעדאַגירט געוואָרן פון דר. וו. אָסטראָווסקי, ל. בלאַנק, און א. ראָטבלאַט.

אויך האָליוואָוד איז געוואָרן אַ ברויזנדיקער וואולקאַן פון אַנטי־פאַשיסטישער אַקטיוויטעט, און בכלל — אויף אַלע געביטן פונם פּראָגרעסיוון פראָנט. ס׳זיינען אויפגעקומען אַ ריי מעכטיקע און איינפלוסרייכע אָרגאַניזאַציעס — „האָליוואָוד אַנטי־נאַצי ליג״, „מאָשן־פּיקטשור דעמאָקראַטיק קאָמיטע״, „האָליוואָוד ווימענס קאָונסיל״, דראַמע און קונסט פאַראיינען — וועלכע האָבן געפיבערט מיט אנטי־פאַשיסטישן קאַמף. די אידישע קינסטלער, אויסגעוואָקסן אין צאָל — פון די „עקסטראַס״ ביז די וועלט־באַרימטע אַקטיאָרן, דירעקטאָרן, שרייבער, מוזיקער, טעכניקער, „פּראָדיוסערס״, און אפילו אייניקע פון די מאַגנאַטן, האָבן זיך אַנגעזען אין די פאָדערשטע רייען.

די אַנטי־נאַצי און אַנטי־פראַנקאָ באַוועגונג האָט געהאַלטן ל. א. אין שטענדיקע אויפברויז. ריזיקע מיטינגען אין די גרעסטע אָדיטאָריומס, פּיקעט לאַינס, דעמאָנסטראַציעס, אונטערנעמונגען, זיינען געוואָרן אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג. קיין געלעגנהייט איז ניט פארבייגעלאָזן געוואָרן. אָט, למשל, ווערט באַוואוסט, אַז דער „נאַצי־בונד״ אָרדנט איין אַ צונויפקום אין „דויטשעס האַוז״. יענע נאַכט וועט אויף אייביק בלייבן אין זכרון פון

די, וואָס האָבן עס איבערגעלעבט. די גאַסן ארום דער „האוז" זיינען בוכ־שטעבלעך פאַרבלאָקירט געוואָרן פון אַ געדיכטער, פיל־טויזנטיקער מאַסע. לאַזונגען, לידער, מוזיק פון אַן אָרקעסטער, וואָס די מוזיקער־יוניאָן האָט צוגעשטעלט, האָבן פאַרהילכט די געגנט. האליוואוד און „באָיל האיטס" האָבן זיך באַגעגנט. זקנים און קינדער אין וויגעלעך. קאָנגרעסלייט און אַסעמבלימען; יוניאָן־פירער און גייסטלעכע — דאָס פאָלק קעגן דעם מאָנ־סטער־שונא . . . די קאָנפערענץ איז ניט פאַרגעקומען. ווי מ'איז האָבן זיך די נאַציס ארויסגערוקט דורך די הינטערשטע טירן און קעלער.

אָט איז אַ כאראקטעריסטישע, פאַר יענער צייט, אנטי־נאַצי פאַרזאַמ־לונג, אין אַן איבערגעפּאַקטן פילהארמאָניק: די רעדנער: משה כץ, אַ גאַסט פון ניו יאָרק; מאנטשעסטער באַדי, רעדאקטאָר־ארויסגעבער פון דער „דעילי ניוס"; דזשייקאב אלקאוו (דאַן — ראַבאַי אלקאָוו) און אַ גייסטלעכער; אַ נע־גערשער כלל־טוער און אַ יוניאָן־פירער. צווישן די אנטיילנעמער אין דער פּראָגראַם — דער ארבעטער רינג כאָר און דער פרייהייט מאנדאָלין אָרקעסטער . . .

דער פאַראייניקטער פראָנט איז געוואָרן אַ „סגולה" פאַר אלע אַקציעס — געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע — כדי צו זיין זיכער מיט אַ דערפאָלג. אָט, למשל, בעת ס'ווערט פאַרטראַכט אין קולטור־קרייזן אָפּצוצייכענען דעם 20טן יאָרצייט פון „זיידן", מענדעלע — איז ווי אַנדערש, אויב ניט פון אַ פאַראייניקטן קאָמיטעט, אויף אַ גרויסן מאסשטאַב. גדליה סאנדלער ווערט „אימפּאָרטירט" אַלס גאַסט־רעדנער, צו די לאָקאַלע, חיים שאפּירא און דער דיכטער ה. גאָלדאָווסקי. דר. וו. אסטראָווסקי איז געוועזן דער פאָרזיצער פונם קאָמיטעט און א. ראָטבלאַט, דער סעקרעטאר . . . „דער פאַראייניק־טער פראָנט, אָדער אין די נאָרעס" — איז געוועזן דאָס „קעפּל", וואָס דער שרייבער פון אָט־די שורות האָט באַנוצט אין איינעם פון זיינע וועכנטלעכע קאָלומס אין דער „מאָרגן־פרייהייט". דאָס האָט געקלונגען ווי אַן אַפאָריזם — אָבער ס'האָט אָפּגעשפּיגלט די ווירקלעכקייט פון יענע שטורעמדיקע, גורל־פולע טעג.

דער פאַראייניקטער פראָנט האָט באַפליגלט דעם גאַנצן ישוב און גע־שטאַרקט זיין פאַראויסמאַרש, כאָטש דער טעמפּא פון זיין וואוקס האָט זיך, צוליבן קריזיס, פאַרקלענערט. בעת אין די 10 יאָר, פון 1917 ביז 1927, איז ער געוואָקסן מיט 45 טויזנט נפשות — איז ער אין די פאָלגנדיקע 10 יאָר געוואָקסן בלויז מיט 15 טויזנט — פון 65 ביז 80 טויזנט. דערפאַר האָט ער אַ ריזיקן שפּרונג געטאָן דורך די 5 יאָר, פון 1936 ביז 1941, אויף גאַנצע 50 טויזנט, פון 80 טויזנט ביז 130 טויזנט . . . די אידן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן איבערן שטאָט, דער עיקר צו דער בעווערלי־פערפעקס געגנט, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו פאַרטונקלען „באָיל האיטס" און „סיטי טעראַס", און איז באַלד געוואָרן דער גרעסטער און וויכטיקסטער אידישער צענטער.

די 30'קער יאָרן האָבן פאַרצייכנט אַ שפע פון צוגעקומענע געזעלשאַפט־לעכע און קולטור־טוער פון פאַרשיידענע זשאַנערס. האליוואוד איז געוואָרן אַ קוואַל פון אָט־דעם סאָרט מענטשן מאַטעריאַל פאַר אלע צדדים. די שטאָ־טישע אינסטיטוציעס פלעגן אויסנוצן האליוואודער „שטערן" פאַר געלט־

קאמפאניעס און איינציקע זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין אַקטיוויטעט. די וואָרנער ברידער, למשל, האָבן אויפגעבויט אַ פּרעכטיקן בנין אין דוּאַרטע סאַניטאַריום. אויך גאָלדווין און גאָלדסטאָן . . . זיי זיינען געוואָרן דירעק־טאָרן אין אינסטיטוציעס. אויך די פּראָגרעסיווע כחות האָבן געהאַט אָן אָנשפּאַר אין האָליוואוד, אויסער דעם אינטערעס אין דער אַנטי־נאַצי באַ־וועגונג. אַ צאָל איז געווען, אָדער געוואָרן, „אידיש באַוואוסטזיניק״.

ס'זיינען אויך אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל פליכטלינגען פון דייטשלאַנד — קינסטלער און אקאַדעמיקער, וועלכע האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזי־ציעס אין האָליוואוד, אין די אוניווערסיטעטן און לאַבאָראַטאָריעס. (אויך דער גרויסער איינשטיין האָט דאָ געלעבט אַ שטיק צייט, געאַרבעט אין פּאַסאַדינער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. ער איז באַערט געוואָרן אויף אַ באַנ־קעט פון דער אידישער געמיינדע).

אויסער אָט־די אויסגערעכנטע זיינען אָנגעקומען פיל אייגענע „אינטע־לעקטואַלן״ — ווער צייטווייליק, און ווער — אויף צו פאַרבלייבן. פּרץ הירשביין און ל. שאַפּירא — דער לעצטער צום צווייטן מאָל — זיינען גע־וואָרן תושבים, ביזן סוף פון זייער לעבן. מיט פּרץ'ן איז אויך געקומען, פאַרשטייט זיך, זיין פרוי, אסתר שומיאַטשער. די דיכטער, אב. וויקטאָר און חיים שוואַרץ, האָבן דאָ געמאַכט זייער היים. דאָס „דריילינג״ — מאַרטין בירנבוים, חיים פּלאָטקין און לייב סאַברין — האָבן דאָ געלעבט און גע־ווירקט אַ לאַנגע צייט. סעם ליפּצין איז דאָ געווען אַרום אַ יאָר. דער בינע־פּיאָנער בן־ציון גאָרדין האָט דאָ געמאַכט זיין היים, ביזן סוף פון זיין לעבן. ער האָט אויפגעלעבט די „טעאַטער געזעלשאַפט״, שפּעטער — די „פּאָלקסבינע״, און אויפגעשטעלט אַ פיינעם טעאַטער אנסאַמבל, וועלכער האָט געמאַכט אַ גרויסן ביישטייער. יעקב אשפּיז איז געוואָרן אַ תושב. חיים קאָטיליאַנסקי, דער וואונדערלעכער אויסטייטשער פון אידישער נגינה, איז געוואָרן אַ תושב. גינא מעדעם איז אַראָפּגעקומען מיט „לעבעדיקע״ גרוסן פון בירא בידזשאַן און שפּאַניע, און פיל אַנדערע.

אַ גרויסע אויפלעבונג איז פאָרגעקומען אינעם אָרגאַניזירטן קהל'שן לעבן: דער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס״ האָט זיך פאַרצווייגט, גע־וואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג מיט „טשאַפּטערס״ איבערן שטאָט, מיט אַ זייער טיכטיקער פרויען־דיוויזיע. דער ניי־אָנגעקומענער פליכטלינג פון דייטש־לאַנד, ראַבאַי דר. מאַקס נוסבאום, אַ בריליאַנטענער אָראַטאָר, און איינ־טעלעקטואַל, האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פונם „קאָנגרעס״, און געהאָלפן אים בויען און שטאַרקן. ער איז געוואָרן אַ פירער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די „הדסה״ האָט זיך אַרויסגערוקט פאָראויס, אַלס אַ פירנדיקע, אַקטיווע פרויען אָרגאַניזאַציע. די „פּיאָנערן פרויען״ האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און אויסשפּרייטן איר אַקטיוויטעט . . . די קאַמיוניטי צענ־טערס האָבן זיך פאַרמערט, גרופּירט אַרום זיך די יוגנט און, גלייכצייטיק, אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ קולטור טעטיקייט בכלל . . . דער ל. א. אידי־שער קולטור קלוב האָט פאַרשטאַרקט זיין אַקטיוויטעט און אפילו געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסצוגעבן אַ חודש־שריפט, „אונדזער וואָרט״, רעדאַקציע־קאָלעגיום: ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד און ה. גאָלד — בלויז 4 נומערן.

(אגב, האָט די „קולטור געזעלשאַפט" געהאט ארויסגעגעבן אַ שריפט, מיטן זעלבן נאָמען, אין 1930 — בלויז 1 נומער).

צו פארדאנקען דעם איינפלוס און ווירקונג פונם פאַראייניקטן פּראַנט איז געקומען צום לעבן אַ טאָג־צייטונג, „די אידישע פּרעסע", רעדאגירט פון ל. בלאנק, וועלכער איז אמאָל געווען פארבונדן מיטן „טאָג", אַ פּועלי־ציון טוער, און איז „אריינגעכאַפּט" געוואָרן אינם שטראָם פונם פאראייניקטן פּראַנט. אַז דאָס איז געווען אַ ריזיקאַלישער שריט, האָט באַוויזן דער פאַקט, וואָס נאָך 9 נומערן איז די צייטונג געוואָרן אַ וואָכנשריפט, וועלכע האָט שפּעטער געביטן איר נאָמען אויף „פאָלקסצייטונג". זי האָט באַוויזן דעם וואונדער צו עקזיסטירן איבער צוויי יאָר.

פון די וויכטיקסטע דערשיינונגען אין יענער עפּאָכע איז געווען דער אויפקום פונם „איקוף". געקומען צום לעבן אויפן אַלטוועלטלעכן צוזאַמענפאָר אין פּאַריז, אלס דער אויסדרוק פונם הייסן, לעבנס־נויטיקן, דראַנג צו צעמענטירן די אידישע קולטור־כחות פון גאָר דער וועלט, אינם אָנבליק פון דער אָנגעקומענער פאַשיסטישער געפאַר, האָט דער איקוף געפונען אינם ניי־אויפגעקומענעם, שפּרודלדיקן ישוב, וואו די גרעסטע מאָס פון אייניקייט, ווי וואו ס'איז איבערן לאַנד, איז רעאַליזירט געוואָרן, אַ רייפן באָדן. ל. א. האָט ווי ארויסגעקוקט פון לאַנג אויף אַזאַ קולטור אָרגאַניזאַציע, און זי איז באַלד געוואָרן — און איז פארבליבן עד־היום — אַ קרעפּטיקע, איינגעפונדעוועטע איקוף באַזע, וועלכע האָט ניט נאָר בייגעקומען אַלע אָנגעקומענע שטערונגען און שטערער, אַלע אטאקעס פון שונאים — פון דרויסן און פון אינעווייניק — דער איקוף אין ל. א. האָט אָנגעהאַלטן זיין גאַנג פאָראויס, און איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר.

ל. א. האָט מיט באַגייסטערונג אויפגענומען דעם רוף צום לאַנד־קאָנגרעס אין ניו יאָרק, וועלכער האָט געהאט דערוויילט 10 דעלעגאטן צום אַלוועלטלעכן צוזאמענפאָר אין פּאַריז. די ל. א. פאַר־קאָנפערענץ איז געווען אינם גייסט פונם פאַראייניקטן פּראַנט, אין איר צוזאמענשטעל, און אין די פאַרהאַנדלונגען. די 3 דערוויילטע דעלעגאטן קיין ניו יאָרק זיינען געווען: שפרה ווייס, י. פרידלאנד און א. ראָטבלאט . . .

דער איקוף איז דאָ באַלד ארומגערינגלט געוואָרן פון די בעסטע קולטור־כחות אין שטאָט, פון אַלע ריכטונגען, און האָט ארויסגערוקט אַ גרויסע צאָל אַקטיוויסטן. צווישן זיינע פאַרזיצערס זיינען געווען אזעלכע באַוואוסטע קולטור־טוער ווי מ. ל. קאפילאוו, אַ טוער אינם קולטור קלוב; דער דיכטער, פּינטשע בערמאן; דער נאָוועליסט, י. אלקאן; דער דיכטער, שלמה בעלסקי; לענגער פון אַלעמען — חיים קאַטיליאַנסקי, און די ניי־אָנגעקומענע, פּוליע טשערנער און יוסף קאראבעלא. דער פאַרשטאָרבענער וו. קעסנער איז געווען, כמעט, דער שטענדיקער סעקרעטאר, מיט קורצע איבעררייסן, ווען ער פלעגט זיין דער פאַרזיצער. סעקרעטארן זיינען אויך געווען: י. אשפּיז, יעקב לון, רפאל פאַזנער און דער ניט־לאַנג פארשטאָרבענער א. מאוריס. וו. קעסנער האָט זיך געהאַט געווידמעט צום איקוף מיט לייב און לעבן; ער האָט געלעבט און געאָטעמט מיט אים . . .

זיין גרעסטן פאַרמעגן האָט דער איקוף דערוואָרבן אין די לייען־קרייזן, וועלכע זיינען אויפגעקומען באַלד ווי ער איז געגרינדעט געוואָרן,

און פֿאַרמערט זיך מיט יעדן יאָר, ביז 18 אין צאָל, פֿאַרצווייגט אין אַלע געגנטן פֿון שטאָט. די איקוף לייען־קרייזן זיינען געוואָרן דער שטאַרקסטער אָנשפּאַר פֿון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור. פּלאַנמעסיק־סיסטעמאַטיש ווערן געלייענט און דיסקוטירט ווערק פֿון קלאַסיקער און מאָדערנע שרייבער — מערסטנס אידישע, פֿאַרשטייט זיך — און זיי זיינען אויך די פּלייסיקע פֿאַרשפּרייטער פֿון ביכער. די לייען־קרייזן זיינען אָרגאַניזירט אין אַ „קאָונסיל״, וועלכער גיט די קרייזן פּירערשאַפֿט און הילף, מיט ראָט און טאָט, וואו נויטיק, און פֿירט אויך דורך אייגענע אקציעס. דער „קאָונסיל״ איז אויך אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פֿונם „איקוף״ שטאָט־קאָמיטעט און פּרעזידיום. די לייען־קרייזן און דער „קאָונסיל״ זיינען אויך אקטיוו געזעלשאַפֿטלעך און מאַכן אַ ריזיקן ביישטייער אויף אַ סך געביטן, מאָראַליש און פֿינאַנציעל. די לייען־קרייזן האָבן אַרויסגערוקט פֿון זייערע רייען אַ צאָל פּרויען, וועלכע קענען האַלטן אַ רעפֿעראַט, געבן אַן איינלייטונג און אַן אָפּשאַצונג איבער אַ בוך — ווי מיימי יאשאן, בוזי סעקולער, ביטריס דעגלין, איווא גאַרדאַן, בעסי ראָטבלאַט, און אַ סך אַנדערע.

דער איקוף אין ל. א. איז דער געטרייער „מכניס אורח״ פֿון יעדן פּראָגרעסיוון שרייבער, קינסטלער, לעקטאָר — פֿון יעדן קולטור־שאַפֿער און טוער. מיט אַ באַזונדערער פּיעטעט, און מיט ספּעציעלע הכנות, ווערט יערלעך אויפֿגענומען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿונם איקוף, דער באַוואוסטער דיכטער, ז. ווײַנפּער. זיין קומען אַהער איז געוואָרן אַ „טראַדיציע״ — שוין 16 יאָר ווי אָט־די „טראַדיציע״ ווערט אָנגעהאַלטן. ווײַנפּער פֿאַרווײַלט אויף זיין באַזוך אין קאַליפֿאָרניע אַרום 5־6 וואָכן, וועלכע קענען באַצייכנט ווערן, אַלס „איקוף־אָלימפּיאַדע״ פֿון דער אידישער קולטור: צענדליקער לעקציעס, באַגעגענישן, שמועסן, פֿייערלעכע אָוונטן ביים קבלת־פּנים און ביים געזעגענען זיך — דאָס זיינען דערהויבנדיקע, שבת־יום־טוב׳דיקע (זיין באַליבטער אויסדרוק) וואָכן מיט ווײַנפּערן, אויף וועלכע ל. א. קוקט אַרויס יעדן פֿרילינג. און די ממשותדיקע „פּראָזאַאישע״, אָבער לעבנסוויכטיקע רעזולטאַטן — ניט צו פֿאַרזינדיקן: די לעצטע יאָרן דערגרייכט צו 7 טויזנט דאָלאַר, בלויז פֿון ל. א. . . .

די לעצטע פֿאַר יאָר איז דער איקוף „געבענטשט״ געוואָרן מיט אַ „מוזיניק״ אין דער משפּחה — דער „ל. א. אידישער שרייבער־פֿאַראיין ביים איקוף״, וועלכער האָט דורכגעשלאָגן זיין וועג און מאַכט זיין ביישטייער, סיי אַלס אַ שרייבער־קאָלעקטיוו, סיי אַלס מיטהעלפֿער און מיטווירקער אין דער פֿאַרצווייגטער טעטיקייט, זייט ביי זייט מיט דער גאַנצער איקוף־משפּחה.

* * *

די 30׳קער יאָרן האָבן זיך, כידוע, פֿאַרענדיקט קאַטאַסטראָפֿיש פֿאַר דער וועלט, נאָכמער פֿאַרן אידישן פֿאָלק. היטלער האָט אָנגעהויבן זיין מאַרש איבער אייראָפּע, דער בלוטיקער מבול איז אָנגעקומען. דער סאָוועטיש־דייטשער ניט־אָנגריף פּאַקט, נאָך מינכען, איז אויפֿגעכאַפּט געוואָרן, מצד די געשוואָרענע סאָוועטן־האַסער, אַלס אַ מיטל אויפֿצובלאָזן אַ שווידערלעכע וואקכאַנאַליע, וועלכע האָט זיך ספּעציעל צעיושעט אויף דער אידישער גאַס. דער ערשטער קרבן איז דאָ געווען דער „פֿאַראייניקטער

פראַנט". די נאַטי־נאַצי באַוועגונג און איר יורש — די „ליגע קעגן קריג און פאַשיזם", האָבן שטאַרק געליטן. אויך דער איקוף איז געטראָפן געוואָרן — די „אומפּאַרטייאישע" און די „זומערדיקע סאָלדאַטן"־מיטלויפער האָבן נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון די לייוויקס און מוקדונים אין צענטער, און האָבן זיך אָפּגעטראָגן . . .

די וואַקכאַנאַליע האָט אָבער אָנגעטראָפן אַ מעכטיקן ווידערשטאַנד מצד די אויסגעהאלטענע אנטי־פאַשיסטן, וועלכע האָבן ניט פאַרלוירן זייער צוטרוי און גלויבן צום סאָוועטן־פאַרבאנד. דער עיקר — מצד די לינק־פּראָגרעסיווע כחות, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ריזיק־אויסגעוואָקסענע מחנה. דער „אָרדן" מיט זיין פּראגרעסערטער צאָל צווייגן, פרויען־ און יוגנט־קלובן, און מיט זיין אויסגעשפּרייטער נעץ פון קינדער־שולן; דער „איקאָר", און אַ צאָל לאנדסמאנשאפטן און פאַראיינען — אָט־דער אַוואַנגארד איז בייגעשטאַנען דעם שטורעם, און האָט באוויזן, אפילו, איבערצוגיין אין „אָפענסיווע" . . .

און אַז דער „פאַראייניקטער פראָנט" האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען און איבערגעלאָזן שפורן, האָט באוויזן דער פאקט, וואָס צום קבלת־פּנים לכבוד דר. חיים זשיטלאָווסקי, בעת זיין אָנקומען אין ל. א., אין ברען פון דער וואקכאנאליע, זיינען געוועזן פאַרטראָטן אַלע ריכטונגען (מיט דער אויסנאַמע פון די „פאָרווערטס" עלעמענטן). צווישן די רעדנער זיינען געווען: דר. לעאָ בלעס, פּרץ הירשביין, חיים שאפּירא, י. פרידלאנד און אברהם מאימודעס . . .

לאָס אַנדזשעלעס איז אָנהויב די 40'קער יאָרן געוואָרן איינער פון די גרעסטע און וויכטיקסטע מלחמה אַרסענאלן, נאָך איידער אמעריקע איז אַריינגעצויגן געוואָרן אינם קריג. בפרט — נאָך „פּוירל הארבאָר" איז דאָך יעדער האַפן ביים פּאסיפישן ברעג געוואָרן אַ סטראטעגישער פונקט. ל. א. איז געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון דער אוויאציע פּראָדוקציע, שיף־ און מאשין־בוי, אויל, כעמישע מאטעריאַלן, א. א. וו. די שטאָט איז געוואָקסן אומגעהויער גרויס און שנעל. אין דער ריזיקער ארמיי, וואָס האָט געשמידט דאָס וואפן קעגן דעם שונא, האָבן זיך אידישע ארבעטער שטאַרק אָנגעזען, אין אַלע צווייגן. דער אידישער ישוב האָט זיך אַריינגעוואָרפן, מיט לייב־און־לעבן, אין אלע אקציעס לטובת דער מלחמה — באנדס פאַרקויף, בלוט, „יו. עס. אָ.", שטריקן, א. א. וו. די אידישע קאמיוניטי צענטערס זיינען געוואָרן אויפנאם־צענטערס פאַר די טויזנטער אידישע סאָלדאַטן אין די ארומיקע טרעניר־קעמפּס . . .

די דאָזיקע מלחמה אָנשטרענגונג איז פילפאַך פארשטארקט געוואָרן נאָך היטלערס פאַררעטערישן אָנפאל אויפן סאָוועטן פאַרבאַנד, מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער. „ראָשיען וואָר רעליף" איז געוואָרן אַ וויכטיקער, אינטעגראלער טייל פון דער מלחמה אָנשטרענגונג, דער עיקר — אויף דער אידישער גאַס. אַלע טיילן פון דער אידישער באפעלקערונג זיינען געוועזן אריינגעצויגן אין די הילפס אַקציעס לטובת „ראָשען רעליף". איבערן שטאָט האָבן פונקציאָנירט פיל־צאָליקע צענטערס פאַר וואָלונטירן צו נייען און פאַרריכטן קליידער; צו שיקן שפּייז־פּעקלעך און מעדיקאַמענטן. אין די לאנדסמאַנשאפטן איז אָנגעפירט געוואָרן אַ פיבערהאפטע טעטיקייט, און

ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלע לאַנדסמאַנשאַפטן־דיוויזיע, מיט אַ ווערהויז אין באַיל האַיטס, אונטער דער לייטונג פון יעקב אשפּיז.

אפילו דער „אידישער אַרבעטער קאָמיטעט״ האָט אריינגענומען „ראַשען רעליף״ אַלס אַ באַשטאַנד־טייל פון זיין אַקטיוויטעט, און אַ סך פון זיינע „רענק ענד פאַיל״ אַקטיוויסטן האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט (מ. בוזין, בען סאַפּקין א. א.) . . . דער „אָרדן״ האָט זיך אויסגעצייכנט גאָר־שטאַרק אין דער מלחמה אָנשטרענגונג בכלל, אויך אין „ראַשען רעליף״. ער האָט עטאַבלירט אַ „פּלאַטפאָרם״ אויף ברוקלין אַרום סאָטאַ, פון וועל־כער ס׳פלעגט יעדן אָוונט אָנגעפירט ווערן דער פאַרקויף פון מלחמה באָנדס. ס׳פלעגן אויפטרעטן רעדנער פון אַלע ריכטונגען, פּראָמינענטע כלל־טוער און שטאָטישע באַאַמטע. אויך קאָנצערטן פלעגן דורכגעפירט ווערן . . .

שפּעטער איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אין ל. א. אַן אָפּטייל פון דער אידישער נאַציאָנאַלער דיוויזיע פון „ראַשען וואָר רעליף״. די ערן־פאָר־זיצערס זיינען געווען: דר. לואיס ג. ריינאַלדס, חיים שאַפּירא און דזשייקאָב אַלקאָוו; א. ראָטבלאַט איז געווען דער פאָרזיצער; דער קאַסירער איז געווען פּיטער קאַהאַן; די סעקרעטאַרינס זיינען געווען — פּריער — סאָפיע פעדער, דערנאָך — פאַניא באָרנשטיין. מייער פּרענסקי, אַ טוער אין „בני ברית״ און אַ פירער פונם אידישן קאָנגרעס, און ריכטער בען ראָזענטאַל, זיינען געווען אין דער עקזעקוטיווע צוזאַמען מיט א. מאַימודעס, א. קוירטמאַן, מאַקס היטלמאַן, א. לעכאָוויצקי און אַ סך אַנדערע.

גלייכצייטיק מיט דער מלחמה אָנשטרענגונג, האָט דאָס געזעלשאַפט־לעכע לעבן אויפגעלעבט אויף אַלע געביטן, דער עיקר — אין קולטור און דערציאונג פּראָבלעמען. דער געדאַנק פון אייניקייט האָט ווידער באַהערשט דעם ישוב. די „ביורא אָף דזשואיש עדיוקיישאַן״ ביים קאַמיוניטי קאָונסיל, האָט אויסגעשפּרייט איר איינפלוס, און אָנגעהויבן צו קאָנסאָלידירן די שול־וועזנס פון אַלע ריכטונגען. אויף אָט־דעם געביט האָבן זיך ספּעציעל אויס־געצייכנט די אויסגעפּרובירטע פּיאָנערן־קעמפער פאַר יושר און טאָלעראַנץ: פּיטער קאַהאַן, ע״ה, חיים שאַפּירא, און די צוגעקומענע מאַקס האַלצמאַן, א. ראַבין, א. אַנ. זייערע באַמיאונגען זיינען, ענדלעך, געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג, בעת די אָרדן־שולן, צו יענער צייט, שוין דער גרעסטער, מאָדערנער שול־וועזן, איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דער „ביוראָ״, סוב־סידירט פונם „קאָונסיל״. אַ ווייטערע אַנטוויקלונג פון אָט־די באַמיאונגען האָט געבראַכט צום לעבן די פאַראייניקטע אידישע מיטל־שול און דעם קינדער־טעאַטער . . .

גאָר אַ גרויסע ראָלע אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן, דורך די מלחמה־יאָרן און באַלד נאָך דעם, האָט געשפּילט די „מאָרגן־פרייהייט אַסס׳ן״, וועלכע האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אין שטאָט, ווייט אַריבער די גרעניצן פונם לינקן סעקטאָר. דער „מ.־פ.״ פאַרוואַלטער איז דאַן געווען א. לעכאָ־וויצקי, אָבער אין דער „אַסס׳ן״ איז די וואָרט־זאָגערין און עקזעקוטיוו סעקרעטאַרין געווען די עלדישע קעמפערין, די דינאַמישע, איווא שאַפּ־ראָן. (זי איז געווען איינע פון די קרבנות פונם בעסטיאַלישן קעפּטן האַינס, מיט זיינע בלוט־היינט פונם „רעד סקוואַד״, וועלכע האָבן דאָס יונגע, צאַרטע מיידל געהאַט שרעקלעך צעממיתט, און זי איז קוים ארויס אַ לעבעדיקע).

איוואַ'ן האָט זיך איינגעגעבן, צוליב איר קלאָרן פאַרשטאַנד, טאַקט און פערזענלעכן חן, אַנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט די אַנפירנדיקע טוער און וואָרט־זאָגער אין דער געמיינדע; מיט די רעדאַקטאָרן און ארויסגעבער פון די אידיש־ענגלישע צייטונגען. אַלע האָבן זי רעספּעקטירט און פאַרנו־מען איר וואָרט . . . זי האָט אויך געקענט אַקטיוויזירן טוער, און איז אַליין געווען אומדערמידלעך און אַמביציעז . . . זי איז טראַגיש אומגעקומען פון אַן אויטאָמאָביל, ביים איבערקרייצן די גאַס אויפן וועג אַהיים.

אַ גאָלדענעם קאַפּיטל אין דער געשיכטע פונם ישוב האָט אַריינגעשריבן דער באַזוך פון שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער, די שלוחים פון די סאָוועטישע אידן. די געסט זיינען אויפגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער אידישער געמיינדע, מיט דער גרעסטער פריינטלעכקייט און ענטוזיאַזם. פונם מאָמענט, וואָס זיי זיינען אַראָפּגעשטיגן פונם עראָפּלאַן, וועלכער האָט זיי געבראַכט פון מעקסיקע — ביז זיי האָבן פאַרלאָזן, פונקט צו דער וואָך, זיינען זיי געווען טעגלעך פאַרנומען מיט אויפנאַמעס און באַגעגענישן פון פאַרשיידענעם זשאַנער און פאַרנעם.

דער הויך־פונקט פון זייער באַזוך איז געווען דער אָפיציעלער קבלת־פנים, אונטערן אויפזיכט פונם אַל־שטאַטישן קאָמיטעט, אינם שראַין אָדי־טאָריום, איבערגעפּאַקט מיט איבער 7 טויזנט מענטשן (מאַסן האָבן ניט געקענט אַריין), אונטערן פאָרזיץ פון אייזיק פעקט, פרעזידענט פונם קאָמ־יוניטי קאָונסיל. אין די באַגריסונגען פון פילע פאַרטרעטער איז געקומען צום אויסדרוק די סאָלידע אייניקייט פון דער געמיינדע, און איר געהע־ריקע אָפּשאַצונג פון דער היסטאָרישער מיסיע פון די שליחים — צו שמידן אייניקייט צווישן די אידן פון דער וועלט, אינם קאַמף פאַר זייער קיום, פאַר דער רעטונג פון דער מענטשהייט פון פאַשיסטישער שקלאַפעריי.

מיכאָעלס און פעפער זיינען אויך אויפגענומען געוואָרן פון מעיאָר באַוראָן, פאַרגעשטעלט פון אייזיק פעקט, מיט חיים שאַפּיראָן אַלס אי־בערזעצער, און יעדערער פון זיי האָט געקראָגן אַ „גאָלדענעם שליסל" צו דער שטאָט . . . דעם לעצטן זונטיק, פאַר זייער אָפּפאָר, האָט דער איקאָר געהאַט איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע געזעגענונג אין אַ פּאַרק, אונטערן פאָר־זיץ פון אהרן קוירטמאַן.

* * *

דער דראַנג צו אייניקייט איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ סך אַנ־דערע געביטן, אויסער דער מלחמה אָנשטרענגונג. דער עיקר — אויפן קולטורעלן . . . פאַר אָט־דעם צוועק זיינען גענומען געוואָרן ממשות־דיקע שריט: אין ל. א. אידישן קולטור קלוב איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן זייער אַ דערפאָלגרייכע קאָנפערענץ, מיט פאַרטרעטער פון דער ביוראָ פאַר אידישער דערציאונג, פון דער „סענטערס אַסס'ן", פון אַלערליי אָר־גאַניזאַציעס פון אלע ריכטונגען. דר. רעבעלסקי, דער גאַסט־רעדנער, האָט עלעקטריזירט די פאַרזאַמלטע מיט זיין שאַלנדיקן רוף צו ראַטעווען די אידישע קולטור מיט פאַראייניקטע כחות, איידער ס'ווערט צו שפּעט . . . אויף אָט־דער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע: „פאַר־אייניקטער אידישער קולטור־ראַט", וועלכער האָט פּרובירט אויסצוברייטערן

און קאָנסאָלידירן די קולטור טעטיקייט אין שטאָט. דער „ראַט" האָט גע־האָט דורכגעפירט אַ דערפאָלגרייכן בוך־חודש אין סאינאי טעמפּל, אין „בע־ווערלי־פּערפּעקס" און „סאָטאָ־מישיגען" סענטערס, מיט פּראָמינענטע רעדנער אין אידיש, ענגליש און העברייאיש; מיט פּראָגראַמען, מיט ביכער אויס־שטעלונגען, און ביכער פאַרקויף . . .

פון גאָר אַ גרויסן פּאַרנעם איז געווען אַן ענלעכע קאָנפערענץ, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אינם אַריסטאָקראַטישן ווילשאיר טעמפּל, איינבאַ־רופן פון דער „סענטערס אַסס'ן", אויף דער איניציאַטיווע פון דזשייקאָב אַלקאָוו, וועלכער איז געווען דער דירעקטאָר פונם „בעווערלי־פּערפּעקס קאָמיוניטי סענטער" און אַ טוער אין דער „ביוראָ". 75 אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פּאַרטראָטן, אַ חוץ יחידים . . . דער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס", „הדסה", „קאָונסיל אָף דזשואיש ווימען", „סאָוטלענד דזשואיש אָרגאַניזיישאָן", „איקוף", „אָרדן", „אַרבעטער רינג", „נאַציאָנאַלער אַרבע־טער פאַרבאַנד", „אידישער קולטור קלוב", „פּאַראייניקטע לאַנדסמאַנשאַפטן", ציוניסטישע גרופּן, א. א. — באמת, אַ פּאַראייניקטע קאָנפערענץ.

ליידער, האָט אָט־די קאָנפערענץ ניט געבראַכט די דערוואַרטעטע רע־זולטאַטן, כאָטש דער בוך־חודש יענעם יאָר איז געווען נאָך אימפּאָזאַנטער און דערפאָלגרייכער. צופיל האָפענונגען זיינען געלייגט געוואָרן אויף די „סענטערס", מיט אַלקאָוון בראש, וועלכער איז געווען ערנסט און ווירק. נאָר עפּעס האָט פּאַסירט, און אַלקאָוו האָט באַלד נאָכדעם פאַרלאָזן די „סענ־טערס". (קלאַנגען זיינען ארומגעגאַנגען, אַז ער איז באַזייטיקט געוואָרן) . . . די „סענטערס" האָבן פונדעסטוועגן פאַרגעזעצט זייער קולטור טעטיקייט אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן. זיי האָבן ניט דיסקרימינירט קעגן לינקע אין דער פּירערשאַפט. אין סאָטאָ־מישיגען סענטער, למשל, איז י. אשפּיז גע־ווען אַ מיטגליד אין דער דירעקטאָרן־באַארד; אין בעווערלי־פּערפּעקס סענ־טער איז דער שרייבער פון די שורות געווען 6 יאָר אַ דירעקטאָר, און האָט פאַרנומען דעם אַמט פון פאָרזיצער פון דער „דזשואיש קאַלטשורעל אַקטי־וויטיס קאָמיטע", ד. ה. — פון דער קאָמיסיע אָנצופירן קולטור־אַרבעט אין אידיש.

אין דער מלחמה־צייט איז שלום אַש געקומען אהער, און ס'האָט אויס־געקוקט ווי ער וואָלט זיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיק. ער האָט דאַן גע־שריבן אין דער „מאָרגן־פרייהייט". ער פלעגט צומאָל „פאַרבלאָנדזשען" אין אָפיס פון דער צייטונג; „אַריינפאַלן" אין אַ „בינשטאָק"־צענטער פון „ראַשען וואָר רעליף"; האָט פאַרבראַכט אַן אָוונט מיט שול־טוער אין דער היים פון דער שול־טוערין מיני פאָלער . . . און אָט האָט מען זיך פאַר־טראַכט וועגן אַ פאָלקס פייערונג לכבוד זיין 65טן געבוירנטאָג . . .

שלום אַש איז, כידוע, געווען אין חרם ביי די רעאַקציאָנערע, אבסקו־ראַנטישע אידישע וואָרט־זאָגער — ערשטנס, צוליב זיינע „אַפּיקורסישע" ביכער; צווייטנס, צוליב זיין מיטאַרבעטן אין דער „מאָרגן־פרייהייט" . . . און אַ שלום אַש פייערונג האָט דאָך געמוזט זיין פון אַ גרויסן פאַרנעם. דער ריזיקאָלישער שריט איז אונטערגענומען געוואָרן, און די פייערונג איז געווען אַ קאָלאָסאַלער דערפאָלג, ניט געקוקט, וואָס יענעם זונטיק נאָכ־מיטאָג האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכער רעגן־שטורעם. איבער 2 טויזנט

האָבן אָנגעפילט דעם פילהאַרמאָניק; מענטשן פון אַלע שיכטן. די רעדנער זיינען געווען: ראַבאַי דר. מאַקס נוסבאַום, פּרץ הירשביין, חיים שאַפּירא, אסתר שומיאַטשער און א. מאַימודעס. פאַרשטייט זיך, אַז דער בעל־שמחה האָט גערעדט, רירנדיק־פּאַטעטיש, צוריקגעשליידערט די בלבולים פון זיינע שונאים און געבענטשט די רויטע אַרמיי און דעם חבר סטאַלין.

דורך די 40'ער יאָרן, אפילו אין דער מלחמה־צייט, האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט דער שטראָם פון פּראָמינענטע געסט, אייניקע פון זיי — פאַר־בליבענע תושבים, ווי דער גדול־הדור, פאַרשער־געלערנטער, קלמן מרמר, כאַווער־פּאַוער, שרה יעל־פעלין . . . צווישן די אַנדערע זיינען געווען: דער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט", פּ. נאָוויק, משה כץ, נחמן מייזיל, ב. צ. גאָלדבערג, י. א. ראָנטש, ראובן זאַלצמאַן, רפאל מאַהלער, דר. י. שאַצקי, זרובבל, זלמן זילבערצווייג, נח גאָלדבערג, קאַדיע מאָלאָ־דאָווסקי, לייוויק, ברוך גלאַזמאַן, מאַטעס דייטש, איטשע גאָלדבערג . . . דער באַוואוסטער אידישער פירער, סטיפען וואַיז, האָט צוויי מאָל באַזוכט ל. א., אונטערן אויפזיכט פונם אידישן קאָנגרעס, פון וועלכן ער איז געווען דער אַנערקענטער פירער, און געקראָגן פאַראַדנע אויפנאַמעס פון דער געמיינדע. דעם צווייטן מאָל איז געפייערט געוואָרן זיין 70־יאָריקער גע־בוירנטאָג . . .

גאָר אַ גרויסן ביטראַג צום אויפשוואונג און איינפלוס פון דער לינ־קער, פּראָגרעסיווער באַוועגונג האָט געמאַכט דער אומפאַרגעסלעכער אברהם אלקין, אַלס דער נייער פאַרוואַלטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט", וועלכער איז באַלד געוואָרן דער אַנערקענטער, באַליבטער פירער און וואָרט־זאָגער. ער איז געווען אַ זעלטענע פערזענלעכקייט, מיט זעלטענע מעלות, אי אַלס פירער, אי אַלס מענטש — באַשיידן און טאָלעראַנט; געלאַסן און מיט אַ הויכן גראַד פון לאָגיק און טאַקט; אַן איבערגעגעבענער פריינט און חבר — איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט אויסגעאיבט אַ מאָראַלע וויר־קונג, און געהאַט דעם צוטרויען פון די ברייטע מאַסן און פון די מיטאַר־בעטער אין דער פירערשאַפט, און געווען רעספּעקטירט פון זייטיקע און אפילו קעגנער.

ס'איז געווען אַ דערשיטערנדיקער קלאַפּ, ווען אלקין האָט געקראָגן אַ שווערע האַרץ־אַטאַקע, וועלכע האָט, ענדלעך, געפירט צו זיין פּריצייטיקן טויט. ווען ער האָט זיך געהאַט געבעסערט, פלעגט ער זיך וואַרפן צו דער אַרבעט, ניט געשאַנעוועט זיך — ביז אַ צווייטע אַטאַקע און, ענדלעך, די דריטע, די פאַטאַלע, וועלכע האָט פאַרשניטן זיין ליכטיק לעבן . . . די גרויסע פאָלקס־לויה, וואָס ער האָט געקראָגן, האָט דעמאָנסטרירט די גרויסע ליבשאַפט און פאַרערונג פון די ברייטע פאָלקסמאַסן צום אומפאַרגעסלעכן פירער און חבר.

דער אויפשוואונג און איינפלוס פון דער לינקער, פּראָגרעסיווער באַ־וועגונג אין אָט־דער צייט האָט געבראַכט צום לעבן אַ ריי וויכטיקע אינ־סטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס: אויף דער סצענע פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז געקומען די „עמא לאזארוס" אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פאַראייניקט די עקזיסטירנדיקע פרויען־קלוב ביים „אָרדן", און איז שנעל געוואַקסן אין צאָל און אין איינפלוס. זי האָט אַרויסגערוקט וויכטיקע, אַקטיווע טוערינס

און פירערינס, ווי פערל פיגעלסאָן, ציליע שוואַרץ, שפּעטער — ען ראָזען, און אַ סך אַנדערע. ס׳זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן יוגנט־כאָרן, ספּעציעל די „סאָנגסטערס״, מיט סאַני וועיל אין שפּיץ, וועלכער האָט זיך דערהויבן אַלס באַגאַבטער מוזיקער־דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר . . . ס׳זיינען אויפגעקו־מען פּראָגרעסיווע קולטור־צענטערס — פריער, דער „סיטי טערעס״; דער־נאָך, דער „מישא יאַבלאָן״, אין בעווערלי־פּערפעקס געגנט . . . מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט דעם נייעם בנין פון ל. א. אידישן קולטור קלוב, אויף מאָנראָ ביי ווערמאָנט. אויך דער ארבעטער רינג האָט עטאַבלירט אַ צענטער אויף פּיקאָ, ביי פּערפעקס. און אין נאָרט האַליוואוד, וואו ס׳האָט זיך פאַרמירט אַ נייע אידישע געגנט, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ פּרעכטיקער קאַמיוניטי סענטער.

דער צופלוס פון נייע כחות אין דער אַלגעמיינער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, ניי־אָנגעקומענע און היגע, האָט ארויסגערוקט צום פאָדער־גרונט אַ צאָל וויכטיקע טוער און פירער פון די ענגליש־ריידנדיקע עלע־מענטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון א ריי איינפלוסרייכע קער־פּערשאַפטן און אינסטיטוציעס, ווי למשל, ען פּאָלאַק, אַ נאַציאָנאַלע וויצע־פּרעזידענטין און פּרעזידענטין פון דער היגער פּרויען דיוויזיע פונם „קאָנ־גרעס״; סילוויאַ מילער, אַ פירערין פון „הדסה״.ביידע זיינען געוועזן די־רעקטאָרן אינם קאַמיוניטי קאָונסיל, און פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס . . . די לינקע באַוועגונג האָט צוגעקראָגן וויכטיקע טוער, ווי די דינאַמישע, ענערגישע סיידי דאָראָשקין, וועלכע האָט זיך באַלד אָריענטירט אין דער געמיינדע און אריינגעוואָרפן זיך אינם שטראָם פון געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט, און קירצלעך איבערגענומען פון מאַימודעסן דעם אַמט פון עקזעקו־טיוו־סעקרעטאַר פונם „אָרדן״; דער פאָרשער־געלערנטער, דר. סענפאָרד גאָלדנער, און פיל אַנדערע.

די אייניקייט אין דער געמיינדע האָט אָנגעהאַלטן אויך נאָכן זיג איבערן נאַציזם. זי איז געקומען צום אויסדרוק אין די פאַראייניקטע אַקציעס צו העלפן דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, אין זיין בלוטיקן געראַנגל קעגן די בריטישע אָקופּאַנטן. אין אַט־די אַקציעס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן אַלע מחיצות. די לינקע עלעמענטן זיינען געוועזן שטאַרק פאַרטראָטן אין דער צענטראַלער קערפּערשאַפט — „זייאָניסט עמוירדזשענסי קאָונסיל״ — און געמאַכט אַ גרויסן בייטראַג. דער אידישער ישוב האָט אויפגעבראַוזט די שטאָט מיט ריזיקע מיטינגען אין די גרעסטע זאַלן און אין „האַליוואוד באָול״; מיט גאַסן דעמאָנסטראַציעס און פּאַראַדן פון צענדליקער טויזנטער אַרום סיטי־האָל, מיט זיינע טרעפּ אַלס אַ בינע . . . הילפס־אַקציעס פאַר דער „הגנה״ האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין די מערסטע אָרגאַניזאַציעס . . . אויך די „הסתדרות״, וועלכע איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר, און צוגעקראָגן אַ סך אָנהענגער, האָט געהאַט אַנטוויקלט אַ ברויזנדיקע אַקטי־וויטעט לטובת דער „הגנה״ . . .

* * *

און אַט איז אָנגעקומען די עפּאָכע פון דער „קאַלטער מלחמה״. אויף די הימלען, וואָס האָבן אַזוי פיל אויפגעשיינט, נאָכן זיג, איבער גאָר דער

וועלט, האָבן זיך איבער־אַ־נייס אָנגעהויבן צו באַווייזן דראָענדיקע וואָלקנס. די רעאַקציע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ. אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן דער שענדלעכער פּעריאָד אין אונדזער געשיכטע, וואָס וועט מיט שמאַך דערמאָנט ווערן אַלס „מעקאַרטיזם״ . . . לאָס אנדזשעלעס איז געוואָרן דער ערשטער ציל־ברעט פון דער רעאַקציע. „האַליוואוד״ איז איר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז. דער פּראָצעס פון די „האַליוואודער צען״ — די פּאַר־נעמסטע און טאַלאַנטפולסטע פילם שרייבער און קינסטלער, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען די אידן, דזשאָן האַווארד לאָוסאָן, אַלבערט מאַלטץ, סעמיועל אָרניטץ, הערבערט ביבערמאַן — אַט־דער פּראָצעס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל צו ווייטערדיקע רדיפות און פּראָצעסן קעגן „קאָמוניסטן״, שלום־קעמפער און פּראָגרעסיווע אינטעלעקטואַלן און אַרבעטער פירער, אויפן גרונט פון דעם פאַשיסטישן „סמיט־אַקט״ . . . „לאָיאַלטי״־שבועות״, „אונטער־זוכונגען״, „בלעקליסט״, שרעק און פאַרדאַכט, מוסרים און פּראָוואָקאַטאָרס, ועל כולם — דער געיעג אויף די פרעמד־געבוירענע — ס׳איז אָנגעקומען „די פינסטערע נאַכט פון שרעק״, ווי ס׳האָט טרעפלעך כאַראַקטעריזירט דער סופרים קאָורט ריכטער, וויליאַם אָ. דאָגלאָס . . . לאָס אנדזשעלעס איז אויך געווען די צווייטע שטאָט, נאָך ניו יאָרק, וואו ס׳איז סצענירט געוואָרן דער „סמיט־אַקט״ פּראָצעס קעגן די קאָמוניסטישע פירער, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען די אידן — שניידערמאַן, שטיינבערג, דאָראָטי הילי, ראָז טשערנין, בען דאַבס, פרענק קאַרלסאָן און פרענק ספּעקטאַר . . .

ווי געוויינלעך, האָט אויך די אידישע רעאַקציע נאָכגעטאַנצט אינם אַלגעמיינעם וואַקכאַנאַליע־קאַראַהאָד, אויפן אַלטן שניט: העצעס, רדיפות און חרם קעגן לינקע און פּראָגרעסיווע; באַזייטיקן אָרגאַניזאַציעס און יחידים פון „קאָמיוניטי״ אינסטיטוציעס און קערפּערשאַפטן . . . דער „אָרדן״ און זיינע שולן זיינען געווען די ערשטע אויפן חרם־צעטל. די „פיינע״, „דעמאָקראַטישע״ „דזשענטלמען״ פונם קאָמיוניטי קאָונסיל האָבן סצענירט קעגן „אָרדן״ אַ משפט, אויף דער קלאַגע, אַז ער איז ניט קיין אידישע אָרגאַניזאַציע — וועלכער האָט זיך געצויגן חדשים לאַנג; די „אינדעפּענדענט״ יוניאָן פון די אָפיס אָנגעשטעלטע, איז פאַריאָגט געוואָרן; די גבירה־קראַטיע אין דירעקטאָרן־ראָט פונם „סידערס אָף לעבאַנאָן״ שפּיטאָל האָבן אַרויסגעוואָרפן פיר פון די פּראָמינענטסטע דאָקטוירים, און נאָך אַזעלכע „פיינע״ מעשים . . .

נאָר — דאָס זיינען שוין צאַפּלדיקע געשעענישן פון אונדזערע טעג, און אונדזער „שפּאַציר״ איבער דער פאַרגאַנגענהייט פון ל. א., האָט זיך פאַרלענגערט, און דער לייענער איז שוין, זיכער, אויסגעמאַטערט. — שטעלן מיר זיך אָפּ . . . ס׳איז אַ פרייד צו פאַרצייכענען, אַז ס׳וועט ליכטיקער אויף דער וועלט, און אויך די שוואַרצע וואָלקנס אין אונדזער לאַנד הויבן אָן צו פאַרשווינדן . . . דער קאַמף פאַר שלום האָט געבראַכט רעזולטאַטן, און דער הערא‏אָישער ווידערשטאַנד קעגן דער היימישער רעאַקציע פאַרזיכערט די מפּלה פון „מעקאַרטיזם״ . . . די פּראָגרעסיווע כחות לעבן און ווירקן — די וועלט קומט אַרויס צו אַ ליכטיקער צוקונפט, און אונדזער אידישער ישוב וועט ווייטער מאַרשירן פאָראויס אויפן וועג פון פּראָגרעס.

שרה פעל יעלין

קאַליפאָרניע

„גיב מיר מענטשן,
וואָס זאָלן זיך מיט מיינע בערג פאַרגלייכן" —
ווי נאָבל עס קלינגט, אַ קאַליפאָרניע,
דו קינד פון זון און זאַמד!
גיב מיר גייסט, וואָס זאָל דורך לעבנס־מדבר
צום גרינעם פרילינג גרייכן;
גיב מיר אויסדויער פון פיאָנער,
וואָס האָט מיט הוילע הענט אין באַרג־שפּאַלט זיך אַ שליאַך געמאַכט;
גיב מיר טרוימער חוצפּהדיקן,
וואָס שפּרייזט אַריבער פּגר פון געפאַר און לאַכט . . .
גיב מיר גרויסן דור פון היינט,
וואָס מעסטן זאָל, מיט וואָג פון שוויים און קאַמף, זיין ווערט!

זון־לאַנד, חלום־לאַנד!
אַ, וויפל צויבער־מעשיות כ'האָב פון דיר געהערט,
ביז, כ'בין, ווי זוכער אַנדערע,
פון הינטער בערג צו דיר געקומען,
וויפל לויב־געזאַנגען
צו דיינע אַראַנדזש־גערטנער, ווינטער־רויזן, ציטרוס־בלומען . . .
כ'גיב צו, דיין גאָלדענער בראשית
איז שענסטער מאָנומענט דעם מוט פון מענטשן,
כ'גיב צו, דיין פעלקער־טעפּיך ספּעקטער־בונט איז ווערט צו בענטשן.

נאָר צום דיינקמאָל, וואָס דו האָסט,
מיט פּראַצעוואַטע הענט, זיך אויפגעשטעלט,
האָט שונא דיינע טויערן מיט שטעכעדיקן דראָט פאַרשטעלט!

שטוים־אָפּ די האַנט,
וואָס וויל פון טעפּיך דיינעם לעבעדיקע פעדים פּליקן!
טרייב־אָפּ דעם מין,
וואָס וויל מיט שטומע, ווערים־מענטשלעך דיך באַגליקן —
זון און וואַסער, מענטש און ערד —
נאָך מעכטיקער פון דיינע בערג איז דיין פאַרמעגן!
צו דיר, ווי ציל־פּונקט, ציען זיך די שליאַכן און די וועגן —
דו ביסט דער מערב־פּאָליוס, דער לאַקנדיקער מערב־שטערן . . .

וועסטו, מיין זונלאַנד, קול פון דור מיינעם דערהערן?!
עס וויינט דיין בלויער הימל פאַרשלייערטער אין טרויער טאָג נאָך טאָג
און דיינע עופ'עלעך, געבוירענע מיט בערג זיך מעסטן,
זויגן מיט דער מאַמעס מילך דעם גיפט פון „סמאָג".

אין בוידן-וועגענער, פון הונגער און פון דורשט געצערט,
איז ערשטלינג-דור צו דיר מיט פרייד געגאַנגען,
פון פלאַכן-רחבות האָבן מוטיקע
געבראַכט צו דיר זייערע בענקשאַפט-האָפנונג געזאַנגען,
געבראַכט מיט פולער האַנט
די זריעה פון געדאַנק, פון לייב, פון פעלד,
צו אָנהויבן אין מוטער-לייב פון וויסטעניש
פון זון און שווייס אַ וועלט . . .
דער גראָב-און-אַקער-אייזן, ניט דער שווערד
געזאָלט האָט ברידערן די ניי-געקומענע
מיט היימישע, פאַרוואָרצלטע פון דיין צעזונטער ערד . . .

לוסטיק האָט זיך אַ געמיש פון שפּראַך צעהילכט
איבער באַרג-שפּיץ און אָפּגרונט, איבער מדבר'שער ברייט —
מעקסיקאַנער, אינדיאַנער, נאַאיווע, גלויביקע ווי קינדער
האָבן פריידיקע באַגעגנט וואַנדערער פון וועיט;
זיי האָבן זיי, ווי פריינט, די סודות פון נאַטור פאַרטרויט,
און פּועבלאָס, מישאָנס, ראַנטשאָס רחבות'דיקע אויפגעבויט . . .
זיי האָבן גרונט-שטיינער פאַרלייגט
פאַר שטעט פון שטאָל און פון קאָנקריט,
און אונטער זייערע געניטע, שטאַרקע הענט
האָט מדבר-זאַמד ווי אַ גן-עדן זיך צעבליט . . .
טו פאַרוואָס, מיין זונלאַנד, יאָגסטו זיי פון גרעניצן ווי שונאים?
און פליאַמעס מיאוסע פון ברודער-האַס פאַרברודיקן דיין פּנים?!

אָ, קאַליפאָרניע, מיט הימלען בלויער נאָך ווי בלוי,
מיט זון אין יעדן קערן זאַמד,
מיר וועבן פעדים קרעפטיקע אין דיין פיל-פאַרביקן געוואַנט!
מיר, היינטצייטיקע, געוואַקסענע קינד-און-קינדס-קינדער
פון דיין געוואַגטן ערשטלינג דור,
פאַרגרייטן שוין פאַר דיר אַ נייעם, ליכטיקן קאַיאָר —
מיר וועלן דיינע פעלדזן-בערג מיט שוואַכקייט ניט פאַרשעמען:
מיר זיינען גרייט ! מיר זיינען דאָ . . . צו געבן און צו נעמען !
מיט דיינע שטיינערנע גיגאַנטן
מיר וועלן זיך פאַרגלייכן
און העכער, העכער איבער שוואַרצע כמאַרעס
צו זון און זוניקייט דערגרייכן!

ס. בוימאַן

בייטראג פון די יידישע יוניאָנס צו דעם יידישן ישוב אין לאס אנגעלעס

1

יונג איז דער יידישער ישוב אין קאַליפאָרניע, נאָך יינגער איז דער יידישער אַרבעטער, דאָס הייסט, דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער.

ווייל יידישע אַרבעטער — יידן, וואָס האָבן זיך פאַרדונגען פאַר א באַשטימטן לוין, זיינען געווען אין קאַליפאָרניע, מסתמא, זינט יידן האָבן זיך דאָרטן באַוויזן. נישט יעדער איז געקומען אָהער אַ פּאַרטיקער הענדלער, אָדער פאַבריקאַנט.

אָבער דער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער ווערט פונם אַרבעטער ליגט אין זיין עקאָנאָמישן כוח און איינפלוס — אין זיין אָרגאַניזאַציע. דעריבער רעדט זיך דאָ וועגן דעם אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער און זיין באַוועגונג.

לויט דער געשיכטלעכער אינפאָרמאַציע פון לאָס אַנדזשעלעסער „סענטראל לעיבאָר קאָונסיל”, האָט די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין קאַליפאָרניע זיך אָנגעהויבן מיט די דרוקער, נאָך אין יאָר 1851. די עלטסטע טרעידיוניאָן איז געווען דער סאַן פראַנציסקער לאָקאַל פון דער „אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן”. אַ גרופּע פון די דרוקער, וועלכע מען האָט דאַמאָלס גערופן „טרעמפּ־פּרינטערס”, האָבן אין מאַי פון 1851 איינגעוואַנדערט פון מאָנטערעי און סאַן לואיס אָביספּאָ קיין לאָס אַנדזשעלעס, און אָפּגעדרוקט די ערשטע צייטונג פון שטאָט, בעסער געזאָגט, פונם שטעטעלע, וואָס האָט דאַן פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 1600 מעקסיקאַנער און אינדיאַנער און 300 ווייסע. די צייטונג האָט געהייסן „לאָ עסטרעלאַ דע לאָס אַנגעלעס” — „דער שטערן פון לאָס אַנדזשעלעס”. די צייטונג איז געווען געדרוקט אין שפּאַניש און ענגליש.

אין 8 יאָר אַרום, אין 1859, האָבן 14 דרוקער געגרינדעט דעם לאָס אַנדזשעלעסער לאָקאַל נומער 44 פון דער „אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן”. דאָס איז די עלטסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון לאָס אַנדזשעלעס.

ס׳איז נישט באַקאַנט, און עס איז אַ גרויסער ספק, צי ס׳זיינען דאַן, מיט 105 יאָר צוריק, געווען יידישע דרוקער צווישן דעם לאָקאַל. נאָר, אויב מ׳זאָל רעכענען לויט דעם טיפּישן יידישן פאַך: שניידעריי, איז זייער מעגלעך, אַז אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער האָבן זיך באַוויזן אין קאַליפאָרניע אין 1900, מיט 55 יאָר צוריק. ווייל דאָס איז די צייט וועגן די געשיכטע דערציילט אונדז, אין אַ פּאָר שורות, וועגן 75 לאָס אַנדזשעלעסער שניידער און באַקליידונגס־אַרבעטער, וואָס האָבן געוואונען אַ סטרייק פאַר העכערע שכירות און יוניאָן־אָנערקענונג.

אין דער „איסט", אין ניו־יאָרק, האָבן מיר אַרום יענער צייט שוין געהאַט אַ שטאַרקע און גרויסע באַוועגונג פון יידישע נאָדל־אַרבעטער. אין 1909 איז פאָרגעקומען דער גרויסער גענעראַל־סטרייק פון 20 טויזנט וועיסטמאַכער, פון וועלכע 80 פּראָצענט זיינען געווען יידן; אין 1910 זיינען 60 טויזנט ניו־יאָרקער קלאָוקמאַכער, די גרעסטע מערהייט יידישע, אַרויס אין אַ גענעראַל־סטרייק; אין 1913 האָבן 40 טויזנט מענער־שניידער, מיט 80 פּראָצענט יידן, דורכגעפירט אַ גענעראַל־סטרייק.

ווען די יידישע אַרבעטער פון דער „איסט", פון די מזרח־שטאַטן פון לאַנד, זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט אין אַ גאַנצער רייע יידישע יוניאָנס, האָבן דורכגעפירט זיגרייכע קאַמפן, און געוואָרן אַן איינפלוסרייכער כוח אויף דער יידישער און אַלגעמיינער גאַס, געהאָלפן בויען די אַלגעמיינע טרעיד־יוניאָן און סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון לאַנד — דאמאָלס האָט קאַליפאָרניע נאָך נישט געהאַט קיין יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט, אַ לאָקאַלע טרעיד־יוניאָן, וועלכע זאָל באַשטיין פון בלויז יידן, אָדער פון אַ מערהייט יידישע מיטגלידער.

2

אין די יאָרן, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צווישן 1917 און 1925, האָבן פיל יידן עמיגרירט פון די מזרחדיקע און צענטראַלע שטאַטן פון לאַנד קיין קאַליפאָרניע. די גרעסטע צאָל פון זיי האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. אַ גרויסער פּראָצענט פון אָט־די פריש־אָנגעקומענע יידן זיינען געווען אַרבעטער, און פיל פון זיי מיטגלידער פון טרעיד־יוניאָנס מיט אַ געוויסער מאָס טעאָרעטישער און פּראַקטישער דערפאַרונג אין טרעיד־יוניאָניזם.

איז אָט אין דער צייט, זיינען אַנטשטאַנען יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין קאַליפאָרניע, בעסער געזאָגט, אין לאָס אַנדזשעלעס, וועלכע איז געווען, און איז נאָך איצט, די אינדוסטריעלסטע שטאָט פון קאַליפאָרניע.

די ערשטע, וואָס האָבן געגרינדעט אַ יידישע טרעיד־יוניאָן, זיינען געווען די קירזשנער — „קעפּמייקערס". דאָס איז געווען אין פרילינג פון 1917. זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן צו אַרבעטן 8 שעה אַ טאָג אַנשטאָט 9. זיי זיינען באַלד געוואָרן אַ טייל פון דער „אינטערנעשאָנאַל העט ענד קעפּמייקערס יוניאָן", אַלס לאָקאַל נומער 26.

אין סעפּטעמבער 1918 האָט דער לאָקאַל שוין דורכגעפירט אַ גענעראַל־סטרייק און געוואונען אַ 10 פּראָצענטיקע העכערונג אין שכירות. דער לאָקאַל האָט אויך געהאָלפן גרינדן דעם „מילינערי לאָקאַל 48". דאָס איז שוין געווען אין 1924.

די יידישע דרעסמאַכער און קלאָוקמאַכער האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין 1919, און האָבן אין פאַרלויף פון די קומענדיקע 7־6 יאָר, דורכגעמאַכט אַ רייע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען, מערסטע פון זיי — צוליב דעם אויפגעקומענעם אינערלעכן קאַמף צווישן די „רעכטע" און „לינקע" אין דער „אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן".

די מענער־שניידער האָבן געגרינדעט זייער לאָס אַנדזשעלעסער „אַמאַל־גאַמעיטעד" לאָקאל אין 1921. די פאָריער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין 1919, און זיך רעאָרגאַניזירט אין 1928.

אין 1923 האָבן די יידישע בעקער־אַרבעטער פון לאָס אַנדזשעלעס געגרינדעט זייער לאָקאל יוניאָן 453. אין דעמזעלבן יאָר האָבן זיך געגרינדעט דער יידישער קאַרפּענטערס לאָקאל 1976, און דער יידישער פּעינטערס לאָקאל 1348.

אין 1928 האָט זיך אָנגעהויבן די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן ביי פאַרשיידענע סאָרטן הויז־מעבל: הילצערנע, מעטאַלענע און טאַפּעצירטע (אָפּהאָלסטערד). די מערסטע אַרבעטער פון אָט־דעם פאַך זיינען נישט געווען קיין יידן. אָבער אין דער אָרגאַניזירונג פון אָט־דעם פּאַרלאָזנעם און שלעכט־באַצאָלטן פאַך, האָבן די יידישע מיטגלידער, ספּעציעל ווען ס'האָט זיך געגריינדעט די „סי־איי־אָ", גענומען אַ פירנדיקן אנטייל.

אויך צווישן די אינטעלעקטועלע אַרבעטער אין דער פילם־אינדוסטריע האָט זיך אָנגעהויבן אַ יוניאָן־באַוועגונג. זיי זיינען געקומען גאָר שפּעט: אין 1933, אין די יאָרן פון גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס. די באַלעבאַטים האָבן דאַן געוואָלט שניידן אויף אַ העלפט די שכירות פון די סצענאַריאָ־שרייבער. אַ העלפט פון די 250 שרייבער, וואָס האָבן דאַן געגרינדעט די „סקרין־ראַיטערס גילד", זיינען געווען יידן.

אין די אַלע אויבן־דערמאָנטע פאַכן און אינדוסטריעס איז די אָרגאַניזאַציע און גרינדונג פון אַ טרעיד־יוניאָן געקומען, סיי צוליב די געוויינלעכע מאָטיוון צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, סיי, צוליב ספּעציפישע סיבות: 1) די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ באַזונדערן יידישן לאָקאל. דאָס איז געווען דער פאַל מיט די יידישע קאַרפּענטערס, פּעינטערס און בעקערס, וועלכע זיינען געווען, דורכשניטלעך, מער קלאַסן־באַוואוסטזיניק, מיט מער דערפאַרונג אין טרעיד־יוניאָן אַרבעט. 2) צוליב די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין זייער פאַך, און 3) צוליב דער שפּראַך, איז דאַן געווען בעסער פאַר זיי, און אויך פאַרן פאַך, זיי זאָלן זיין צוזאַמען אין אַ יידישן לאָקאל, וואו די מיטינגען און פּראָטאָקאָלן זיינען געפירט געוואָרן אין יידיש.

אָט־די באַדינגונגען זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן, צוליבן וואוקס פון דער קאַליפאָרניער באַפעלקערונג, און צוליב אַ גאַנצער רייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענדערונגען אינם לעבן פון די יידישע און נישט־יידישע איינוואוינער פון שטאָט. דער קאַרפּענטערס לאָקאל 1976 און דער פּעינטערס לאָקאל 1348 זיינען מער נישט קיין יידישע אָרגאַניזאַציעס, כאָטש די מיטגלידערשאַפט באַשטייט פון אַרום אַ העלפט יידן. דער איינציקער יידישער טרעיד־יוניאָן לאָקאל, וואָס פירט זיך נאָך אויף יידיש, איז דער בעקער לאָקאל 453, און דאָס איז טאַקע צוליב דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון זייער פאַך: יידישע געבעקס.

3

ווען מ'רעדט וועגן דער טעטיקייט און דעם איינפלוס פון דער קאַליפאָרניער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט פאַר די לעצטע 37 יאָר,

דאַרף מען אינזינען האָבן צוויי זאַכן: ערשטנס, די דאַמאָלטיקע אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון קאַליפאָרניע און די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אַר־בעטער; צווייטנס, דער דעמאָלטיקער צושטאַנד פון דער אַלגעמיינער אָרגאַני־זירטער אַרבעטערשאַפט.

קאַליפאָרניע איז איינער פון די יינגסטע שטאַטן פון לאַנד. זיין אינדוסטריע האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זייער שפּעט. דעם שטאַרקסטן אינדוסט־ריעלן שטויס האָט ער באַקומען אין פאַרלויף פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1940־1945. די איינוואַנדערונג קיין קאַליפאָרניע איז דורך יענע יאָרן ריזיק געשטיגן.

צוליב דעם האָט זיך, נאַטירלעך, די אָרגאַניזאַציע פון דער קאַליפאָרניער אַרבעטערשאַפט אויך אָנגעהויבן שפּעט. דאָס קען אַמבעסטן אילוסטרירט ווערן מיטן פאָלגנדיקן פאַרגלייך: בעת דער ערשטער, נישט־פאַרצייכנטער, סטרייק אין אמעריקע, איז פאָרגעקומען אין 1791, פון די פילאַדעלפיער קאַרפּענטערס, און דער ערשטער, פאַרצייכנטער, סטרייק איז געווען אין 1799, פון די פילאַ־דעלפיער שוסטערס, איז דער ערשטער סטרייק אין קאַליפאָרניע פאָרגעקומען, אין סאַן פראַנציסקאָ ערשט אין יאָר 1869, געפירט פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהייסן: „די ריטער פון הייליקן קריספּין". דער ערשטער סטרייק אין לאָס אַנדזשעלעס איז פאָרגעקומען אין 1881, פון די פלאַסטערערס. די פּעינ־טערס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין 1882, און די קאַרפּענטערס — אין 1884.

ביז 1933, ווען פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט איז געוואָרן פּרעזידענט, איז קאַליפאָרניע געווען פאַררעכנט אַלס דער „אָפּן־שאָפּ סטעיט". דאָס האָט גע־מיינט פרייהייט פאַר די באַלעבאַטים צו דינגען וועמען זיי ווילן, פאַר וויפיל זיי ווילן; פריי פון יוניאָנס, פריי פון אָרגאַניזאַציע.

די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען טאַקע דאַן געווען זייער שלעכטע. דער טעראָר פון די באָסישע, געדונגענע „שטאַרקע", און דער פּאָליטישער טעראָר, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אינם טרויעריק־באַרימטן „קרימינעל סינ־דיקאַליזם" געזעץ, זיינען געווען שוידערלעך.

די יידישע אַרבעטער האָבן פון אָט־דעם טעראָר פיל געליטן. דער ספּעצ־ציעל־באַשטימטער „רויטער סקוואָד", אָנגעפירט פון פּאָליציי־קאַפּיטאַן האַינס, האָט אין די יאָרן 1929־33 געמאַכט אָפטע איבערפאַלן אין באָיל־הייטס, אין יידישן געגנט פון לאָס אַנדזשעלעס. זיין „סקוואָד" פלעגט זיך אַריינרייסן באַ־וואָפנט אין יידישן „קאָאָפּעראַטיוון צענטער", צעמזיקן און אַרעסטירן טוער און פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. קאַפּיטאַן האַינס האָט גע־אַרבעט האַנט־אין־האַנט מיט דער „מוירטשענס און מענופעקטשורערס אַסס'ן" (סוחרים און פאַבריקאַנטן פאַרבאַנד). ער פלעגט זיי געבן עצות, ווי צו ברעכן סטרייקס, און ער פלעגט אַריינשיקן שפּיאָנען אין די טרעיד־יוניאָנס.

אָבער דער באָסישער טעראָר האָט נישט געקענט אָפּשטעלן די אַנטוויק־לונג און דעם וואוקס פון די טרעיד־יוניאָנס אין קאַליפאָרניע. און אין אָט־דער אַנטוויקלונג האָבן די יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער גענומען אַ וויכטיקן אַנטייל.

פונם יאָר 1919, ווען נאָדל־אַרבעטער, צום ביישפּיל, האָבן געאַרבעט 9 שעה אַ טאָג, שבת — ביז דריי בייטאָג, פאַר אַ לוין פון 10 ־ 9 דאָלער אַ וואָך, ביז די באַדינגונגען פון 1942־1945, ווען די נאָדל־אַרבעטער פון לאָס אַנדזשעלעס זיינען געווען אונטער אַ פּראָגרעסיווער פירערשאַפט — אין אַט־די 26 יאָר האָט די קאַליפאָרניער אַרבעטערשאַפט דורכגעמאַכט אַ וועג פון כסדרדיקן קאַמף און פאַרצייכנט כסדרדיקע פאַרבעסערונגען פון די אַרבעטס־באַדינגונגען.

דריי וויכטיקע געשעענישן האָבן געהאָלפן דער קאַליפאָרניער אַרבעטערשאַפט זיך אַנטוויקלען שנעל און ראַשיק, און דערגרייכן אַ ריזיקן וואוקס: 1) פּרעזידענט רוזוועלטס „נייער דיל", מיט די נייע אַרבעטס־געזעצן, וואָס האָבן געגעבן אַמעריקע אַ לעגאַליזירטן מינימום־לוין, אַ לעגאַליזירטע 40־שעהדיקע אַרבעטס־וואָך און אַ באַשטימטע מאָס פון אַרבעטסלאָזיקייט־ און עלטער־פאַרזיכערונג. 2) די גרינדונג פונם „סי־אײ־אָ", און 3) די מלחמה־באַשטעלונגען, בעת קאַליפאָרניע איז געוואָרן פון די וויכטיקסטע וואָפן־אַרסענאַלס, דער עיקר — אַוויאַציע און שיף־בוי, וועלכע האָבן באַשעפטיקט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער.

די יידישע אַרבעטערשאַפט, ספּעציעל איר פּראָגרעסיווער טייל, האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן די נישט־אָרגאַניזירטע, אַריינדרינגען אין אַלץ מער און מער פאַכן און אינדוסטריעס.

זינט 1930 האָבן די קאַליפאָרניער טרעיד־יוניאָנס צוגעקראָגן אַ מיליאָן נייע מיטגלידער. לויט די לעצטע אָפיציעלע ציפערן ציילט איצט די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט פון קאַליפאָרניע אַרום אַ מיליאָן מיט דריי־פערטל מיטגלידעד.

די בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, וועלכע זיינען אויסגעקעמפט געוואָרן דורך דער פּראָגרעסיווער פירערשאַפט פונם „סי־אײ־אָ", און דורך דער הילף און מיטווירקונג פון די פּראָגרעסיווע אין אַ צאָל „א. פ. אף ל." יוניאָנס, דער עיקר — אין דער נאָדל־אינדוסטריע, האָבן כסדר געהעכערט די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער.

דאָס איז די ממשותדיקע ביישטייערונג פונם איינפלוס און כוח פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט פון קאַליפאָרניע.

אויך אין דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן האָט זיך געפילט דער איינפלוס פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. יידישע טרעיד־יוניאָנס האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט און געהאָלפן בויען פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס. דער עיקר, דעם סאַניטאַריום פאַר טובערקולאָזע און קענסער־קראַנקע אין דואַרטע, דעם „מאַונט סאַינאַי" שפּיטאָל אין לאָס אַנדזשעלעס, און כמעט אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס.

וועגן דעם גרויסן בייטראָג פון די יידישע אַרבעטער צום קאַמף צו געווינען די מלחמה קעגן דעם נאַציזם און פאַשיזם — איז אָפּגערעדט. יידישע יוניאָנס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין אַזעלכע אַקציעס, ווי „ראַשן

וואָר־רעליף״, פאַרקויפן מלחמה־באָנדס, בלוט־ביישטייערונגען און ענלעכע קאַמפּאַניעס.

4

די יידישע קאַליפאָרניע היינט, אין 1955, איז וויט נישט דיזעלבע, וואָס זי איז געווען מיט אַרום 40 יאָר צוריק — נישט אין דער צאָל, נישט אין איר סאָציאַלן באַשטאַנד. אין 1917 זיינען געווען קאַרגע 64 טויזנט יידן אין גאַנץ קאַליפאָרניע. אין לאָס אַנדזשעלעס — אַרום 30 טויזנט. איצט געפינען זיך בלויז אין לאָס אַנדזשעלעס און אומגעגנט העכער 350 טויזנט יידן.

אַז די מערהייט פון זיי איז נישט קיין לוין־אַרבעטער, איז נישט קיין נייעס. דיזעלבע סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר ביי די יידן איבערן גאַנצן לאַנד, קומען אויך פאָר אין קאַליפאָרניע.

מיר געפינען אויס, אַז דער פּראָצענט יידישע לוין־אַרבעטער אין קאַ־ליפאָרניע איז נישט קיין קלענערער ווי אין אַזעלכע שטאַטן ווי ניו־יאָרק און אילינאָי. דאָס באַשטעטיקט דער צענזוס, וואָס דער יידישער קאָמיוניטי קאָונסיל פון לאָס אַנדזשעלעס האָט דורכגעפירט אין 1950.

דער צענזוס האָט נישט קיין „רובריק״ פון לוין־אַרבעטער, אוודאי נישט — פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אָבער פון זיינע ציפערן וועגן יידישע פּרנסות קען מען קריגן אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן דער צאָל יידישע לוין־אַרבעטער אין לאָס אַנדזשעלעס און אומגעגנט.

דער צענזוס ווייזט, אַז קאַרגע 36 פּראָצענט יידן פאַרנעמט זיך מיט הורטאָוונעם און איינצל־האַנדל; איבער 21 פּראָצענט זיינען באַשעפטיקט אין פאַבריקן („מענופעקטשורינג״); איבער איין און אַ האַלב פּראָצענט — אין טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע; איבער 12 פּראָצענט זיינען פּראָפעסיאָ־נאַלן, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות מיט פּראָפעסיאָנאַלן, ווי דאָקטוירים, לאָיערס, דענטיסטן, נוירסעס, און אָנגעשטעלטע אין שפּיטאָלן און ביי פּראָפע־סיאָנאַלן; איבער 8 פּראָצענט זיינען באַשעפטיקט אין דער בוי־אינדוסטריע; איבער 7 פּראָצענט — אין „פינאַנץ״ און „ריעל־עסטעיט״; איבער 5 פּראָצענט — אין „פּוירסאָנעל סורוויסעס״, ד.ה. די, וואָס פאַרדינגען זיך צו אַרבעטן אין הייזער („דאָמעסטיק״), קעלנערס און באַרבערס; קאַרגע צוויי און אַ האַלב פּראָצענט — אויפן געביט פון פאַרוויילונג; איבער דריי פּראָצענט זיינען רע־גירונגס־אָנגעשטעלטע; קאַרגע 2 פּראָצענט לעבן פון פאַרריכטן פאַרשיידענע זאַכן, און איבער אַ האַלבן פּראָצענט, פאַרנעמען זיך מיט אַגריקולטור.

די ציפערן מיינען, אַז עטוואָס מער ווי אַ דריטל פון די יידן אין לאָס אַנדזשעלעס און אומגעגנט, לעבן פון קויפן און פאַרקויפן. אָבער צווישן זיי זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל האַנדלס־אָנגעשטעלטע (קלוירקס), וועלכע זיינען לוין־אַרבעטער.

נאָך אַ גרעסערער פּראָצענט יידישע לוין־אַרבעטער געפינט זיך צווישן די, וואָס געהערן צו דער קאַטעגאָריע ״מענופעקטשורינג״. דאָ האָבן מיר די

יידישע אַרבעטער אין די נאָדל־, לעדער־, מעבל־פאַכן און אַנדערע, וואָס אַרבעטן אין פאַבריקן.

אין די 8 פּראָצענט פון דער בוי־אינדוסטריע זיינען פאַראַן די יידישע סטאָליאַרעס, פּעינטערס, פּלאָמבערס, פּלאַסטערערס און בלעכערס.

פאַר די לעצטע 15 ־ 10 יאָר זיינען אין קאַליפאָרניע צוגעקומען אַ צאָל נייע פאַכן ביי יידן. ניי, ווייל יידן זיינען אין אַט־די פאַכן פריער געווען זייער וויניק, אָדער אינגאַנצן ניט. דאָס זיינען: אָטאָמאָביל־מעכאַניקער; „טראָק"־ און טעקסי־טרייבערס; אָנגעשטעלטע ביי געזאָלין סטאַנציעס; ראַדיאָ־טעכני־קער, און אַרבעטער אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער כעמישער אינדוסטריע, אין וועלכער ס׳גייען אַריין זייער אַ גרויסע צאָל יידישע פאַרמאַצעווטן. עס זיינען שוין אפילו פאַראַן יידן אין דער לאָנגשאָרמען און אין אַנדערע מאַרין־אַרבעטער יוניאָנס.

די גרעסטע מערהייט פון אַט־די יידישע לוין־אַרבעטער זיינען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע. פיל פון זיי — אין קאַליפאָרניע. דער אמיגראַנטישער טיפּ איז דאָ אין דער מינדערהייט.

אַט די מערהייט רעדט נישט קיין יידיש; זי רעדט און דענקט אין ענגליש. זי האָט נישט דעם הינטערגרונט פון קלאַסן־קאַמף און טרעיד־יוניאָניזם, ווי עס האָט געהאַט, מער אָדער ווייניקער, דער דורכשניטלעכער יידישער אַר־בעטער, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע פון דער „אַלטער היים".

אָבער, פיל פון די אַמעריקאַנער־געבוירענע יידישע אַרבעטער האָבן גע׳ירשנ׳ט, דירעקט אָדער אומדירעקט, דעם איינפלוס פון דעם אימיגראַנטישן, יידישן אַרבעטער. פיל פון זיי געדענקען די סטרייקס, און די קאַמפן פון זיי־ערע טאַטעס און זיידעס.

אַט־דער איינפלוס האָט ביי פיל פון זיי געלאָזן אַ צייכן: סימפּאַטיע פאַרן אַרבעטער קלאַס; דאָס געפיל און פאַרשטענדעניש צו זיין אָרגאַניזירט אין אַ טרעיד־יוניאַן; פאַר דער נויטיקייט פונם אַרבעטער־קלאַס צו זיין פּאָראייניקט; פאַר דער נויטיקייט פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, און פאַר שלום איבער דער וועלט.

* * *

אַט־אין־דעם ליגט די גרויסע ביישטייערונג פונם יידישן אַרבעטער צום יובל פון הונדערט יאָר יידיש לעבן אין קאַליפאָרניע, ווי אַ טייל פון די פייערונגען פון דריי הונדערט יאָר יידיש לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

שמואל דן

אויבס אויף קאַליפאָרניער וועגן

לאַנגע רייען פּאַלמען שאַטנדיקע,
הויך און דין, ווי שלאַנקע פּאַראַסאָלן,
אַרומגערינגלטע מיט לויכטנדיקע פעלזן-בערג
און בראשיתדיקע טאָלן;
און אויפגעטויכטע, אויסגעלויטערטע,
ווי נאָך אַ פרישן זומערדיקן רעגן
ליגט דאָס אויבס, מיט גאָרטן-גרינס,
איבער ברייטע קאַליפאָרניער וועגן;
און צווישן זיי — דער לאַנג-דערוואַרטעטער —
איך, דער אָנגעקומענער אַנטקעגן.

לאַנד פון זון באַזוימטן, זינגענדיקן זומער!
ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך בין דאָ געבוירן,
אַז איך האָב דאָ מיין לאַסט פאַרלוירן.
און גוט איז מיר אין טעג אַזעלכע,
ווען ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך בין דאָ געבוירן . . .

שווערע שטאַנגען שוואַרצע, גרינע טרויבן,
אויף מיילן-לאַנגע, הילצערנע געשטעלן:
קאַרשן זאַפטיקע, פון טוי געוואַשענע,
צעשאָטענע ווי גרויסע רויטע קרעלין.
פּערסימאָנס, געל-גרין ווי בורשטין,
איינגעליולעטע אין ווייכן זומערדיקן ווינט;
טונאַ, די צאַרטע פרוכט פון קאַקטוס בלאַט,
זיס און מילד, ווי דער אָטעם פון אַ קינד;
מילגרוימען, רויט און יאָדעריק,
אויפגעפּלאַצט פון זעטקייט און קראַפט;
קאַוועגעס צעשפּאָלטענע, זיס און טערפּקע,
וואָס שמעקן מיט ערד און זומער-זאַפט;
ניי-געבוירענע קאַרטאָפל,
מיט חנ'עוודיקע בראָדעווקעס, ברוין-הויטיקע,
וואָס שמייכלען, שעמעוודיק און שעלמיש,
פון העמדעלעך צעריסענע, האַלב-קויטיקע;
לאַנגע, געלע מערן, רויטע רעטעכלעך,
מיט בלעטער-בעזימלעך פון אונטן,
אויסגעכאַליעטע, אויפגעוועקטע,
אויפגעקומענע פון פעטע, שוואַרצע גרונטן.

לאַנד פון זון באַזוימטן זינגענדיקן זומער!
ווי פאַרביק ליגט דאָס אויבס מיט גאָרטן־גרינס
אויף קאַליפאָרניער וועגן
און צווישן זיי, דער לאַנג־דערוואַרטעטער —
איך, דער אָנגעקומענער אַנטקעגן.

און ווי ס'הוידן זיך, מיט פרייד־געשאַל, אין אורוואַלד,
מאַלפּעס אויף די צווייגן —
זינגען, שאַלן מיינע אברים,
הוידען זיך די אָרעמס מיינע, ציען זיך און שטייגן
צו די הויכע, דינע טעלעגראַפן־דראָטן,
כאַטש נעם און קריך אַרויף דער זון אַנטקעגן.
און צי די סטרונעס פון דער ליכטיקער גיטאַרע
און זינג דאָס ליד פון אויבס אויף די וועגן.

ברוינע, מעקסיקאַנער, מיט שטרויענע סאָמברעראָס,
אויף שוואַרץ־געלאַקטע קעפּ, באַקרוינטע —
איבער זומערדיקע וועגן,
מיט שמייכלדיקע קערפּערס, פון דער זון פאַרברוינטע,
רוען אונטער בוימער, און וואַרטן אומגעדולדיק
אויף דער רייפער צייט פון זאַמלען
און לידער וועגן נאָענטע, אין די ווייטע היימען,
זינגען זיי מיט בענקענדיקע שטאַמלען.

און איבער די צעריסענע סאָמבעראָס,
מאַראַנצן אויפגעלויכטענע, ווי כינעזישע לאַמטערנעלעך,
ציטערן און גלאַנצן
אויף די צווייגן. ניט לאַמטערנעלעך,
נאָר רויט־און־גרין־געפלעקטע פּאָמעראַנצן;
פלוימען, אויסגעחלומטע אין זומערדיקע שעהן —
הענגען בלויע טרוימען.
ניט קיין טרוימען אויסגעחלומטע,
נאָר פּורפּור־בלויע, רייפע, פולע פלוימען.
טונקל גרינע אַוואָקאַדאָס,
אויסגעצירט מיט ברייטע בלעטער־קראַנצן —
און אַלע וואַרטן, בענקענדיק נאָך מיר,
זייער זומערדיקן חלום צו דערגאַנצן.

און אַלע וואַרטן אויף הונגעריקע וואַנדערער,
זיי זאָלן קומען רייסן, שלינגען;
און אַלע וואַרטן, אומגעדולדיקע אויף מיר, —
דעם שטאַמלדיקן טרובאַדור.
מיט נייגער בענקען זיי נאָך מיין יעדן טראַט,
נאָך מיין יעדן שפּור,
אַז איך זאָל קומען זיי אַנטקעגן,
מיט מיין פרייד צעשויבערטער, און זיי באַזינגען.

איבער מיין קאָפּ — מיין האַרץ אין דער הויך,
ווי אַ ווייסע, צעריסענע פאָן.
און איבער מיין פאָן — אַ הימל,
אונדזער ליכטיק־בלויע טרייסט פון אייביק אָן.
אַרום מיר — אַ לויכטנדיקע וועלט אַזאַ
איז מיט אונדז פאַראַנען.
און אויף הארטן אספאַלט,
אונטער מיינע פריידיק־שפּרייזנדיקע שפּאַנען,
זינגען מיינע אָפענע זוילן
דאָס ליד פון אויבם אויף מיינע שאָסייען.

אָ, מיינע שאָסייען!
ווי ס'ווילט זיך מיר אַנידערלייגן,
און מיין פריידיק שטיקל האַרץ פאַרזייען . . .
און אויפגיין זאָלן טעג
פאַר די לאַנג־באַגערטע, בענקענדיקע אויגן,
איבער שטעט פאַרמאַכטע, איבער אַלע גאַסן פון דער וועלט,
פאַרביק ווי אַ זומערדיקער רעגנבויגן —
טעג אַזעלכע אונדז אַנטקעגן,
מיט אויבם אויף די וועגן.

יצחק אפרת

מ י י ן   ד אַ נ ק

(קלמן מרמר'ן)

פון מעטאַלן די גיסער, ביי אויוונס צעגליטע;
דעם קנעטער פון אייזן — דעם שמיד;
דעם פריילעכן פאַסטוך, פון סטאַדעס דער היטער —
מיין דאַנקבאַר ליד.

די מוליער, וואָס לייגן די ליים און די ציגל;
די בויער פון הייזער, מיט הענט נאָר באַשיצט;
די מייסטער פון מעבל און קינדערשן וויגל —
באַדאַנק איך דאָ איצט.

די זייער, די שניטער, וואָס גאַרבן די זאַנגען;
די פישער ביים פאַנג;
די זינגער, די שפּילער, די שאַפער פון קלאַנגען —
פאַר זיי מיין געזאַנג.

די פירער פון שיפן אין ים'ען, וואָס קווען
מיט אומרו, מיט שטורעם, אין טונקל פון נאַכט;
פאַר די גרעבער אין שאַכטן, וואָס לייגן טונעלן —
דאָס ליד כ'האָב פאַרטראַכט.

די פאָרשער פון הויכן — דעם גאַנג פון די שטערן,
פון זונען דאָס ליכט און דעם גלי,
אַז הימל, ווי ערד, זאָל דעם מענטשן געהערן —
מיין האַרציקסטע ליד.

מיין טרייסטע באַגריסונג באַלאַנגט אָבער יענע —
צו זיי מיין אויפריכטיקע בענטשונג —
די קעמפער, די פירער, די גייסטער די שיינע,
וואָס העלפן דער מענטשהייט.

כאַווער־פּאַווער

א יידישער פּארמער אין קאַליפאָרניע

אַרום צען איניקלעך, צווישן דריי און צען יאָר אַלט, האָבן זיך געלאָזט מיט גרויס שמחה לויפן אַנטקעגן זייער זיידן. נאָך זיי זיינען נאָכגעלאָפן, אויך מיט גרויס שמחה, פיר הינט גרויס ווי די קעלבער. אַלע האָבן זיך געוואָרפן מיט פריידיקע קוויטשערייען אויפן פינף־און־זיבעציק יאָריקן ל. מעטלינען. און דער פינף און זיבעציק יאָריקער ל. מעטלין, מיטלוואוקסיק, ברייט־פּלייציק, מיט שווארצע אויגן, וואו ס'האָבן נאָך געטליעט שטיקער פייער, מיט אַ געדיכטער קודלע גרויע האָר, מיט אַ פאַרברוינט פּנים, ווי ביי אַ ציגיינער, אַרומגערינגלט פון זיינע צען אייניקלעך און פיר גרויסע הינט, האָט איינעם אַ גלעט געטאָן איבער אַ באַק, אַ צווייטן אַ קוש געטאָן אין שטערן; אַ דריטן, גענומען אויף די הענט; אַ פערטן, פון די עלטערע, ליבלעך אַ שטורכע געטאָן אין אַ זייט און גוטמוטיק זיך געבייזערט אויף די הינט, וואָס האָבן נאָר געוואָלט אַרויפשפּרינגען אויף אים.

דאָס האָט מיך ל. מעטלין געבראַכט אָנקוקן זיין פאַרם, דאָס פּלאַץ וואָס ער האָט געקויפט מיט פיר און פערציק יאָר צוריק, און ס'האָט זיך צע־וואַקסן אין אַ היפּשער פאַרמעגלעכער נחלה. דאָס הויז האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט אויפגעשטעלט. פריער איז דאָס באַשטאַנען פון צוויי צימערן. אַז ס'איז צוגעקומען נאָך אַ קינד, און ס'זיינען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר אַקער ערד, האָט ער צוגעבויט נאָך אַ צימער, מיט אַ געביידע פאַר די פאַרם־פּראָדוקטן און מכשירים.

ער האָט מיך געפירט פון געביידע צו געביידע, פון צימער צו צימער, און איך האָב גלייך באַמערקט אַז אין דעמדאָזיקן הויז פאַרנעמען אויך זאַכן פון קולטור אַ חשוב'ן פּלאַץ. אַחוץ ביכער און זשורנאַלן פון אַגריקולטור, פאַרמאָגט ער אויך אַ סך ביכער פון דער שיינער ליטעראַטור אין יידיש, ענגליש און רוסיש.

אָבער ניט מיר צו ווייזן דאָס פאַרם־הויז מיט די געביידעס, האָט ער מיך געבראַכט פון לאָס אַנדזשעלעס. דאָ איז בלויז געווען אַן אָפּשטעל אויף אַ ווייל. וואָס ער האָט מיר געוואָלט ווייזן איז דאָס מייסטער־ווערק פון זיינע צוויי און פערציק יאָר פאַרמערשער מי. האָבן מיר זיך ווידער געזעצט אין זיין אויטאָמאָביל און זיך געלאָזט אויף אַ וועג, וואָס פירט צווישן פעלדער און ציטרוס וועלדלעך. זי איז זייער פרוכטבאַר, די קאַליפאָרניער ערד אַרום אָנטאַריע. זי שמעקט מיט זון, מיט תבואה, מיט פרוכט און מיט מענטשלעכן שוויס. זי שמעקט אויך מיטן הייסן, טרוקענעם אָטעם פון דעם מדבר (וואָס האַלט אין איין אָטעמען אויף דער דאָזיקער ערד), און ווען ניט די פאַרמער מיט זייער שטענדיקער וואַכזאַמקייט און מי, וואָלט אַלץ פאַרברענט געוואָרן, און ס'וואָלט געוואָרן גרוי ווי דער מדבר אַליין.

מיר זיינען געפאָרן דורך וועלדער פון תבואה, און גערטנער פון אַלער־ליי גרינסן, און וועלדלעך פון אַלערליי פרוכטן, און אַרום און אַרום האָבן

זיך געצויגן בערגלעך, און איבער די בערגלעך האָט זיך געשפּרייט אַ בלויער הימל, און פון דעם אָנקומענדיקן פאַרנאַכט האָט געצויגן אַ שמעקנ־דיקע קילקייט פון אַרבוזן, דיניעס, מאַראַנצן, אוגערקעס און פערשקעס. און פּלוצלונג האָט אַ יאַג געטאָן אין די נאָז־לעכער אַן אַנדערע שמעקנ־דיקייט פול מיט די דינסטע און ראַפינירטסטע דופטן. איך האָב נאָך ניט געוואוסט פון וואַנען זי קומט, אָבער באַלד זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין אַ שמאָלן וועגן צווישן פעלדער און פּלוצלונג האָבן מיינע אויגן דערזען אַ ריזיקן טעפּיך, די גרויס פון גאַנצע זעכציק אַקער, און דער טעפּיך איז אויסגעוועבט פון רויטע, ראָזעווע, גאָלדענע, בלויע, העל־ברוינע, און כל־ערליי שאַטירונגען פון קאָלירן.

דאָס האָט גענומען מעטלין, אַ ייד פון יעקאַטערינאָסלאַוו, און פאַר־פלאַנצט אין דרום קאַליפאָרניע אַ פעלד פון זעכציק אַקער בלויז מיט רויזן, און ס׳ציט זיך דאָס פעלד אַזש ביז דעם האָריזאָנט, מיט די פאַרשיידנסטע און פאַרביקסטע קאָלירן. אינמיטן די זון־און־מדבר פאַרברוינטע פעלדער, עפּעס ווי אַ פאַנטאַסטיש מעשהלע, עפּעס ווי אַ זאַך וואָס מען זעט בלויז אין חלום.

די גאָלדענע שטראַלן פון דער אָפּגייענדיקער זון, האָבן געמאַכט די הונדערטער טויזנטער בלומען מיניען און שימערירן מיט פרייד און מיט יום־טוב. אין מזרח׳דיקן האָריזאָנט איז שוין געווען האַלב פינצטער. די לופט האָט געשמעקט מיט קילקייט און פייכטקייט, און מיט די ריחות פון די פעלדער און גערטנער געמישט מיט די דינסטע און ראַפינירטסטע דופטן, פון די הונדערטער טויזנטער רויזן. און לעבן מיר איז געשטאַנען דער באַ־שאַפער פון אָט דעם אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן מייסטערווערק, פון דער גרויסער סימפאָניע אין קאָלירן. ל. מעטלין, דער יידישער פאַרמער, וואָס איז גע־קומען מיט אַן אַכט און פערציק יאָר צוריק קיין לאָס אַנדזשעלעס, אַ חולה מסוכן אויף די לונגען, וועמען די דאָקטוירים האָבן געגעבן בלויז צוויי אָדער דריי יאָר צו לעבן — שטייט פאַר מיר און שמייכלט דער פינף און זיבעציקער, קודלעוואַטער, מזרח־אויגיקער, ברוין־הויטיקער, מיטלוואוקסיקער ברייט־פלייציקער, וואָס האָט זיך גערנגלט מיטן מלאך פון טויט און אים בייגע־קומען, און געמאַכט לעבן מיליאָנען פלאַנצונגען, גרינסן,ביימער און בלומען.

צוריקצואוועגס האָט ער געזונגען לידער, און דאָס קול זיינס איז נאָך געווען מיט שטיקער קלינגעוודיקייט. רוסישע לידער האָט ער געזונגען. די לידער וואָס ער האָט נאָך געזונגען אין זיין געבוירן־שטאָט יעקאַטע־רינאָסלאַוו. דער איין און איינציקער געבליבן לעבן פון אַ משפחה פון צוועלף קינדער. אַלע אויסגעשטאָרבן—ווער אין דער קינדהייט, ווער אין דער יוגנט. זיין מאַמע, ווען ל. מעטלין איז אַלט געווען עלף יאָר, איז אויך גע־שטאָרבן. אַ משפחה וואו דער טויט איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין זייער הויז כמעט אַלע יאָר . . .

* * *

שפּעטער מיט דריי יאָר, האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט ל. מעטלין. שוין אַן אַכט און זיבעציקער. כמעט גאָרניט זיך געענדערט. די מזרח־אויגן זיינע ברענען נאָך ערגעץ מיט דעם פייער פון אַמאָל. איך האָב זיך מיט אים

געטראָפן, ווייל היינטיקס יאָר, דאָס הייסט 1954, פייערט מען 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע, און הונדערט יאָר יידישער ישוב און קאַליפאָר־ניע. און דער אַכט און זיבעציקער ל. מעטלין, איז דאָך דער פּרוכטבאַרסטער, דער געבענטשסטער פּאָרשטייער פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט יידישן ישוב אין קאַליפאָרניע. זאָל ער דערציילן וועגן זיינע דערפאַרונגען, אי־בערלעבונגען, אויפטואונגען, וועגן זיינע ערשטע טריט אַלס יידישער פּאַר־מער, און דער עיקר, ווי אַזוי איז ער געקומען צום געדאַנק, אַנצוהויבן פלאַנצן בלומען, וואָס כמעט איבערן גאַנצן לאַנד ווערן זיי פאַרקויפט, אַלס די „ראָזעס פון מעטלינס נוירסערי, אָנטאַריאָ, קאַליפאָרניע".

לאָמיר מיט אים גיין טריט ביי טריט. זאָלן מיר הערן די מעשה פון זיין לעבן מיט זיין אייגענעם לשון.

— מיין טאַטע האָט מיר נביאות געזאָגט, אַז איך וועל נאָך זיצן אין טורמע, צוליב מיין שלאָגן זיך ביז בלוט מיט פאַרשיידענע חברה. זיין נביאות איז מקוים געוואָרן. מען האָט מיך טאַקע איינגעזעצט אין טורמע, אָבער ניט צוליב געשלעגן, נאָר צוליב פּאָליטישע מעשים. געטיילט רעוואָלוצי־אָנערע פּראָקלאַמאַציעס. אַכצן חדשים בין איך אָפּגעזעסן דאָרטן און גע־הוסט, און אַט אַזוי הוסט איך שוין מיין גאַנץ לעבן.

די מאַכט, נאָך מיין באַפרייט ווערן פון דער טורמע, האָט מיך קיינ־מאָל ניט געלאָזט צורו. צוויי מאָל אַ וואָך געקומען אין מיין הויז און גע־מאַכט „אָביסקעס" און דאָ האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל, וואָס איז שוין איין יאָר געווען אין אַמעריקע, און זיך געקליבן פאָרן צוריק. איך האָב ניט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע. צופיל ליב געהאַט רוסלאַנד, די שפּראַך, די לידער, די חברים אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, די ליטעראַטור, די וועלדער און פעלדער, דעם דניעפּער און מיין שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו. אָבער דאָך האָב איך פאַרלאָזט רוסלאַנד צוזאַמען מיט דער מיידל, וואָס איז געוואָרן מיין פרוי.

איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אין 1898, ווען איך בין אַלט געווען 23 יאָר. מיין לעבן אין ניו־יאָרק וויל איך איבערשפּרינגען. זייער שווערע יאָרן געווען פון אַרבעט און פון פיל מאָל קראַנק ווערן, און פון דעם גע־בורט פון מיין ערשטן קינד. אַ ייִנגל, וועמען איך האָב אַ נאָמען געגעבן אַלעק־סאַנדער, נאָך אַלעקסאַנדער הערצן. אין ניו־יאָרק האָב איך שטאַרק געהוסט, און וויפיל איך האָב זיך געהיילט, האָט ניט געהאָלפן. ס'איז שוין געווען אַ צייט, וואָס איך האָב געשפּיגן מיט בלוט, און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט מיין פרוי, אַז ביז פרילינג וועל איך ניט דערציען. און ווי איר זעט, האָב איך דערצויגן ניט נאָר יענעם פרילינג, נאָך אַ סך צענדליקער פרילינגס.

וועגן קאַליפאָרניע האָב איך נאָך געהערט אין דער אַלטער היים. ס'איז געווען ביי אונדז אַ רוסישער שרייבער, וואָס האָט געוואוינט אין קאַלי־פאָרניע, און פלעגט שרייבן קאָרעספּאָנדענצן אין זשורנאַל „רוסקאַיאַ באָ־גאַטסטוואָ", דעמענעצעוו איז געווען זיין נאָמען. איך פלעג שטענדיק ליי־ענען זיינע קאָרעספּאָנדענצן און געחלומט פון דעם דאָזיקן לאַנד, וואו ס'איז אייביק זומער. מיין לעצטע פּרנסה אין ניו־יאָרק איז געווען אַ צייטונגס־

געשטעל. האָב איך פאַרקויפט דעם ציַיטונגס־געשטעל און זיך אַוועקגעלאָזט מיט מיין פרוי און קינד קיין לאָס אַנדזשעלעס. דאָס איז געווען אין יאָר 1904.

לאָס אַנדזשעלעס איז דעמאָלט געווען אַ קליין שטעטל. דער גאַנצער ישוב האָט זיך געצויגן פון דער פּלאַזאַ ביז דער דריטער גאַס. פון דער דריטער גאַס דרום צו האָבן זיך געצויגן פעלדער, וואו בהמות האָבן זיך געפּאַשעט. האָליוואוד האָט נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט. ס'איז דאָרטן געווען אַ שטיקל שטעטל, האָט זיך דאָס גערופן קאָל־גראַוו, אַ נאָמען נאָכן קאָלי־פאָרניער סענאַטאָר קאָל. דאָרטן וואו ס'איז איצט סאָנסעט בולוואַרד, איז געווען אַזוי בלאָטיק אום ווינטער, אַז מען פלעגט איינגעזונקען ווערן. דער איינציקער וועג ניט צו פאַרזינקען אין דער בלאָטע איז געווען די אייזנבאַן־ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן קיין סאַנטאַ מאָניקאַ צום ברעג ים.

געטראָפן האָב איך אין לאָס אַנדזשעלעס זייער אַ קליינע צאָל יידן. דער יידישער צענטער איז געווען אין טעמפּל סטריט. די יידישן שול איז געווען אויף אָליוו סטריט, צווישן ערשטער און צווייטער גאַס. צווישן קליינעם יידישן ישוב זיינען געווען באַקאַנט די משפחות ניימאַרקס און האַמבורגער, פון די סאַמע ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס.

געקומען מיט מיין פרוי און קינד קיין לאָס אַנדזשעלעס, איז נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעצאָלט דירה־געלט, איז מיר געבליבן בלויז פינף דאָלער, און אָט אַזוי מיט די פינף דאָלער האָב איך אָנגעהויבן דאָס לעבן אין דעם דאָזיקן זוניקן לאַנד. אַן „עמפּלאָימענט ביוראָ" האָט ביי מיר אַרויסגעשווינדלט די פינף דאָלער, באַצאָלט דער ביוראָ, כלומרשט, פאַר שיקן מיך אויף אַרבעט. די אַרבעט איז געווען צו וואַשן פענסטער אין די באַן־וואַגאָנען. אָבער מערער פון צוויי טעג האָט דאָס ניט אָנגעהאַלטן און מען האָט מיך אַוועקגעשיקט. איך האָב זיך דער־נאָכדעם דערוואוסט, אַז די „עמפּלאָימענט ביוראָ" פלעגט זיך טיילן מיטן פאַרמאַן, און אַזוי אַרום צונעמען אַרבעטער אויף אַ פּאָר טעג. איך בין געגאַנגען צום דיסטריקט אַטורני זיך קלאָגן, אָבער גיי קלאָג אַן דעם טייוול פאַר זיין שוויגער.

די וועלט אָבער שטייט און עקזיסטירט צוליב דער גוטסקייט פון מענטשן. אמת טאַקע, ווייניקער ווי די שלעכטע און גלייכגילטיקע, אָבער זיי זיינען דאָ, די גוטע מענטשן אומעטום. און אָט די גוטע מענטשן אין דער פרעמדער שטאָט האָבן מיך ניט געלאָזט פאַלן. צוליב איינעם אַזאַ גוטן מענטשן האָב איך געפונען אַרבעט אין אַ פּעקינג־הויז, וואו מען האָט געפּאַקעוועט לימענעס פאַר זעכצן סענט אַ שעה.

אַ דאַנק דער הילף פון אַ צווייטן גוטן מענטשן, בין איך געוואָרן אַ הענדלער פון גרינסן און פרוכטן. ס'האָט מיך פון קליינערהייט אַן געצויגן צו גרינסן, אַזוי אַז ווען איך האָב אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט גרינסן און פרוכטן, איז דאָס ביי מיר געווען אַן אַרבעט פון ליבע. איך האָב זיך געקויפט אַ וואָגן פאַר צוועלף דאָלער און אַ פערד פאַר פינף און צוואַנציק דאָלער. איידער ס'האָט נאָך אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, פלעג איך אַרויספאָרן אין פרוכט־מאַרק, וואָס איז געווען אויף דער דריטער און סענטראַל עוועניו, דאָרטן איינגעקויפט וויפל איך האָב גערדאַרפט און זיך געלאָזט צוריק אין שטעטל,

אויסשרייען מיינע סחורות, ס'איז מיר גוט געגאַנגען. די באַלעבאָסטעס האָבן ליב געהאַט ביי מיר צו קויפן.

צוליב אַ דריטן גוטן מענטשן, האָב איך מיר אויסגעבויט אַ הייזקע אויף גראָוו לעבן מעלראָוז. אַ פראַנצויז איז ער געווען, דער דאָזיקער קריסט. ער האָט מיר געליען הונדערט דאָלער און איך האָב מיר אויפגעשטעלט אַ כאַטע. פאַר דעם לאָט האָב איך באַצאָלט מיט מיין אייגן געלט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיין האַנדל מיט גרינסן און פרוכטן.

אויפגעבויט די כאַטע, האָב איך שוין ניט געהאַט קיין געלט באַצאָלן דער וואַסער קאָמפּאַני פאַרן מיטער און געמוזט טראָגן וואַסער פון אַ שכן. באַגעגנט מיך איינמאָל אַן אינדערפרי אַ מאַן, און זאָגט צו מיר:

— וואָרום טראָגסטו וואַסער?

— ווייל איך האָב ניט קיין אַכצן דאָלער צו באַצאָלן דער קאָמפּאַני — ענטפער איך אים.

— וואָלסטו ניט געהאַט קעגן, איך זאָל דיר אויסלייען די אַכצן דאָלער? — רופט ער זיך אָן צו מיר איידל.

גיב איך אַ קוק אויפן מאַן און זע, אַז ער האָט זייער אַן אנגענעם אויסזען, אַזאַ מין פאַרחלומט פנים, און קוקט אויס, ווי פאַרטיפט אין רעיונות. האָב איך פאַרשטאַנען אַז ער מאַכט ניט חוזק פון מיר. דער דאָזיקער מאַן איז געווען זייער אַ פרומער קריסט, אָבער קיינמאָל ניט געגאַנגען אין קלויסטער. אומעטום איז דאָ גאָט, האָט ער געזאָגט. ער האָט געהאַט עטלעכע בהמות און דאָס איז געווען זיין פרנסה. ער איז אויך געווען אַ קאַרפּענטער, פלעגט ער גיין אַרבעטן, כדי מיטן געלט אויסצולייען נויטבאַדערפטיקע. ער איז געווען ווי מען זאָגט: אַן „איין מאַן פרי לאָאַן אסאָסיאיישאַן”. ער האָט געוואוינט אַ פאָר בלאָק פון מיר. ער האָט געהאַט אַ ווייב, אָבער זי האָט מיט אים ניט געהאַט קיין קינדער. ער האָט זיך באַגרעניצט אין זיין לעבן מיט אַ מינימום, און זיין געלט אויסגעליען אומזיסט אָן שום פּראָצענטן. זייער הייזקע איז געווען זייער אַ קליינע, אַ ציכטיקס. די פרוי זיינע האָט פאַרבאַהאַלטן געלט, כדי ס'זאָל ניט אַריינפאַלן צו איר מאַן אין די הענט.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער פירט אָפט געשפּרעכן מיט יעזוסן, און יעזוס ענטפערט אים ווי איין מענטש וואָלט געענטפערט אַ צווייטן.

— איינמאָל — דערציילט ער — בין איך געגאַנגען אויף דער גאַס, איז צוגעקומען צו מיר אַ טרעמפּ און מיך געבעטן פינף סענט אויף אַ קאָפּע קאַפע. ער איז געווען שיכור און איך האָב געזען, אַז ער וועט דאָס פאַרטרינקען. האָב איך אים ניט געוואָלט געבן. גייענדיק ווייטער, קומט צו מיר דזשיזוס און זאָגט מיר:

— פרעיזער, זאָלסט קיינמאָל אַזאַ זאַך ניט טאָן. זאָלסט קיינמאָל ניט אָפּזאָגן קיינעם, אויב עמיצער בעט דיך און דו האָסט, זאָלסטו געבן. אויב ער וועט דאָס פאַרברויכן אויף אַ שלעכטן וועג, וועט ער פאַר דעם ענטפערן. און פון דעמאָלט אָן, האָט ער שוין קיינעם ניט אָפּגעזאָגט.

איינמאָל, האָב איך געקראָגן אַ בלוט־שטורץ, און דער דאָקטאָר האָט מיך געראַטן צו פאָרן קיין אַריזאָנאַ. האָב איך פאַרקויפט מיין פערד־און־וואָגן, און אַוועקגעפאָרן קיין אריזאָנאַ. בין איך אָפּגעווען דאָרטן אַ שטיקל צייט, און צו גאָרניט זיך געקענט דערשלאָגן. בין איך געקומען צוריק אַהיים.

איך האָב געדאַרפֿט האָבן אַ פֿערד און וואָגן, און קיין געלט ניט געהאַט. פרעזי־דענט האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, און ער אַליין האָט אויך דעמאָלט קיין געלט ניט געהאַט. ס'איז געווען דעמאָלט אַ קריזיס. זיין פֿרוי, האָט ער גע־וואוסט, האָט געהאַט געלט אין קניפּלעך. איז ער געקומען צו איר און געזאָגט:

— מען דאַרף לייען מעטלינען אויף אַ פֿערד און וואָגן.

האָט זי, פֿאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט. האָט ער געגעבן אַ זאָג צו איר זייער שטרענג:

— אין דזשיזוסעס נאָמען גיב אים דאָס געלט.

דאָס האָט גלייך געווירקט אויף איר, און זי האָט מיר געליען דאָס געלט.

ניט ווייט פֿון מיין הייזקע זיינען געווען פֿאַרמס. די פֿאַרמער פֿלעגן זייען טאָמייטאָס, פּאַסאָליעס, מעלאָנס און אַנדערע גרינסן. מיך האָט שטענ־דיק געצויגן צו פֿעלדער, צו זען ווי אַזוי די פּויערים באַאַרבעטן די ערד. דאָ אין קאַל־גראָוו האָב איך זיך אָפּט צוגעקוקט צו דער אַרבעט פֿון די פֿאַר־מערס, און איך האָב פֿאַרפֿירט געשפּרעכן מיט זיי. אַ פֿאַרמער האָט ליב צו ריידן וועגן זיין פֿעלד, וועגן זיין אַרבעט. אויך פֿלעג איך אויסשרייבן פֿאַר־שיידענע זשורנאַלן וועגן אַגראָנאָמיע. איך האָב זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין צו ווערן אַ פֿאַרמער.

אָנטאַריאָ, אַרום פֿערציק מייל פֿון לאָס אַנדזשעלעס, איז דעמאָלט גע־ווען אַ קליין שטעטל. ס'זיינען דאָרט בלויז געווען אַ פּאָר הונדערט הייזער. אַרום און אַרום האָבן זיך געצויגן גרויסע, פּוסטע שטרעקעס ערד. אַ גרוי־סע ריעל עסטייט קאָמפּאַני האָט אָפּגעקויפֿט מיילן און מיילן ערד, און זי צעטיילט אין חלקים פֿון פֿינף און צען אַקער. ס'זיינען דאָרטן ניט געווען קיין בוימער, קיין וועגן, און וואו דאָס אויג האָט געקענט טראָגן — בלויז שטרעקעס גרויע ערד.

די קאָמפּאַני, וואָס האָט דאָרטן פֿאַרקויפֿט די ערד, האָט אויסגעגראָבן טיפֿע ברונעמער, אויסגעלייגט רערן, וואָס האָבן געפֿירט צו די פֿעלדער. יעדער פֿאַרמער האָט געהאַט אַ רעכט צו נוצן דאָס וואַסער. מען האָט נאָר געדאַרפֿט רופֿן דעם וואַסער־מאַן, און ער האָט געעפֿנט אַ שליוז וואָס איז געפֿלאָסן אויף אייער חלק פֿעלד. יעדע רער האָט זיך געצויגן פֿון ברונעם אויף עטלעכע נחלות.

איך האָב געוואָלט פֿאַרקויפֿן מיין הייזקע אויף קאַל־גראָוו און ניט געקענט. האָב איך געליען פֿינף הונדערט דאָלער אויף דער הייזקע. מיט צוויי הונדערט און פֿופֿציק דאָלער האָב איך איינגעצאָלט פֿאַר פֿינף אַקער און פֿינף רער וואַסער, און מיטן איבעריקן געלט זיך גענומען אויפֿשטעלן אַ הייזקע, געהילך האָב איך געקראָגן טאַקע אין אָנטאַריאָ גופֿא. געדונ־גען אַ קאַרפּענטער, און צוזאַמען מיט אים זיך געשטעלט בויען. געקויפֿט האָב איך די ערד אין יאַנואַר 1908, און די הייזקע איז פֿאַרטיק געוואָרן דעם ניינטן מערץ. אַ הייזקע פֿון צוויי צימערן, אָן אַ סטעליע. ווינטער איז דאָרטן געווען זייער קאַלט. דאָס גאַנצע מעבל איז באַשטאַנען פֿון אַ ביוראָ, אַ טיש, אַ זינגער מאַשין, אַ בעט מיט עטלעכע ביינקלעך.

כמעט אַלע שכנים־פֿאַרמער אַרום מיר, זיינען געווען פֿון דעמזעלביקן שניט וואָס איך. דאָס הייסט, מערסטע פֿון זיין זיינען קיינמאָל אין זייער לעבן

קיין פּאַרמער ניט געווען, נאָר האָבן זיך אַרומגעטראָגן אַלע יאָרן מיטן חלום צו ווערן פּאַרמער. אַזוי אַז ווענדן זיך נאָך עצות צו שכנים וועגן פאַרמעריי איז געווען אַרויסגעוואָרפן. און די עטלעכע פון זיי וואָס זיינען יאָ געווען גוטע פּאַרמער, האָבן קיין עצות ניט געוואָלט געבן, מורא האָבנדיק פּאַר קאָנקו־רענץ. איך האָב נאָכגעקלערט, נאָכגעפאָרשט און באַשלאָסן, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען צו פאַרזייען רעטעכלעך, ציבעלקעלעך, טאָמייטאָס, מע־לאָנס, אוגערקעס, און דאָס פאַרקויפן אין שטעטל אָנטאַריאָ, מחמת די גראָ־ערס פון אָנטאַריאָ פלעגן מוזן אָנקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס נאָך גרינסן.

דאַרף מען זיך, הייסט דאָס, נעמען צו דער ארבעט. אָבער מיין גאַנץ געלט האָב איך אויסגעגעבן אויף בויען די הייזקע, און איך בין געבליבן אָן אַ סענט געלט. און ווידער אַמאָל האָט זיך געיאָוועט אַ גוטער מענטש, וואָס האָט מיר אַרויסגעהאָלפן. אַ באַקאַנטער אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס איז גע־ווען אַ סיילסמאַן אין אַ גרויס געשעפט פון גרינסן, האָט מיך רעקאָמענ־דירט צו אַ קרעמער אין אָנטאַריאָ, ער זאָל מיר געבן אויף באָרג שפּייז. אָבער אויף קיין אַקער האָב איך ניט געהאַט קיין געלט. אַ שכן אַ פאַרמער האָט מיר געליען זיין אַלטן אַקער. איך הייב אָן מיט אים צו אַרבעטן, אָבער עס אַרבעט זיך ניט. איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַנדערער שכן, פון די דערפאַרענע פּאַרמער, זעט ער ווי איך מוטשע זיך. באַקוקט ער דעם אַקער און זאָגט אַז דער אַקער טויג ניט, די הענטלעך שאָקלען זיך.

האָב איך איינגעשפּאַנט מיין פערד צום וואָגן, און זיך אָוועקגעלאָזט אין שטעטל, אפשר וועל איך ערגעץ קאָנען לייען, אָדער דינגען אַן אַקער. אַזוי פאָרנדיק, האָב איך אין אַ הויף דערזען אַן אַלטן אַקער מיט גוטע הענטלעך. פרעג איך דעם פאַרמער, וואָס איז געווען אַ שאַטלענדער, ער זאָל מיר געבן דעם אַקער און איך וועל צאָלן רענט פאַר אים. ענטפערט ער מיר, אַז ער וויל ניט קיין רענט, און לאָמיך אים נוצן געזונטערהייט, און אים אָפּגעבן צוריק. און כאָטש דער אַקער איז געווען שטומפּיק, אָבער די גוטסקייט פון אָט דער שאָטלענדער האָט מיר אַריינגעגעבן אַ סך כוח, און איך האָב זיך אָנגעלייגט אויפן אַקער און געאַרבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

יענעם יאָר זיינען געפאַלן אַ סך רעגנס, און דאָס גראָז איז אומעטום איבערן פעלד געווען זייער הויך, און אַז מען אַקערט די ערד דאַרף מען זען צו פאַרשיטן דאָס גראָז, און אַזוי ווי איך האָב ניט געוואוסט אַזאַ עלעמענ־טאַרע זאַך, איז דאָס גראָז כמעט פון אַ האַלב פעלד ניט געבליבן פאַרשאָטן, און אין אַ וואָך צייט איז דאָס גאַנצע פעלד ווידער געווען באַשאָטן מיט גראָז ווי פריער. איך האָב זיך זייער פאַרלוירן. און דאָ, אין יאַנואַר, האָב איך גע־דאַרפט באַצאָלן הונדערט און ניינציק דאָלער אויפן מאָרטגעידזש, אַז ניט וועט מען ביי מיר צונעמען סיי די ערד, סיי די הייזקע. אַז ס'איז דורכגעפאָרן אַ פּאַרמער, האָב איך אים דערציילט מיין פּראָבלעם פון גראָז. האָט ער גע־ענטפערט: „טו בעד", און איז אַוועקגעפאָרן. ווי איך האָב געזאָגט, די נייע פאַרמער דעמאָלט האָבן מורא געהאַט איינער פאַרן אַנדערן. דאָס שטעטל אַ קליינס, און יעדער פּאַרמער וועט דאָך וועלן דאַרטן פאַרקויפן זיינע פּראָ־דוקטן, וועט ווערן אַ גרויסער איבערפלוס. אָבער איין גוטער מענטש האָט דאָך געמוזט זיין צווישן מיינע שכנים־פּאַרמער. פאָרט דורך איינמאָל אַ פאַר־

מער, אַ פּוילישער, וואָס האָט געקענט גוט די מלאכה פון פּאַרמערײַ, און רופט זיך אָן צו מיר:

— נעם אַזאַ זאַך וואָס מען רופט „דיסק־העראָו" און גיי איבער מיט דעם איבער דעם גראָז, און ס'וועט זיין גוט.

„דיסק־העראָו" איז אַזאַ פּאַרמערישער מכשיר מיט אַ קיילעכדיקן מע־סער. אָבער וואו נעמט מען אַזאַ זאַך. ווי איך האָב אייך געזאָגט, בין איך געווען נקי פון אַ פּעני. נעמט דער שכן און לייט מיר דעם „דיסק־העראָו". פרעג איך אים, אָבער דאָס גראָז אונטער דער צעאַקערטער ערד וועט ניט שאַדן דאָס וואַקסן פון די גרינסן, וואָס איך וויל פּאַרזייען? ענטפערט ער מיר, אַז פּאַרקערט, ס'וועט זיין נאָך בעסער פאַר דער זריעה. דאָס גראָז וועט באַרייכערן די ערד מיט זאַפטן.

הכלל, בין איך שוין מיטן קיילעכדיקן מעסער איבערגעגאַנגען איבער די גראָזן. דערנאָך האָב איך פאַרשאַרט מיט אַ גראַבליע, אָבער ווי צו זייען, ווי טיף אַריינלייגן די זריעה, און ווי ווייט, האָב איך ניט געוואוסט. האָב איך אָנגעהויבן אַריינקוקן אין ביכעלע, וואָס דער אגריקולטור־דעפּאַרטמענט האָט ארויסגעגעבן, און דאָס ביכעלע האָט מיך שוין אַלצדינג געלערנט, וואָס איך דאַרף טאָן.

האָב איך געליען געלט אויף זריעה ביי אַ באַקאַנטן און פּאַרזייט בעב־לעך, קאַרטאָפּליעס, אוגערקעס, קאַװענעס, רעטעכלעך און נאָך אַנדערע. אָבער איך בין פאַרט געווען אַ גרינער אַלס פּאַרמער, און די פּאַרזייטע רייען זיינען אַרויסגעקומען ניט גלייך. אַ גלייכע פּאַרזייטע רייע איז דער שטאָלץ פון אַ פּאַרמער, און איך בין יענעם יאָר גאַרניט געווען שטאָלץ. אָבער די ערד, אַ בתולה־ערד, איז געווען פעט און פרוכטבאַר, און וואָס און ווי אַזוי מען האָט פּאַרזייט איז געוואַקסן גוט. אַז איך פלעג אַרויסגיין אינדערפרי אויפן פעלד און זעען די פרישע שפּראָצונגען, האָט אין מיר דאָס האַרץ ממש געוואַקסן. אָבער אין דערזעלביקער צייט, האָב איך איבערגעטראַכט, צי וועל איך קאָנען פון די דאָזיקע קליינע בלעטעלעך, וואָס שפּראָצן אַרויס פון דער ערד, דערנערן אַ פרוי מיט דריי קינדער, און אויסצאָלן די חובות.

רעטעכלעך און אוגערקעס וואַקסן שנעלער, האָב איך אָנגעריסן רע־טעכלעך און אוגערקעס, דאָס ערשטע פון מיין מי, אַזוי צו זאָגן, און אַוועק־געפאָרן קיין אָנטאַריאָ זיי צו פאַרקויפן. פאַרנדיק אַזוי אויפן וועג פרעגט מיך אַ פרוי:

— האָסט וועדזשעטייבלס צו פאַרקויפן?

פאַרשטייט זיך, אַז איך זאָג יאָ, און זי האָט געקויפט ביי מיר פאַר צען סענט רעטעכלעך מיט אוגערקעלעך. די ערשטע צען סענט פאַר מיין פאַר־מערשער מי. די דאָזיקע צען סענט זיינען געווען זייער מזלדיקע. פון די דאָזיקע צען סענט האָט זיך אָנגעהויבן מיין חיונה. פון מיין ערשטן יאָר אַלס פאַרמער האָב איך אַרויסגענומען 700 דאָלער.

די גרינסן איז ניט געווען שווער צו פאַרקויפן אין שטעטל. די הויז־פרויען האָבן ממש געוואַרט אויפן פאַרמער מיטן וואָגן גרינסן, פרישע גרינסן ערשט פון פעלד. איך האָב גאָר ניט געדאַרפט פאַרקויפן מיינע פּראָדוקטן צום גראָסער, וואָס האָט נאָר געצאָלט אַ דריטל פון דער איינגעשטעלטער

פרייז. דירעקט צו דער הויז־פרוי האָב איך פאַרקויפט, וואָס האָט מיך נאָך געבענטשט פאַר מיינע פרישע, זאַפטיקע גרינסן. דריי מאָל אַ וואָך פלעג איך אַרויספאָרן מיט מיין וואָגן גרינסן אין שטעטל, און שטענדיק אַהיימגעפאָרן מיט אַ ליידיקן וואָגן און מיט אַ פולער קעשענע.

אין צוויי יאָר שפּעטער אַלס פאַרמער, פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אַז פאַרוואָס זאָל איך ניט פאַרזייען קיין אַספּאַראַגוס. אַספּאַראַגוס אין מיין געגנט האָבן זייער וויניק פאַרמער געמאַכט וואַקסן. די אַספּאַראַגוס פלעגט אָנקומען קיין אָנטאַריאָ פון נאָרט־קאַליפאָרניע, געפּאַקט אין ספּעציעלע קעסט־לעך, און דעריבער איז דער פּראָדוקט געווען זייער טייער אין אָנטאַריאָ. און איצטער האָב איך שוין מערער דערפאַרונג אַלס פאַרמער, האָב איך גע־נומען און פאַרזייט בלויז עטלעכע רייען, צו זען אויב ס׳וועט וואַקסן גוט אויף מיין ערד. און ס׳איז געוואַקסן זייער גוט. דעם צווייטן יאָר האָב איך שוין פאַרזייט גאַנצע דריי אַקער מיט אַספּאַראַגוס און ס׳איז געווען אַ גרויס גערעטעניש, און פון דער גערעטעניש האָב איך אַרויסגענומען קרוב צו צוויי טויזנט דאָלער.

מיט דעם אַספּאַראַגוס האָבן מיינע קינדער מיר שוין געהאָלפן. זיי פלעגן דאָס שניידן און איך מיט מיין פרוי נאָך וועטשערע פלעגן מיר זיצן און בינדן קליינע בינטלעך, יעדעס בינטל מיט אַ רויט פעדימל. דאָס רויטע פעדימל איז געווען אונדזער „טרעיד מאַרק” אַזוי צו זאָגן. אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז די בינטלעך מיט די רויטע פעדימלעך זיינען „מעטלינס אַס־פּאַראַגוס”. אַספּאַראַגוס זיינען איינע פון די פּראָדוקטן, וואָס מוזן זיין פריש. אַז זיי זיינען צוויי אָדער דריי טעג אַלט פאַרלירן זיי שוין דעם טעם. און דאָ איז מיין אַספּאַראַגוס גלייך פון פעלד. אפילו דעם גראָסער האָב איך פאַר־קויפט אויף דער פּרייז וואָס איך האָב געוואָלט, ניט ווי ער האָט געוואָלט.

אויסגעצאָלט מיינע פינף אַקער לאַנד, האָב איך צוגעקויפט נאָך צען אַקער, און ס׳איז מיר אַריין אַ געדאַנק צו פאַרפלאַנצן פרוכט בוימער. אַז מען גייט אין אַ נויערסערי קויפן פרוכט בוימער, קאָסטן זיי זייער טייער. טראַכט איך צו זיך: פאַרוואָס ניט מאַכן אַן אייגענע נויערסערי אויף מיין פעלד? דאָס הייסט אַליין אויסכאָווען פרוכט בוימער. אָבער מען דאַרף וויסן ווי אַזוי. איז ווידעראַמאָל קוקט מען אַריין אין די ביכער, און ווידעראַמאָל הייבט מען אָן אויסצופרעגן די מענטשן, וואָס וויסן אין אַזוינע זאַכן. האָט מען מיר געזאָגט, אַז מען נעמט געוויסע קערלעך פון פערשקעס (איך האָב געוואָלט פאַרפלאַנצן פערשקע ביימלעך), און מ׳פאַרזייט זיי. און אַז ביימלעך וואַקסן אַרויס פון זיי, דאַרף מען נעמען און אַריינזעצן אין זיי שפּראָץ־אייגלעך פון אַנדערע בוימער, וואָס גיבן אַרויס פון זיך גוטע פערשקעס. אָבער איידער מען פאַרזייט די פערשקע־קערלעך דאַרף מען זיי פריער „סטראַטיפייען”. און „סטראַטיפייען” מיינט פשוט אַריינלייגן די פערשקע־קערלעך, וואָס מען וויל פאַרזייען אין פייכטע זאַמד און האַלטן זיי אַ גאַנצן ווינטער, ביז וואַנעט די קערלעך הייבן זיך אָן עפענען און ערשט דעמאָלט זייט מען זיי.

האָב איך אַזוי געטאָן און ס׳זיינען אויסגעוואַקסן גוטע ביימלעך און אין

משך פון צוויי יאָר האָב איך געהאַלטן אין איין אָריינזעצן אין זיי שפּראָץ־אייגלעך פון אַנדערע פערשקע ביימער, וואָס טראָגן שוין גוטע פּירות. זיינען זיי ביי מיר געוואָקסן געראָטן און שיין. בין איך אַוועק אין אַ שטעטל פּולער־טאָן, קום צו אַ נוירסערי־מאַן און זאָג צו אים:

— ווילסט קויפן ביי מיר פערשקע־ביימלעך?

— אַ וועלכן סאָרט? — פרעגט ער.

— גאָוועלס — זאָג איך אים.

— איך וויל קויפן — ענטפערט ער.

אַט אַזוי האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרקויפן צו די נוירסעריס די פערשקע ביימלעך, און גיך אויסגעפונען, אַז פון איין רייע ביימלעך, מאַך איך מערער, ווי פון צען און אפילו פון צוואַנציק רייען גרינסן. טראַכט איך צו זיך, אפשר איינגאַנצן זיך פאַרנעמען מיט נוירסערי־פּראָדוקטן. און אָנגעהויבן זוכן און פאָרשן, אַוועלכע פּראָדוקטן ווערן ניט צופיל קולטיווירט אין די נוירסעריס, און דאָך האָבן זיי אַ גוטן אָפּזאָץ אין מאַרק. און אַזוי זוכנדיק און פאָרשנדיק געפין איך אויס, אַז רויזן זיינען זייער אַ טייערער אַרטיקל אויפן מאַרק. אַמעריקע, פאַר יאָרן און יאָרן פלעגט קויפן אירע רויזן מערסטנס אין האָלאַנד, ביז די רעגירונג האָט פאַרבאָטן אַריינצופירן ראָזעס פון אַנדערע לענדער. איז געוואָרן אין לאַנד אַ מאַנגל אין ראָזעס. קאַליפאָרניער ערד איז אַ וואונדערלעכע ערד פאַר רויזן און איך האָב גלייך גענומען טאָן עפּעס אין דעם. און דער פּראָצעס פון מאַכן וואָקסן ראָזע־קוסטעס אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב איז געווען זייער אַ שווערער ענין. צו פאַרפלאַנצן ראָזעס דאַרף מען האָבן פריער אַ ווילדן סאָרט פון וואָס אָנצופאַנגען. מען נעמט אַ שטעקעלע פון אַ ווילדער ראָזע און מען פאַרזעצט דאָס, און אַז דאָס שטעקעלע נעמט זיך אָן און לאָזט אַרויס וואָרצלען און בלעטלעך, נעמט מען דאָס שפּראָץ־אייגעלע פון דעם סאָרט, פון קאָליר און פאָרמע פון אַ וועלכער קולטיווירטער ראָזע מען וויל און מען זעצט דאָס אַריין אין דער הויט פון דער ווילדער ראָזע צווייגל. און אַז דאָס אייגעלע צעבליט זיך, צעוואַקסט זיך, שניידט מען אָפּ דעם קאָפּ פון גאַנצן געוויקס, וואָס איז העכער פון אייגעלע, און דאָס דאָזיקע אייגעלע צעוואַקסט זיך און ס'ווערט פון דעם אַ קולטיווירטער ראָזע־קוסט.

וואו זשע נעמט מען די שטעקעלעך פון ווילדע ראָזעס? אין די נויר־סעריס. ווילן אָבער די נוירסעריס ניט פאַרקויפן צו אַ נייעם גערטנער, ווייל זיי האָבן מורא פאַר קאָנקורענץ. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל בשעת איך בין דורכגעפאָרן צווישן די שטעטלעך אַזוזא און גלענדאָרא, האָב איך געזען אַ פּלויט אַרום אַ פּריוואַט הויז, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון די קוסטעס פון ווילדע ראָזעס. איז אפשר, טראַכט איך צו זיך, איז די דאָזיקע ווילדע ראָזע פון דעם סאָרט, וואָס איך באַדאַרף, דאָס הייסט, „רעגעד ראָבין". לאָמיך צופאָרן, זאָג איך צו זיך, וועל איך זען. איך פאָר צו און גיב אַ קוק. יאָ, דאָס איז דער סאָרט, וואָס איך באַדאַרף. דער דאָזיקער פּלויט, וואָס איז באַשטאַנען פון ווילדע ראָזע־קוסטעס, האָט געהאַלטן אַרום אַ טויזנט פוס. זאָג איך צו דער באַלעבאָסטע פון הויז:

— קאָן מען אָנשניידען אַביסל שטעקעלעך פון דיינע ראָזעס?

— מיטן גרעסטן כבוד — ענטפערט זי מיר — מען דאַרף דעם פלויט סיי ווי סיי באַשניידן.

האָב איך אָנגעשניטן 300 פון אָט די שטעקעלעך און זיי פאַרזעצט אויף מיין נחלה, און זיי האָבן זיך זייער שיין צעוואַקסן. איז געקומען די פראַגע, וואו נעמט מען די שפראָץ־אייגעלעך פון דער קולטיווירטער ראָזע? ווידער אַמאָל אין די נוירסעריס, און ווידער אַמאָל ווילן די נוירסעריס ניט פאַר־קויפן צוליב קאָנקורענץ. בין איך פשוט געגאַנגען צו די באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן געקויפט ביי מיר גרינסן, פאַר וועמענס הייזער ס׳זיינען געוואַקסן פאַרשיידענע קולטיווירטע ראָזעס און ביי זיי געבעטן שפראָץ־אייגעלעך. האָבן זיי מיר געגעבן מיט גרויס פאַרגעניגן, אָבער ס׳איז ניט געווען גענוג, דאָס הייסט, ניט גענוג סאָרטן.

און דאָ מוז איך זיך מודה זיין אין אַ שטיקל גניבה. ס׳הייסט, די גניבה איז ניט אַזאַ, וואָס אַן אַנדערער ווערט אָרעמער פון איר, אָבער ס׳איז פאָרט אַ גניבה. אין לאָס אַנדזשעלעס איז פאַראַן דער באַרימטער „עקספּאָזישאַן פּאַרק״, און זיי האָבן דאָרטן אַ גרויסן גאָרטן, וואו עס וואַקסן פאַרשיידענע מינים ראָזעס, און צווישן זיי איז געווען אַ נייער סאָרט, וואָס איך האָב באַזונדערס געוואָלט. רוף איך זיך אָן צום גערטנער:

— אפשר קען איך האָבן אַ צווייגעלע מיט שפראָץ־אייגעלעך פון דער און דער ראָזע?

— ניין — ענטפערט ער — ניט איצט. קום אין האַרבסט, ווען מיר באַשניידן די פלאַנצונגען.

גיי וואַרט אַזש ביז האַרבסט, אַז איך דאַרף דאָס האָבן שוין. שטיי איך אַזוי דערווייל און קוק מיט גרויס קנאה אויף דער ראָזע, און דער גערטנער איז זיך דערווייל אַוועקגעגאַנגען. האָב איך זיך אָנגעבויגן, און האָב אָפּגע־שניטן אַ צווייגעלע מיט דריי שפראָץ־אייגעלעך, און פון דעם זיינען אויס־געוואַקסן דריי קוסטעס.

אָבער איך האָב נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין רייכע וואַריאַציע פון סאָרטן. בין איך אַוועק אין בעווערלי הילס, דאָרטן איז געווען אַ נוירסערי.

דער באַלעבאָס פון דער נוירסערי האָט געהאַט אַ גרויסן טראַקט לאַנד צו פאַרקויפן חלקים ערד, אויף צו בויען רייכע הייזער, און צוזאַמען מיט די חלקים לאַנד, האָט ער זיך אויך אונטערגענומען צו פאַרפלאַנצן גערטנער אַרום די הייזער, וואָס די קונים וועלן אויפשטעלן. דאָס הייסט, אַז די דאָזיקע נוירסערי האָט ניט מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ, מחמת זי איז ניט געווען פאַראינטערעסירט צו פאַרקויפן אירע פּראָדוקטן גלאַט אַזוי צו נוירסערי לייט. דאָרטן איז געווען גאָר אַן אוצר פאַר מיר. מען האָט מיך געלאָזט אָנשניידן אַ גאַנצן זאַק מיט צווייגלעך און פון אַזוינע סאָרטן, וואָס איך האָב אפילו ביז דעמאָלט ניט געוואוסט.

און אָט אַזוי האָב איך אויסגעקולטיווירט אַרום אַ 300 ראָזע בושעס. אָבער דאָ איז אויפגעשטאַנען די פּראָבלעם פון פאַרקויפן זיי. גרויסע פירמעס זיינען ניט געווען פאַראינטערעסירט ביי מיר זיי צו קויפן. פאַרקויפט אַביסל אַרום לאָס אַנדזשעלעס צו גאָר קליינע פירמעס, אָבער דאָס איז ניט געווען צופרידנשטעלנדיק. און אָט אַזוי זוכנדיק קונים, טרעף איך אָן אַ מאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ריזיקע נוירסערי, און זיינע פּראָדוקטן פלעגט ער מערסטנס פאַרקויפן צו פירמעס אַרום ניו יאָרק. אַזאַ נוירסערי וואָס טוט גרויסע געשעפטן מיט אַ סך פירמעס קאָן ניט שטענדיק באַזאָרגן מיט די אייגענע פּראָדוקטן, און מוז צוקויפן אין אַנדערע פלעצער. האָט דער מאַן ביי מיר גערן געקויפט די פאַרשיידענע ראָזעס וואָס זיינען געוואָקסן מערער געראָטן ביי מיר, ווי ביי אים. מיט דער צייט האָט ער געמאַכט מיט מיר אַ קאָנטראַקט איך זאָל פאַרפלאַנצן פאַר אים צוואַנציק טויזנט ראָזע קוסטעס.

און אָט אַזוי פאַר עטלעכע יאָר האָט ער ביי מיר געקויפט מיינע ראָזעס און זיי געשיקט אויף דעם נאָמען פון זיין נוירסערי, צו אַ פירמע אין ניו דזשוירזי, וואָס האָט געהאַט די בעסטע רעפּוטאַציע אין לאַנד. מאַכט זיך, אַז צוליב געוויסע סיבות, איז דער דאָזיקער מאַן אַרויס פון ביזנעס. האָב איך זיך געווענדעט צו דער זעלבער פירמע אין ניו דזשוירזי, זיי זאָלן שליסן מיט מיר אַ קאָנטראַקט און זיי אָנגעגעבן, אַז די אַלע יאָרן האָט יענער מאַן געשיקט ראָזעס, וואָס זיינען געוואקסן אין מיין נוירסערי. מען האָט מיר גלייך געענטפערט, אַז זיי זיינען ווילליק מיט מיר טאָן געשעפט. איך בין ספּע־ציעל געפאָרן קיין ניו דזשוירזי מאַכן אַ קאָנטראַקט, האָט מיר דער פאַרמאַן געזאָגט, אַז די פירמע איז שטענדיק געווען זייער צופרידן מיט מיינע ראָזעס.

שפּעטער, ווען איך האָב זיי אַוועקגעשיקט מיין ערשטן טראַנספּאָרט ראָזעס, האָב איך דורך אַ בריוו אָנגעפרעגט ביי דער פירמע צי זיי זיינען אָנגעקומען גוט געפּאַקט. האָט מען מיר געענטפערט דורך אַ בריוו אַז מיינע ראָזעס זיינען די בעסטע, וואָס זיינען ווען עס איז אַמאָל געקומען צו זייער פירמע אין ניו דזשוירזי. מיט דעמדאָזיקן בריוו בין איך געגאַנגען צו אַנדערע קונים און זיי האָבן ביי מיר אויך געקויפט מיין סחורה. איינער זאָגט דעם צווייטן, און מיט דער צייט, זיינען „מעטלינס ראָזעס" באַקאַנט געוואָרן איבערן לאַנד אַלס זייער אַ גוטע קוואַליטעט. היינט צו טאָג וואַקסן ביי מיר אויף פינף און זעכציק אַקער לאַנד אַרום אַ מיליאָן ראָזע קוסטעס.

מיט דעם האָט מיר ל. מעטלין, דער אַכט און זיבעציק יאָריקער יידישער פאַרמער, פאַרענדיקט די געשיכטע פון זיין לעבנס־גאַנג אַלס פאַרמער.

אויף קולטורעלע אונטערנעמונגען אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו מען זעט אים אָפט, ניט קוקנדיק אויף זיין עלטער און ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער דאַרף טרייבן זיין אויטאָמאָביל ביינאַכט פון אנטאריא און צוריק, וואָס דאָס איז אַרום אַכציק מייל, זיצט ער זיך אויך אַ פשוטער, ווען ער גיט כמעט די גרעסטע ביישטייערונג צווישן אַלע פאַרמעגלעכע געבער. ער גיט שטענדיק — אָפן און פאַרבאַהאַלטן . . .

צו די גאָר גרויסע יום־טובים ברענגט ער זיינע ראָזעס, וועלכע ווערן פאַר־קויפט ביים אַריינגאַנג און באַצירן די לאַצן פון הונדערטער יידישע פרויען.

ש. סעקולער

אידישע שרייבער און ביכער אין לאָס אַנגעלעס

דער צענטער פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקע איז, כידוע, ניו יאָרק. אין ניו יאָרק גייען אַרויס גרויסע אידישע צייטונגען, דאָרטן געפינען זיך די גרויסע פאַרלאַגן, וואָס גיבן ארויס אידישע ביכער — דאָס אידישע קולטור לעבן רוישט דאָרטן אויף אַלע געביטן. איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז יעדער מענטש מיט טאַלענט האָט זיך געצויגן קיין ניו יאָרק. אַ גרויסע צאָל אידישע דיכטער, פּראָזאַאיקער, מאָלער, סקולפּטאָרן, מוזיקער, אויב זיי זיינען אַלס „גרינע" געקומען אין אַנדערע שטעט, אויסער ניו יאָרק, איז ווי נאָר זיי האָבן דערשפּירט טאַלענט אויף וועלכן עס איז געביט, האָבן זיי, ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך איבערגעפּעקלט קיין ניו יאָרק, אין דער מעטראָפּאָליע, וואו מען קען „זען מענטשן און זיך אַליין פאַר מענטשן באַוויזן". אין ניו יאָרק האָט דער טאַלענטפולער מענטש טאַקע געהאַט מער מעגלעכקייטן מפורסם צו ווערן. פיל פון די איצט-באַוואוסטע אידישע שרייבער וואָלטן אפשר געוועזן פאַרלוירן געגאַנגען, אָדער, יעדנפאַלס ניט געוועזן זיך דערשלאָגן צו דער מדרגה, וואָס זיי האָבן דערגרייכט, ווען זיי זאָלן געוועזן פאַרבלייבן אין דער פּראָווינץ שטאָט. און אין אַמעריקע זיינען דאָך אַלע שטעט אויסער ניו יאָרק פאַררעכנט אלס פּראָווינץ שטעט. צוליב דעם זיינען טאַקע אַזעלכע גרויסע אידישע צענטערס ווי באָסטאָן, קליוולאַנד, דעטרויט און שיקאַגע, כמעט אויסגעליידיקט פון אידישע קולטור-שאַפער, אויסער אַ פּאָר קליינע אויסנאַמען, וואָס באַשטעטיקן דעם כלל.

אַ גאַנץ אַנדער בילד שטעלט מיט זיך פאָר די ניי-אויסגעוואַקסענע מעטראָפּאָליע ביים פּאַסיפישן ים, די שטאָט לאָס אַנגעלעס, וועלכע איז אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר געוואַקסן פענאָמענאַל, אַז זי האָט שוין איבערשטיגן אַלע גרויסע אידישע ישובים אין אַמעריקע, און פאַרמעסט זיך שוין אפילו מיט ניו יאָרק. צי דאָס איז דער קלימאַט, דער סוב-טראָפּישער, צי בכלל די זוניקע קאַליפאָרניע, אַזוי-צי-אַזוי האָבן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה אָנגעהויבן קומען גרויסע מאַסן אידן פון די מזרח-און מיטל-מערב שטאַטן קיין לאָס אַנגעלעס, און מיט זיי האָבן זיי אויך שוין מיטגעצויגן אַ צאָל באַוואוסטע אידישע שרייבער. עס האָט זיך אָנגעהויבן, קען מען זאָגן, אַ היפּוכ'דיקע דערשיינונג. אַזוי ווי פון די קלענערע שטעט אויסער ניו יאָרק האָבן טאַלענטירטע מענטשן זיך געריסן קיין ניו יאָרק, כדי צו ווערן אנערקענט און איינגעגלידערט צו ווערן אין דעם „פּאַנטעאָן" פון דער אידישער ליטעראַטור, אַזוי האָבן שוין לאַנג-אנערקענטע, און מיט רום אָנגעזעטיקטע, אידישע שריפטשטעלער, דערפילט אַ באַדערפעניש זיך צו דערווייטערן פון דער רוישיקער ניו יאָרק און האָבן זיך געצויגן קיין לאָס אַנגעלעס, כדי זיך אָפּצוגעבן צו זייער שאַפן ביחידות, אין דער וואַרימער, זוניקער קאַליפאָרניע.

עס האָבן זיך באַזעצט אין לאָס אנגעלעס אזעלכע בארימטע שרייבער ווי ל. שאַפּירא, פּרץ הירשביין און זיי צו לאַנגע יאָר, דער דיכטער ה. רויזנבלאט, דער נאָוועליסט ש. מילער, דער פאַרהעלטניסמעסיק נאָך יונגער כאַוועך פאַוועך, די דיכטערין שפרה ווייס, דער דיכטער חיים שוואַרץ און אַ צאָל אַנדערע גאַנץ־ און האַלב־אַנערקענטע אידישע שריפטשטעלער. מיט איינינקע יאָר צוריק איז געקומען קיין לאָס אנגעלעס די אנערקענטע אידישע דיכטערין שרה פעל־יעלין.

אויסער דיכטער און פּראָזאאיקער זיינען אויך געקומען אידישע קולטור־שאַפער אויף אַנדערע געביטן — מאלער, טעאַטראַלן, שוישפּילער, רעזשי־סאַרן, מוזיקער. אַזוי אַז די נייע מעטראַפּאַליע לאָס אנגעלעס, כאָטש זי וואַגט נאָך ניט זיך אַקעגנשטעלן ניו יאָרק, אָבער סמנים פון אַ פּאַרמעסט הויבט זי שוין אָן צו באַווייזן.

דאָרטן, וואו עס וואוינען און שאַפן אידישע שרייבער, זאַמלען זיך אָן מאנוסקריפטן — און וועלכער שרייבער וויל עס ניט זען זיינע ווערק איינגעבונדן צווישן טאָוולען? זיינען טאַקע אין לאס אנגעלעס אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָרן אַ היפּשע צאָל זייער ווילכטיקע ביכער.

עס קומט אַ יישר כוח די ארויסגעבער פון „חשבון“, די יערלעכע אויסגאַבע פון דעם לאָס אנגעלעסער אידישן קולטור קלוב, פאַר פירן דעם רייסטער פון אַלע, אין לאָס אנגעלעס דערשינענע אידישע ביכער, וועלכער ווערט געדרוקט צום סוף פון דעם אַרטיקל.

ווי אַזוי גיט לאָס אנגעלעס ארויס די ביכער? קיין פּריוואַטע פאַר־לעגער זיינען דאָך שוין לאַנג נישטאָ. געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן קריגן ניט גענוג שטיצע פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט צו קענען אַרויס־געבן אַלע ווערטפולע ווערק פון אידישע שרייבער. עס איז כדאי צו פאַר־צייכענען, אַז אין לאָס אנגעלעס (אין אנדערע שטעט איז דיזעלבע דער־שיינונג) גיט אויס די קהילה, אָדער ווי מען רופט עס, „קאָמיוניטי קאָונ־סיל“, ריזיקע סומען אויף פאַרשידענע זייער ווילכטיקע, און אויך ניט אַזוי־ווילכטיקע, צוועקן — נאָר אויף אַרויסצוגעבן אַ ווערטפול בוך איז קיין געלט נישטאָ. עס פאַלט אַ שרייבער אפילו ניט איין זיך צו ווענדן צו דער שטאָטישער קאַסע נאָך הילף אויף ארויסצוגעבן אַ בוך, בפרט נאָך אַ בוך אויף אידיש. ווערק פון שרייבער רייסן זיך דאָך אָבער צו דערזען די ליכ־טיקע וועלט, גיט מען זיך אָן עצה: ערשטנס, דער פאַרלאַג „אַליין“. שריי־בער, וועלכע האָבן נאָר עטוואָס פינאַנציעלע מעגלעכקייטן, גיבן אַרויס ביכער אויף זייערע אייגענע הוצאות, און אין פאַלן, אַז דער מחבר האָט ניט, רחמנא לצלן, קיין געלט, וואָס טרעפט מערסטנס, שאַפן זיך „קאָמיטעטן“, פון פריינט, פאַרערער און גלאָט ליבהאָבער פון אידישן וואָרט, און מען גיט אַרויס ביכער.

איז אין פרט פון ביכער אַרויסגעבן האָט לאס אנגעלעס טאַקע אַרי־בערגעשטיגן יעדן גרויסן אידישן ישוב דאָ אין לאַנד, אויסער ניו יאָרק. דאָס צעטל אַרויסגעגעבענע ביכער דאָ אין לאס אנגעלעס דערגרייכט די צאָל (95) פינף און ניינציק.

כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז דאָס ערשטע ביכל לידער אין אידיש, וואָס איז אַרויס דאָ אין שטאַט פֿון אַ אידישן דיכטער, יעקב לאַנין, א. נ. „די ערשטע פּרוכט", וואו דער מחבר דריקט אויס זיין באַגייסטערונג פֿאַר דער שיינקייט פֿון קאַליפֿאָרניע, איז געווען אין יאָר 1916, ווען די אידישע באַפֿעלקערונג איז באַשטאַנען פֿון וואָסערע 15 טויזנט.

צווישן די וויכטיקסטע ביכער, אַרויסגעגעבן פֿון די אויבן־דערמאָנטע „בוך קאָמיטעטן" און „יובל קאָמיטעטן", דאַרפֿן פֿאַררעכנט ווערן אַכט ביכער פֿון דעם באַוואוסטן דיכטער ה. רויזנבלאַט אין משך פֿון די יאָרן, וואָס דער דיכטער וואוינט אין לאָס אַנגעלעס. ניין — פֿון דעם באַוואוסטן נאָוועליסט ש. מילער; פֿיר ביכער פֿון כאַווער פּאַווער, און איצט ווערט געדרוקט דער פֿינפֿטער; אַ בוך „פֿאָלקס געזאַנגען" מיט נאָטן פֿון חיים קאָטילאַנסקי; אַ בוך „רעפּאַרטאַזשן" פֿון לייב מלאך; זעקס ביכער פֿון פּרץ הירשביין; צוויי פֿון ל. שאַפּירא; 2 פֿון חיים שוואַרץ; 3 פֿון שפרה ווייס און אויך אַנדערע. אויפֿן שער־בלאַט פֿון יעדן בוך איז טאַקע אָנגעצייכנט: „אַרויסגעגעבן פֿון דעם און דעם שרייבערס בוך קאָמיטעט", אָדער „יובל קאָמיטעט". אין זייער ווייניק פֿאַלן זעט מען די אויפֿשריפֿט „אַרויסגעגעבן פֿונם מחבר".

איז עס טאַקע אַ גרויסע דערגרייכונג — אַ קליינינקייט עפּעס, 95 פֿאַרשידענע ביכער אין אידיש. אָבער אין גאַנצן זיך צופֿרידנשטעלן קען מען ניט.

אוודאי איז גוט, וואָס עס שאַפֿן זיך „קאָמיטעטן" אויף אַרויסצוגעבן ביכער, בעת עס זיינען נישטאָ קיין פּריוואַטע פֿאַרלעגער, און די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרלאַגן זיינען ניט בכוח אַרויסצוגעבן זיי, מחמת עס זיינען דאָ זייער ווייניק אָפּנעמער פֿון אידישן בוך. דער „עם הספר" האָט באַשטימט, אַז אַזוי ווי דעם טיטל „עם הספר" האָט ער שוין לאַנג באַקומען —צו וואָס דאַרף ער זיך נאָך מאַטערן לייענען אַ אידיש בוך, אָדער אַ בוך בכלל? די „קאָמיטעטן", אָבער, האָבן אויך אַ חסרון: דער חסרון באַשטייט אין דעם, וואָס עס איז ניטאָ ווער עס זאָל מקפּיד זיין אויפֿן בוך. יעדעס בוך, אפֿילו פֿונם באַדייטנדסטן שרייבער, נויטיקט זיך אין אַ רעדאַקציע. צום באַדויערן איז אַ גרויסער טייל פֿון די אַרויסגעגעבענע ביכער ניט פֿריי פֿון אָט־דעם חסרון. יעדער שרייבער דענקט, נאַטירלעך, אַז יעדעס וואָרט וואָס ער, אָדער זי, האָט אַריינגעשריבן, איז וויכטיק און טאָר ניט אויסגעלאָזט ווערן, אָבער נאָכדעם ווי דאָס געשריבענע איז דורכגעגאַנגען אַ געניטע האַנט פֿון אַ רעדאַקטאָר, דערזעט ערשט דער שרייבער, אַז דאָס ווערק איז אויסגערייניקט געוואָרן פֿון אַ היפּש ביסל אומנויטיקן מאַטעריאַל.

עס איז דאָך אַ פֿאַקט, אַז אין די גרויסע ענגלישע פֿאַרלאַגן, און אין די רעדאַקציעס פֿון די גרעסטע זשורנאַלן און צייטונגען, זיצן געניטע רעדאַקטאָרן און זיפּן איבער די ווערק פֿון די גרעסטע אַמעריקאַנער שרייבער, און מאַכן זיי פֿאַרטיק צום דרוק. דער שרייבער אַליין קען קיינמאָל ניט פֿאַרפֿערטיקן אַ ווערק, וואָס זאָל קענען גלייך גיין צום דרוק. די נעמען פֿון די רעדאַקטאָרן אין די גרויסע פֿאַרלאַגן און רעדאַקציעס זיינען דער וועלט לחלוטין ניט באַקאַנט, זיי זיינען אָבער ספּעציאַליסטן אויף שפּראַך און געבוי פֿון זאַץ. זיי ווייסן דעם כוח הצימצום. איז אָט אַזוי פֿירט זיך

אין דער גרויסער ליטעראַרישער וועלט. ביי אונז, אָבער, ווען דער שרייבער איז אַליין דער אַרויסגעבער, אָדער עס שאַפט זיך אַ „קאָמיטעט" פון גוטע אידן, ליבהאָבער פון אידישן וואָרט, מענטשן וואָס מיינען אוודאי גוט, זיי ווילן העלפן אַ אידישן שריפטשטעלער אַרויסגעבן אַ בוך, אָבער קיינער פון זיי איז ניט דערפאַרן אין דעם ענין רעדאַקציע. ווערן, דעריבער, אַרויסגעגעבן ביכער ניט קיין פולקאָמענע, האַלב געבאַקענע. דאָס בוך וואָלט אפשר געהאַט ווייניקער זייטן, אָבער עס וואָלט געווען וואָגיקער אין אינהאַלט און ווערטפולער.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט דער „עם הספר" פאַרוואָרפן דאָס ספר. עס קהל׳ט זיך אין אידישן לעבן, עס רעש׳ט זיך. עס עקזיסטירן גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציעס, גרויסע אידישע יוניאָנס, מען פירט גרויס פּאָליטיק, מען שאַפט הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר אַ יאָר, נאָר אויף דעם סאַמע עצם פונם פאָלקס קיום, אויף די קולטור הצטרכותן, קלעקט ניט קיין איין סענט. אויף ריזיקע געביידעס, אויף רייכע מעבל אויסצושטאַטן די געביידעס, אויף איינצושטעלן די בעסטע און גרעסטע ספּאָרט־שפּיל־פּלעצער איז דאָ געלט, נאָר ווען עס קומט צו דער ביבליאָטעק, וואַרט מען ביז אידן וועלן זיך דערבאַרעמען און אַוועקגעבן זייערע ביכער, ווען זיי וועלן שוין מער ניט „מעטשן" דער „פּאַניטשע".

אפילו איצט, ווען מען פייערט אַזאַ וויכטיקע דאַטע, ווי דריי הונדערט אידיש לעבן אין אמעריקע, האָט מען זיך ניט דערטראַכט צו אַסיגנירן אַ פאָנד פון עטלעכע מיליאָן דאָלאַר פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג — היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן, סטאַטיסטיקער זאָלן גרינטלעך אויספאָרשן דאָס אידישע לעבן אויף דעם אמעריקאַנעם קאָנטינענט. דאָס ביסל, וואָס אייניקע אָרגאַניזאַציעס, מיט מער אחריות פאַר דער אידישער קולטור, טוען אויף אָט־דעם געביט, ווערט עס געטאָן מיט אַ געוואַלדיקער פינאַנציעלער אָנשטרענגונג, און מען מוז גיין שנאָרן גראַשנס.

צו וואָס די גרויסע אידישע פירער האָבן זיך יאָ דערטראַכט וואָלט געווען געבוג שטאָף פון וואָס חוזק צו מאַכן, ווען דער ענין זאָל ניט זיין אַזוי טראַגיש. מען האָט זיך דערטראַכט, אַז היות היטלער, ימח שמו, האָט אויסגעהרגעט זעקס מיליאָן אידן און צוגערויבט זייערע פאַרמעגנס, און אַזוי ווי דעם שרץ און די, וואָס דאַרפן דעם שרץ מטהר זיין, לוינט זיך איצטער צו קריגן די אידישע גוטהייסונג פאַר דעם — האָט מען געמאַכט אַ מסחר און פאַרקויפט די גרעסטע אידישע טראַגעדיע פאַר געלט. אָט פון די בלוטיקע געלטער האָט מען עס אָפּגעשפּאָרט פאַר אידישע קולטור צוועקן. און דער טייוול קייכט פון געלעכטער . . .

פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן און אין אַזאַ פאַרדאָרבענער אַטמאָספערע, מיט אַזאַ ביטול באַציאונג צו אידישע קולטור־ווערטן, און צו קולטור בכלל, קען מען ניט דערוואַרטן, אַז דער אידישער שרייבער זאָל קענען אַרויסגעבן זיינע ווערק ווי מען גיט אַרויס ביי נאָרמאַלע פעלקער. מוז מען זיך באַנוגענען מיט „קאָמיטעטן" און מען מוז זאָגן: „גם זו לטובה". אָן די „קאָמיטעטן" וואָלט קיין אידיש בוך ניט געקענט דערשיינען . . .

מיר ווילן אָבער האָפן, אַז די אידישע קולטור, און די אידישע ליטעראַטור

בפרט, וועט באַוויזן בייצוקומען די איצטיקע ביטול באַציאונג. די קולטור און ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אויף דער פאָלק־שפּראַך וועט איבער־לעבן די ביטול באַציאונג. די קולטור און ליטעראַטור אויף דער שפּראַך פון פאָלק האָט בייגעקומען די ביטול באַציאונג מצד די משכילים און אַסי־מילאַטאָרן, מיט זעכציק און זיבעציק יאָר צוריק, און האָט געשאַפן ריזיקע קולטור־אוצרות אין דער שפּראַך פון פאָלק, און עס וועט קומען די צייט ווען די „קאָמיטעטן"־אַרויסגעבער, די איצטיקע נויטווענדיקייט, וועלן מער ניט נויטיק זיין. די קולטור אין דער אידישער שפּראַך האָט נאָך איר ווערט ניט אָנגעוואוירן, נאָר פאַרקערט: נאָך איר ערשטן בלי פּעריאָד מאַכט זי איצט דורך דעם קריזיס, וואָס וועט פירן צו נאָך אַ גרעסערן אויפבלי.

דאַרפן מיר דערוייל געבן אַ יישר כוח די „קאָמיטעטן". זיי מאַכן מעג־לעך דורכצומאַכן דעם איצטיקן קריזיס, זיי לאָזן דעם נר תמיד ניט אויס־לעשן, און די פינף און ניינציק ביכער, וואָס לאָס אנגעלעס האָט אַרויס־געגעבן אין אַ משך פון יאָרן, זיינען אַ גרויסער צושטייער צום אידישן קול־טור פאַרמעג, ניט געקוקט אויף זייערע בלויזן און חסרונות.

מיר גיבן דאָ אַ פולע רשימה פון אַלע ביכער, וואָס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אין לאָס אַנגעלעס:

רשימה פון ביכער דערשינען אין לאָס אנדזשעלעס

דר. וו. אסטראָווסקי — „דאָס געשלעכט לעבן פון דער פרוי".

ישראל אָסמאַן — „דאָס בוך פון נסיונות".

ראוז שמ"ר באַטשעליס — „שירי שמ"ר וזכרונותיו".

ב. באַטשעליס — „שמעלצעכץ".

ב. באַטשעליס — „מענטשן פון מיין דור".

ל. בערקאָוויטש — „קליינוועלט".

ז. בונין — „געזאַנג פון מייבע טעג".

יחזקאל בראַנשטיין — „פון דער פרעמד", „יאָ און נישט ניין", „אימ־פּרעסיעס פון אַ לייענער", „געהיים־שטאָט".

ה. גאָלדאָווסקי — „פריירי־לאַנד", „אונדזערע טעג", „זינגט אַ וועלט", „ליכט און גלויבן".

שמריהו גאָרעליק — „עסייען".

נח גאָלדבערג — „פּשוטע מענטשן".

חיים גאָלדבלום — „לעגענדן און מעשהלעך".

אהרן גארעליק — „מעמואַרן".

ב. גרינפעלד (בראָנזווילער סטאָליער) — „הובל שפּענער".

וו. גרינשטיין — „פאַבלען".

„דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך".

מאַטעס דייטש — „מאַנדלברויט אידיש".

ב. דיימאַנדשטיין — „דער וואולקאַנען אינדזל", „דער רוף אין זיך", „בלעטער פון מיין גאָרטן", „ליטעראַרישע העפטן", „געקליבענע דראַמען", „פאַבלען".

יעקב יוסף דאַווידזאָן — „לידער".

פּרץ הירשביין — „יובל בוך" און פינף בענד געקליבענע שריפטן.

י. וויינשטאק — „לידער זאַמלונג".
משה ווייסמאַן — „פון בריסק ביז סעמיאַטיטש".
שפרה ווייס — „אין גאַנג", „צו דער וועלט", „צו דעם מאָרגנדיקן מאָרגן".
חיים לייב וויינבערג — „פערציק יאָר אין קאַמף פאַר פרייהייט".
מלכה טוזמאַן — „לידער".
כאַווער־פּאַוער — „צען לאַנדסלייט", „לעבנס אויפן וואַגשאָל", „וואָווען", „גיבורים פון דער נאַכט".
יעקב לאַנין — „די ערשטע פּרוכט".
פּראָפ. פּאַול לעמקאָף — מוזיק צו צען יידישע לידער פון מאָדערנע דיכטער.
אַדאָלף מאַן — „געזאַנג פון מיין פאָלק".
ל. מאַטעס — „דער ווייסער פּרינץ פון דער ווייסער פּלאַג", „אַ אידישע טראַגעדיע", „ווייסע טריט".
לאַטי מלאך — „שטילע טריט".
א. כראַבלאָווסקי — „פאָלק אָדער שבט".
י. ל. מאַלאמוט — „אַמאָל איז געווען אַ מלך", „טייבעלעך", „מיטן פּנים צו דער זון", „זעכצן לידער".
לייב מלאך — „רעפּאַרטאַזשן".
ש. מילער — „בלעטער פאַלן", „די שמאָלץ גרוב", „אַ בליאַסק אויף טאָג", „מאַטיוון", „רויט און שוואַרץ", „דור הפלגה", „שטויב", „דור המדבר", „אין די שוואַרצע פינטעלעך".
ראָזע נעוואַדאָווסקי — „אַזוי ווי איך בין".
י. ש. נאַאומאָוו — „געזאַמלטע שריפטן".
„סטודיאָ" — זאַמלונג פון קונסט בילדער.
בערל סאַטט — „אַ שטעטל", אין האָלץ און סקולפּטור.
רפאל פאַזנער — „אַ מענטש אין וועג".
י. פרידלאַנד — „רוי־ערד", „פון פּאַסיפיק ביז כנרת".
חיים קאַטיליאַנסקי — „פאָלקס געזאַנגען".
ברכה קודלי — „אוזאַרן", „מדבר און מאַראַנצן".
יוסף קוצענאָגי — „שלום עליכם׳ס טייטש־ווערטלעך", „קווייטלעך".
א. קימלפעלד — „מיין מיליטער דינסט אין רוסלאַנד".
רודאָלף ראָקער — „קולטור און נאַציאָנאַליזם".
מאַריס ראַדזשער — „דער גייסט פון דער צייט".
ה. רויזענבלאַט — „בלויע פלאַמען", „הרודעס", „בעבזיק", „אָדם׳ס קינ־דער", „מיין ליכטיקע נסיעה", „אונטערן שאָטן פון מיין בוים", „אין שענצטן טאָג פון האַרבסט".
שאול ראַבינא — קונסט אלבאָם.
ל. שאפּירא — „דער שרייבער גייט אין חדר", „כתבים".
חיים שוואַרץ — „דער גרויסער געראַנגל", „לידער".
מאַקס שערמאַן — „לידער".
שלמה שניידער — „שפּילערייען".
„הערי שער פאַמיליע בוך".

אב. וויקטאָר

לאָס אַנגעלעס

(פראַגמענט פון אַ לענגערער פּאָעמע)

לאָס אַנגעלעס!
אין יענע טעג, אַמאָל צוריק,
ווען ס'האָט געוואַנדערט איבער דיר מיין בליק,
ווען „מעין סטריט" איז געווען דיין רוקנביין;
דיין „פּלאַזאַ" האָט מסתם געשיינט
מיט זאַטע דזשענטל-לייט,
מיט סוחרים גיריקע,
מיט פערד און ברישקעס גלאַנציקע;
און אויף די טישן — די קריג מיט וויין.
פון ליולקע און ציגאַר אַ בלויער רויך,
האָט זיך געשלענגלט אין דער הויך.

אין וויכן אָוונט, אויסגעשטערנט רייך,
ווען מילך-וועג קוים באַמערקט איז, ווי דיין טייך —
די „פּלאַזאַ", אַ פאַרלאָזענע, האָט שאַרף געזעצט
מיט אָפּפאַל און גערוך פון לייטישן יאַריד,
געקוקט, ווי שטערנליכט דורך צווייגן רינט,
און איינצושלאָפן — מיד.

און היינט, דיין „פּלאַזאַ" — „בליט" מיט אָרעמשאַפט,
מיט אָדערדיקע הענט פון שווערער מי;
און ס'זינגען אוים די וויכע אָוונטן
פון הארטן קאַמף דעם גלי.

מיט קלאָרקייט אין געדאַנק.
צומאָל שלייכט דורך אַ מענטש פאַרצאָגט,
און לייגט זיין אויער צו, און הערט זיך איין
צום וואַרים-הארציקן געזאַנג;
הויבט אויף דעם קאָפּ און טרינקט זיך אָן

די „פּלאַזאַ" היינט רעדט הויך אין הייסע טעג,
און אַ קאַפּיטל נייער ווערט אויף איר געשריבן.
דאָ רעדט דיין פאָלק, דאָ הערט דיין פאָלק,
און שמידט זיין גורל מיט דערפאָלג —
„באַיל האיטס" און האליוואוד די הענט זיך גיבן.

(1938)

י. ראשעל

יידיש־אמעריקאנער פלאַסטישע קינסטלער אין קאַליפאָרניע

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז אַ יונג פאָלק אין פאַרגלייך מיט עלטערע פעלקער אין אייראָפּע, ווי אַ שטייגער, פראַנקרייך, אָדער ענגלאַנד.

אין האַסט פון אונדזער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און פאַרמירונג אַלס פאָלק, האָבן צו אונדזערע ברעגן כסדר געשטראָמט עמיגראַנטן־מאַסן פון פיל לענדער און קאָנטינענטן. עס האָט ניט געסטייעט קיין צייט, אַז זיי זאָלן אַבסאָרבירט און פאַרשמאָלצן ווערן אין איין פאָלק. און ביזן היינטיקן טאָג, טראָץ דעם, וואָס ס'איז דער באַגער און ציל פון דער אָפיציעלער אַמעריקע איבערצושמעלצן אַלע נאַציאָנאַלע און שפּראַך־גרופּן אין אן איינהייטלעכער אַמעריקאַנער נאַציע, איז אַמעריקע דאָך פאַרבליבן אַ קאָנגלאָמעראַט פון נאַציאָנאַלע און שפּראַך־גרופּן.

יידן, לעבנדיק אין נאָרט אַמעריקע 300 יאָר און אין קאַליפאָרניע זיינען מיר תושבים איבער הונדערט יאָר, זיינען מיר נאַטירלעך איינגעגלידערט געוואָרן אין דער עקאָנאָמיע פון לאַנד; אין איר פּאָליטישער סטרוקטור און אין, אַ גרויסער מאָס, האָבן מיר בייגעשטייערט צום קולטור וואוקס פון לאַנד — זעען מיר זיך דאָך אָן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט.

יידיש באוואוסטזיניקע עלעמענטן צווישן די פאָלקסמאַסן שטרעבן צו פּרעזערווירן אונדזערע נאַציאָנאַלע קאָנטורן, און צו דערמוטיקן די שעפערישע כוחות צווישן יידן, כדי אויסצובריייטערן, פאַרטיפן און פאַרזעצן דעם וואוקס פון יידישן קולטור־לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי א באַשטאַנדטייל פון דעם פולסירנדיקן יידישן קולטור־לעבן איבער דער גאָרער וועלט.

די פּלאַסטישע קונסט איז ניט פון די טעגלעכע באַדערפנישן פון א פאָלק. דריקט זיך, אָבער, אויס, דווקא דורך דעם קינסטלערס ווערק, די מאָראַלישע הויך און דער דראַנג פאַר עטיש־עסטעטישע לעבנס־פאָרמען פונם פאָלק.

דערפאַר, וואָס אין די פּלאַסטישע ווערק פון קינסטלער, פונקט ווי אין די ווערק פון שרייבער, קומען צום אויסדרוק אידייען און שטרעמונגען, וואָס זיינען צייטיק געוואָרן אין פאָלק און זוכן צו געבן אן ענטפער אויף זיינע לעבנס־נויטן.

באַטראַכטנדיק פון דעם ווינקל־קוק דאָס יידישע לעבן אין אונדזער שטאַט, איז וויכטיק צו וויסן, וואָס יידישע קינסטלער אין דער זוניקער קאַליפאָרניע האָבן בייגעשטייערט צום יידישן לעבן אויפן עסטעטישן געביט. צי איז זיי געלונגען דורך זייער קינסטלערישן שאַפן ווייטער ממשיך צו זיין די נביאים'ס פּלאָמיקע אויסגעשרייען קעגן סאָציאַלער אומרעכט און פאַר נאַציאָנאַלער אייניקייט; צי אין זייערע בילדער האָבן זיי אַ באַריר מיט יידישע פילאָזאָפן און פּאָעטן פון מיטלאַלטער, און צי האָבן זיי געזוכט און געפונען שיינקייט און געזונטע לעבנס כוחות אין דעם קעגנוואַרטיקן לעבן פון די פאָלקסמאַסן, ווי די בעלעטריסטן און פּאָעטן פון אונדזער דור האָבן עס געפונען.

מיר וועלן אויך מעגלעך זעען אויף וויפיל עס איז אונדזערע יידישע קינסטלער געלונגען צו דערהויבן די אַמעריקאַנער זשאַנער־קונסט, און צי האָבן זיי זיך באַטייליקט אין מאָדערנער פאָרמען זוכעניש.

א

אַ פאָלק איז אַ נאַציאָנאַלער איינס, באהעפט דורך זיין געשיכטע, טראַדיציע און סביבה. הגם, ס׳זיינען פאַראַן קלאַסן אין פאָלק, מיט אַנטאגאָניסטישע אינטערעסן, און בדרך כלל שפּיגלען אַ צאָל קינסטלער אָפּ אין זייערע ווערק די אידייען פון הערשנדיקן קלאַס פון זייער דור, זיינען אָבער די נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות דער באשאף און קנין פון גאַנצן פאָלק. און גרויסע קינסטלער זיינען, בדרך כלל, באַזעלט מיט הומאַניטארע שטרעבונגען פון דער מענטשהייט. דאָס פילט מען אין זייערע ווערק, הגם געשאפן פון נאַציאָנאַלן פאָלקס־שטאָף. דעריבער געפינען מענטשן פון פאַרשיידענע קלאַסן גליקזעליקייט אין די ווערק פון זייערע שרייבער און פּלאַסטישע קינסטלער. מיקלאַנזשעלאָ׳ס מיוראַלן, זיינע סקולפּטורן, האָבן אין משך פון דורות באַגייסטערט מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער און פון פאַרשיידענע קלאַסן. טאָלסטאָי׳ס ווערק רודערן אויף און שפּרייטן גליקזעליקייט אין מענטשן פון פאַרשיידענע שטאַנדן.

אויף די ווייטערדיקע בלעטער וועלן מיר באַהאַנדלען אייניקע קאָליפאָרניער יידישע קינסטלער, וועלכע האָבן זיך אָריענטירט אויף דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין יידישן לעבן.

מ אַ ק ס   ב אַ נ ד

צווישן מאַקס באַנד׳ס מאַלערישע ווערק קאָן מען געפינען אַ צאָל בילדער, געשאַפן אויף טעמעס, וואָס רופן צו גערעכטיקייט, צו שלום, אָדער וואָס קלאָגן־אָן אומרעכט און געוואַלט.

ער האָט געמאָלן אַ בילד אויף ישעיה׳ס באַרימטן זאַץ: „זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס״.

ער האָט א לייוונט, וואָס נאָגלט־צו צום שאַנד־סלופּ, דעם ערשטן היסטאָרישן מערדער — קין.

איוב, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן גאָט׳ס גערעכטיקייט, איז געוואָרן אַ טעמע פאר זיין פּלינקן פּינזל.

און היינטצייטיקע אומגערעכטיקייט באַאומרואיקט אויך דעם קינסטלער, דעריבער האָט ער אין זיין בילד „עקצע האָמאָ״ אָנגעקלאָגט די גרוילטאַטן פון די בעסטיאַלישע נאַציס, די טוטאַנישע גערעכטיקייט־שענדער האָט ער אויסגעלאַכט.

אין דעם בילד „דער פליט יינגעלע״, האָט דער מאַלער אריינגעגעבן פיל ליכטיקייט, און דעם יינגעלע׳ס צעשראָקענע אויגן, ווי די אויגן אין דעם בילד פון זיין אור־זיידן ישעיה, פרעגן: פאַרוואָס? דעריבער קאָן מען דרינגען, אַז דער מאלער, מאַקס באַנד, האַלט, אַז דער קינסטלער, פונקט ווי דער נביא, האָט א מיסיע צו פאַרטיידיקן דאָס גערעכטע־שיינע, און אָנקלאָגן דאָס אומ־

גערעכטע־מיאוסע. ווארים באמת איז דאָך גערעכטיקייט סינאָנים מיט שיינ־קייט. נאָר דער נביא באַטאָנט גערעכטיקייט, דער קינסטלער — שיינקייט.

דער קינסטלער מאַקס באַנד איז געבוירן און אויפגעוואַקסן געוואָרן אין ליטע. געשעפּט פיל פון יידישן קוואַל. געלערנט תנ״ך, תלמוד. איז באַקאַנט מיט דער יידישער און העברייאישער ליטעראַטור. געלערנט מאַלעריי אין בערלין. געלעבט א צייט אין פראַנקרייך, דער זאַמל־פּלאַץ פון קינסטלער, און דער צענטער פון קונסט־שולן. דאָרט האָט ער זיך אָנגעזאַפּט מיט קונסט־קולטור.

ער האָט געמאָלן פּאָרטרעטן פון פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט און חיים נחמן ביאַליק.

ער האָט געהאַט סאָלאָ אויסשטעלונגען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין 1940, און זינט דאַן איז ער אַ תושב אין קאַליפאָרניע.

דער קינסטלער מאַקס באַנד האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם ליאַרם און גרילצנדיקן טאָן פון אונדזער דעקאַדע. דעריבער איז זיין דעזיין נישט האַמעטנע, צעשויבערט, נאָר קרובהדיק, פליסיק. זיין פאַרב, נישט צעיאַכמערט ברוטאַל, נאָר ווארעם, ליריש.

באָריס דויטש

דער קינסטלער, באָריס דויטש, אַ לאַנג־יאָריקער תושב אין לאָס אַנדזשע־לעס, איז אַ מאַלער מיט פאַרנעם. געבוירן אין ליטע, האָט ער אין דער פריער יוגנט געלערנט תנ״ך, תלמוד. איז באהאוונט אין דער יידישער ליטעראַטור, און די לימודים האָבן באַאיינפלוסט זיין קינסטלעריש שאַפן.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָט דויטש ליב געהאַט צו מאָלן דעם יידישן תלמיד־חכם ביי אַ ספר, פּנים צעפלאַמט, שטערן צעמוטשט. זיין פאַרב האָט געפלאַקערט אין יענעם שאפונגס פעריאָד, די פאָרם — אַ רעאַליסטיש־ראָ־מאַנטישע.

ער האָט זיך פיל מאָל אומגעקערט צו דער טעמע: אין אַ שפּעטערדיקן פעריאָד האָט ער געמאָלן דעם „מתמיד״. ער האָט אַ לייוונט, וואו יידן אַמפּערן זיך איבער אַ שווערן ענין אין אַ ספר. זיין בילד „דער גאון״ איז אַ באַגייסטערנ־דיקע אַרבעט: גוף — הויט און ביינער, איינגעבויגן איבערן „זוהר״ און פאַר־טיפט, וויל ער זיך דערגרונטעוועון צום לעבנס־מהות. גייסט באהערשט מאַ־טעריע.

די פאַרוויסטונג, און די טייכן בלוט און טרערן, וואָס די צוויי וועלט־מלחמות האָבן געלאָזן נאָך זיך, האָבן דעם קינסטלער באַאומרואיקט. דעריבער האָט ער געשאַפן דאָס בילד „וואָס די אַטאָמישע באָמבע וועט טאָן צו אייך״. אין 1946 האָט דאָס בילד ביי דער נאַציאָנאַלער פּעפּסי־קאָלאַ אויסשטעלונג, אין ניו־יאָרק, געוואונען דעם ערשטן פּריז, 2,500 דאָלער. די לייוונט איז געמאָלן אין עקספּרעסיאָניסטישן זשאַנער. פאַרבן — סומנע, בלוטיקע. גלי־דער — דעפאָרמירט. די צעקריפּלטע, גרוילהאפטע פיגורן פון מענטש און חיה שוידערן אויף, ווארפן אָן אַ פּחד. דאָס בילד דונערט אויס אַ פּראָטעסט קעגן די, וואָס רופן צו מלחמות און פעלקער־פאַרניכטונג.

באָריס דויטש האָט געהאַט אַ צאָל סאָלאָ אויסשטעלונגען אין פאַרשיידענע שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיינע בילדער געפינען זיך אין מוזעאומס איבערן לאַנד.

עס ווייזט אויס, אַז דער קינסטלער איז נישט נאָר אַ טיף פילנדיקער ייד, נאָר אַז ער איז אויך פאַרוואָרצלט אין אַמעריקאַנער לעבן און אָנגעזאַפּט מיט איר קולטור, דעריבער איז אים געלונגען צו שאַפן 11 קרעפטיקע מיוראַלן, וועלכע באַצירן די ווענט פון דעם הויפּט פּאָסט־אָפיס אין לאָס אַנדזשעלעס. זיי שטעלן־פאָר קולטור דערגרייכונגען פון צפון, דרום און צענטראַל־אַמע־ריקע.

הוגאָ באַלין

דער מאָלער ה. באַלין דריקט זיך אויס קינסטלעריש, הויפּטזעכלעך, דורך שאַפן מיוראַלן. אויפן קופּאָל פון דעם קאָרידאָר אין דעם לאָס אַנדזשעלעס פּלאַנעטאַריום האָט ער, אין אַ גרופּע מיוראַלן, געמאָלן די פאָרשער פון די שטערן־גאַלאַקסיס, וואָס שוועבן אין דעם אומענדלעכן רוים.

אויף די פריזן פון דעם ווילשייר בולוואַרד טעמפּל האָט דער קינסטלער געמאָלן העראָאישע און טראַגישע בילדער פון יידישן לעבן, באַזירט אויף פאַרשיידענע פּעריאָדן אין דער יידישער געשיכטע. מיר זעען די אימפּאָ־זאַנטע, שטראַלנדיקע פיגור פון משה רבינו, דער באַפרייער און שאַפער פון יידישן פאָלק. פון אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד זעען מיר דעם גיגאַנט שמשון הגיבור, ווי ער רייסט־פאַנאַנדער די זיילן פונם פלישתים טעמפּל צו זייער גאָט „דגן". די לעצטע דערגרייכונג פון אַ רייע העראָאישע אַקטן פון דעם שופט און פאַרטיידיקער פון זיין פאָלק. אויף אַ צווייטער וואַנט האָט ער געמאָלן טיטוס הרשע, רייטנדיק אויף אַן אַגער, און זיינע טאַמעוואַטע, רוימישע סאָל־דאַטן פאַרשלעפּן פון ירושלים קיין רוים די מנורה און אַנדערע ריטועלע מכשירים, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין בית המקדש.

פון מיטלאַלטער האָט ער געגעבן דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף — דעם רמב"ם, און דעם וויכטיקסטן יידישן מפורש (קאָמענטאַטאָר) רש"י.

זיינע מיוראַלן זיינען פאַרוועבט און געשלאָסן איינס מיטן אַנדערן דורכן אינטריגירנדיקן, פליסיקן דעזיין. זיי לאָקן דאָס אויג מיט זייער פאַרביקייט, נערן דעם מוח מיט אידייען.

הוגאָ באַלין איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק, און דאָרט שטודירט מאָלעריי אין „אַרט סטודענטס ליג". ער האָט פאַרבראַכט דריי יאָר אין אי־טאַליע צו שטודירן די מיוראַלן פון די רענעסאַנס מייסטער. ער איז באַערט געוואָרן מיט פיל פריזן און מעדאַלן פאַר זיין אַרבעט.

בערל סאַטט

דער סקולפּטאָר בערל סאַטט האָט אין זיין פריער יוגנט געלערנט אין חדר, שפּעטער אין בית המדרש. ער האָט אָנגעשעפּט יידיש וויסן פון דורות־דיקע קוואַלן.

גאַנץ פרי אין לעבן האָט אים געצויגן צו צייכענען און שניצן. כדי

צו דערנערן זיין פאַמיליע, האָט ער געאַרבעט ביי שניצעריי, טיילוויז ביי מצבה קריצעריי. אָבער אין זיין פרייער צייט האָט ער געאַרבעט אויף זיך, און געשאַפן מיניאַטורן אין האָלץ. ער האָט אריינגעגעבן וואַרעמקייט אין די פויליש־יידישע טיפן, וואָס ער האָט געשאַפן.

ב. סאַטט האָט פרעזערווירט אין האָלץ דעם האַרעפּאַשנעם, הכנעהדיקן „וואַסערטרעגער", דעם פיפיקן „שדכן" און אַנדערע טיפּן אינם יידישן שטעטל.

דער קינסטלער האָט אויך געשאַפן אַ צאָל סטאַטועס פון דעם יידיש־רעלי־גיעזן לעבן, ווי, „שופר־בלאָזן", „שבת נאָך מיטיק", „נאָך הבדלה". אין אַ צאָל סקולפטורן האָט ער דערגרייכט קינסטלערישע שלימות. זיין מיניאַטור סקולפ־טורע „מוטער", פאַרמאָגט צערטלעכקייט, האַרציקייט און איז גוט פאַרטראַכט.

ב. סאַטט האָט זיך באַטייליקט אין פיל קונסט אויסשטעלונגען. אין 1947 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ בוך מיט 32 רעפּראָדוקציעס פון זיינע שאַפונגען. דאָס בוך, גרויסער פאָרמאַט, און שיין ארויסגעגעבן, איז באַגלייט מיט אַר־טיקלען — אין יידיש פונם דיכטער ה. רויזענבלאַט און פון דוד פינסקי. אין ענגליש — פון אַרטור מילער, קונסט קריטיקער פון ל. א. „טיימז", מענדל עלקין און, אַ וואָרט פראָפיל וועגן קינסטלער — פון דאָראָטי סאַטט אוירבאַך.

יידן וועלן אים דאַנקבאַר זיין פאַר פרעזערווירן קינסטלעריש אַ יידישע וועלט וואָס איז אַוועק אין פלאַמען.

בערנאַרד זאַקהיים

אין זיין יוגנט, אין פוילן, האָט זאַקהיים געקראָגן אַ יידישע דערציאונג. ער איז אויפגעוואַקסן אין אַ חסידישער אַטמאָספערע, וואו ער האָט איינגע־זאַפּט דעם פּאַטאָס און גלי פון חסידישן קולט. אין זיין געמיט האָבן געשלו־מערט די חזיונות פון בעש"ט און טרויעריק־זיסע ניגונים פון ר' נחמן בראַס־לאַווער.

אין דעם הו־הא פונם אַמעריקאַנעם לעבן, האָט ער דעם גייסטיקן אוצר געהיט און געוואָרעמט אין האַרצן. אין סאַן פראַנציסקאָ האָט ער געצויגן חיונה פון אַ מעבל־געשעפט. אין די פרייע זונטיק־שעהן פלעגט ער, דורך פּרוּוון אין מאָלעריי, אויסדריקן זיין דראַנג צו שעפערישקייט. אַ פריינט האָט געשיקט זאַקהיים'ס עטלעכע סקיצן צום באַוואוסטן מעקסיקאַנער מאָלער די־עגאָ ריווערא, און ער האָט דעם יידישן יונגנמאַן איינגעלאַדן צו זיך קיין מעקסיקאָ.

ב. זאַקהיים האָט שטודירט אונטער ריווערא'ן זעקס חדשים. ער איז צוריקגעקומען קיין סאַן פראַנציסקאָ, אָבער ניט מער צום מעבל־געשעפט, נאָר צו מאָלעריי. ער האָט געלערנט פון ריווערען ניט נאָר מאָלן, נאָר אויך דעם אלטן אמת: אַז יעדער קינסטלער קאָן אַמבעסטן דערגרייכן צו שלימות, ווען ער טוכט אַראָפּ אין דער טיפעניש פונם פאָלק'ס לעבן, פאַר זיין מאַ־טעריאַל.

ווען דער מאָלער ב. זאַקהיים האָט געמאָלן מיוראַלן אין דער פּאַטיאָ פון דעם סאַן פראַנציסקער „קאָמיוניטי צענטער", האָט ער אין זיין אַרבעט רעאַ־ליזירט די שטראַלנדיקע אידייען פון חסידיזם, די שאַלנדיקע נשמה־געזאַנגען פון דער יידישער פאָלקיסטיש־רעליגיעזער באַוועגונג.

דער קינסטלער ב. זאַקהיים שאַפט אויך סקולפּטורן. אין זיי פאַרקער־פּערט ער עפּיזאָדן פון יידישע געשיכטע.

שאול ראַבינאַ

ש. ראַבינאַ איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד. געקראָגן אַ ברייטע יידישע דערציאונג און שטודירט מאַלעריי אין דער אָדעסער קונסט אַקאַדעמיע.

הגם דער מאַלער ראַבינאַ מאָלט פּייזאַזשן און שטיללעבנס, קאָלירפול און קאָמפּעטענט, קאָן מען אָבער זען, אַז נשמהדיק לעבט ער זיך אויס, ווען ער מאָלט אויף יידישע טעמעס: אַ שטייגער, אַ בילד אויף דעם באַרימטן זאָץ „הבל הבלים — הכל הבל״ (קהלת). אָדער יידן זיצן אַרום טיש און זיינען זיך מתעסק אין תורה לערנען.

ניט לאַנג צוריק האָט דער מאַלער באַרייזט „ישראל״. צווישן זיינע „ישראל״ שאַפונגען געפינען זיך פאַרשיידנאַרטיקע יידישע פּנימער: אַ יידישער שיפס־קאַפּיטאַן: זיכערקייט אין פּנים, אויגן בליקן צו ווייטע האָריזאָנטן. אַ ייד, אַ לאַסט־טרעגער, מיט קאַרבן פון פּראַצע אויף זיין פּנים. אַ ייד אַ מקובל: פּנים צעפלאַמט, פאַרדביקה׳ט, מחשבה שוועבט אין פאַרבאָרגענע וועלטן.

ש. ראַבינאַ׳ס אַ ספּעציעלער פאַרדינסט איז זיין פאַרשפּרייטן קונסט. ער פאָרט אין דער לענג און ברייט פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, און שטעלט אויס זיינע בילדער אין יידישע אינסטיטוציעס. פּאַרהאַוועטע יידן קוויקן־זיך מיטן קינסטלערס שאַפונגען, און אַ סך קויפן זיינע בילדער. אַזוי־אַרום דערנענטערט ער דאָס פאָלק צו קונסט.

* * *

ווי מיר זעען, אָריענטירן זיך די יידישע קינסטלער סיי אויפן היסטאָרישן, סיי אויפן קעגנווערטיקן, יידישן לעבן. זיי ברענגען, דורך זייערע ווערק, צום יידישן מענטשן, באַגייסטערונג פון העראָאישן עבר, און מאָלן דאָס טראַגישע און העראָאישע אין יידישן לעבן, אין אונדזער צייט. זיי זיינען פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן, און די ליידן און פריידן פון זייער פאָלק.

ב

דער קינסטלער איז אַ קינד פון זיין צייט און סביבה. ער ווערט באַווירקט פון די אידייען, וואָס זיינען אַ טייל פונם לעבן אַרום אים, און איז אונטערן איינפלוס פונם קולטור־שטראָם פון זיין לאַנד.

פאַר דורות גייט־אָן אַ ויכוח צווישן צוויי שיטות אין קונסט. „די קונסט צוליב קונסט״ שול האַלט, אַז דער קינסטלער דאַרף זיך נישט אינטערעסירן מיט קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען. זיין ציל איז צו שאַפן אַן אָביעקט פון עסטעטישן גענוס דורך ליניען, פאָרמען און פאַרבן. נאָך מער: אַט־די שיטה האַלט, אַז ווען אַ קינסטלער פּריידיקט אַן אידייע דורך זיין ווערק שלינגט די פּראָפּאַגאַנדע איין די קונסט.

די צווייטע שיטה האַלט, אַז קונסט דאַרף דינען דעם פאָלק. דער קינסטלער טאָר נישט פאַרקוקן דעם אידייען־געראַנגל פון זיין צייט. אַט־די שול

האַלט, אַז אידייען אין דער פּלאַסטישער קונסט, מינערן נישט דעם ווערט פונם קונסטווערק, פאַרקערט, זיי גיבן־צו דעם ווערק קראַפט און דויער־האַפטיקייט.

מען קאָן ברענגען ביישפּילן פון דער קונסט געשיכטע לטובת דער צוויי־טער שיטה. דער שפּאַנישער מאַלער, גאָיא, געשאַפן אין 18־טן י. ה., האָט זיך אין א צייט פון אומרוען געשטעלט אויף דער זייט פונם פאָלק און געשאַפן פון די אינצידענטן אימפּאָזאַנטע קונסטווערק.

דער פראַנצויז, דאָמיער, געשאַפן אין צווייטן העלפט פון 19־טן י. ה., איז געזעסן אין תפיסה פאַר זיינע בייסנדיקע קאַרטונס קעגן די שונאים פון פאָלק — די מאַכטהאָבער. אין זיין בילדער סעריע „דריטער קלאַס פּאַסאַ־זשירן" ווייזט ער ארויס טיפע סימפּאַטיע מיט די אָרעמע פאָלקסמענטשן. און די ווערק פון ביידע קינסטלער ווערן פאַררעכנט פון קריטיקער, פאַר קונסט פון א הויכער מדרגה.

אין נאָרמאַלע צייטן איז פאַרן קינסטלער נישט קיין ריזיקע צו באַהאַנדלען סאָציאַלע טעמען; צו קאָמענטירן דורך זיין קונסט קעגן דעם צעפוילטן אין לעבן. אין אונדזערע טעג אָבער, ווען דער אַלטער סדר פונם לעבן זיצט אויפן בראָך־שטול, און אַ נייע קאָאָפּעראַטיווע וועלט־אָרדענונג רייסט זיך צו דער ליכטיקער זון, איז פאַרן קינסטלער נויטיק א סך קוראַזש צו באַהאַנדלען סאָ־ציאַלע טעמעס מחמת דערמיט קומט ער אין צוזאַמענשטויס מיט דער מאַכט־האָבנדיקער רעאַקציאָנערער מינאָריטעט, וועלכע וויל דרייען דעם זייגער פון געשיכטע אויף צוריק. קאָנטעמפּאָרערע קינסטלער, וועלכע שטעלן זיך, דורך זייער קונסט, אויף דער זייט פונם פאָלק, פאַרדינען, דעריבער, דערמוטיקונג און לויב.

אין די ווייטערדיקע שורות וועלן מיר באַהאַנדלען אייניקע פּלאַסטישע קינסטלער, וועלכע פריידיקן דורך זייערע ווערק פרידן אויף דער וועלט און קאָאָפּעראַציע צווישן מענטשן.

טעד גיליען

דער מאלער ט. גיליען, געבוירן אין אַמעריקע, איז א תושב אין לאָס אַנדזשעלעס. ער איז נאָך אַ גאַנץ יונגער מענטש און האָט שוין באַדייטנדיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון מאַלעריי.

אין 1951 איז אַפּגעדרוקט געוואָרן אַ בוך מיט רעפּראָדוקציעס פון זיינער אַ סעריע מאַלערייען און צייכענונגען, אונטערן טיטל „די פרייז". די שאַפונגען זיינען אַ מעכטיקער פּראָטעסט קעגן מלחמה. די ליניעס און טענער אין זיינע בילדער זיינען אָנגעזאַפּט מיטן אַנגסט און פּיין פון היינטצייטיקן פּילבאָרן מענטש. דער אייגנאַרטיקער דעזיין און דער קינסטלערישער כוח, וואָס זיינע בילדער פאַרמאָגן, פאַרכאַפּן דעם באַאָבאַכטערס פאַנטאַזיע, וועקן ביי אים גלויבן אין דער מענטשהייט.

אין אַ טייל בילדער איז דער געדאַנק אויפן ערשטן בליק נישט בולעט, דערפאַר וואָס דער קינסטלער נוצט נישט דעם „רעאַליסטישן", מער פאַר־שטענדלעכן מעטאָד. דער „עקספּרעסיאָניסטישער" אופן פון זיין מאָלן דער־מעגלעכט אים אָבער צו פאַרשפּיצן און שטאַרקער באַטאָנען דעם געגנשטאַנד,

דורכדעם געווינען די בילדער אין קראַפט און פאַרנעם. דער צושויער דאַרף זיך נאָר אביסעלע מער אַריינטראַכטן אין דעם ווערק, און די אידייע אין בילד לויכט אויף פאַר אים. דאַן ווערט ער אופגערודערט. צאָרן און האַס שטורעמען אין זיין געמיט קעגן די מלחמה צינדער.

דער מאָלער ט. גיליען אַרבעט איצט אויף אַ סעריע בילדער „די מאַקאַ־בייער". די לייוונט „יהודה מאַקאַבי'ס טויט" וועקט פאַרערונג פאַר די מאַ־קאַבייער־העלדן. דאָס אויג באָדט זיך אין די טיפע בלישטשענדיקע פאַרבן, וועלכע וואַרעמען דאָס האַרץ. דער אינהאַלט פירט אַוועק אין אַ ווייטער יידי־שער וועלט, וואָס עכאָט מיט קראַפט און שיינקייט.

דער קינסטלער ט. גיליען האָט שטודירט אין ניו־יאָרק אין דער „אַרט סטודענט ליג". ער האָט געהאַט אַ צאָל סאָלאָ אויסשטעלונגען.

עדוואַרד ביבערמאַן

דער מאָלער ע. ביבערמאַן איז אַ מענטש מיט ברייטער בילדונג. גע־בוירן אין פילאַדעלפיע, שטודירט אין פענסילווייניער אוניווערזיטעט און מאָלעריי געלערנט אין דער פענסעלווייניער קונסט־אַקאַדעמיע.

נאָכדעם ווי מ'זעט זיך־אָן מיט „קוביסטישע" זיגזאַגן, מיט רעטענישן, געמאָלן אין דער „אַבסטראַקטער" שול, קוויקט זיך דאָס אויג מיט ביבערמאַנ'ס געזונטן „רעאַליזם".

זיינע לייוונטן ווערן נאָענט דעם ערנסטן באַאָבאַכטער, דערפאַר, וואָס אויף זיי זעט ער מענטשן מיט פּראָבלעמען, זאָרגן און האָפענונגען. אָבער ביבערמאַנ'ס רעאַליזם איז נישט פאָטאָגראַפיש, באַנאַל, וואָרים ער גיט אַריין אין זיינע בילדער זיין אינדיווידועלן קניטש, זיין וויבריריקן, סאָציאַלן קאָמענטאַר. זעט מען טאַקע אויף זיינע בילדער און ליטאָגראַפיעס אַזעלכע טעמעס ווי „קאַמף קעגן מלחמה", „פּראָטעסט קעגן אינטערדריקונג", „ברו־דערשאַפט".

אַמאָל האָט דער קינסטלער געמאָלן אינטערעסאַנטע „שטיל־לעבנס" אין בונטע פאַרבן. ער האָט אָבער פּאַרוואָרפן — ווי ער זאָגט — דאָס צאַצקען זיך מיט קאָלירפולע בלומען, מיט גראַציעזע אַראַנזשירונגען פון וואַזעס און שאָלן. ער האָט געשאַפן פאַר זיך אַן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט פון געצווימטע, קילע פאַרבן, אָבער זיינע טעמעס זיינען הייס־אָטעמדיקע.

ביים סוף 1953 האָט דער ניו־יאָרקער פאַרלאַג הערען אָפּגעדרוקט בי־בערמאַנ'ס אַ בוך רעפּראָדוקציעס. דאָס בוך נעמט אַרום זיין שאַפן צווישן די יאָרן 1937—1953. דער לייטמאָטיוו פון די בילדער אין בוך איז: קאָאָפּע־ראַציע צווישן מענטשן און פּראָטעסט קעגן געוואַלט.

ביבערמאַן האָט אויסגעשטעלט אין פיל שטעט אין איראָפּע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ער מאָלט אויך מיוראַלן. צוויי מיוראַלן אויף סאָציאַלע טעמעס האָט ער געמאָלן אין היגן הויפּט פּאָסט־אָפיס. אויף איינעם געפינען זיך לאָזונגען פון וואָלט וויטמאַן.

הערשל דייוויס ע״ה

דער סקולפּטאָר ה. דייוויס איז געווען א באשיידענער מענטש. גערעדט שטיל, אָן פּאָזע. געבוירן אין האָמעל (רוסלאַנד). געקומען א יונגער בחור קיין אַמעריקע און שטודירט אין סאן פראנציסקאָ. געצויגן חיונה פאר זיך און זיין פאמיליע פון שטוקאטאָריע: פלאסטישע אָרנאַמענטן, באפוצונגען פאר קאָמערציעלע און פּריוואַטע געביידעס.

טיף אין אים האָט אָבער געגליט א פארלאנג אויסצודריקן זיך קינסט־לעריש. האָט ער אין זיין פרייער צייט געקנאָטן אין ליים, געשניצט אין האָלץ, איינציקע פיגורן און גרופּן, פון דעם קלאסן־געראַנגל אין זיין צייט און זיי באהויכט מיט זיינע נשמה־געזאַנגען.

ה. דייוויס האָט געוואוינט און געשאַפן אין לאָס אַנדזשעלעס אין די 20־קער און 30־קער יאָרן פון אונדזער י. ה. דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין אָנהייב 30־קער יאָרן, האָט דער קינסטלער אָפּגעשפּיגלט אין אַ צאָל סקולפּטורן. די גרופּע „דער לעצטער טשעק״ איז אַ לעקציע אין קלאסנקאַמף: דער באָס, אַן אָפּגעפרעסענער קערל, דערלאַנגט מעכאַניש אַ טשעק דעם אָפּגעזאָגטן ארבע־טער. הילפלאָז, פאַרזאָרגט, שטרעקט ער אויס זיין האַנט שלאבעריק, צו נעמען זיינע שכירות. די סקולפּטור איז פיין מאָדעלירט, און זי ווייזט דעם אַרבעטער׳ס ביטערע דאָליע. פון זעלבן זשאנר איז זיין סקולפּטור־גרופּע: קינדער זוכן שפּייז אין אַן אָפּפאַל־קאַן.

דער קינסטלער ה. דייוויס, ווייזט אויס, איז געווען אַ פאַרערער פון דעם גאָניאַלן שרייבער לעוו טאָלסטאָי, דעריבער האָט ער געשאַפן אין האָלץ א פּאָרטרעט פון אים, וואָס איז טיף און ליריש.

ער איז יונג פאַרשניטן געוואָרן פון לעבן. געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1937 אין עלטער פון 43 יאָר. אַ שאָד. כבוד זיין אנדענק.

עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך, ווען אַ טייל קאַליפאָרניער קינסטלער זאָלן נישט באהאַנדלען אין זייער קונסט סאָציאַלע דערשיינונגען, וואָרים אונדזער זוניקער שטאַט איז א טייל פון אונדזער גרויס לאנד. דעפּרעסיעס בארירן בירגער פון אַלע שטאַטן. מינאָריטעטן ווערן באַעוולה׳ט אומעטום.

דער סאָציאַל־סענסיטיווער קינסטלער, סיי הי־געבוירענער, סיי נישט, וויל, אַז זיין אַמעריקאַנער פאָלק זאָל לעבן אַ גערעכט לעבן, דעריבער קאָמענ־טירט ער אויף סאָציאַלע איבלען און מאָנט גערעכטיקייט.

ג

טויזנט רעגנבויגנס פאַרמאָגט דאָס לעבן, זיי זיינען אָבער פאַרהוילן פון געוויינלעכן אויג. קומט דער קינסטלער און אַנטפּלעקט זיי פאר אלעמען. דער מאָלער מאָלט זיי אויף זיינע לייוונטן, דער סקולפּטאָר פאָרעמט זיי אין זיינע סקולפּטורן. דערמיט ברענגען זיי דאָס שיינקייט פון לעבן צו זייערע מיט־מענטשן און פאַרזעווירן עס פאַר קומענדיקע דורות.

אייניקע מאלער גיבן אונדז זייער עקסטאַטיש זען, דורך פארבן און פאָר־

מען, אין פייזשאַזש. קינסטלער כישוף׳ן־ארויס אַ כאַראַקטער־שטריך פון אַ מענטשלעכן פנים דורכ׳ן פּאָרטרעט, וואָס צינדט אונדזער פאַנטאַזיע. צו אַנדערע קינסטלער רעדט דער צעקרישלטער ליכט־שימער אויף גלעזערנע כלים, אָדער די פארבן און פאָרמען פון רויזן, וואָס עפענען אין פרימאָרגנס זייערע הערצער צו דער זון. זיי מאָלן שטיל־לעבן אימפּרעסיעס, וועלכע זיינען צו אונדז א דין, ציטערדיק געזאַנג, רעגן אין אונדז צאַרטע, העלע פרייד.

* * *

אויף די וויטערדיקע זייטלעך וועלן מיר פּרואוון אויסטייטשן קינסטלער וואָס פאַרשאַפן אונדז פרייד, דורך פייזאַזש, פּאָרטרעט אָדער שטיל־לעבן.

אָסקאַר וואַן־יאַנג

פיל קינסטלער שווימען אין דעם קונסט־שטראָם, כאַפּן זיך־ארויף אויף אַ כוואַליע און שווימען אויף איר זייער גאַנץ לעבן, ד. ה. זיי מאָלן לויט דעם איינשטעל פון אַ קאָנטעמפּאָרערער קונסט־שול. זעלטן געלינגט זיי צוצוגעבן אן אייגענעם ניואנס אין זייערע ווערק.

ס׳זיינען אָבער פאַראַן יחידים, וואָס שאַפן פאַר זיך אן אייגענעם שטראָם. צו די געציילטע קינסטלער געהערט דער אָנגעזעענער מאָלער, אָסקאַר וואַן־יאַנג.

ער איז געבוירן געוואָרן אין ווין ביי אַסימילירטע יידישע עלטערן און האָט שטודירט מאָלעריי אויפן קאָנטינענט.

אָסקאַר וואַן־יאַנג זוכט כסדר נייע וועגן, נייע אויסדרוק־מיטלען, צו באַרייכערן זיינע קונסט שאַפונגען. פון לייוונט צו לייוונט קאָן מען באַמערקן, ווי דעם קינסטלער געלינגט צו שאַפן נייע פאַרבן קאָמבינאַציעס, נייע פּעטערנס אין זיינע בילדער. אים אינטערעסירט מער — ווי דער קינסטלער האָט דערקלערט — צו שאַפן אין זיינע בילדער דאָס תוכ׳יקע, דאָס נשמה׳דיקע, וואָס איז פּערמאַנענט, איידער די אַקציע, וואָס איז אינצידענטאַל. דעריבער פאַרטושט ער דאָס דערציילערישע און באַטאָנט דאָס שטימונגספולע. אויף דער פראַגע פונם שרייבער: איז עס נישט די פליכט פונם קינסטלער צו עפענען כאָטש אַ שפּאַרע פארן באַאָבאַכטער, כדי ער זאָל זיך קאָנען בעסער אָריענטירן אין דעם, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפן? דערויף האָט וואַן־יאַנג דערקלערט: דער שרייבער האָט א מעגלעכקייט אין געציילטע שורות אויסצומאָלן האַנדלונגען, א באַשטימטע פאָזע, אָדער א געמיט צושטאַנד. דער מאָלער, אָבער, איז באַגרענעצט צו א באַשטימטן שטח אויף דער לייוונט. זיין אויספיר: „די פּלאַסטישע קונסט איז נישט קיין דערציילערישע, נאָר אַ שטימונגס קונסט״.

אָבער אפילו דער פּשוטער באַאָבאַכטער, אויב ער באַמיט זיך, קאָן ווערן אריינגעצויגן אין דעם קרייז פון וואַן־יאַנג׳ס מאָלערישער שעפערישקייט. ווארום עס שטראָמט אויף זיינע לייוונטן מיט מאָלערישער שפע. זיין פאַרב איז אייגנאַרטיק, טיף און בלענדנדיק. זיין סטיל — פּליסיק. זיין דעזיין — אומפּאַסנדיק.

ער האָט געהאַט סאָלאָ אויסשטעלונגען אין פיל שטעט. געוואונען פּריזן פאַר זיינע בילדער. זיינע קונסטווערק געפינען זיך אין אַ צאָל קאַליפאָרניער מוזעאומס און ביי פּריוואַטע קאָלעקטאָרס.

אָסקאַר וואַן־יאָנג איז אַ וויכטיקער יידיש־אַמעריקאַנער מאַלער.

טאָבי ראָזענטאַל ע״ה

געבוירן 1848 — געשטאָרבן 1916

אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן י. ה. האָט אין סאַן פראַנציסקאָ געלעבט און געשאַפן דער באַדייטנדיקער יידישער מאַלער, טאָבי ראָזענטאַל.

וועגן דעם קינסטלער דערציילט קערי מעקוויליאַמס טשיקאַווע פּרטים אין דעם זשורנאַל „וועסטוועיס" פאַר אָקטאָבער 1937. טאָבי ראָזענטאַל, א זון פון אַן אָרעמען יידישן שניידער אין סאַן פראַנציסקאָ, האָט אַרויסגעוויזן אין זיין פריער יוגנט גרויסע פיאיקייטן אויפן מאַלערישן געביט. אַ גרופּע פון זיין פאָטער׳ס קליענטן האָבן זיך פאַראינטערעסירט אין דעם בחור און אים געשיקט קיין מינכען שטודירן מאַלעריי.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין סאַן פראַנציסקאָ אין 1878, האָט דער קונסט־מעצענאַט, טיבעריקא פאַראט, ביים קינסטלער באַשטעלט א געמעל, וואָס זאָל פּערזאָניפיצירן טעניסאָנ׳ס „אילעין".

אַלס אַ מאָדעל צו שאַפן דאָס געשטאַלט פון „אילעין", האָט דער זשוואוער ראָזענטאַל פאַרשלעפּט דעם טויטן קערפּער פון א פרוי אין זיין אטעליע. ווען די שכנים האָבן זיך דערפון דערוואוסט און פראָטעסטירט, האָט ער דאַן גע־נומען דאָס האַלב־פאַרענדיקטע בילד מיט זיך אויף זיין רייזע קיין מינכען.

ווען די מיליאָנערשע, העטי גרין פון סאַן פראַנציסקאָ, האָט אים באַזוכט אין מינכען, האָט ער ארייַנגעמאָלן טייל פון אירע כאַראַקטער שטריכן אין דעם בילד.

ווען „אילעין" איז אויסגעשטעלט געוואָרן, זיינען ארום עלף טויזנט מענטשן געקומען עס זען.

וויליאַם אוירל סינגער

סינגער איז געבוירן געוואָרן אין שיקאַגאָ. האָט שטודירט אין שיקאַגער אוניווערזיטעט און אין שיקאַגער „אַרט אינסטיטוט".

ער איז נאָך אַ גאַנץ יונגער מענטש און האָט זיך שוין קונה שם געווען, אַלס אַן אָנגעזעענער פּאָרטרעטן מאַלער. צווישן די, וואָס זיינען געזעסן פאַר אים, געפינען זיך דר. חיים וויצמאַן און טאָמאַס מאַן.

דער מאַלער האָט אריינגעגעבן פאַרטיפונג נישט נאָר אין די פּאָרטרעטן, וואָס ער האָט געשאַפן, נאָר כמעט אַלע זיינע פיגורן־קאָמפּאָזיציעס זיינען געמאָלן אין אַ פּאָזע פון טיפער מעדיטאַציע, פון זיין מיט זיך, אָבער — נישט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט.

זיינע פרויען־פנימער זיינען באחנט, זייערע פיגורן גראַציעז, בויגעוודיק, ווי דער בויגן פון אַ פידל־ווירטואָז.

סינגער האָט געמאָלן נישט נאָר אין זיין אייגן לאַנד, די פאראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך אין לאַטיין אַמעריקע און פּאָרטוגאַל. לעצטנס האָט ער געדרייזט אין ישראל און געמאָלן אַ צאָל בילדער, וואָס ווייזן דאָס היסטאָרישע אין לאַנד און דאָס איצטיקע, בויענדיקע ישראל. די לייוונטן פאַרמאָגן דעם קאָלאָריט פון לאַנד און זיינען געמאָלן מיט שוואונג.

ער האָט אויסגעשטעלט אין פיל שטעט אין אַמעריקע און אין אייראָפּע.

לאַלי וואַן

די מאָלערין וואַן האָט דעם ערשטן בליק־געטאָן אויף אונדזער טרויעריק, אָבער אינטערעסאַנט וועלטל אין דער מעטראָפּאָליע פון דער וועסט, שיקאַגאָ. דאָרטן אויפגעוואָקסן און שטודירט אין דעם שיקאַגער „אַרט אינסטיטוט".

זי מאָלט פיגורן־קאָמפּאָזיציעס, שטיל־לעבנס און פאַנטאַסטישע בילדער. זי גיט אַריין וואַרעמקייט אין אירע שאַפונגען. אירע מוטער־און־קינד לייוונטן לאַשטשען דאָס אויג, און נעמען אַרום מיט מאַמעדיקער וואַרעמקייט.

די קינסטלערין לאַלי וואַן האָט אַמאָל געמאָלן רעאַליסטיש. דאָס קאָן מען זען פון דעם קרעפטיקן פּאָרטרעט, וואָס זי האָט געמאָלן פון איר מאַן, דעם באַוואוסטן יידיש־אַמעריקאַנער מאָלער, אָסקאַר וואַן־יאַנג. זי איז אָבער אַוועק פון רעאַליזם, און איצט מאָלט זי אין אַ ליריש־עקספּרעסיאָניסטישן מאַניער.

אין אירע שטיל־לעבנס דאָמינירן ראָז און פיאָלעט. זי שאַפט אויך טרוים־ערישע וויזיעס אויף אירע לייוונטן. פון דעם מין איז איר בילד אַ „שיכור אין פרילינג", אינספּירירט פון גוסטאַוו מאַלער'ס אַ סימפאָניע.

דער אופן פון איר מאָלן, איז ווייך און פעמעניסטיש. אירע פאַרבן — וואַרעם און בלענדנד.

אברהם פּאָלאָנסקי

דער מאָלער פּאָלאָנסקי האָט געמאַכט זיין היים אין לאָס אַנדזשעלעס מיט צען יאָר צוריק. ער איז געקומען מיט זיין פאַמיליע פון שיקאַגע, וואו ער האָט שטודירט אין „אַרט אינסטיטוט".

ער האָט פיל מאָל אויסגעשטעלט זיינע בילדער, און געהאַט אַ סאָלאָ אויס־שטעלונג אין לאָס אַנדזשעלעס מוזעאום.

ער מאָלט אין אויל און אַקוואַרעל, הויפּטזעכלעך לאַנדשאַפטן. טיילמאָל ווערן סצענעס פון שטאָטישן הו־האַ לעבן באַרירט פון זיין פלינקן פּינזל.

אין פּאָלאָנסקי'ס לייוונטן מערקט מען אַ באַשטימטן קאָלאָריט. ער איז סומנע; גרוי־און־ברוין דאָמינירן.

ער האָט אויך אויסגעדריקט אידייען אין ליים און גיפּס. דער רעזולטאַט — עטלעכע פיינע סקולפּטורן.

א. פּאָלאָנסקי, ווייזט אויס, האַלט, אַז דער קינסטלער טאָר זיך ניט באַנוי־

געגען מיט שאפן קינסטלערישע אָביעקטן, אָקסל־צו־אַקסל מיט זיינע מיט־מענטשן דארף ער העלפן פאַרשענערן דאָס לעבן. דעריבער, קאָן זיין, גיט ער זיך נישט אָפּ מיטן מאָדערנעם פאָרמען־גריבלעניש. ער איז אַ מענטש פון טאָט. זעט מען טאַקע אָפט זיינע קינסטלערישע דעקאָראַציעס באַשיינען שמחות פון יידישע קינדערשולן און „אַוונטן" פון אַנדערע פאָלקס אָרגאַניזאַ־ציעס. ער גיט זיין אַרבעט מיט אַ ברייטער האַנט און אַ פול האַרץ.

קאָוונער—גראָדסקי

דער מאָלער האָט שטודירט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע פון וואַראָנעזש, רוסלאַנד. ער מאָלט שטיל־לעבנס פייזאַזש און פּאָרטרעטן.

אין זיינע לאַנדשאַפטן איז ער אימפּרעסיאָניסטיש. ער דריקט נישט אויס יעדן דעטאַל פון געגנשטאַנד, נאָר ער וואַרפט אָן די גענעראַלע ליניעס און פלאַכן פון אָביעקט, טעלעכע פּינזל־שמיר און פאַרב־פלעקן אויפן ריכטיקן פלאַץ, און עס וואַקסט אויס אַן אייגנאַרטיק בילד.

זיינע שטיל־לעבנס לאַשטשען דאָס אויג. זיי זיינען חנעוודיק און פאַרמאָגן אַן אייגענעם בלישטש, די פאַרבן — וואַרעם און העל.

דער קינסטלער קאָוונער—גראָדסקי האָט אין זיין פאָטער׳ס הויז געקראָגן אַ יידישע דערציאונג. ער רעדט אַ פיינעם יידיש און קהל׳ט זיך אין יידיש־נאַציאָנאַלע קרייזן. ער האָט פיל מאָל אויסגעשטעלט זיינע בילדער.

פרידא נויטראַ

די מאָלערין נויטראַ איז געבוירן געוואָרן אין עסטרייך און שטודירט מאָלעריי אין ווין. אין די פופציקער סוף־30־קער יאָרן, אין די דייטשישע לענדער, האָט זי פאַרלאָזן אייראָפּע, און געקומען צו די פריינטלעכע אמע־ריקאַנער ברעגן.

פרידא נויטראַ איז אַ פאַרשיידנאַרטיקע קינסטלערין. זי מאָלט לאַנד־שאַפטן, שטיל־לעבנס און פאָרטרעטן. אין אירע פּאָרטרעטן געלינגט איר אַרויסצוברייגען אַן אינערלעכן כאַראַקטער־שטריך פון דעם פערזאָן, וואָס זי מאָלט.

זי שאַפט אין אויל און אַקוואַרעל. אין איר לייוונט „דער פּרייהייטס גלאָק", האָט זי געזוכט צו סאָלידירן זיך מיט איר אדאָפּטירטן לאַנד, אמעריקע. אין דעם בילד ווייזט זי דעם ענטוזיאַזם פאַר אָמעריקע פון פאַרשיידענע פעל־קער־גרופּן, וועלכע זיינען געקומען צו אונדזערע זיכערע ברעגן, און געפונען אַ רואיקע היים.

אָט דער שטאַרק־צימצום׳דיקער איבערבליק דעקט בלויז דאָס שאפן פון אַ טייל יידיש־אַמעריקאַנער פּלאַסטישע קינסטלער אין קאַליפאָרניע. מיר קאָנען אָבער דערפון זען, אַז מיר זיינען נישט הינטערשטעליק לגבי אַנדערע פעלקערשאַפטן אין אונדזער צושטייער צו דער אמעריקאַנער קונסט.

מיר קאָנען מיט שטאָלץ קוקן צו ליכטיקע מאָרגנס אין אונדזער לאַנד, די פאַראייניקע שטאַטן, און אין אונדזער זוניקן שטאַט קאַליפאָרניע.

ב. מאַזוער

פיר ברידער זיינען זיי געווען

(אַ קאַפּיטל פון אַן אַרבעט „יידן אין האָליוואוד")

1

אַ ר ײַ נ פ י ר

די פילם אינדוסטריע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר אַכצן הונדערט ניין און אַכציק, אין דעם שטעטל וועסט־אָראַנדזש, ניו־דזשוירזי.

מיט 15 יאָר שפּעטער האָט זי זיך אָנגעפאַנגען, ביסלעכווייז, אַריבער־קלייבן קיין קאַליפאָרניע. צוערשט, אין לאָס־אַנדזשעלעס אויף „ספּרינג סטריט" און דערנאָך ערשט, האָט מען אָנגעהויבן בויען „די שטאָט פון חלומות" — האָליוואוד.

די „קוואַטערס" פון דעם ניי־געבוירן קינד זיינען געווען: טאָמאַס ע. עדיסאָן און דזשאָרדזש איסטמאַן. אָן ספק, איז דאָס געווען אַ וואונדערלעכע דערפינדונג. און נאָך מער וואונדער, איז דאָס, וואָס אין אַזאַ קורצן צייט־אָפּשניט האָט זיך די אינדוסטריע אַזוי צעבליט.

פון די קליינע, ענגע געסלעך איז זי אַרויס אויף די ברייטע בולוואַרן פון די גרויסע שטעט, און אויף די לעבעדיקע געשעפטס־צענטערס פון די קלענערע ישובים.

אין משך פון די פינף און זעכציק יאָר, איז דער פילם געוואָרן אַ גרוי־סער, סטימולירנדיקער כוח, וואָס איבט אויס זיין איינפלוס — אַמאָל צום גוטן, און גאָר אָפט — צום שלעכטן.

דער אָנפאַנג איז געווען זייער באַשיידן. די ערשטע סטודיאָ איז געווען אַ געביידע, צונויפגעשטוקעוועט פון האַרטן פּאַפּיר און עטלעכע אַלטע ברע־טער, פּאַר אַ דאַך. געקאָסט האָט זי די געוואַלדאָוונע סומע פון זעקס הונדערט מיט עטלעכע און זעכציק דאָלער.

היינט, איז דאָס אַ ביליאָנענדיק געשעפט, מיט טויזנטער אָנגעשטעלטע. גאַנצע שטאַבן פון טעכניקער ק,ינסטלער, מוזיקער און שרייבער, זיינען באַ־שעפטיקט אין די פילם־פאַבריקן.

איז דאָך קלאָר, אַז פון זיך אַליין איז נישט געקומען דער גראַנדיעזער אויפשוואונג. דאָ האָט געווירקט דער מענטשלעכער גייסט און זיין דרייסטקייט. עס איז נויטיק געווען אַ סך פאַנטאַזיע און טאַלאַנט אָנצופאַנגען דעם נייעם בראשית , און יידן האָבן אויך געטאָן זייער חלק. זיי האָבן בייגעטראָגן, נישט נאָר מיט זייער קאַפּיטאַל, נאָר אויך מיט זייערע פעיאיקייטן און וויזיע. זיי זיינען געווען אַ טייל פון דער קליינער מחנה, וואָס האָט איינגעזען, אַז די פילם־אינדוסטריע קאָן נישט זיין סטאַטיש, נאָר זי דאַרף זיך כסדר אַנט־וויקלען און גיין פאָרויס.

נו, אוודאי זיינען פאַראַן טענות צו די פילם־קאָמפּאַניעס. און גאַנץ באַרעכטיקטע, אָבער קיינער קאָן נישט לייקענען, אַז אַט די דערפינדונג האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער ציוויליזאַציע פון נעכטן, היינט און מאָרגן.

מיט דער הילף פונם פילם קאָנט איר זען לענדער און מענטשן פון דער גאָרער וועלט. איר קאָנט זען די טריאומפן און אַספּיראַציעס פון פאַרגאַנ־גענע דורות, און אַזוי אַרום באַרייכערן אייערע האָריזאָנטן.

דאָס קאַפּיטל „פיר ברידער זיינען זיי געווען", איז די געשיכטע פון „די וואָרנער־ברידער", וואָס איז איינע פון די גרעסטע פילם־קאָמפּאַניעס אין האָליוואוד. אָט די פירמע האָט פּראָדוצירט אַ גאַנצע רייע פילמס, וואָס האָט געמאַכט געשיכטע אין דער אונטערהאַלטונגס־וועלט. כדאי דאָ צו דער־מאָנען, אַז די „וואָרנער־ברידער" האָבן פּראָדוצירט דעם פילם „דאָס מודה־זיין זיך פון אַ נאַצי־שפּיאָן" („קאָנפעשאָנס אָף עי נאַצי־ספּיי"), און זיי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַ נעם געטאָן צום ריידנדיקן פילם, ווען זיי האָבן פּראָדוצירט דעם „דזשעז־זינגער", מיט אַל דזשאָלסאָן אין דער הויפּט־ראָלע.

2

די געשיכטע פון די וואָרנער־ברידער

אין יאַנגסטאָן, אָהייאָ, האָבן געלעבט פיר ברידער — הערי, אַלבערט, סעם און דזשעק. אַ טאַטן האָבן זיי געהאַט נישט קיין רייכן. אַ שיך־געוועלבל, שפּעטער אַנדערע קרעמלעך, און אַלע פיר האָבן זיי געהאָלפן אין די „גרויסע געשעפטן". אָט־אַזוי, הייבט זיך אָן די „סוקסעס־סטאָרי" פון די וואָרנער־ברידער.

סעם איז געווען דער קאָפּ־מענטש; הערי איז געווען דער פינאַנציר; אַלבערט האָט אויסגעאַרבעט די פּראַקטישע פּלענער, און דזשעק האָט די פּלענער דורכגעפירט אין לעבן.

איינמאָל, האָט סעם, דורך אַ צופאַל, געזען אַזאַ מין מאַשינקע, וואָס וויזט באַוועגלעכע בילדער. דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרגעסן. און אַ געדאַנק האָט אָנגעהויבן עקבערן אין קאָפּ: מ'קאָן דאָך דאָס קליין אַפּאַראַטל אַנטוויקלען, און ס'זאָל פון דעם עפּעס ווערן.

מיט אַ צייט שפּעטער, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דאָ טאַקע, אין זיין היים־שטאָט, האָט איינער אַזאַ מאַשינדל, און יענער וויל פון דעם פּטור ווערן.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג, און ער האָט עס אָפּגעקויפט פאַר הונדערט מיט פופציק דאָלער.

וואו האָט ער גענומען אַזוי פיל געלט? אַביסל האָט ער געליען ביים טאַטן, פאַרזעצט זיין זייגער מיט דער קייט, און אַזוי־אַרום האָט ער באַקומען דאָס קאַרבאָן אַפּאַראַטל, מיט זיבן הונדערט פוס פילם־בילדער אונטערן וואָזשנעם נאָמען: „די גרויסע באַן־רויבעריי". דאָס איז געווען דער אָנ־פאַנג פון אַן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, מיט וועלכער די וואָרנער־ברידער זיינען, ביז היינטיקן טאָג, אַזוי דערפאָלגרייך פאַרבונדן.

3

אַרום יאָר 1905 האָבן די וואָרנער־ברידער, צום ערשטן מאָל, געוויזן זייער פילם אין אַ שטעטל נאַילס, אָהייאָ.

סעם איז געוואָרן דער אָפּעראַטאָר, הערי און אַלבערט זיינען געוואָרן די פּאַרוואַלטער און „פּובליסיטי־לייט", און דזשעק האָט געזונגען און געטאַנצט, כדי צו אַמוזירן דעם עולם. מ׳האָט אויך אַריינגעצויגן די שוועסטער, ראָזע. זי האָט פאַרקויפט די בילעטן און געשפּילט פּיאַנאָ.

איז דאָס שוין געווען אויך אַ מין וואָדעוויל־אַקט, און די ערשטע וואָך האָבן זיי אַריינגענומען דריי הונדערט דאָלער.

אָבער, ווי לאַנג קאָן מען אין אַ שטעטל ציען אַן עולם?

האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן קיין האַבאַרד, אַ שכנות׳דיק שטעטל, און פון דאַנען אין אַ צווייטן און אַ דריטן. אַזוי אַרום זיינען די „וואָרנערס" געוואָרן אַ וואַנדערנדיקע טרופּע. ווען זיי זיינען געקומען קיין ניו־קעסטל, פּענסילוואַניע, האָבן זיי שוין דערעפנט דאָס ערשטע פילם־הויז.

אָפּגעדונגען אַ „סטאָר", אויסגעריייניקט, און אָפּגעפאַרבט, און צוגע־גרייט זיך־פלעצער פאַר 99 מענטשן. פאַרוואָס נאָר פאַר ניין און ניינציק?

סעם, דער קאָפּ־מענטש, האָט באַלד אויסגעפונען, אַז וויבאַלד ס׳וועלן זיין אַפילו נאָר הונדערט זיך־פלעצער, וועט מען זיך שוין דאַרפן אונטער־וואַרפן די לאָקאַלע פייער־רעגולאַציעס.

דער דערפאָלג איז דאָ אויך געווען גרויס. אָבער די פראַגע איז ווידער געווען: ווי לאַנג קאָן מען אונטערהאַלטן אַן עולם מיט איין־און־דעם־זעלבן פילם?

האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן, ווי אַזוי צו באַקומען נייע פילמס. אין יענער צייט אָבער איז דאָס נישט לייכט אָנגעקומען. שוועריקייטן זיינען געווען איבער־געגנוג. זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט, צי וועט דער נייער פילם אָנקומען אין צייט. האָבן זיי נישט איינמאָל באַדאַרפט אימפּראָוויזירן פּראָ־גראַמען, ווייל ערגעץ־וואו האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט.

אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעמוטשעט א שיין ביסל צייט.

4

די ברידער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, און הערי האָט געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס נישט גרינדן אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל האָבן די אויפ־גאַבע צו באַדינען די פילם־הייזער מיט מאַטעריאַל, און דערזעלביקער פילם זאָל קאָנען געוויזן ווערן אין פאַרשיידענע שטעט, אין דערזעלביקער צייט?

דער פּלאַן איז געפעלן געוואָרן און זיי האָבן, די ערשטע, עטאַבלירט אַזאַ קאָמפּאַניע, אונטערן נאָמען: „די דוקעין־באַדינונגס־קאָמפּאַניע, אינק.". דאָס איז געווען די ערשטע פילם־אויסטויש־געזעלשאַפט אין אַמעריקע.

אָבער דאָ האָבן זיך אָנגעפאַנגען נייע צרות.

די פילם־פּראָדוצירער האָבן אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַ נישקשה׳דיקער קוואַל פון הכנסה, און זיי האָבן אָנגעפאַנגען קאָנקורירן מיט די פיר יונגע חברה־לייט, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ וואונדערלעכע איניציאַטיוו און אַנטדעקט אַ ניי פעלד פון „מאַכן" געלט.

זיי האָבן געשאָטן זאַמד אין די רעדער, אויף וואָס די וועלט שטייט: פאַר־לאַנגזאַמט דאָס צושטעלן פון פילמס. אָפט צוגעשיקט שלעכט־פאַבּרי־

צירטע פילמס. און מער ווי אָפט, צוגעשטעלט פילמס, וואָס מ׳האָט בכלל נישט געוואָלט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די געווינטלעכע קאָנקורענץ, וואָס איז פאָרגע־קומען אין אַלע אַמעריקאַנער גרויס־אינדוסטריען, אין די אָנפאַנג־יאָרן, ווען מ׳האָט זיך געשניטן די גאָרגלען פאַר דער אויבער־הערשאַפט פון אָפּזאַץ־מערק.

די מאָנאָפּאָליסטן האָבן אויך אין דעם פאַל, זיך באַנוצט מיט זייער נישט קיין־שיינע מעטאָדן, וואָס דאָס איז אויך נישט קיין נייעס אין דער אַמעריקאַנער געשעפטס־וועלט. אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער קאַמף ביז׳ן יאָר ניינצן הונדערט צוועלף.

די וואָרנער־ברידער האָבן דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. און ענד־לעך, האָבן זיי פארקויפט זייער אונטערנעמונג. די „דזשענעראַל־פילם קאָמ־פאַניע" האָט זיי באצאָלט 100.000 דאָלער. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ סך געלט.

5

די וואָרנער־ברידער האָבן נישט געהאַט בדעה אויפצוגעבן זייער פילם־מסחר, ניין! און זיי האָבן באַשלאָסן אליין צו פּראָדוצירען פילמס.

סעם איז שוין געווען אין ניו־יאָרק, און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַראינ־טערעסירן מיט דער טעכנישער זייט פון פילם־מאַכעריי. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן צוגרייטן, אין דער ברוקלינער „וויטאַגראַף־סטודיאָ", קורצע פילמס, וואָס זיינען באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען „וואָרנער־פּיטשורס".

פלוצלינג איז אונטערגעקומען אַ וויכטיקע פּאַסירונג: אין יאָר ניינצן זיבעצן האָט דער דעמאָלדיקער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, דזשיימס וו. דזשע־ראַרד, פאַרעפנטלעכט זיין בוך „מיינע פיר יאָר אין דייטשלאַנד".

די וואָרנער־ברידער האָבן באַלד דערפילט, אַז דאָס וועט זיין אַן אויסער־געוויינלעך גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ פילם. זיי האָבן מיט אים געשלאָסן אַן אָפּמאַך. ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ סך געלט. האָבן זיי געליען אויף לינקס און רעכטס, ביז זיי האָבן אָפּגעדונגען אַ סטודיאָ אין האָליוואוד, און מיט אַן אַ שיעור שוועריקייטן, האָבן זיי פּראָדוצירט דעם פילם.

דער דערפאָלג האָט אריבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. זיי האָבן אריינגענומען אַ מיליאָן דאָלער, און לויב־געזאַנגען — אין אַ פולער מאָס. די „וואָרנער־ברידער" זיינען איצט שוין געוואָרן אַן עטאַבלירטע פירמע אין דער פילם־וועלט.

דער וועג איז איצט געווען ברייט און אָפן. אַזוינע „סטאַרס", ווי לעאָנאַרע אולריך, דזשאָן באַרימאָר, זיינען געווען זייער אַטראַקציע. ערנסט לוביטש האָט פאַר זיי געאַרבעט. אין זייער סטודיאָ זיינען פּראָדוצירט געוואָרן די פילמס: „מעין סטריט", „בעביט" און „חתונה קאַרוסעל" (מערידזש סוירקל) פון סינקלעיר לואיס.

די פיר ברידער, פון עפּעס אַ פּראָווינץ־שטאָט, זיינען מיט אַמאָל ארויף אויפן לייטער. מ׳האָט פאַר זיי געקראָגן דרך־ארץ אין דער פינאַנץ־וועלט און מ׳האָט זיי רעספּעקטירט אין דער פילם־אינדוסטריע.

ערשט איצט האָבן די פיר ברידער פאַרקאַטשעט זייערע אַרבל . . . אָבער די גרויסע פינאַנסירן, וואָס האָבן אינוועסטירט זייערע קאַפּיטאַלן, האָבן ארויפגעלייגט זייערע לאַפּעס אויפן געשעפט, און נישט איין מאָל זיינען פאַר־געקומען רייבונגען.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז ניינצן פינף און צוואַנציק, ווען זיי האָבן אָפּגעקויפט די גרויסע „וויטאַגראַף קאָמפּאַניע", מיט אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד, פאַר אַכט הונדערט טויזנט דאָלער, און אַזוי־אַרום, האָבן זיי זיך באַפרייט פון די פּיאַווקעס, וואָס האָבן געמיינט, אַז וויבאַלד זיי שטעלן־צו די מאָה, דאַרפן זיי אויך האָבן די גאַנצע דעה.

6

אַלע שוועריקייטן בייגעקומען, האָבן די וואָרנער־ברידער געטראַכט פון אַן אָפּרו. די נערוון זיינען געווען אַביסל צערודערט, און זיי האָבן באַשלאָסן פאַר אַ צייט, אויפצוגעבן זייער אימפּעטיקע אַקטיוויטעט. ס'זיינען שוין געווען מענטשן, אויף וועלכע מ'האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן מיט דער אָנ־פירונג פון דער סטודיאָ. אָבער!! לאָמיר דאָ פאַראַפראַזירן דאָס פאָלקס־ווערטל: „דער מענטש טראַכט, און דער גאָט פון די פילמס לאַכט".

אין איין שיינעם טאָג, האָט זיך אין דער סטודיאָ באַוויזן דער ראַדיאָ־אינזשינער, נייטן לעווינסאָן. מיט גרויס באַגייסטערונג האָט ער דערציילט די ברידער, אַז ער האָט פאַר זיי אַ גרויסע נייעס. עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אַריינברייגנען אַ גאָר נייע טעכניק, און וועט ממש אַריינברייגנען אַ רעוואָ־לוציע אין דער פילם־אינדוסטריע.

— הערט זיך איין, האָט ער זיי געזאָגט, — איך קום איצט פון ניו־יאָרק, און איך האָב אין אַ דאָרטיקער לאַבאָראַטאָריע געזען אַ וואונדערלעכע זאַך — אַ ריידנדיקן פילם!

סעם, דער קאָפּ־מענטש, וואָס איז שטענדיק געווען, מער ווי אין אַלץ פאַראינטערעסירט אין דער טעכניק פון פילם־פּראָדוקציע, איז געוואָרן פאַר־אינטערעסירט מיט לעווינסאָנ'ס געשיכטע, אָבער נישט באַגייסטערט. פונ־דעסטוועגן, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט זיין אין ניו־יאָרק, וועט ער אַ קוק־טאָן אויף דעם „בייז־וואונדער".

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. סעם האָט געזען די נייע דערפינדונג, און גלייך אויפן אָרט האָט ער באַשלאָסן, אַז — יאָ, דאָס איז אַ ניי פעלד, מיט גרויסע מעגלעכקייטן.

צוזאַמען מיט לעווינסאָנען האָט ער אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט די אינזשינערן פון „וועסטערן־עלעקטריק" לאַבאָראַטאָריעס. פון צייט צו צייט האָט ער זיך דורכגערעדט מיט די דריי ברידער, ווייל אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרן, איז געווען מיט דער צושטימונג פון אַלע פיר.

הויפּטזאַכלעך, אָבער, האָט זיך סעם וואָרנער אָפּגעגעבן מיט די איינצל־הייטן פון דער נייער דערפינדונג. ס'זיינען נויטיק געווען אַ סך אויסבע־סערונגען. מ'האָט באַדאַרפט איינשטעלן די פאַרבינדונג צווישן דער באַוועגונג פון די בילדער אויפן לייוונט און דעם קול, וואָס זאָל זיך אריינפּאַסן אין צייט. ס'איז נויטיק געווען אַ נייע בינע־טעכניק.

סעם איז נישט מיד געוואָרן. האָט ער זיך גענומען צו עפּעס — איז דאָס געווען מיט קינסטלערישער עקשנות און ברען.

און ענדלעך, האָט ער בײַ זיך אין דער היים, געוויזן די ברידער, ווי אַזוי דאָס ארבעט.

הערי איז אויך געוואָרן פֿאַראינטערעסירט. האָט ער געפּרוּאווט איבער־צייגן זיינע ברידער, אַז דער ריידנדיקער פילם קאָן ווערן אַ גרויסער יש. נישט מער, מ'דאַרף צוגעבן מוזיקאַלישע באַגלייטונג.

אין יאָר 1926 האָבן זיי פּראָדוצירט דעם פילם „דאָן־זשואַן", מיט דזשאָן באַרימאָר אין דער הויפּט ראָלע, מיט דער באַגלייטונג פון ניו־יאָרקער פיל־האַרמאָנישן אָרקעסטער.

דער פילם האָט זייער שטאַרק אויסגענומען. די וואָרנערס האָבן באַלד געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער „וועסטערן־עלעקטריק קאָמפּ.", און זיי זיינען געוואָרן די איינציק־באַרעכטיקטע צו באַנוצן זיך מיט דעם פּאַטענט.

זיי האָבן געהאַט די גרויסע וויזיע צו זען פּאָרויס, און אויף אָט־דער וויזיע האָבן זיי זיך איינגאַנצן פֿאַרלאָזט. זיי האָבן אריינגעבראַקט אַ גאַנצן מיליאָן דאָלער אין דער נייקייט. אַ מיליאָן דאָלער! אָבער דער באשלוס איז געווען אַן איינשטימיקער. ס'איז נאַטירלעך, ס'זאָלן פון צייט צו צייט, זיין מיינונג־פאַרשיידנקייטן צווישן דעם פּירלינג. אָבער — איז עפּעס באַשלאָסן געוואָרן, איז דאָס געוואָרן דער ווילן פון אַלע ברידער. אָט דאָס „האַלטן־זיך" צוזאַמען האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין די אַלע שטרויכלונגען.

די אַנדערע סטודיאָס זיינען אויך נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט. און דאָס איז שוין דער כּלל אין דער וועלט פון „פרי ענטערפּרייז". אויף דער אויבערפלאַך קאָן זיך האַלטן דער, וואָס קאָן בעסער שווימען אין די מוטנע וואסערן פון קאָנקורענץ.

און די פיר פּראָווינצלער האָבן זיך, אין משך פון יאָרן, אויסגעלערנט שווימען — און נאָך ווי אַזוי!

פּיפּיקע אונטערנעמער האָבן אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון דער נייער דער־פינדונג.

— ווייסיך, האָבן זיי געטענה'ט, ס'וועט זיך נישט האַלטן . . .

דעמאָלט זיינען נאָך נישט געווען קיין סך פילם־הייזער, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו ווייזן דעם ריידנדיקן פילם. און דערצו האָבן זיך אויך באַוויזן אַנדערע פּאַטענטן פון דעם מין. האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון לעגאַלע לאַדענישן, מיט אַלע קליפּערלעך און קלאַפּערלעך, פון וועלן דעם צווייטן צד איבערקליגן און אויסמאַנעווורירן, אָבער די וואָרנער ברידער האָבן אויס־געהאַלטן דעם עקזאַמען. זיי האָבן צוריקגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס, און נישט געטראַכט אפילו פון אויפגעבן זייער קאַמף.

זיי האָבן געפילמט דעם „דזשעז־זינגער" מיט אַל דזשאָלסאָן אין דער הויפּט־ראָלע. דאָס האָט זיי אָפּגעקאָסט אַ האַלבן מיליאָן דאָלער. ס'איז אָנ־געקומען נישט לייכט. קיינער האָט אייגנטלעך נישט געוואוסט ווי אַזוי דורכ־צופירן די פּראָדוקציע. די אַקטיאָרן, די דירעקטאָרס און די טעכניקער זיינען געווען אין ספק וועגן די נייע מעטאָדן.

די פיר ברידער האָבן, ווי אַלע מאָל, זיך איינגעטיילט מיט דער ארבעט, און יעדער איינער האָט געטאָן זיין חלק.

אין דער געשעפטס־וועלט איז נישטאָ קיין סך ביישפּילן אַזוינע, ווי דאָס ראַנגלען זיך פון די וואָרנער־ברידער מיט אַזוי פיל שטערונגען.

דער פילם „דער דזשעז־זינגער", איז פאַרענדיקט געוואָרן, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צום ערשטן מאָל זאָל מען דעם פילם ווייזן אין ניו־יאָרק.

און ענדלעך, איז מען געשטאַנען באַם ראַנד פון צוגעזאָגטן לאַנד.

און דאָ האָט זיך איבערגעחזרט די משה־לעגענדע. סעמען, דעם טראַכטער, איז נישט באַשערט געווען צו דערלעבן דעם גרויסן נחת. ער, וואָס האָט אריינגעלייגט אין דער געוואַגטער אונטערנעמונג זיין גאַנץ וויסן און קענען, איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. קראַנק געוואָרן, און אין אַ קורצער צייט געשטאָרבן.

דאָס איז געווען אַ שוידערלעכער קלאַפּ. דער פּירלינג, וואָס איז געשטאַנען יאָרן־לאַנג, אין פריד און אין לייד, פּלייצע־צו־פּלייצע, איז איצטער געוואָרן פאַריתומט . . .

אָבער, ווי זאָגט מען אין דעם פאַך: „די פאָרשטעלונג מוז ווייטער אָנגיין".

דעם זעקסטן אָקטאָבער, פון יאָר נייַנצן זיבן און צוואַנציק, איז געקומען אַ נייגעריקער עולם, אין דעם ניו־יאָרקער וואָרנער־טעאַטער, צו דער פּרעמיערע פון „דזשעז־זינגער". דער עולם האָט געזען און געהערט. זיי האָבן געהערט דאָס קול פון אַל דזשאָלסאָן. זיי האָבן געהערט זיין פּאָפּולער ליד, „מ ע מ י", דאָס סענטימענטאַלע ליד „בלויע הימלען" און די באַגייסטערונג איז געווען אין לשער. מ'האָט אַפּלאָדירט, געטופּעט מיט די פיס. דער עולם איז געווען אַנטציקט.

אין יענער נאַכט איז געבוירן געוואָרן דער ריידנדיקער פילם און דער שטילער פילם איז ארונטער פון דער סצענע. דאָס איז געווען אַ דערפאָלג אין פולן זין פון וואָרט. אָבער, אויך אַ גרויסע רעוואָלוציע אין דער פילם־אינדוסטריע.

8

די וואָרנערס זיינען איצטער געווען אויפן שפּיץ באַרג. זיי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געוויזן דעם וועג צו א נייער טעכנישער דערפינדונג. איצטער האָט מען זיי שוין געמוזט אנערקענען. האָבן די דריי ברידער, איצטער, זיך אַ נעם־געטאָן, מיט נייעם ברען, צו פּראָדוצירן ריידנדיקע פילמס. זיי האָבן אָנגעפאַנגען אַ סעריע מיט גרויסע באַקאַנטע „סטאַרס" פון יענער צייט. אַ גאַנצע רייע נייע פילמס, ווי „דער זינגענדיקער נאַר", אויך דזשאָלסאָנ'ס; „ווינגער נעכט", „דער קליינער צעזאַר", „אַלעקסאַנדער העמילטאָן", „פּופּציק מיליאָן פראַנצויזן", „דער אַנטלאָפענער פון דער טשעין־גענג", און נאָך און נאָך. די וואָרנער־סטודיאָ האָט געאַרבעט אָן אַן אָפּשטעל.

די דריי ברידער האָבן זיך ווידער אַמאָל איינגעטיילט מיט די אַקטיוויטעטן. העריי, דער עלטסטער, האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער פינאַנציעלער זייט פונם געשעפט. דזשעק, וואָס איז אליין געווען אַן אַרטיסט, און

ער האָט זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט אין דער קינסטלער־וועלט, האָט איבער־גענומען דאָס פּראָדוצירן פון די פילמס, און אַלבערט האָט געהאַט צו טאָן מיטן פּאַרקויף־דעפּאַרטמענט.

זיי האָבן זיך איצט קאָנצענטרירט אויף קוואַליטעט, און זייערע שרייבער, שפּילער, דירעקטאָרס און טעכניקער זיינען אַלע מאָל געווען אויפן צעטל פון די אַקאַדעמיע־אויסצייכנונגען־געווינער.

די וואָרנער־סטודיאָ האָט פּראָדוצירט אַזוינע פילמס, ווי: „אַ מיט־זומער נאַכט חלום" (מיד־סאָמער נייט דרים), „אַנטאָני אַדווערס", „בלעק פיורי" (וועגן מיין־אַרבעטער), „זיי וועלן נישט פאַרגעסן" (דעי וואָנט פאָרגעט) — אַ קאַפּיטל פון פאַראורטייל אין אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן; „דער שוואַרצער לעגיאָן" (די בלעק לידזשאָן) — וועגן ראַסן און רעליגיע דיסקרי־מינאַציעס; „די געשיכטע פון לואיס פּאַסטער" אין וועלכן פּאָל מוני האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, און „דאָס לעבן פון עמיל זאָלא".

אַזוי־אַרום האָבן די וואָרנער־ברידער פאַרשריבן אַ שיין קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם פילם־אינדוסטריע אין אַמעריקע.

זיי זיינען אויך געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן פּראָדוצירן מוזיקאַלישע פילמס.

9

פון דעם, וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן, קאָן זיך אפשר באַקומען דער איינדרוק, אַז די וואָרנער־ברידער זיינען אַלע מאָל אויסן געווען צו דינען דער קונסט, און זוכן „עולם־הבא".

ס'הויבט זיך נישט אָן; די יונגע לייט פון אָהייאָ האָבן, באַצייטנס, אַנט־דעקט דעם גרויסן סוד, אַז געשעפט איז איבער אַלץ. פון די ערשטע יאָרן אָן, ווען זיי האָבן זיך באַדאַרפט דערשלאָגן צו זייער איצטיקער פּאָזיציע, האָבן זיי געהאַלטן פון דער תורה, אַז די הויפּט־זאַך אין דער וועלט זיינען די „ממתקים", און כדי זיי צו קריגן, זיינען אַלע מיטלען כשר.

זיי האָבן פּראָדוצירט די פילמס, ווייל זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָס וועט זיין אַ סגולה צו פּראָפיטן.

אין יענער צייט שוין, האָבן פּאַך־מענטשן איינגעזען, אַז דער עולם הויבט אָן מיד צו ווערן פון די בילדער, וואָס זיינען אַלע מאָל כסדר'דיקע איבער'חזרונג, מיט גאָר קליינע וואַריאַציעס. און די וואָרנערס זיינען שוין געווען גוטע גע־שעפטס־לייט זיי זאָלן קענען דערשמעקן אַ טשאַד. האָבן זיי זיך גענומען צו דעם סאָרט פילמס, ווייל זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָס וועט זיין אַ נייער קוואַל פון גרויסע פּראָפיטן.

„פּראָפיטן"! — אָט דער לייט־מאָטיוו איז זיי נאָכגעגאַנגען פונם קליינעם שטעטל אין אָהייאָ, ביז דעם גרויסן צענטער פון לעגענדאַרישן האָליוואוד.

און איין מאָל אַרויפגעכאַפּט אויפן קאָמערציעלן וואָגן, איז מען שוין געפאָרן אין גרויסן גאַלאָפּ. וואָרים שטייט דען נישט בפירוש געשריבן אין הייליקן ספר פון „פרייען האַנדל", אַז ווער ס'שטעלט נישט־איין, דער קאָן נישט געווינען . . . אין זייער גאַנצער קאַריערע האָבן זיי זיך געהאַלטן ביים דין פונם „שולחן־ערוך" פון די גרויס־אונטערנעמער, וועלכער זאָגט:

„ביים טויער פון פּראָפּיטן — בלייבן אַלע געזעסן שטיל״.

די וואָרנער־ברידער זיינען געווען אַרבעטס־געבער, און דער יושר צו זייערע ארבעטער האָט זיך אַלע מאָל, ערגעץ־וואו, פּאַרהאַקט. ווען אין זייער סטודיאָ איז פאָרגעקומען אַ סטרייק, האָבן זיי געענטפערט מיט אלע באוואוסטע רעפּרעסיווע מיטלען, נאָר דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

ארויפגעקומען אויף דער ארענע פון אַן אינדוסטריע, וואָס האָט אָנגעהויבן שטעלן אירע ערשטע טריט, זיינען זיי, זיג־זאַגיש, דערגאַנגען צו דער מדרגה פון היינט צו טאָג.

אָבער אין דער געשיכטע: „יידן אין האָליוואוד״, פאַרנעמען די „וואָרנער־ברידער״ אַן אָנגעזען אָרט, און זייער ביישטייער צו דער פילם־אינדוסטריע אין אַמעריקע, איז זייער אַ גרויסער.

א. מאַימודעס

יידישע דערציאונג אין לאָס אנדזשעלעס

(צום 100 יאָריקן יובילײ פון דער ל. א. יידישער געמיינדע)

אין 1852 איז קיין לאָס אַנדזשעלעס אָנגעקומען דזשאָזעף ניומאַרק, וועלכן מ׳האָט אָנגערופן: דער פּאָטער פון דער ל. א. יידישער געמיינדע, און צו וועמען, אייגנטלעך, עס געהערט די איניציאַטיווע צו אַנטוויקלען די ערשטע רעליגיעזע און פילאַנטראָפּישע אַקטיוויטעטן אין דעם נייעם יידישן ישוב.

ערשט אין 1862 ווערט פון סאַן פראַנציסקאָ אַריבערגעבראַכט דער ערשטער רב, אברהם וואולף איידעלמאַן, א פּוילישער ייד, צו ווערן דער רב פון דער ערשטער קאָנגרעגאציע „בני־ברית״. רב איידעלמאַן האָט ארויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס אין יידישער דערציאונג־ארבעט. דערפאר לייגט עס זיך אויפן שכל, אז זייענדיק דער גייסטיקער פירער פון דער איינציקער קאָנגרעגאַציע, זאָל ער זיך אויך האָבן פאַרנומען מיט מדריך זיין דעם נייעם דור און פונקט ווי אין די ערשטע 10 יאָר פלעגן די רעליגיעזע „סוירוויסעס״ פאָרקומען אין פּריוואַטע הייזער, אַזוי זיינען אויך פאָרגעקומען קלאַסן אין רעליגיעזער אונטעררי‌כט.

אין 1873 ווערט מיט דער פינאַנציעלער הילף פון דעם יידישן ישוב אין סאַן פראַנציסקאָ און דער היגער פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט, אויפגעבויט די ערשטע שול אויף פאָרט סטריט (די איצטיקע בראָדוויי), צווישן 2־טע און דריטע גאַס, און דאָרטן זיינען אויך פאָרגעקומען אַקטיוויטעטן אויפן געביט פון יידישער דערציאונג.

אין 1902 ווערט אויפגעבויט אַ נייער בנין אויף אָליוו סטריט מיטן נאָמען „תלמוד תורה קאָנגרעגיישאַן״. ס׳איז אויך באַקאַנט, אַז זינט 1900 איז געווען אַן אָרגאַניזירטע 1־טאָגיקע זונטיק שול, און אַז אין יאָר 1905 ווערט אָרגאַ־

ניזירט די ערשטע שטאָטישע תלמוד תורה אין אַ נייער הויז אויף ראָוז סטריט, אין דעם היינטיקן דאַון טאַון.

מיטן וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ל. א. פון 2500 יידן אין 1905 אויף 7.000 (זיבן טויזנט), אין 1907 שפּרייט זיך אויס דער יידישער ישוב, און עס וואַקסן די אַקטיוויטעטן זיינע אויף אַלע געביטן. אין יאָר 1906 ווערט אָרגאַניזירט אַ 3-טאָגיקע העברייאישע קינדער שול באַם טעמפּל „בית ישראל", וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער קאָנגרעגיישאָן „בני ברית". די ראָוז סטריט תלמוד תורה ציט זיך איבער אויף בראָד סטריט אין באָיל-הייטס.

אין די זעלבע יאָרן, נאָך 1905, קומען אַהער אָן מזרח-אייראָפּעאישע יידן. די נייע אימיגראַציע האָט מיטגעבראַכט מיט זיך ארבעטער און ראַדיקאַלע עלעמענטן. אַ צאָל פון זיי האָט, אונטערן איינפלוס פון דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין 1908, און פון דר. זשיטלאָווסקיס אַגיטאַציע אין אַמעריקע פאַר יידיש-וועלטלעכע קינדער-שולן, געגרינדעט די ערשטע נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע קינדער שולן (1910) אין אַמעריקע און קאַנאַדע און אויך די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שול אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1912-1913. אין אָנהויב איז די נייע שול געווען בלויז אַן אײנטאָגיקע. די קלאַסן זיינען געהאַלטן געוואָרן אין דער „קאַרנוועלט" פּאַבליק סקול אין באָיל הייטס. חיים שאַפּירא, דער באַוואוסטער כלל טוער, איז געווען דער פּרינציפּאַל און די לערער — ד. גיסנעט, שטיינבערג, ל. פאַקס און דר. בלעס. מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה (1914) ווערן די שפּראַך-מינאָריטעטן אין לאַנד שטאַרק גערודפט פון דער רעגירונג און די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שול איז געצוואונגען זיך צו פאַרמאַכן.

אויף דער איניציאַטיווע פון דר. בלעסן, ווערט די שול צוריק דערעפנט און די קלאַסן ווערן געהאַלטן אין פּריוואַטע היימען. פון-אָט-דער שול איז שפּעטער, ארום 1920, אויסגעוואַקסן די יידישע פאָלקס שול פון די פּועלי ציון און נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד אין 420 נ. סאָטאָ. אין 1923 האָט די פאָלקס שול דערגרייכט איבער 75 קינדער. די פאַרוואַלטונג האָט אחוץ דעם אָנגעפירט מיט אַקטיוויטעטן פאַר די עלטערן און אויך ארויסגעגעבן א מאָנאַט-שריפט וועגן דערציאונג-פּראָבלעמען.

אין 1925 ווערט אויך אָרגאַניזירט די ערשטע מאָדערנע העברייאישע קינדער שול מיט א. טאַניס אלס פּרינציפּאַל, און זי איז געווען א גרויסער דערפאָלג. אָט די שול איז געווען א שטאָטישע, און איז שפּעטער רעאָרגאַניזירט געוואָרן אונטערן נאָמען „דזשואיש עדיוקיישאַנאַל סאָסייעטי" — דער פאָרלויפער פון דער היינטיקער „דזשואיש ביוראָ אָף עדיוקיישאָן".

אין דעם זעלבן יאָר (1925), ווערט אויף דער איניציאַטיווע פון דר. סיילין, דערעפנט די ערשטע וועלטלעכע העברייאישע קינדער שול אין דעם קאָמיו-ניטי צענטער אויף מישיגען און סאָטאָ. אין קוריקולום פון דער שול גייען אריין, אחוץ לימודים, אויך אַנדערע אַקטיוויטעטן מיט די קינדער. שפּעטער ווערט אַזאַ שול דערעפנט אין מנורה-צענטער אין סיטי טעראַס, מיט טאַלטשינסקי אלס פּרינציפּאַל. די צענטער-שולן זיינען געווען א גרויסער דערפאָלג, מיט הונדערטער קינדער.

ערשט אין יאָר 1921-1922 איז דערעפנט געוואָרן די ערשטע ארבעטער

רינג שול מיט גורמאַן'ען אלס לערער. ס'איז באוואוסט, אז אין ארבעטער רינג איז פּאַר אַ סך יאָרן פריער פאָרגעקומען אַ שטאַרקער קאַמף וועגן יידישע קינדער שולן. די נאַציאָנאַלע פירערשאַפט פון אב. קאהנ'ס שניט, האָט ניט דערלאָזט. אויך דאָ לאָקאַל זיינען געווען געגנער פון אַ יידישער שול. אַנדערע האָבן געוואָלט בלויז א סאָציאַליסטישע סאַנדיי סקול.

אין יאָר 1924 איז אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ שטאָט מיט ארום 44 טויזנט יידן, שוין געווען 11 קינדער שולן מיט 1348 קינדער. פון זיי, 500 קינדער אין דער סאַנדיי סקול קאָנגרעגיישאָן בני־ברית אויף 9־טע גאַס און האָופּ, 139 קינדער אין דער סאָטאָ פּאַלקס שול און 110 אין דער בריד סטריט קאָנ־גרעגיישאָן.

אין 1926 קומט פאָר אין ניו־יאָרק די שפּאַלטונג אין די אַרבעטער רינג שולן. די פראגע איז געווען, צי זאָלן די שולן פארוואלטעט ווערן פון די עלטערן, טוער און פאָרטרעטער פון די געגנט ברענטשעס פון ארבעטער רינג, ווי דאָס האָט פריער באַשלאָסן א שול קאָנפערענץ, אָדער די פארוואלטונגען זאָלן באַשטימט ווערן אויף אַ קאָנפערענץ פון אַלע אַרבעטער רינג ברענטשעס, ווי דאָס האָבן געפאָדערט די פירער פון ארבעטער רינג, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געקוקט קרום אויף די עקזיסטירנדע שולן און זייער טוער, וועלכע האָבן די שולן געבויט. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון ארבעטער רינג האָט דאַן אויסגעשלאָסן 18 שולן פון די 24 אין ניו־יאָרק. די שפּאַלטונג דערגרייכט אויך לאָס אנדזשעלעס און די איינציקע שול ווערט איבערגענומען פון די פּראָ־גרעסיווע עלעמענטן, און וויליאַם באַום איז דער לערער.

ס'דערעפענען זיך גלייכצייטיק א נייע שול פון ארבעטער רינג און נייע שולן פון די פּראָגרעסיווע (לינקע) אונטערן נאָמען: „די אומפּאַרטייאישע ארבעטער רינג שולן".

אין 1925 ווערט אויך אָרגאַניזירט אין לאָס אַנדזשעלעס אַן אָרגאַניזאַציע פון די לערער, וועמעס אויפגאַבע ס'איז געווען מערסטנס צו פארהיטן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די לערער.

מיטן וואוקס פון דעם יידישן ישוב, מערן זיך אויך זיינע דערציאונגס־אינסטיטוציעס. ס'זיינען צוגעקומען נייע שולן, סיי ארום קאָנגרעגיישאָנס און סיי ארום די נייע־דערעפנטע געגנט־צענטערס. אַ צאָל פון די שולן זיינען געווען אין אַ שווערער פינאַנציעלער לאַגע. אין 1930 האָבן די לערער פון דער מאָדערנער תלמוד־תורה אַנגעקלאָגט די דאָרטיקע בעלי־בתים פאר ניט צאָלן קיין שכירות און זי איז שפּעטער געווען געצוואונגען זיך צו פארמאכן.

די שווערע פינאַנציעלע לאַגע פון די מערסטע שולן האָט פאַרשטאַרקט דעם געדאַנק, אַז די יידישע געמיינדע אלס גאַנצע, דאַרף איבערנעמען א גרויסן טייל פון דער פינאַנציעלער פאראַנטוואָרטלעכקייט פאר יידישער דער־ציאונג. אָט דער געדאַנק, וואָס איז שטאַרק געשטיצט געוואָרן פון אַלע פּאַר־אינטערעסירטע עלעמענטן אין די יידישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס, האָט אָנגעהויבן רעאַליזירט ווערן מיט דער אנטשטייאונג אין 1933 פון דער „יונייטעד דזשואיש קאָמיוניטי" (דעם איצטיקן יידישן קאָמיוניטי קאָונסיל), וואָס האָט גלייך ביי איר אַנטשטייאונג, איינגעשלאָסן די ארבעט פון יידישער דערציאונג, אלס איינע פון אירע פאראנטוואָרטלעכקייטן.

ערשט אין 1935 איז ביי דעם קאָמיוניטי קאָונסיל איינגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג, און אין 1937 האָט דער קאָונסיל באַשטימט די ערשטע סומע פון 15.000 דאָלער פאַר דער ארבעט פון דער ביוראָ און צו סובסידירן שולן.

אין דער צייט זיינען צוגעקומען נייע שולן: העברייאישע, יידישע, קאָנ־גרעגיישאָנאַל, צענטער שולן און סאַנדיי סקולס. די מערסטע שולן זיינען געווען אפיליאירט מיט דער ביוראָ און באַקומען אַ סובסידיע.

די שולן פון יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס אָרדן (פריער די „אומפּאַרטיי־אישע ארבעטער רינג שולן" און די היינטיקע פּראָגרעסיווע יידישע קינדער שולן) זיינען נישט אריינגענומען געוואָרן אין דער ביוראָ. אָט דער בלויז איז פאַרריכט געוואָרן ערשט אין 1947, נאָכדעם, ווי דער „יידישער פראַטערנאַלער פאָלקס אָרדן" איז איינגעגלידערט געוואָרן אין קאָמיוניטי קאָונסיל. די דאַ־מאָלטיקע 6 שולן, מיט ארום 240 קינדער, זיינען אריינגענומען געוואָרן אין דער ביוראָ און האָבן באַקומען דאָס ערשטע יאָר אַ סובסידיע פון 1.000 דאָלער. (דער שרייבער פון די שורות איז, אַלס פאַרטרעטער פון די שולן, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „ביוראָ אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן"). מיט אָט־דעם אַקט, האָט די ביוראָ פאַרפולקאָמט דעם לאָזונג „אחדות", וואָס דער קאָמיוניטי קאָונסיל פראָקלאַמירט.

די ביוראָ־שולן זיינען געוואַקסן צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, און מיטן פאַרשטאַרקטן אינטערעס פאַר יידישער דערציאונג, נאָך דער צווייטער מלחמה און דעם גרויסן יידישן חורבן, וואָס זי האָט גע־בראַכט. אין 1948 זיינען אין דער ביוראָ געווען אפיליאירט 61 שולן מיט 7.416 קינדער לגבי 52 שולן מיט אַ יאָר פריער. עס איז געשאַצט געוואָרן, אַז אין 1948 האָבן נאָענט צו 9 און אַ האַלב טויזנט קינדער באַקומען אַ וועלכע עס איז יידישע דערציאונג.

מיטל־שולן

פונדאַמענטאַלע דערציאונגס־ארבעט קען ניט בלייבן בלויז פאַר עלע־מענטאַרע שולן. ס'זיינען נויטיק העכערע שולן אויף צו פאַרטיפן און אויס־ברייטערן דאָס וויסן ביי די קינדער. אין 1947 האָבן די אָרדן־שולן פאַרמאָגט אַ מיטל־שול פאַר די, וועלכע האָבן גראַדואירט די עלעמענטאַרע שולן. די שול האָט געהאַט ארום 25 קינדער און איז באַדינט געוואָרן פון 4 לערער. ס'איז דאַן געווען אַ פאַראייניקטע מיטל־שול פון די ארבעטער רינג שולן און סאַטאַ פאָלקס שול, מיט אַ קלענערער צאָל קינדער. אין דעם זעלבן יאָר זיינען אויף דער איניציאַטיווע פונם פאַרשטאַרבענעם געזעלשאַפטלעכן טוער, פּיטער קאַהאַן און פון מאַקס האַלצמאַן, צונויפגעבראַכט געוואָרן די הויפּט טוער פון אַלע 3 ריכטונגען פון די יידישע וועלטלעכע שולן: אָרדן, אַרבעטער רינג און פאַרבאַנד, און מ'האָט זיך געאייניקט צו גרינדן אַ פאַראייניקטע מיטל שול אונטערן אויפזיכט פון דער ביוראָ, וועלכע זאָל אָנגעפירט ווערן פון פאַרטרעטער פון אַלע 3 ריכטונגען.

די פאַראייניקטע מיטל־שול האָט, זינט איר גרינדונג, דערוואָרבן אַ סך פּרעסטיזש אין שטאָט. דער ערשטער דירעקטאָר פון דער מיטל שול איז

געווען דער פאַרשטאַרבענער לאַנג־יאָריקער אַרבעטער רינג לערער חיים ראַדין. דר. ז. קורמאַן איז דער איצטיקער דירעקטאָר; ריווע זאַלאַטאַראַף, פון די פּראָגרעסיווע קינדער שולן, איז לערערין אין דער מיטל־שול זינט איר גרינדונג. די מיטל־שול האָט, ביזן לעצטן יאָר, געהאַט אַרום 50 תלמידים און באַשטייט פון 2 אָפּטיילונגען — אין דער „איסט סייד" און אין דער „וועסט סייד".

אַ דאַנק דעם וואוקס פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין יידישן לעבן פון לאָס אַנדזשעלעס און דעם פאַרשטאַרקטן אינטערעס אין יידישער דערציאונג צווישן די היגע געבוירענע יידן פון 1־טן, 2־טן און אפילו פון 3־טן דור, וואַקסן די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער שולן. עס מערן זיך די צאָל קינדער אין די אַלטע שולן און עס קומען צו נייע — צוזאַמען, 9 שולן, מיט אַרום 500 קינדער אין 1949. אַ סך צו פאַרדאַנקען פאַרן וואוקס פון די שולן איז צוליב דעם, וואָס די פּראָגראַם פון אָט־די שולן האָט מערער אויסגעדריקט די נויטן פון דער צייט און די פאַרלאַנגען פון די עלטערן.

צוליב דעם, וואָס פון וואַשינגטאָן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן שלעכטע (פּאָליטישע) ווינטן, און ס'איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די „קאַלטע מלחמה" קעגן די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, האָבן די רעאַקציאָנערע טוער אין היגן יידישן קאָמיוניטי קאַונסיל באַקומען די איבערהאַנט און, נאָך מאַנאַטן־לאַנגע פאַרהערן, אויף אויסגעטראַכטע און ניט־באַגרינדעטע אָנקלאַגן, אויסגעשלאָסן אין 1950 דעם יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן פון קאָמיוניטי קאַונסיל. אַזאַ פּרוואו איז געמאַכט געוואָרן מיט איבער אַ יאָר פריער, אָבער ס'איז זיי ניט געלונגען. גלייך נאָכן אָרדן, זיינען אויך די שולן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער ביוראָ אָן וועלכע עס איז פאַרהערן אָדער קלאָגן. דער פאַרברעכן פון אויסשליסן און אָפּשטעלן די סובסידיע ווערט נאָך גרעסער, ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז די ביוראָ קריגט אירע פאָנדן פון דעם „יונייטעד דזשואיש וועלפער פאָנד", וואָס ווערט געשטיצט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

אָט ווי עס זעט אויס דאָס בילד פון יידישער דערציאונג ביז צום 2־טן דעצעמבער 1953, לויטן אָפיציעלן באַריכט פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג ביים „קאָמיוניטי קאַונסיל": 95 שולן אין לאָס אַנדזשעלעס און אומגעגנט פאַרטיילט אויף 163 קלאַסן מיט 17,182 קינדער. אַ צוּוואוקס פון 2,483 זינט איין יאָר פריער און אַרום 5,000 זינט 1951.

די צאָל פון איבער 17 טויזנט קינדער סוף 1953 אין די ביוראָ־אַפיליאירטע און ניט אַפיליאירטע שולן (אויסער די פּראָגרעסיווע קינדער שולן), ווערט איינגעטיילט אויף פאָלגענדן אופן: 3,915 קינדער אין די העברייאישע שולן (קאָנגרעגיישאָנאַל, תלמוד־תורות און צענטער שולן); 279 אין די יידישע שולן (2 שולן פון פאַרבאַנד און 2 פון אַרבעטער רינג); 2 קינדער־גאָרטנער, 301 קינדער, 126 שילער אין די מיטל־שולן (אויסער די שוין דערמאָנטע פּאַראייניקטע מיטל־שול זיינען נאָך פאַראַן אַ העברייאישע און אַ ישיבה מיטל־שול); 132 קינדער אין דער איינציקער רעליגיעזער פּאַראָקיעל סקול; 11,992 אין די סאַנדיי סקולס פון די צענטערס און קאָנגרעגיישאָנס. פון די אויבנדערמאָנטע ציפערן ווערט קלאָר, אַז די יידישע שולן (פאַרבאַנד און אַרבעטער רינג) זיינען געגאַנגען באַרג־אַראָפּ אין די לעצטע עטלעכע יאָר און,

אז די טענדענץ אין די אנדערע דערציאונגס אינסטיטוציעס זיינען פאר די „סאַנדיי סקולס״, וואָס זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן אין די לעצטע יאָרן.

די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער שולן האָבן אריינגעשריבן גאָר א ליכ־טיקן קאַפּיטל — ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן — אין דער געשיכטע פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין לאָס אנדזשעלעס. זינט זיי זיינען אויסגעשלאָסן גע־וואָרן פון דער ביוראָ, זיינען די שולן נאָך שטאַרקער געוואַקסן. די אלטע שולן האָבן צוגעקראָגן נייע קינדער און נייע שולן זיינען צום לעבן געקומען. דעם שול זמן 1953־1954 האָבן די שולן פאַרענדיקט מיט 16 שולן און ארום 600 קינדער. פון זיי זיינען 9 — 3 און 2־טאָגיקע שולן און 7 זונטיק שולן, מיט א סטעף פון 12 לערער.

די דערגרייכונגען פון דער פאַראייניקטער מיטל־שול וואָלטן נישט געווען דערגאַנצט, ווען עס ווערט נישט אין געציילטע ווערטער דערמאָנט דער וויכ־טיקער אויפטו פון די פּירער אירע, מיטן גרינדן אין 1950 דעם יידישן קינדער טעאטער, וואָס איז אַ וויכטיקער אינסטרומענט אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג. דער קינדער טעאטער, דער אייגציקער אין לאַנד, האָט זיך ביז איצט דערוואָרבן אַ סך פרעסטיזש אין שטאָט און זיינע יערלעכע פאָרשטעלונגען אין ווילשייער־עבעל טעאטער קומען פאָר פאַר פולע הייזער (1.300). קינדער פון אלע טיפּן יידישע וועלטלעכע שולן זיינען אין אים אנגעשלאָסן.

די יידישע דערציאונגס־אַרבעט אין לאָס אנדזשעלעס און אומגעגנט — ווי עס איז אויבן באַוויזן געוואָרן — איז אַ ברייט פאַרצוויגטע, זי נעמט אַרום אַלע ריכטונגען — קולטורעלע און רעליגיעזע — אין יידישן לעבן, און האָט אלע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן צו וואַקסן און פאַרטיפט צו ווערן, מיטן אָנהויב פון 2־טן יאָרהונדערט פון דעם יידישן ישוב אין לאָס אנדזשעלעס. די צייט און די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס מאַסן פאָדערט, אז די ביוראָ פון יידישער דערציאונג און דער קאָונסיל זאָלן זיין אל־איינשליסנדיקע, ווי עס פאַרלאַנגט א ישוב פון 340 טויזנט יידן און דער לאָזונג אירער „אחדות״ זאָל נישט זיין קיין פוסטע פראַזע.

⚜ ⚜ ⚜

זאַרי גאָטפריד

דער יידישער ישוב אין פּעטאַלומאַ

דאָס שטעטל פעטאלומא איז צעוואָרפן איבער קליינע בערגלעך און די הינער־פאַרמס האָבן זיך צעשאָטן איבער אַ גאַנצער קייט קלענערע און גרע־סערע בערגלעך. דער גאַנצער שטח געפינט זיך אין אַ גרויסער „שיסל״, צווישן גרויסע בערג — די „סאָנאָמאַ״ בערג אין מזרח, און די מערב־בערג, וועלכע קייקלען זיך אַרונטער צום פּאַסיפיק, עטלעכע און צוואַנציק מייל פון פעטאַלומאַ.

פעטאלומא און איר פעריפעריע געפינט זיך אַרום 40 מייל פון דער גרויסער פּאָרט־שטאָט סאַן פראַנציסקאָ. פון דער גרויסער שטאָט, ביים „גאָל־

דענעם טויער״, פירט דער באַרימטער שאָסעי נומער 101, צו צפון־מערב, איבער דער „גאָלדען־גײט״־בריק — ביז פּעטאַלומאַ, וואו ער קרייצט דורך דאָס האַרץ פון שטאָט, „מעין סטריט״, און לויפט ווייטער צו צפון — ביז די גרעניצן פון קאַליפאָרניע, איבער אָרעגאָן און דורך וואַשינגטאָן שטאַט, ביז דער שכנה׳שער מדינה — קאַנאַדע.

די שטאָט פּעטאַלומאַ האָט געהאַט אין אָנהויב 1954 אַ באַפעלקערונג פון אַרום 12,000, און רעכענענדיק די אַרומיקע קלענערע ישובים און די פאַרמער־ווירטשאַפטן, פאַר וועלכע די שטאָט פּעטאַלומאַ איז ווי זייער האַנדל־און־אָפּזאַץ־פּונקט — באַקומט זיך אַ באַפעלקערונג פון אַרום 30 טויזנט.

די דאָמינירנדיקע נאַציאָנאַלע גרופּן (לויטן אָפּשטאַם) זיינען די אַמע־ריקאַנער, דייטשן, דענישע, שווייצאַרישע און איטאַליענער.

אין 1858, ווען פּעטאַלומאַ איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן ווי אַ שטאָט, איז די באַפעלקערונג געווען אַרום 5000.

די גרונט־עלעמענטן פון דער עקאָנאָמיק זיינען באַזירט אויף הינער־צוכט, אייער־פּראָדוקציע, פּי און מילך־פּראָדוקטן. דעם אָנהויב פון אַ שטאַרק־קאָנצענטרירטן עופות־ און אייער־פּראָדוקציע צענטער, האָט געמאַכט איינער ליימאַן באַיס, וועלכער האָט אין יאָר 1878 געבראַכט פון קאַנאַדע די ערשטע ווייסע (לעגאָהרן) הינער קיין פּעטאַלומאַ, און האָט אַזוי־אַרום געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם, וואָס די „האַנדלס־קאַמער״ רופט דער „אייער־קאָשעק פון דער וועלט״.

יידן אין פּעטאַלומאַ

איינצלנע יידן זיינען געקומען אַהער נאָך ביים אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט, אָבער קיין שפּורן האָבן זיי נאָך זיך ניט געלאָזט. אָבער שוין אין צווייטן צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט געפינען מיר עטלעכע יידישע משפחות, וועלכע זיינען ניט אַנטמוטיקט געוואָרן פון די פּרימיטיווע לעבנס באַדינגונגען, און האָבן אין משך פון יאָרצענדליקער אַלץ מער זיך איינגעוואָרצלט אין היגן יידישן ישוב.

די ערשטע פּיאָנערן, און די וועלכע האָבן זיי נאָכגעפאָלגט, האָבן טאַקע געחלומט פון באַזעצן זיך אויף לאַנד, האָדעווען הינער פאַר אייער פּראָ־דוקציע, און „בכלל זיך באַפרייען פון דער שטאָט־ציוויליזאַציע״. און כאָטש עס זיינען געווען פאַלן, ווען אייניקע פון די דאָזיקע פּיאָנערן זיינען געצוואונ־גען געוואָרן דורך די ערשטע דורכפאַלן זיך אומצוקערן אין די גרויסע שטעט — זיינען זיי, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, צוריקגעקומען קיין פּעטאַלומאַ, ווידער זיך גענומען צו הינער־פאַרמעריי, און אין מערסטע פאַלן שוין פאַר־בליבן דאָ תושבים.

די דאָזיקע פּיאָנערן האָבן זייער פיל צו דערציילן וועגן זייער שטייגער און עקאָנאָמישן לעבן. פערד־און־וואָגן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט וויכטיקע טראַנספּאָרט מיטלען. פון קיין געפלאַסטערטע וועגן האָט מען ניט געוואוסט. פאָרן קיין סאַן פראַנציסקאָ, שוין אין אַן אַלטמאָדישן אויטאָמאָביל, איבער די שמאָלע, בערגיקע, געדרייטע וועגן, און וואַרטן אויף אַ שיף (פערי) אַרי־בערצופאָרן דעם ים־אויסגוס, איז געווען אַ לאַנגע נסיעה.

ניט גרינג איז זיי אָנגעקומען זיך צו עטאַבלירן ביי הינער־צוכט. אונ־טער פּרימיטיווע באַדינגונגען, מיט פּרימיטיווע מיטלען, איז אויסגעקומען צו טאָן „עבודת פּרך": אַליין צוגרייטן די שפּייז פאַר די הינער; צעבראָקן די פאַרשידענע גרינסן; מישן דאָס מיט אַנדערע שפּייז־עלעמענטן . . . טראָגן וואַסער, וואַרעמען דאָס וואַסער פאַר די גאַר יונגינקע הינדעלעך, היטן זיי און אויסכאַוּוען — הכלל, סאיז געווען שווער.

די מערסטע פּיאָנערן און זייערע נאָכפאָלגער, אין די ערשטע יאָרן, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אייער־פּראָדוקציע. די שפּעטער־געקומענע יידן אויף די פאַרמס הויבן שוין אָן איינפירן דאָס האָדעווען הינער פאַרן מאַרק (פליישׁ־הינער).

די דאָזיקע ערשטע פּיאָנערן האָבן געצאָלט שווער „רבי־געלט" — סיי אין פיזישער פּראַצע, סיי אין פינאַנציעלע פאַרלוסטן. אָבער מיט טיפּישער יידישער („עם קשי־עורף־דיקער") עקשנות האָבן אָט די פּיאָנערן בייגע־קומען די שוועריקייטן, און מיט דער צייט איז געוואָרן לייכטער. עס זיינען שוין געווען גרויסע שפּייז־פאַבריקן, וועלכע האָבן פּראָדוצירט אַ הינער־דיעטע, לויט וויסנשאַפטלעכע פאַרשריפטן. דער הינער־ציכטלער האָט אַלץ ווייניקער באַדאַרפט גרייטן און מישן די פאַרשידענע שפּייז־עלעמענטן און גרינסן. ער האָט שוין געקענט קויפן אַ גרייטן, סינטעטישן שפּייז־פּראָדוקט פאַר די עופות.

דאָס אָפּזוצן פון זיין „לעבעדיקער סחורה" איז שוין אָבער באַזירט אויף די „ריינע" פּרינציפּן פון „פרייען האַנדל", „פרייער קאָנקורענץ", און בכלל אויף דעם עקאָנאָמישן פּרינציפּ פון „נאָכפראַגע און אָנבאָט". (דער דאָזיקער פּרינציפּ גילט נאָך, צום גרעסטן טייל, ביז היינטיקן טאָג).

צווישן דער ערשטער „עליה" פּיאָנערן האָט מען געקענט געפינען מענטשן מיט אַ געוויסער ספּעציעלער נייגונג צו דער „מוטער־ערד". אפילו מיט געוויסע אידעאַלן — אָדער בלויז מיט אַן אָפּשיין פון אַן אידעאַל, אַ ניצוץ פון דעם, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די „בילו"־באַוועגונג פון די 80־קער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. עס זיינען געווען, און עס זיינען נאָך דאָ, אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען אַהער דורך זייערע אומגעלונגענע פאַרזוכן צו באַזעצן זיך אין אַפּריקע. אייניקע האָבן דורכגעמאַכט אַ פּיאָנערן־פּעריאָד אין פּאַלעסטינע. די מערסטע פון די מענטשן, וועלכע זיינען אַהער געקומען מיט 40, 35 און 30 יאָר צוריק, זיינען דאָ שוין פאַרבליבן און האָבן געדינט ווי אַ מאַגנעט פאַר אַנדערע. אייניקע זיינען געקומען אַהער פון די אַמעריִ־קאַנער שטעט — פאַר און בעת דער גרויסער האַוועריישער דעפּרעסיע. אַזוי אַרום איז ביסלעכווייז געוואַקסן דער היגער יידישער פאַרמער־ישוב — די נייע „אימיגראַנטן" פלעגן ווערן די תלמידים פון די עלטערע, זיך גאַנץ שנעל אויסגעלערנט די תורה פון האָדעווען הינער — דערביי, ווי די פריִ־ערדיקע, באַצאָלט אַ גאַנץ היפּשן פּרייז „רבי־געלט". דער וויִט־גרעסטער טייל, אויך פון דער נייער „עליה", איז פאַרבליבן און צוגעפּאַסט זיך צום נייעם שטייגער לעבן.

דער גרעסטער טייל פון די ערשטע יידישע איינוואַנדערער קיין פּע־טאַלומאַ איז געקומען אַהער אָן פינאַנציעלע מיטלען — „מיט גאָרנישט",

חוץ אַ שטאַרקן ווילן, אַן אויסזיכט און אַ האָפענונג אויף אַ מער זיכערן לעבן. ממשות׳דיקע הילף איז דאַן געקומען פון דעם „אברהם האאז פאָנד״ אין סאַן פראַנציסקאָ — אין דער פאָרם פון הלוואות.

ביז גאָר וויכטיק און סטימולירנדיק פאַר די נייע „רענטשערס״ איז געווען דער פאַקט, וואָס די לאָקאַלע איינגעפונדעוועטע לאַנד־און־אייגנטום באַזיצער, אייגנטימער פון גרויסע הינער שפייז פאַבריקן, האָבן געגעבן קרעדיט צו די נייע איינוואַנדערער.

אין יאָר 1929 איז דורך דער איניציאַטיוו פון שוין „איינגעזעסענע״ יידישע פאַרמער געגרינדעט געוואָרן אַן אייגענע לייַ־קאַסע מיטן צוועק צו העלפן נייע און אַלטע „רענטשערס״ דעקן זייערע פינאַנציעלע פאַרפליכ־טונגען אין קריזיס מאָמענטן. אַ סומע פון 500 דאלער איז אין יענער צייט געווען אַ באַדייטנדיקער קאַפּיטאַל. די דאָזיקע אינסטיטוציע עקזיסטירט נאָך היינט.

זינט דער צווייטער וועלט מלחמה איז שוין געווען אויף דער אַרענע פון פינאַנציעלער הילף צו יידישע פאַרמער די „יידישע אַגריקולטור גע־זעלשאַפט״ אין לאָס אַנדזשעלעס, און מיט אַ לאָקאַלן פעטאַלומער קאָמיטעט. די דאָזיקע אַגריקולטור געזעלשאַפט האָט, ביז היינטיקן טאָג, אויסגעליען די פעטאַלומער יידישער פאַרמער די היפשע סומע פון אַרום צוויי הונדערט טויזנט דאָלער.

* * *

די מערסטע פּיאָנערן און, אין אַ גרעסערער מאָס, די שפּעטער צו־געקומענע, האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ דורשט נאָך אַ גייסטיק, קול־טורעל און געזעלשאַפטלעך לעבן.

מיט אַ 29 יאָר צוריק האָט דער ישוב פון אַרום 50 ביז 60 משפחות דערפילט די נויטיקייט אויפצובויען אַ געזעלשאַפטלעכן טרעף־פונקט, אַ צענטער פאַר די צוועקן פון קולטורעלע, פראַטערנאַלע און בכלל געזעל־שאַפטלעכע אַקטיוויטעטן.

מיט דער הילף פון דעם „האאז פאָנד״ (געשאַפן פון פרוי האאז און איר משפחה, פילאַנטראָפּן אין סאַן פראַנציסקאָ, צו העלפן מיט הלוואות יידן זיך באַזעצן אויף ערד) איז אין יאָר 1925, מיט גרויס מסירת נפש מצד די היגע יידישע פאַרמער, אויפגעשטעלט געוואָרן דער „יידישער קאָמיוניטי צענטער״ אין פעטאַלומאַ. זינט יענער צייט ביז אַן ערך 1950־1951 האָט זיך כמעט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעך, גייסטיק און קולטור־לעבן אָפּגעשפּילט אין די ווענט פונם יידישן צענטער. די פאַרשיידענע גרופּירונגען: ציוניס־טישע, רעכט־נאַציאָנאַליסטישע און פּראָגרעסיווע האָבן אָנגעפירט זייער אייגן קלייזלדיק לעבן. אָבער אין געוויסע מאָמענטן פון גרויסער היסטאָ־רישער וויכטיקייט פלעגן דורכגעפירט ווערן וויכטיקע אַקציעס פּאַראיי־ניקטערהייט.

דאָס זיינען געווען די גורל׳פולע יאָרן פון דער היטלער עפּאָכע פאַרן יידישן פאָלק; דער אויפקום, געבורט און באַפעסטיקונג פון מדינת ישראל איז געוויסע לאַקאַלע אַקציעס פון גרעסערער באַדייטונג.

אין די ערשטע יאָרן זיינען אַלע גרופּירונגען אַרום צענטער געווען פּאַראַיינינקט דורך דער יידישער שפּראַך, כאָטש דאָס איז ווייט ניט קיין גענוגנדיקער אינסטרומענט אויף צו אַנטוויקלען אמתע, קאָנסטרוקטיווע איי־ניקייט אין אַ ישוב, וואָס איז צעטיילט אויף גרופּירונגען דורך די סאָציאַלע קרעפטן וואָס ווירקן אין לעבן.

נאָך גאָר פרי אין דער אַנטוויקלונג פונם סאָציאַלן פּנים פונם היגן יידישן ישוב, האָבן זיך אויסגעפורעמט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, אַלס די סאַמע אַקטיווסטע און אויך די שטאַרקסטע אין צאָל. מיטברענגענדיק פון די שטעט, סיי פון דער אַלטער, סיי פון דער נייער היים, אַ פּראָגרעסיוו־מיליטאַנטן לעבנס־בליק, און אַ קעמפערישע טראַדיציע פון די היימישע „סטאַטשקעס", פון די אמעריקאַנער יוניאָנס און פון דער ארבעטער באַוועגונג בכלל, האָבן זיי געזוכט די דאָזיקע טראַדיציע פאַרצוזעצן און אַנטוויקלען.

זיי האָבן אָנגעהויבן בויען פּראָטערנאַלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס און געשטרעבט אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן פיל־ברייטערן שטראָם פונם נאַציאָנאַלן און אפילו וועלטלעכן לעבן — אַקציעס פאַר בירא־בידזשאַן, פאַר די היטלער קרבנות, פאַר ישראל, פאַר נאַציאָנאַלע געזונט־אינסטיטוציעס און אזוי ווייטער.

כאָטש קלענער אין צאָל און שוואַכער אין דעם אַלגעמיינעם ווירקונס־קרייז, האָבן אָבער די בירגערלעכע עלעמענטן געהאַט (כמעט שטענדיק) די אויבערהאַנט אין דער אָנפירונג פון דעם יידישן קאַמיוניטי צענטער.

צו באַפרידיקן די קולטור דערציערישע און פאַרווײַלערישע נויטן האָבן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, שוין מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, פּרובירט אָרגאַניזירן אַ געזאַנג אינסטיטוציע; דראַמאַטישע קרייזן — אַלץ מיט אייגענע קרעפטן. און ניט נאָר זיינען די דאָזיקע פּרוואוון ניט פאַרלאָרן געגאַנגען, נאָר פאַרקערט: זיי האָבן אין שפּעטערדיקע יאָרן, ביי מער גינסטיקע באַדינגונגען, געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. די היים פאַר די דאָזיקע עקספּערימענטן איז געווען טאַקע דער יידישער צענטער.

דאָרט איז דורך דער איניציאַטיוו פון די בירגערלעכע און יידישיסטישע עלעמענטן געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע ביבליאָטעק. אויף וויפל עס איז אין לעצטן אנדערהאַלב צענדליק יאָר אַנטשטאַנען די פּראָבלעם פון יידישער קינדער־דערציאונג, איז עס אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן פון דעם קולטורעל־ מער באַוואוסטזיניקן פּראָגרעסיוון עלעמענט. די בירגערלעכע עלעמענטן פירן אָן מיט אַ „סאַנדעי סקול".

מיטן אויפשטייג פון דער שאַרפער רעאַקציע אין לאַנד; מיט דער שרעק און גייסטיקער צעטומלעניש, וואָס די מכשפה־געיעגן האָבן אָנגעוויעט אויף פאַרשידענע שיכטן פון פאָלק, און אויף דער יידישער באפעלקערונג, האָבן די היגע מנהיגים פון יידישן צענטער, אָנגעפירט דורך אַ הייפל וויסטע רעאַקציאָנערן, באַוויזן צו באַזייטיקן דעם פּראָגרעסיוון סעקטאָר און זיינע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס פון יידישן צענטער.

אין משך פון לעצטן אנדערהאַלבן צענדליק יאָר האָט זיך דער יידישער ישוב אין און אַרום פּעטאַלומאַ פאַרגרעסערט פון אַ 250 משפחות ביז נאָענט צו 350, אין אָנהויב פון 1954.

דאָס קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן פונם פּראָגרעסיוון טייל פונם ישוב איז אין משך פון די לעצטע צען־פופצן יאָר אַזוי פּאַרפּעסטיקט געוואָרן, אַז די באַזייטיקונג פון די פּראָגרעסיווע קולטור אָרגאַניזאַציעס פון יידישן צענטער האָט ניט אָנגערירט דעם אימפּעט און פאַרנעם פון זייער טעטיקייט.

עס פונקציאָנירט אין פּראָגרעסיוון יידישן סעקטאָר אַ טיכטיקער דראַמאַטישער קרייז, מיט אַ סטאַזש פון יאָרן וויכטיקע בייטראַגן אויף זיין ספּעציפישן געביט. זיין אָרגאַניזאַטאָר, בויער און רעזשיסאָר איז דער דינאַמישער יעקב סיוועך.

אין די לעצטע דריי־פיר יאָר האָט זיך אַנטוויקלט אַ זייער טעטיקער פרויען לייען־קרייז, אַנגעשלאָסן אין איקוף, וועלכער ציילט אַרום פערציק מיטגלידער.

די אָרגאַניזאַציע מיט דעם וויכטיקסטן בייטראַג צום קולטור־לעבן פון גאַנצן יידישן ישוב איז דער יידישער פאָלקס־כאָר.

דער כאָר האָט זיך איינגעבירגערט אין פּעטאַלומאַ ווי אַ סאָלידער מוזיקאַלישער, קולטור־און־פאַרוויילערישער כוח; האָט געוואונען אנערקענונג ניט נאָר ביי דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אין דער ניט־יידישער וועלט. זיינע גרויסע קאָנצערטן פון יידישער פאָלקס־מוזיק, וועלטלעך קלאַסישער און הייננטצייטיקער כאָראַלער שאַפונג, ווערן געגעבן פאַר הונדערטער צוהערער אין די שענסטע זאַלן פון פּעטאַלומאַ און אַרומיקע שטעט. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער כאָר האָט פאַרלאָרן זיין ערשטע היים אין יידישן צענטער, פונקציאָנירט ער מיט פולן שוואונג. ער האָט נאָך אויסגעברייטערט זיינע טעטיקייטן דורך ראַדיאָ אויפטריטן. עס איז קוים בויטיק צו דערמאָנען, אַז מיט זיינע האַרציקע, לוסטיקע, ערנסטע און שאַלנדיקע לידער ברענגט ער אַריין יום־טוב און דערמוטיקונג, האָפענונג און לעבן אין די הערצער פון זיינע צוהערער און פאַרערער — צו אַלע פייערונגען, פונקציעס, יום־טובים און הוליאַנקעס.

ביי דער מוזיקאַלישער פירערשאַפט פון יידישן פאָלקס־כאָר שטייט פאַר די לעצטע 13 יאָר דער דיריגענט פון יידישן מוזיק פאַרבאַנד, זאַרי גאַטפריד.

זינט דער אויסשליסונג פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פונם יידישן צענטער, האָבן אויך די איבעריקע ערנסטע, געזעלשאַפטלעך אַקטיווע און באַוואוסטזיניקע גרופּירונגען ניט נאָר פאַרשטאַרקט זייערע עקזיסטירנדיקע קולטור אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך באַשאַפן אַ נייעם גאַר־וויכטיקן און ווירקזאַמען אינסטרומענט פון קאָמוניקאַציע און אויפקלערונג — אַ מאָנאַטלעכן, ענגלישן בולעטין, וואָס ווערט פאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע יידישע משפחות אין דער גאַנצער פּעטאַלומער טעריטאָריע.

מיטן אַרויסגעבן פון אָט דעם חודש׳לעכן אינפאָרמאַטיוון בולעטין איז פאַרבונדן די טעטיקייט פון דער פּראָגרעסיוו געשטימטער יידישער יוגנט. דאָס איז אַן עלעמענט, וואָס באַשטייט, צום גרעסטן טייל, פון קינדער פון די עלטערע תושבים, אָדער אפילו פון שפּעטער געקומענע „אימיגראַנטן״, וועלכע האָבן דאָך איינגעזאַפּט אַ פּראָגרעסיווע דערציאונג און סביבה. אַ קליינער פּראָצענט פון די יוגנטלעכע, כאָטש דערצויגן אין די גרויסע

שטעט, האָט דאָך באַשלאָסן זיך איינוואָרצלען אין היגן ישוב ביי היגער פּאַרמעריי. זיי האָבן דאָ אויפגעבויט זייערע היימען און פאַמיליעס. די דאָזיקע יונגע יידיש־אַמעריקאַנער זיינען אָרגאַניזירט אין אַ „מאַקאַבייער״ גרופּע, וועלכע איז אגב פאַראַנטוואָרטלעך פאַר עטאַבלירן דאָס קליינע צייטונגל „די מאַקאַביען״. די אָרגאַניזאַציע „מאַקאַבייער״ האָט געמאַכט אין די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרשידענע פּאַרזוכן צו איינשטעלן דראַמאַטישע, טאַנץ־און אַנדערע גרופּן — מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג. זי פירן דורך אויפקלער אָוונטן, לעקציעס מיט וויכטיקע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער. דאָס צייטונגל „מאַקאַביען״ איז איצט אַ סאָלידע מאָנאַט־שריפט, וואָס באַלייכט לעבעדיק און פאַכמעניש דאָס לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכע לעבן.

פּעטאַלומאַ, מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון נאָענט צו 350 משפחות, און מיטן איר אַרומיקער טעריטאָריע, גיט אַרויס צוויי חודש׳לעכע יידיש־ענגלישע צייטונגען, אָדער בולעטינען.

וואָס איז געווען די ראָל פון יידישן ישוב אין לעבן פון דעם שטעטל אין אַלגעמיין?

ס׳וואָלט געווען צופיל צו דערוואַרטן, אַז די ערשטע יידישע פּיאָנערן, אָדער זייערע נאָכפאָלגער זאָלן געפינען צייט, אָדער אפילו אַ נייגונג, צו באַשעפטיקן זיך אין אַלגעמיינע ענינים פון קהל. יענער עלעמענט האָט אפילו ניט פאַרמאָגט די שפּראַך און אַנדערע נויטיקע אטריבוטן פאַר טעטיקייטן פון אלגעמיין געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. איצט ווייזן זיך שוין סימנים פון אַן אינטערעס מצד די הי־געבאָרענע, יונגע, יידישע תושבים, צו געוויסע שטאָטישע, מוניציפּאַלע פּראָיעקטן, אַקציעס און אינסטיטוציעס, ווי למשל אין קאמפּאַניעס פאַר אַ נייעם שפּיטאָל; אין בויען און העלפן אויפהאַלטן אַ סעריע פון יערלעכע מוזיק קאָנצערטן פון הויכן קאַליבער; און זיין אינסטרומענטאַל אין אויפבויען אַ פאַרקויף קאָאָפּעראטיוו („מאַרקעטינג קאָאָפּעראַטיוו״).

דער סאַמע וואָגיקסטער ביייטראַג פון די יידישער פאַרמער איז דער אויפבוי פון דער איינציקער — אין דער גאַנצער וועלט — קאָאָפּעראטיווער „העטשערי״ — אַ העכסט מאָדערנע פאַבריק פון אויסבריען, קינסטלעך, הינדעלעך. די פּעטאַלומער קאָאָפּעראַטיווע „העטשערי״ איז אַ פעסט־עטאַבלירטע אינסטיטוציע, אָנגעפירט אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און מיט די סאַמע מאָדערנסטע געשעפט און ווירטשאַפט מעטאָדן, די גרונט־לייגער, איניציאַטאָרן און קאָנסטיטוציע שרייבער פון דער „העטשערי״ זיינען געווען מערסטנס יידישע פּראָגרעסיווע מענטשן. די דאָזיקע „העטשערי״, געגרינדעט אין יאָר 1936, ציילט ביי היינטיקן טאָג אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער פיר הונדערט קאָאָפּעראַטאָרן; זי האָט „אויסגעבריט״ אין יאָר 1953 איבער 3,600,000 (דריי מיליאָן זעקס הונדערט טויזנט) הינדעלעך.

פּעטאַלומאַ ווי אַ יידישער פאַרמער־ישוב ביים פּאַסיפיק איז גוט באַוואוסט מיט איר ברייטהאַרציקייט אויפן געביט פון אַלערליי פילאַנטראָפּישע, וואוילטעטיקע, הומאַניטאַרע אַקציעס אין יידישן לעבן. דער פּראָגרעסיווער סעקטאָר נעמט אויף און קומט אַנטקעגן אַלע אקציעס און קאמפּאַניעס פון די גרויסע צענטערס. זיינע „קוואָטעס״ און אַלע פאַרפליכטונגען ווערן אויס־

געפילט. אַלע געסט און משולחים — שרייבער, לעקטאָרס און טוער ווערן אויפגענומען בכבוד'יק.

מיט אייניקייט אין יידישן לעבן וואָלטן זיך פאַרן ישוב אין פעטאלומא געעפנט נאָך גרעסערע מעגלעכקייטן און פערספעקטיוון אויף אַ רייכערן, אינ־האַלטפולן קולטור און געזעלשאַפטלעך לעבן, סיי פאַרן אימיגראַנטן דור, סיי פאַרן אַמעריקאַניש־יידישן טייל פון דער באַפעלקערונג. דערצו דאַרפן שטרעבן אַלע אויפריכטיקע מענטשן.

⚜ ⚜ ⚜

שאול האָפמאַן

הונדערט יאָר אידישער ישוב אין סאַן פראַנציסקאָ

אין דעם יאָר 1849 איז דאָס קליינע, שטילע דאָרף ביי דער „גאָלדן געיט" פון פאַסיפישן ברעג, געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „סאַן פראַנציסקאָ", און שוין טאָקע אין דעם זעלבן יאָר האָבן הונדערט אידן געדאַוונט בציבור יום כיפור אין אַן אַלטער געביידע אויף מאָנטגאָמערי סטריט, די איצטיקע „וואָל סטריט" פון סאַן פראַנציסקאָ.

ווען דער געיעג נאָך גאָלד־זוכעניש האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען אידן אויך געווען צווישן די לויפער קיין סאַן פראַנציסקאָ זוכן גאָלד, אינם יאָר 1848. דאָן זיינען די אידן געווען מערסטנס דייטשישע, מיט אַ קליינער צאָל אויך פון אַנדערע לענדער. עס איז אָבער אויך באַוואוסט, אַז שוין מיט אַ קנאַפן יאָרהונדערט פאַרן „גאָלד ראַש", האָבן אייניקע ספרדישע אידן געוואוינט אין דעם דאָרף. דער פאַקט איז, אַז דער ערשטער מעיאָר פון סאַן פראַנציסקאָ איז געווען אַ האַלב ספרדישער איד, מיטן נאָמען, לוטענאַנט וואַשינגטאָן באַרטלעט. זיין מוטער איז געווען אַ אידישע פון אַ ספרדישער משפחה.

איידער לאָס אַנדזשעלעס האָט איבערגענומען די העגעמאָניע פון ווערן דער גרעסטער אידישער צענטער אין לאַנד נאָך ניו יאָרק, האָבן אידן שוין געהאַט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין סאַן פראַנציסקאָ, און האָבן געמאַכט אַ גרויסן ביייטראַג צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט אויף אַלע געביטן. אין דער „סיטי דירעקטאָרי" פון סאַן פראַנציסקאָ פון יאָר 1805, געפינען מיר אידישע נעמען מיט גרויסע געשעפטן — קליידער, אייזן, פאַרם־פראָ־דוקטן, פינאַנץ אינסטיטוציעס און אַנדערע. אויך אידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרמעריי — פי־ און עופות־צוכט. אויך פראָפעסיאָנאַלן.

סאַן פראַנציסקאָ איז באַוואוסט אין דער וועלט אַלס אַ קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט מיט באַזונדערע קוואַרטאַלן: כינעזישער, מעקסיקאַנישער, איטאַלי־ענישער און אַנדערע. אידן, אָבער, האָבן זיך גראָד אין סאַן פראַנציסקאָ ניט אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, ווי אין אַנדערע אַמעריקאַנישע שטעט. אַזוי ווי די מערסטע פון די ערשטע איינוואוינער זיינען געווען פון

דייטשישן אָפּשטאַם, און האָבן געזוכט זיך צו אַסימילירן וואָס שנעלער, האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט איבער דער שטאַט.

ערשט, ווען מזרח אידן האָבן אָנגעהויבן קומען אין אַ גרעסערער צאָל, האָט זיך געשאַפן אַ אידישער קוואַרטאַל, ניט קיין גרויסער, אין און אַרום מעקאַליסטער גאַס.

אַז אידן האָבן געמאַכט זייער אַ גרויסן ביישטייער צום וואוקס פון סאַן פראַנציסקאָ ניט נאָר אויפן קאָמערציעלן און אינדוסטריעלן געביט, נאָר אויך קולטורעל פאַרשענערט און באַרייכערט די שטאַט, באַווייזט דער פאַקט, וואָס די מערסטע פון די פאַרוויילונגס-פּלעצער אין שטאָט טראָגן אידישע נעמען ווי: די „סוטראָ קליף האַוז". אַדאָלף סוטראָ, אַ דייטשישער איד, איז געקומען קיין סאַן פראַנציסקאָ אין יאָר 1851, און אין יאָר 1892 האָט ער אויף אַ הויכן טורעמדיקן באַרג ביים ים אויסגעבויט אַ ריי געביידעס. אין די געביידעס געפינען זיך פאַרשידענע פאַרוויילונג-פּלעצער, ים-וואַסער בעדער, מוזייען פון די רייכטימער פון קאַליפאָרניע און אַ וועלט-באַרימטע ביבליאָטעק, וועלכע פאַרמאָגט איבער דריי הונדערט טויזנט ביכער, און אויך זעלטענע מאַנוסקריפּטן, געזאַמלט פון אַלע טיילן פון דער וועלט, אַריינגערעכנט אויך אַ גרויסע צאָל העברעאישע. צווישן זיי געפינט זיך אַן אָריגינעלער כתב-יד פון רמב"ם. אָט די גרויסע אינסטיטוציע איז איצט וועלט-באַוואוסט, און ווערט באַזוכט פון טויזנטער איינגעזעסענע און טוריסטן.

די צווייטע גרויסע אידישע אינסטיטוציע איז דער פליישהאַקער זאָאָלאָגישער פּאַרק. די צוויי ברידער, פינאַנץ מאַגנאַטן, הערבערט און מאָרטימער פליישהאַקער, האָבן דעם זאָאָלאָגישן פּאַרק איבערגעגעבן דער שטאַט אַלס אַ מתנה. אויסער דעם, וואָס דער זאָאָלאָגישער פּאַרק פאַרמאָגט די זעלטנסטע מינים זאָאָלאָגישע טיפּן, פאַרמאָגט ער אויך אַ טויזנט-פוסיקן „סווימינג פּול".

דער דריטער פאַרוויילערישער פּלאַץ אין שטאַט, וואָס טראָגט אַ אידישן נאָמען איז דער „זיגמונד סטורן גראָוו". דאָס איז אַ ריזיקער פּאַרק, וואָס פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכן אָפּענעם טעאַטער, און יעדן זומער ווערן אין דעם „גראָוו" דורכגעפירט מוזיקאַלישע קאָנצערטן און טעאַטער-שפּילן. דאָס איז אויך איצט אַ שטאַטישע אינסטיטוציע. דער „יאַנג מוזעאום" איז אויך באַוואוסט אַלס אַ אידישע אינסטיטוציע, און די אָפּערעס, וואָס ווערן דאָרט געשפּילט, ווערן מערסטנס פינאַנסירט פון אידישע מעצענאַטן.

פאַרשטייט זיך, אַז אידן האָבן אויך געבויט ספּעציעלע אידישע אינסטיטוציעס, ווי סינאַגאָגעס און טעמפּלען, קאָמיוניטי צענטערס און אויך וואוילטעטיקע אנשטאַלטן — אַ בית יתומים, אַ מושב זקנים, אַ שפּיטאָל — דער „מאַונט סאַינאַי" שפּיטאָל — און אַנדערע. אין די אַלע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטן האָט געהערשט דער איינפלוס פון די דייטשישע אידן.

מיטן אָנקום פון אַ גרעסערער צאָל אידן פון די מזרח-לענדער, שוין אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט — אידן, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען פון די מזרח-שטאַטן, מיט דערפאַרונג אין טרעיד-יוניאָן אַרבעט; אידן, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער אידישער קולטור-אַרבעט — האָט זיך אין דעם אידישן ישוב אָנגעהויבן פילן אַ דראַנג פאַר אידישע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אומאָפּהענגיק פון דער אַפּטרופּסות פון

די רייכע אידן אין שטאָט. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן ברענטשעס פון אידישע פראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אַ פּאָר קינדער־שולן. די באַ־וואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער האָבן אויך אַריינגעבראַכט אַ מיליטאַנטישן גייסט אין די וויכטיקע פּראָבלעמען פון לעבן אין סאַן פראַנציסקאָ בכלל און אויך אין אידישן לעבן.

אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר איז דער אידישער ישוב אין סאַן פראַנציסקאָ, וועלכער ציילט אַרום זיבעציק טויזנט אידן, אַנגעגאַנגען אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע אידישע ישובים אין לאַנד מיט אַ גרעסערער, אָדער קלענערער אידישער באַפעלקערונג. דער ישוב איז צעטיילט אין באַזונ־דערע שיכטן, מיט באַזונדערע אינטערעסן — עקאָנאָמישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע. דער מער פּראָגרעסיווער אידישער סעקטאָר גיט זיך אָפּ מער מיט בויען די פּראָגרעסיווע אידישע קולטור, און די אַנדערע זיינען טעטיק אַרום זייערע סינאַגאָגעס און טעמפּלען. מיט קיין שום אַנדערע אַק־טיוויטעטן צייכנט זיך דער אידישער ישוב ניט אויס. עס זיינען דאָ בני ברית לאָדזשן, אָפּטיילונגען פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען. עס דער־שיינט אַ וועכנטלעכע צייטונג אין ענגליש, „דזשואיש קאָמיוניטי בולעטין״, וואָס איז ניט בעסער און ניט ערגער פון פיל אַנדערע צייטונגלעך פון דעם מין אין אַנדערע שטעט.

דאָס איז אין קורצן דער סך־הכל פונם אידישן ישוב אין סאַן פראַנ־ציסקאָ, נאָך הונדערט יאָר עקזיסטענץ.

⚜ ⚜ ⚜

ירחמיאל פּאַרבער (אָנטאַריאָ)

יידישע ישובים אין קליינע שטעטלעך אין דרום קאַליפאָרניע

(צום הונדערט יאָריקן יידישן ישוב אין קאַליפאָרניע)

ווען קאַליפאָרניע איז געוואָרן אַ טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען איינצעלנע יידן געקומען זיך באַזעצן אין דעם נייעם שטאַט, הויפּט־זעכלעך אין די צענטראַלע שטעט, סאַן פראַנציסקאָ און, שפּעטער, לאָס אַנ־דזשעלעס. נאָך דער גרויסער אימיגראַציע אין די אַכציקער יאָרן, ווען צענ־דליקער טויזנטער יידן זיינען מיט אַמאָל אָנגעקומען אין די גרויסע שטעט — ניו יאָרק, שיקאַגאָ, באָסטאָן, פילאַדעלפיאַ א. א., האָבן זיך געפונען יידן, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט איינלעבן אין דער ענגשאַפט פון דער ניו יאָר־קער איסט סייד און אין די יידישע געגנטן פון אַנדערע שטעט, און זיך אַרויס־געלאָזן זוכן גליקן אין אַנדערע געגנטן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס קאַלי־פאָרניע געפינט זיך דריי טויזנט מייל אַוועק, האָט זי אָבער אַ פאָרצוג: די מילדקייט פון קאַליפאָרניער קלימאַט האָט געמאַניעט צו זיך, דער עיקר מענטשן מיט קראַנקע לונגען, אַ שוואַך האַרץ, און נאָך אַזעלכע „פעלערן״.

די גרויסע שטעט, סאַן פראַנציסקאָ און לאָס אַנדזשעלעס, האָבן אָנגעהויבן וואַקסן און מיט דעם וואוקס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז אויך געוואַקסן די יידישע.

דורך דער צייט, אַז ס'זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען, האָבן זיי צוגעצויגן נייע אימיגראַנטן, דאָס האָט געבראַכט צום וואוקס פון דער בוי אינדוסטריע, קליידער אינדוסטריע א. א. וו.

די לעצטע פופצן יאָר איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־אימיגראַציע קיין לאָס אַנדזשעלעס, פון אַלע צענטערס אין דער „איסט”. עס זיינען געקומען אַרבעטער און קליינע געשעפטסלייט. מעגלעכקייטן זיינען געווען גוטע. די נאָדל אינ־דוסטריע איז זיך צעוואַקסן, קליינע געשעפטן האָבן זיך געמערט ווי שוואָמען נאָך א רעגן. אַנדערע זיינען געקומען אויסלעבן זייערע יאָרן אין דער זוניקער קאַליפאָרניע, געקויפט הייזער און געלעבט פון איינקונפט.

ביסלעכווייז איז געוואָרן ענג אין די שטעט. די צייט שטייט ניט, מענטשן ווערן עלטער, עס ווערט שווערער דער יאָך פון שאַפן; יונגערע שטויסן אַרויס די עלטערע פון פאַרשידענע אינדוסטריעס און יידן האָבן אָנגעהויבן זוכן מעגלעכקייטן זיך צו באַזעצן אויסער די גרויסע שטעט. איצט געפינען זיך ישובים אין אַ רייע שטעטלעך אַרום לאָס אַנדזשעלעס אין צוויי פאַרשידענע ריכטונגען. איין ריכטונג — צו צפון זייט פון דער שטאָט, די שטעטלעך, טאהאנגא, רעסידא, סאַנלענד און נאָרט האַליוואוד. אַביסעל ווייטער אין דער זעלבער ריכטונג געפינט זיך סאַן פערנאַנדאָ וואַלי, וואָס נעמט אַריין די שטאָט סאַן פערנאַנדאָ און א רייע שטעטלעך אַרום דער שטאָט. אַ צאָל פון די יידישע איינוואוינער פון אָט די שטעטלעך האָבן דאָרטן זייערע געשעפטן, אָדער אַרבעטן אין לאָס אַנדזשעלעס. אַ באַדייטנדיקע צאָל האָבן זיך עטאַבלירט אויף הינער־פאַרמס און ציען דערפון זייער חיונה. אין דער מזרח זייט — א פופצן מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, געפינען זיך שוין עלטערע ישובים, די שטעטלעך על־מאָנטע, מאָנראָוויא, אַרקאַדיא און באַלדווין פאַרק. אין די ערשטע צוויי זיינען יידן, מערסטנס, געשעפטסלייט; די אַנדערע זיינען שוין צענטערס פון הינער ציכטלער.

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין די דערמאָנטע שטעטלעך קען געמאָסטן ווערן מיט דעם וואוקס פון „צענטערס”, אַרום וועלכע עס קאָנ־צענטרירט זיך דאָס יידישע לעבן. אַזוי איז אין די שטעטלעך אַרום לאָס אַנ־דזשעלעס (נאָרט האַליוואוד), וואַרשיינלעך, צוליב דער נאָענטקייט פון דער גרויסער שטאָט, געפינט זיך בלויז איין (1) צענטער. דאַגעגן, אין די אַנדערע שטעט, צו מזרח זייט, זיינען שוין דאָ דריי צענטערס.

ווייטער צו מזרח, אַרום דרייסיק־פערציק מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, זיינען דאָ נאָך א רייע יידישע ישובים. דאָס זיינען די שטעטלעך: אָנטאַריאָ, פּאָמאָנא, פּאָנטאַנא, אַפּלאַנד, קלערמאָנט און אַנדערע.

די ישובים זיינען ניט קיין גרויסע, זיי ציילן פון צען ביז צוויי הונדערט פאַמיליעס, אָבער ס'איז געווען אַ צייט, ווען די באַפעלקערונג פון די אַלע שטעטלעך האָט קיין יידן ניט אָנגעזען.

דער ערשטער ייד, וואָס איז געקומען קיין אָנטאַריאָ, מיט וואָסערע פינף־זעקס און פערציק יאָר צוריק, און וועלכער געפינט זיך נאָך איצט דאָרטן,

איז דער גוט־באַקאַנטער לייב מאַטלין. ער האָט זיך באַזעצט אין דעם, דאַן קליין שטעטל, וואו די קריסטלעכע שכנים זיינע האָבן זיך געוואונדערט: אַ ייד, האָבן זיי געהערט, פאַרנעמט זיך ניט מיט שווערער אַרבעט ווי פאַרמעריי, נאָר האַנדל . . . זייער באַקאַנטשאַפט מיט יידן איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איינער פון זיינע שכנים, דערציילט מאַטלין, אַן אײרישער פאַרמער, האָט אים געזאָגט, אַז דער איינציקער ייד, וועמען ער האָט אין זיין לעבן געקענט, איז געווען זיין אייגענער ברודער . . . ווי קומט אַן איירישער זאָל האָבן אַ ברודער אַ יידן? — וועט איר דאָך פרעגן. זיין ברודער האָט געאַרבעט אין שטאָט און זיך פאַרליבט אין אַ יידישער מיידל. כדי צו קענען מיט איר חתונה האָבן, האָט ער זיך מגייר געווען, און אַן איירישמאַן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידן.

איצט געפינען זיך אין אָנטאַריאָ־פּאַנטאַנאַ און אומגעגנט אַרום זעקס הונדערט יידישע פאַמיליעס. פון זיי — אַרום צוויי הונדערט אין פּאַנטאַנאַ, אַ הונדערט פינף און זיבעציק אין אָנטאַריאָ, אַרום הונדערט און פופציק אין פּאַמאָנאַ. אין די איבעריקע שטעטלעך געפינען זיך צו איינע אָדער צוויי צענדליק יידישע פאַמיליעס אין יעדערער.

מיט וואָס באַשעפטיקן זיך די יידן אין דער געגנט?

דאָ זעען מיר אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג: בעת אַ גרויסער טייל, אַרום 35 פּראָצענט, זיינען קליינע געשעפטסלייט, איז דער גרעסטער טייל באַשעפטיקט מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. אַרום 40 פּראָצענט זיינען הינער ציכטלער, אַרום צוואַנציק פּראָצענט — אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין דער שווערער אינדוסטריע, ווי „קאַיזער סטיל מיל", אין פּאַנטאַנאַ; וואָפן פּראָ־דוצירנדיקע פאַבריקן אין פּאָמאָנאַ, און ביי פאַרשידענע מלאכות. די איבעריקע זיינען פּראָפעסיאָנאַלן.

ווי אַזוי לעבן זיך אויס די יידן אין די קליינע ישובים? וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג האָבן זיי מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג? ווי באַציט זיך די אַרומיקע באַפעלקערונג צו די יידישע איינוואוינער?

קיין אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם מערקט זיך ניט אין די קליינע ישובים. יידן זיינען מיטגלידער אין אַלערליי קלובן, „מייסאָנס", „ראָטערי" א. א. וו. אַ יידישער וועטערינאַר איז דער סעקרעטאַר פון זיין פּראָפעסיאָנעלער אָר־גאַניזאַציע. אָבער דאָ און דאָרט שפּאַרט זיך דאָך אַרויס דער אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ סימפּטאָם פון ערנסטער קראַנקהייט. אַזוי, צום ביישפּיל, ווען פאַר־מערס האָבן מיט אייניקע יאָרן צוריק, אין שלעכטן יאָר, געפאָדערט די זעלבע רעגירונג שטיצע וואָס עס קריגן די מיליאָנערישע תבואה קאָמפּאַניס, זיינען די היגע כלל־פאַרזאָרגער געקראָכן פון דער הויט צו איבערצייגן, אַז די איינציקע פאַרמער, וועלכע פאָדערן רעגירונג שטיצע, זיינען די „נייע", דאָס מיינט, די יידישע פאַרמערס . . .

ווי אַ טראָפּן וואַסער, וואָס שפּיגלט־אָפּ אַלע כעמישע עלעמענטן פון ים, אַזוי שפּיגלט־אָפּ דער קליינער ישוב אַלע שטרעמונגען פון דער גרויסער שטאָט.

עס עקזיסטירט אין אָנטאַריאָ־פּאַנטאַנאַ און פּאָמאָנאַ אַ ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע, אַ צווייג פון די בני ברית, וואָס עקזיסטירט שוין אַכט יאָר, מיט

אַ מיטגלידערשאַפט פון ארום הונדערט און פערציק. עס עקזיסטירט דאָ אַן אָפּטיילונג פון „אָרט", אַ קולטור קלוב, וואָס טוט וויכטיקע קולטור ארבעט, אַ פרויען לייען־קרייז. עס איז לעצטנס געגרינדעט געוואָרן אַ פאָלקס כאָר פון עטלעכע און צוואנציק זינגער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די באַקאַנטע מוזיקער, בייטן און סילוויע סאמאראוו, וועלכער האָט אלע מעגלעכקייטן צו ווערן אַ וויכטיקע פאָלקס אינסטיטוציע. דאָ איז אויך פאראַן אַ טעמפּל (אין פּאָמאָנא), וואָס איז האַלב אָרטאָדאָקסיש, האַלב רעפאָרמיסטיש. דער טעמפּל פארמעסט זיך צו ווערן אַ „צענטער", וואָס זאָל ארייננעמען די יידישע יוגנט, אָבער דאָס קען נאָך ניט געטאָן ווערן צוליב דער פּשוטער אורזאכע, וואָס דער ישוב באַשטייט הויפּטזעכלעך פון צוויי עלעמענטן: מענטשן, וועלכע זיינען שוין ווייט פארפאָרן אין די יאָרן, וועמענס קינדער, אויב זיי האָבן אַזעלכע, זאָלן זיי נאָכפאָרן, און יונגעלייט, וועלכע הייבן ערשט אָן בויען אַ פאַמיליען לעבן און האָבן נאָך ניט קיין קינדער פאַר די „צענטערס".

מיט דער אַנטשטייאונג פון קליינע יידישע ישובים אַרום לאָס אַנדזשעלעס, איז אויך ארויסגעוואַקסן די אינסטיטוציע פון רעזאָרט פּלעצער. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק, ווען אַ יידישער אידעאַליסטישער יונגער מענטש, מיטן נאָמען דר. לענגסנער, אַ „נעטשורעל אָסטעאָפּאַט", לויט זיין פּראָפעסיע, און אַ וועגעטאַריער לויט זיין איבערצייגונג, איז געקומען קיין אָנטאַריאָ צו עפענען אַן אָפּרו־פּלאַץ פאַר מענטשן מיט אידייען פאַר „ראַציאָנאַלן לעבן". אמת, דר. לענגסנער האָט זיך גיך איבערצייגט, אַז דאָס לעבן איז אביסל שטאַרקער פון גוטע פארלאַנגען, און ער האָט געמוזט איבערגיין צו אַ געוויינטלעכער דיעטע, אָבער פאַר אַ לאַנגער צייט איז דער „פּאַראַדיז רעזאָרט" געווען אַ פּראָמינענטע אינסטיטוציע אַרום לאָס אַנדזשעלעס, אַזוי, אַז עס האָבן זיך שנעל געפונען נאָכפאָלגער, און איצט עקזיסטירט אַ גאַנצע רייע רעזאָרט פּלעצער פון אָנטאַריאָ ביז טיף אין דער מדבר, וואו מען קומט זיך דערהאַלטן מיט מינעראַל בעדער און, בכלל פאַר אַן אָפּרו.

אָבער איין אינסטיטוציע, וועלכע געפינט זיך אין הארץ פון די יידישע קליינע ישובים, מיט וועלכער דער יידישער קאַליפאָרניער ישוב מעג באמת שטאָלצירן, איז אַן צווייפל — „די שטאָט פון האָפענונג". זי געפינט זיך פופצן מייל פון לאָס אַנדזשעלעס און איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע היילונג אינסטיטוציעס, ניט נאָר אין קאַליפאָרניע, נאָר איבער גאַנץ אַמעריקע.

בקיצור איז די געשיכטע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע אַזאַ: ווי געזאָגט, האָט דער קאַליפאָרניער קלימאַט צוגעצויגן מענטשן מיט פארשידענע קראַנקהייטן, אָבער די הויפּט קראַנקהייט איז געווען שווינדזוכט, אָדער, ווי מען רופט דאָס אָפיציעל, „ט. ב". מיט דער צייט אָבער, זיינען אסך פון די קראַנקע געוואָרן הילפלאָז און עס איז געוואָרן אַ פּראָבלעם. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע צו העלפן די דאָזיקע קראַנקע. מען איז אוועקגעפאָרן קיין דואַרטע, אַ קליין שטעטל, פופצן מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, לעבן די פּראַכטפולע סיערא בערג. מען האָט דאָרט אָפּגעקויפט אַ פאַרלאָזענעם ארייַנפאַר־הויז (ראָוד הויז), מיט עטלעכע אַקער לאַנד. עס האָבן זיך געפונען

וואָלונטירן, וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט עטלעכע לייוונטענע ביידלעך (טענטס), עס האָט זיך אויך אָפּגעזוכט אַ קראַנקער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך באַזעצט צוזאַמען מיט די קראַנקע, מען האָט געדונגען אַ נוירס און מען האָט אָנגעהויבן זאַמלען געלט פאַר דער אינסטיטוציע, וועלכע האָט דאַן געהייסן „אַ הייל פּלאַץ פאַר טובערקולאָז קראַנקע". אָבער דאָס איז געווען אין 1912. איצט איז דאָס אַ צען מיליאָניקע אונטערנעמונג, וואָס פאַרנעמט א שטח פון פינף און זיבעציק אַקער לאַנד, מיט די בעסטע שפּיטאָל איינריכטונגען. עס איז ניט מער בלויז אַ שפּיטאָל פאַר טובערקולאָזיס קראַנקע, זיי האָבן איצט עטלעכע אָפּטיילונגען: שווינדזיכט, האַרץ קראַנקע, לוקעמיא, מיט א ספּע־ציעלע אָפּטיילונג פאַר קינדער לוקעמיא קראַנקע. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן זיי דערעפנט אַ קאַנסער אָפּטיילונג, און הונדערטער קאַנסער־קראַנקע ווערן באהאנדלט אין דער אָפּטיילונג. זיי האָבן אַ „ריסוירטש דעפּאַרטמענט", וואָס איז איינע פון די וויכטיקסטע אין לאַנד.

אין דעם שפּיטאָל איז דאָ פּלאַץ פאַר פיר הונדערט פּאַציענטן, מיט צימערן פאַר ניט מער ווי דריי, מייסטנס פאַר צוויי און אויך איינצעלנע פאַר ספּעציעלע פאַלן, מיט אַ סטעף דאָקטוירים און נוירסעס, אָבער גרויסע דאָק־טוירים און כירורגן ספּעציאַליסטן קומען צוויי מאָל א וואָך. זיי גיבן זייער צייט פריי. אָבער דאָס וואונדערבאַרע איז, וואָס קיין פּאַציענט צאָלט ניט פאַר דער באהאנדלונג. די, וואָס זיינען פאַרמעגלעך און ווילן באהאנדלט ווערן אין דער „שטאָט פון האָפענונג" באַשטייערן זיי זיך. און ווען אַ פּאַציענט פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל, איז ער נאָך אַלץ אונטער זיין אויפזיכט, און ער דאַרף קומען פאַר אַ „טשעק־אַפּ" פאַר לאַנגע מאָנאַטן.

זאָל דאָ קלאָר ווערן, אז דאָס איז ניט קיין טשאַריטי אינסטיטוציע. עס איז אַ פאָלק־אינסטיטוציע, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן פון פאָלק. איבערן לאַנד זיינען דאָ איבער צוויי הונדערט קלובן, וועלכע אַרבעטן לטובת דער „שטאָט פון האָפענונג". ווען איר גייט ארום די ציכטיקע קאָרידאָרן, לייענט איר נעמען פון אַלערליי „דאָנאָרס", פּערזענלעכע און פון אָרגאַניזאַציעס. איר לייענט דאָרט נעמען פון גרויסע און קלענערע יוניאָנס, אויף וועמענס געלט געבײַדעס, אָפּטיילונגען און צימערן זיינען געבויט געוואָרן. 85 פּראָצענט פון די געלטער קומען פון יידישע פאָלקס אָרגאַניזאַציעס, אָבער די אינסטי־טוציע איז אַ „נאָן־סעקטעריען", זי דיסקרימינירט ניט קעגן אנדערע פעלקער, סיי אלס אָנגעשטעלטע און סיי אלס פּאַציענטן.

דער יערלעכער בודזשעט, וועלכער איז פאַראַיאָרן געווען צוויי און אַ האַלבן מיליאָן דאָלער, ווערט פון יאָר צו יאָר גרעסער. איצט פאַרמעסט זיך די פאַרוואַלטונג צו גרינדן אַ „סיטי אָוו האָופּ" קאַלעדזש, וועלכער זאָל אויך זיין אין גייסט און אין דער טראַדיציע פון דער „שטאָט פון האָפענונג."

אַזוי האָט דער יידישער ישוב אין דרום קאַליפאָרניע, וועלכער האָט זיך אויסגעשפּרייט אין צענדליקער שטעטלעך, בײַגעטראָגן צום לאַנד אַן אינסטי־טוציע, מיט וועלכער זיי מעגן שטאָלצירן, אַן אינסטיטוציע, וועלכע איז אין גייסט פון די אמתע פאַרטרעטער פון אַ דעמאָקראַטישער אַמעריקע, אין גייסט פון די שענסטע יידישע טראַדיציעס.

דער אידישער ישוב אין אָוקלאַנד

אָוקלאַנד איז איינער פון די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטערס אויפן פּאַסיפישן ברעג. זי געפינט זיך קאַרגע ניין מייל פון סאַן־פראַנציסקאָ. איר באַפעלקערונג גרייכט אַריבער 350 טויזנט און, כאָטש זי האָט ניט דורכ־געמאַכט דעם ראַשיקן וואוקס פון לאָס־אַנדזשעלעס, וואוהין דער גרעסטער שטראָם איבערוואַנדערער פון די פאַרשיידענע שטאַטן איז געווענדעט, איז אָבער דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג געווען אַ שטענדיקער און אַ גע־זונטער. די שטאָט האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר פיל מיילן הינטער אירע גרענעצן, און די שיינע לאַנדשאַפט וואָס זי פאַרמאָגט, ווערט ביסלעכווייז באַדעקט מיט הייזער און דורכגעריסן מיט די מאָדערנע ברייטע שליאַכן. די באַפעלקערונג איז דאָ אַ געמישטע און, ווי אין אַנדערע שטעט איבערן לאַנד, געפינט מען דאָ דיזעלבע צעטיילונג אין נאַציאָנאַליטעטן און קאָלירן, און אויך אַ שאַרפע צעטיילונג אויפן עקאָנאָמישן געביט, וואו די אָרימקייט שטייגט אַריבער די רייכקייט, מיט אַ באַדייטנדיקן מיטל־קלאַס אינצווישן.

די אידישע באַפעלקערונג זעט זיך דאָ שטאַרק אָן, צווישן דעם מיטעלן און רייכערן שיכט, מיט זייער אַ קליינער פּראָפּאָרציע אַרבעטער, און איר צאָל דערגרייכט אַריבער 12,000 נפשות. די אָפּוועזנקייט פון אידישע אַר־בעטער דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די ספּעציפישע אידישע אינדוסטריען, ווי דער קליידער פאַך און אַנדערע, זיינען דאָ אינגאַנצן ניטאָ.

אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט פאַרמאָגן מיר אַלע בירגערלעכע אָר־גאַניזאַציעס, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ גרויסער געמיינדע: „בני ברית", פאַרשיי־דענע ציוניסטישע גרופּירונגען, אַ „דוּאַרטע סאַניטאַריום אוקזילערי", אַ צאָל טעמפּלען און אָרטאָדאָקסישע שולן. צווישן די קלענערע אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך דריי צווייגן פון אַרבעטער רינג, אַ „פּיאָנערן" פרויען־גרופּע, און אַ פּראָגרעסיווע גרופּע מיט אַ באַשרענקטער צאָל מיטגלידער.

דער היגער אידישער „קאָמיוניטי צענטער" מאַכט אַ שטאַרקן פאַר־זוך צו אַנטוויקלען און אָנהאַלטן פאַרשיידענע קולטורעלע און געזעלשאַפט־לעכע פונקציעס, אָן וועלכע ניט איז דיסקרימינאַציעס קעגן אָרגאַניזאַציעס און זייערע אידעאָלאָגיעס. די פירערשאַפט פון צענטער צייכנט זיך אויס מיט אַ הויכן סטאַנדאַרד פון פאָלקסטימלעכן און קולטורעלן באַוואוסטזיין, און איז צופרידן צו קאָאָפּערירן מיט יעדער אידישער קערפּערשאַפט אין שטאָט, אַזוי לאַנג ווי איר טעטיקייט באַפרידיקט דעם אַלגעמיינעם קולטור־רעלן און געזעלשאַפטלעכן אינטערעס פון דער אידישער באַפעלקערונג.

אַלס אַביישפּיל קען דינען דער אויפטריט פון אונזער באַליבטער זינ־גערין און אויסטייטשערין פון אידישן ליד, רוט רובין, וואָס איז דורכגע־פירט געוואָרן, אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פונם צענטער, מיט זיין קולטור קאָמיטעט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט פאַרוויילונגען אויפן געביט פון אידיש. רוט רובינס אויפטריט איז געווען איינגעאָרדנט אין זעקס געגנטלעכע „קאָמ־יוניטיס", אָוקלאַנד און בוירקלי אַריינגערעכנט, און איז געקרוינט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג.

צווישן די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע מיר פאַרמאָגן, פאַר־נעמט דער „איקוף" אַ גאַנץ אָנגעזעענעם פּלאַץ, צוליב דעם פיינעם רע־קאָרד פון קולטור־טעטיקייט, וואָס ער האָט זיך געשאַפן פאַר די 15 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. דער „איקוף" האָט ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו שטיצן פינאַנציעל און מאָראַליש די פּראָגרעסיווע אידישע אינסטיטו־ציעס איבערן לאַנד, ווי אויך די פירער און שאַפער פון אידישן וואָרט און בוך. ער האָט זיך אויך באַטייליקט, ביי יעדער געלעגנהייט, אין אַלע גרעסערע אונטערנעמונגען, אויפן קולטורעלן געביט, פון אַ שטאָטישן פאַר־נעם. . . . מען האַלט זיך דאָ ביים כּלל: זיך ניט איזאָלירן פונם פאָלק און מיטווירקן, וואו נאָר מעגלעך, כּדי צו באַרייכערן דעם קולטורעלן און געזעל־שאַפטלעכן לעבן פונם היגן ישוב.

ס. פ.

יצחק טאַיפּ (עלסינאָר)

אַ נייער טאָג געבוירן

אין דעם טונקעלן פרימאָרגן,
נאָך דער פינצטערניש פון נאַכט —
זע איך ס'ווערט אַ טאָג געבוירן,
צויבערלעך, אַ פּראַכט.

ס'רירט זיך עפּעס אין דער פינצטער,
ס'מאָלן זיך די שפּיצן בערג,
און עס צינדט זיך אָן אַ ליכטל
ווייט אין מזרח אומגעשטערט.

וואָלקנדלעך, ווי גאָלד און זילבער,
גלאַנצן אין דעם הימל־רוים;
עמיץ לעשט דאָרט אויס די שטערן,
אַזוי ווי אין אַ צויבער־טרוים.

אין די פעלדן פון די פעלזן
באַהאַלטן זיך די שאָטנס אויס,
און זיי לויפן, ווי דערשראָקן,
פון דער ליכט, וואָס קומט פאַראויס.

נאָך אַ ליכטל, נאָך אַ ליכטל
צינדט זיך אין דער וויטקייט אָן —
און עס רויטלט זיך דער הימל
און דער נייער טאָג קומט־אָן.

יאָסל לעדער

עלסינאָר, דער ניי־אויפגעקומענער יידישער ישוב

עלסינאָר געפינט זיך אַרום 70 מייל פון לאָס אַנדזשעלעס. די שיינע בערג אַרום און דער טייך צופוסנס, מאַכן דאָס שטעטל אויסזען ווי אַ צווי־בערלאַנד. די קלימאַטישע באַדינגונגען, מיט זונשיין כמעט אַ גאַנץ יאָר, מאַכן עס פאַר אַן אידעאַלן, צוגעפּאַסטן אָפּרו־פּלאַץ, וואו סאַי געזונטע, סאַי שוואַכע, קענען דאָ זייער גוט פאַרברענגען זייער וואַקאַציע.

די אַלגעמיינע באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט פון אַרום 3000 נפשות, איז, מערסטנס, געקומען צו באַזעצן זיך דאָ צוליב׳ן געזונט — צוליב׳ן היילנדיקן מינעראַל־וואַסער, וואָס געפינט זיך ביי יעדן הויז, און צוליב די הייסע נאַטירלעכע קוואַלן, וואָס קומען פון די בערג, אין צוגאָב צום שטענדיקן זונשיין. ס׳זיינען באַוואוסט פאַלן פון קראַנקע, וואָס זיינען אַהער געקומען מיט רומאַטיזם, אַסטמאַ און אַנדערע קראַנקהייטן, און זיי זיינען פּולקאָם געזונט געוואָרן.

ווי געוויינטלעך האָבן זיך אויך יידן געצויגן צו עלסינאָר צוליב אָט־די אַלע גוטע זאַכן, און האָבן אינגיכן אָנגעפאַנגען צו שטראָמען אַהער אין אַ גרעסערער צאָל. ערשט מיט אַ צען יאָר צוריק האָבן זיך אין שטעטל געפונען אפשר אַ צענדליק יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן דאַן נאָר געקענט חלומען פון אַ ברייטזינדיק, געזעלשאַפטלעך לעבן. איצט ציילט די יידישע באַפעלקערונג העכער 300 פאַמיליעס. און וואָס איז שייך אָרגאַניזאַציעס, דאַרפן זיי זיך ניט פאַרשעמען פאַר דער גרויסער שטאָט. ס׳איז דאָ פאַראַן אַ גרויסע שול „היברו קאָנגרעגיישאָן״, וואו יידן דאַווענען יעדן טאָג, און אַרום דער שול — אויך אַ צענטער, וואו די „ליידיס אָקזילערי״ פירט־דורך פאַרשיידענע פאַרווייַלונגען, און עס קומען זיך צוזאַמען געסט און היגע איינוואוינער.

ס׳איז אויך דאָ נאָך אַ צענטער, וואָס רופט זיך „איזראַעל קאָמיוניטי סענטער״. ס׳זיינען פאַראַן אויך געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי „הדסה״, „פּרויען פּיאָנערן״, פּועלי־ציון, מענער און פרויען „מזרחי״, אַ „סיסטערהוד״ פון דעם „איזראַעל קאָמיוניטי סענטער״, און אַנדערע.

צווישן אָט־די אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס, שיינט אַרויס דער „יידישער קולטור־צענטער״, מיט זיין נייעם פּראַכטפולן בנין, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אויסגעבויט געוואָרן. דער „יידישער קולטור־קלוב״, איז איינער פון די גאָר־ערשטע אָרגאַניזאַציעס אין עלסינאָר, וועלכער פירט־דורך סיסטעמאַטיש פיינע מוזיקאַלישע און ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. דורך דער צייט פון זיין עקזיסטענץ, האָט דער קלוב אַרום זיך געשאַפן אַ פריינטלעכע און וואַרעמע אַטמאָספערע, און האָט באַוויזן זיך אַרומצורינגלען מיט פיינע טאַלאַנטירטע עלעמענטן, וואָס האָבן אַ סך צוגעטראָגן צום אויפבוי פון דער אָרגאַניזאַציע.

איך וואָלט דאָ ניט געהאַט גענוג פּלאַץ אויסצורעכענען די אַלע אָוונטן, וואָס דער קלוב האָט דורכגעפירט אין די לעצטע זיבן־אַכט יאָר, מיט די

אייגענע כוחות, און מיט די פּילצאַליקע „געסט״, וועלכע פאַרפעלן ניט צו באַזוכן עלסינאַר.

יאָ, בעת יידישע ישובים אין איראָפּע זיינען צעשטערט געוואָרן — ווען מיר דאָ, מיט מער עקשנות, בויען אונדזער יידישן ישוב, אינם קליינעם שטעטעלע, אין דער „גאָלדענער וועסט״. מיר מעגן שטאָלצירן, וואָס אין אַזאַ קורצער צייט איז די יידישע באַפעלקערונג אין עלסינאַר אַזוי ריזיק אויסגעוואַקסן — און ס'שפּרודלט מיט יידיש לעבן, מיט ליכטיקע פּערספּעקטיוון צו דער צוקונפט. ס'איז ווערט צו דערמאָנען, אַז דער גרעסטער טייל פון די יידן דאָ, ציען זייער חיונה פון פאַרדינגען צימערן פאַר יעדן, לויט זיין מצב און געשמאַק — „קאַטעדזשעס״, אַפּאַרטמענטס, האָטעלס, „מאָטעלס״ — פאַר די „דאַטשניקעס״, וואָס קומען אַהער זיך אָפּרוען, אָדער צו פאַרריכטן זייער געזונט, און אויך דערמאָנען דאָ, ווי די יידן לעבן זיך איין מיט זייערע קריסטלעכע שכנים.

יאָ, עס בויט זיך אַ נייער יידישער ישוב אין עלסינאַר . . . „ניין, דאָס יידישע פאָלק וועט ניט אונטערגיין!״

⚜ ⚜ ⚜

מרדכי סופר

אונדזער משכן

(געווידמעט צום קולטור־צענטער אין עלסינאַר)

ווי אין מדבר, די יידן האָבן אַ „משכן״ געבויט —
די לוחות צו האַלטן, די הייליקייטן צו היטן —
אַזוי האָבן מיר, אין מדבר־שטעטל עלסינאַר,
אַ בנין געבויט, אַ נייעם „משכן״ —
אונדזער ירושה, די יידישע קולטור, אָפּצוהיטן.

אונדזערע „לויים״ דעם משכן באַדינען —
זינגען לידער, לייענען פּאָעמען;
אונדזערע „כהנים״, קרבנות ברענגען —
ציגל, ליים, ברעטער — דעם „משכן״ אויפצובויען.

אונדזערע „בצלאלם״, מיט פליים, האָבן געאַרבעט:
די האַמערס — שירה געזונגען, ווי אָרגאַנס — געקלונגען די זעגן.
דעם וואונדער באַוויזן — דער „משכן״ איז גרייט —
אַ לייכט־טורעם אין פינצטערניש פון דער צייט,
פאַר קולטור און וויסן, פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט.

א. מאָריס

„איקוף" — אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פונם פּראָגרעסיוון קולטור־לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס

אין 1937, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פאַשיזם באַדראָאָט דעם קיום פונם אידישן פאָלק און דעם אָנגעזאַמלטן אוצר פון זיין קולטור, איז אין פּאַריז צוזשטאַנד געקומען דער אַלוועלטלעכער אידישער קולטור קאָנ־גרעס, אויף וועלכן ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער אלוועלטלעכער אידישער קולטור פאַרבאַנד — דער „איקוף". צוליב אַ גאַנצער ריי פאַרשטענדלעכע סיבות איז ניו יאָרק באַשטימט געוואָרן אַלס דער צענטער פאַר דער ניי־געגרינדעטער קולטור־אָרגאַניזציע.

אין משך פון די 18 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער איקוף, אונ־טער גאַנץ שווערע אומשטענדן, און אפילו שטערונגען מצד געוויסע עלע־מענטן, אויסגעפילט די התחיבותן, וואָס די פּאַריזער קאָנפערענץ, און די שפּעטערדיקע נאַציאָנאַלע קאָנפערענצן אין אמעריקע, האָבן אויף אים אַרויפ־געלייגט: דאָס אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן פון צענדליקער טויזנטער ביכער פון די אָנגעזעענסטע אידישע שרייבער; דאָס אַרויסגעבן איינעם פון די בעסטע אידישע חודש־זשורנאַלן, „די אידישע קולטור", און דאָס אָנפירן פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער קולטור אַרבעט צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע.

דאָ אין לאָס אנדזשעלעס עקזיסטירט די איקוף אָרגאַניזאַציע פון דעם ערשטן טאָג, וואָס ס'איז געגרינדעט געוואָרן די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט. דער היגער איקוף קאָן אָנווייזן מיט שטאָלץ אויף די פאַרשיידענע צאָל־רייכע קולטור־אַקציעס, וואָס ער האָט דורכגעפירט ביי אונדז אין שטאָט פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ. עס איז אוממעגלעך, אין אַ קורצן איבערבליק, אָנצואווייזן אויף די ממש הונדערטער לעקציעס, סימפּאָזיומס און אַלגעמיינע קולטור־אָוונטן, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרן, אָן איבער־טרייבונג, פון צענדליקער טויזנטער מענטשן. ספּעציעל דאַרף באַטאָנט ווערן די סעריע לעקציעס, וואָס זיינען, אין משך פון אַ פּאָר יאָר, דורכ־געפירט געוואָרן אין דער שטאָטישער צענטראַלער ביבליאָטעק, פאַר וועלכע דער איקוף האָט געקראָגן אַ סך אנערקענונג.

דאָס פאַרשפּרייטן פונם איקוף זשורנאַל „אידישע קולטור" דאַרף נאָ־טירלעכערווייז דערמאָנט ווערן צווישן די וויכטיקע קולטור אַקציעס פונם היגן איקוף. לאָס אנדזשעלעס פאַרמאָגט הונדערטער אבאָנענטן סיי פונם זשורנאַל און סיי פון די אַנדערע איקוף אויסגאַבן. דער יערלעכער באַזוך ביי אונדז אין שטאָט פונם גענעראַל־סעקרעטאַר, ז. וויינפּער, ווערט פאַר־וואַנדלט אין יום־טובדיקע קולטור־טעג און עס ווערן אויך געשאַפן גרעסערע פאָנדן פאַר די נאַציאָנאַלע אויסגאַבן פון איקוף.

דער איקוף העלפט אַרויס, מיט ראַט און טאַט, די פּראָגרעסיווע אידי־

שע קינדער־שולן, די כאָרן, דער פאָלקס־בינע, און אַלע קולטור־אַקציעס, וואָס ווערן אונטערנומען אין שטאָט.

אָט אַזוי באַמיט זיך דער איקוף דורכצופירן די וויכטיקע קולטור־אויפגאַבן, וואָס זיינען אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן, אויסברייטערנדיק די טעטיקייטן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן ברענגען אונדזער אידיש־פּראָגרע־סיוון וואָרט און בוך צו אַלע גרעסערע טיילן פון דער אידישער באַפעלקערונג.

די לייען־קרייזן זיינען דער שטאַרקסטער אָנשפּאַר פונם איקוף. אין 1937 איז, גלייכצייטיק מיטן „איקוף״, געגרינדעט געוואָרן דער „קאָונסיל״, מיט בלויז 5 לייען־קרייזן. היינט צו טאָג לעבן און פונקציאָנירן גאַנצע 16 לייען־קרייזן אויף די נעמען פון אָנגעזעענע און באַוואוסטע אידישע שרייבער.

וואָך איין, וואָך אויס, ווערט אין אָט די לייען־קרייזן געטאָן זייער וויכ־טיקע קולטור־אַרבעט. די לייען־קרייזן זיינען געוואָרן דער אַדרעס פאַרן שרייבער און זיין בוך. דאָס בוך ווערט געלייענט, אָפּגעשאַצט און פאַרשפּרייט.

די לייען־קרייזן גיבן אויך מאָראַלע און פינאַנציעלע שטיצע צו אַלע פּראָגרעסיווע קולטור איינסטיטוציעס אין שטאָט, און העלפן ארויס די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אַנדערע וויכטיקע אַקציעס. די היגע לייען־קרייזן זיינען געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַנדערע שטעט אי־בערן לאַנד.

דערפאַרענע לאַנגיאָריקע טוערינס טוען זייער אַרבעט מיט ליבע און ערנסט.

מיט די אומגעפער 250 מיטגלידער פון די לייען־קרייזן פירט אָן דער „קאָונסיל״, און די פּראָגראַם פון איקוף איז די פּראָגראַם פון די לייען־קרייזן: די באַשיצונג, פאַרזעצונג און פאַרטיפונג פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור.

מיר דרוקן דאָ דעם תמצית פון אַן ארטיקל, וואָס דער פאַרשטאָר־בענער, אומפאַרגעסלעכער קולטור־טוער און בויער, **א. מאוריס**, האָט גע־האַלטן אין צוגרייטן פאַר די „קאַליפאָרניער שריפטן״. ס׳ווערן אויך איינ־געשלאָסן פאַקטן וועגן די לייען־קרייזן פון דער באַוואוסטער קולטור־טוערין און בויערין פון די לייען־קרייזן, **ביטריס דעגלין**, איר צו לאַנגע יאָר.

—רעדאַקציע.

⚜ ⚜ ⚜

די מיטגלידער פונם ל. א. אידישן שרייבער פאַראיין ביים איקוף

ערשטע ריי, זיצנדיקע, פון רעכטס — נ. קרופין, לאטי מלאך, יוסף ווייס, שפרה ווייס, רפאל פאזנער, דארא בייראק, און י. ראשעל.
צווייטע ריי — מלכה גאטפריד (פעטאלומא), ש. סעקולער, א. ראטבלאט (סעקרעטאר), אברהם ביק (גאסט פון ניו יאָרק), קלמן מרמר (ערן פאַרזיצער), שרה פעל יעלין (פאַרזיצערין), חיים שווארץ און יאַנקל פרידמאַן (פראָטאָקאָל סעקרעטאַר).
אובערשטע ריי, שטייענדיקע — מיני סמאלער, ירחמיאל פארבער, ש. בעלסקי, כאַוועך־פאַווער, ב. מאזער, משה וויינשטיין, יעקב אשפיז, גינא מעדעם, ס. נאָוויק און אסתר מילער.

חיים שוואַרץ

מיין היים און מיין לאַנד

אָט דאָ איז מיין היים און דאָס איז מיין לאַנד,
און דריי צענדליק יאָר האָט מיין טראָט דאָ געשפּאַנט, —
ווי ס׳וואָלט דער אַטלאַנטיק צעריסן דעם בריק,
וואָס פירט יעדע בענקשאַפט פון דאַנען צוריק.

ווי אַ חיה, וואָס לויפט מיט איר קינד צווישן ציין,
געלאָפן בין איך מיט מיין יונגן געביין:
פון הייסע געראַנגלען, פון הונגער און בראַך,
אויף פּלייצעס אויף יונגע — פון זקנים דער יאָך . . .

ווי אַ בוים, מיט די וואָרצלען אין ווינטן-געדריי, —
געגאַרט האָט מיין יוגנט נאָך נייעם פאַרזיי;
ביז אַ פּאַקל פון ווייט האָט אַן ערד-פּאַס אַנטפּלעקט
און פאַריאָגט פונם האַרץ די פאַרבליבענע שרעק.

איך האָב, ווי אַ אינגל, געפלאַטערט דערשטוינט,
און געפליסטערט צו זיך: ס׳האָט אוודאי געלוינט —
דער גאַנג איבער לענדער, דער שניט איבער ים,
דער שפּרונג איבער ראַנדן — אַ צאַם נאָך אַ צאַם . . .

געבענטשט האָט מיין אויג יענעם בלויען פאַרטאָג,
ווען די ערד האָט צום ערשט מיך געטאָן דאָ אַ טראָג,
אַ הויב מיך געגעבן מיט אָרעמס פון שטאָל
און איינגערוימט זאַנפט, מיט אַ זיכערן קול:

דיין בענקשאַפט נאָך רו און נאָך פרײדיקער מי
וועט שפּע׳דיק זעטן די זאַפטיקע הי . . .
געטרייסט האָט דאָס קול: עס איז נאָכן געיעג —
צעבינד דיין געפּעק און לאָד אוים דיין פאַרמעג . . .

און איך האָב מיט יונגע צעזומערטע טריט
געמאָסטן די רחבות — פון שפּע צעבליט —
און שפּאַנענדיק איינגעזאַפּט טיף אין מיין ברוסט
דעם דופט פון דער ערד, פונם לעבן די לוסט.

מיך האָבן אַנצאָליקע וואונדער געפּלעפט
און אויף תמיד מיין האַרץ מיט מיין ניי-היים באַהעפט . . .

געדאַכט האָט: די זון האָט צופֿרידן געשטראַלט
און איטלעכער שפּאַן האָט מיט ברכות געקוואַלט.

עס האָט צו מיין ניי־לאַנד געמורמלט מיין בלוט:
איך ברענג אַ געשאַנק דיר — אַ לאַגל מיט מוט,
אַ לעבן אַ קוואַליקס, וואָס רייסט זיך פון קלעם,
און אַ גלויבן נאָך ניט קיין געבראָכענעם — נ ע ם !

און דו האָסט גענומען — איך וויים איצט גענוי —
מיינע דריי צענדליק יאָר, ווי אַ בינטעלע שטרוי:
און האַרצלאָז געשליידערט זיי, האַרצלאָז און פּרעך,
אין דיין ריזיק־געגאָרנטן בנין־געפּלעכט.

נאָר איך האָב מיין הארץ אין עקשנות געשולט,
געצאָמט, ווי אין קייטן, מיין הייסן געדולד;
און פעסט זיך געקלאַמערט אין שיין פון מיין טרוים,
ווי ס׳קלאַמערט אַ בלעטל אַ גרינס אין אַ בוים . . .

אין צאַרטן געוועב פון מיין אינגלשער זעל
צעגרינט און צעהעלט, ווי אַ פרילינג־געמעל —
(אַ ירושה־געוועב פון נביאישע רייד
פאַרהילטע אין נעפּל פון געטער־באשייד) —

אריינגעוועבט כ׳האָב אין צעשטערנטע נעכט
דיין הייליקן שאל־רוף פאַר מענטשלעכע רעכט;
און מיין הארץ האָט אַ דורשטיקס געצויגן דעם זאַפט
פונם לויטערן קוואַל פון דיין יונגן באשאַף:

געשפּייזט כ׳האָב צו זאַט־זיך מיט „בלעטער פון גראָז״,
געוואָגלט אין „דזשאַנגל״ פאַרביטערט, פאַרלאָזט;
ניט איין נאַכט גענעכטיקט אין „פּעטער טאָמ׳ס הויז״
און צעפּייניקט פון דאָרט יעדן מאָל בין ארויס;

געלעגן ניט איינמאָל מיט פויסטן געפּרעסט,
אונטער „אייזערנעם קנאָפּל״ אין דרייסטן פאַרמעסט . . .
און טיפער פאַרוואָרצלענדיק זיך אין דיין ערד,
האָב איך דורשטיק מיין זוניקן חלום גענערט.

דערשפּירט האָב איך אויך דעם צעפינקלטן גלי
פון צענדליקע דורות פון יידישער מי —
זינט לעווי׳ס דערהויבן און זיגרייך געפּעכט,
און עיר־מקלט צו קריגן בא דיר אומגעשטערט.

און צענפאַך פאַרשטאַרקט צווישן אונז האָט דעם באַנד
די פּערזן פון לאַזאַרוס׳ טויאיק געזאַנג;
געפּעסטיקט מיין טראָט, ווי באַם ים־ברעג אַ פעלז,
האָט עדעלשטאַט׳ס שאל־רוף און באָווּשאָווער׳ס פערז;

און ראָזענפעלד׳ס שוויץ־שאַפּ — פון זון־ליכט פאַרשטעלט —
פאַרוועבט האָט מיט שאָטנס מיין אינגלשע זעל . . .
נאָר טויזנט־מאָל שטייפער פאַרקניפּט צווישן אונז
האָט מיין טאַטע, מיין אייגענער טאַטע, דעם בונד:

ער האָט דאָ נאָך פאַר מיר — פון מאָרגן ביז שפּעט —
צושטייער געבראַכט צו דיין אָנלאַד פון זעט
זיין שווייסיקע מי באַ דער גליאיקער פּרעס,
וואָס האָט אים געהאַלטן אויף מאָגערער קעסט.

ביז ס׳האָט אים די בענקשאַפט נאָך קינדער און פרוי
פאַרצערט, ווי אַ בוים, אַ פאַרבענקטן נאָך טוי,
און אָנידערגעלייגט אין דיין ערדישער בעט,
האָט ער איינזאַם זיין קאָפּ מיט אַ שטילן געבעט . . .

כ׳האָב צוגעלייגט הארט צו דיין ערד מיין געהער
און פאַרנומען מיט יעדן צעפּאַל און צעשטער,
אויך דעם ענדלאָז־סימפאָנישן מאַרשן־גערויש
אויף דיינע געשלענגלטע וועגן — פון אימפּעט צעברויזט —

און צעפּאַקלט מיין הארץ האָט דאָס גרויסע געזאַנג
און פאַרהיימלעכט אויף תמיד, אויף דיר שוין מיין גאַנג . . .

איך האָב צו די שטערן פאַרטרויט דאַן מיין סוד:
מיין לעבן געווען ביז אַצינד איז אַ ראָד —
געדרייט פון אַ צאָרנדיק־הארבסטיקן ווינט
אין פּלאָנטער פון אומוועגן טאַפּנדיק בלינד . . .

אַ בלעטל אין שטורעם געווען איז מיין קאָפּ —
געשמיסן פון איטלעכן בלאָז אין גאַלאָפּ,
ביז דו האָסט פאַרכאַפּט מיין צעפּרילינגטן טראָט
אין גאַסן־געקרייץ פון דיין רוישיקער שטאָט . . .

געטראַכט האָב איך דעמאָלט: דער הארבסטיקסטער ווינט —
ער וועט ניט צעשמעטערן אונזער פאַרבינד,
ווייל אָנגעפּילט האָט ביז דעם ווייט־לעצטן ראַנד
אין הארצן די ליבע צו דיר, אָ, מיין לאַנד!

און איבערגעגאָסן, ווי ערד־זאַפּט אין זאַנג,
האָט זי זיך שווין לאַנג אין מיין סטראָפּן־געזאַנג.
אַ פעלד אַ צעאַקערטס ביים טייכישן ברעג —
געווען איז פאַר דיר מיין נשמה־אַנטפּלעק:

ווי זי וואָלט אויף אייביק אַ תיקון דערשפּירט
אין דיין רחבות וואָס איז פּיל־קאָלירק באַצירט,
ווי ס׳וואָלט שווין מיין חלום מיט וואָר זיך געקרוינט
און די מיזאַמע יאָרן, די דרייסיק, באַלוינט.

געשפּילט האָט די זון אויף מיין ליבסטערס געזיכט
און דער ווינט האָט איר קאָפּ, ווי אַ זאַנג־פעלד, באַרירט;
און ביידע מיר האָבן מיט פרילינג אין בליק
די קינדערשע קעפּלעך צום הארצן געדריקט,

און ביידע מיר האָבן צום טויזנטסטן מאָל
געזונגען פון דאַנקבאַרער פרייד אויפן קול.
עס האָבן די פּאַלמען אונז ביידן געגריסט
און אַ שטראַל האָט פון אויגן אַ טרער אָפּגעווישט . . .

נאָר פלוצלינג . . . אַ פויסט האָט געגעבן אַ שוועב
באַם הימלשן ראַנד, ווי אַ כמאַרע־געוועב,
געצילט האָט דער פויסט אינם זוניקן ראָד
און א פאַנג־נעץ צעלייגט פאַר די שטראַלן פון גאָלד . . .

ווי רויב־פייגל ערגעץ אין טונקל פון וואַלד,
געטאָן האָבן נאַכט־שאָטנס בייז אַ באַפאַל,
פאַרוויקלט מיין שוועל און פאַרדרויכערט מיין שויב.
זיך פאַרמאָסטן מיין היים צו צעפּיצלען אויף שטויב.

די טייוולשע נאַכט־שאָטנס — כ׳האָב זיי דערקענט:
לויט די פלעקן פון בלוט אויף די האַריקע הענט,
לויטן אָפּגלאַנץ פון שריפות אין גלעזערנעם בליק,
לויטן קנופּ פון געפלאָכטענע הענקערשע שטריק . . .

אַ, לאַנד, וואָס כ׳האָב דיך פאַר מיין היים אויסדערוויילט
און דריי צענדליק פרילינגס מיט דיר זיך צעטיילט, —
געטרוי מיר און גלויב: ווער די שרעק האָט צעבלאָזט
און אויף ליפּן אויף מיינע וויל אָנטאָן א שלאָס, —

א פיינט איז אונז ביידן, אין ביידן ער צילט
די סמ׳יקע פיילן פון הפקר־געשפיל;
ער וויל אונזער פריינטשאפט איצט געבן א שפּאַלט
מיט קלינעם פון שנאה, מיט שפּלינטערס פון גוואלד.

געטרוי מיר און גלויב: וואָלט איך ווידער באַדאַרפט
זיך געבן אין פלוצלונגן וואַנדער אַ וואַרף, —
כ׳וואָלט אויפגעזוכט דעמאָלט, ניט ווערנדיק מיד,
די שפּורן פון מיינע אַמאָליקע טריט;

און ווידער זיי וואָלטן געבראַכט מיך צו דיר,
צום פאקל, וואָס צאַנקט איצט פאַרשעמט בא דיין טיר,
און ס׳וואָלטן די דריי צענדליק יאָר מיינע, גלויב,
מיר אַנטקעגנגעקומען אויף פליגל פון לויב;

און כ׳וואָלט זיי געגריסט אָן חרטה־געבּרי
פאַר טרייסטפולן ליד און באַזיניקטער מי,
וואָס אָנגעפילט האָבן מיט פרייד־פולער שיין
מיינע לאַנגע מעת־לעת׳ן, ווי לאָגלען מיט וויין.

אָ, היימלאַנד, ווער האָט דיך אין גליווער פון שרעק
אַזוי ווי אַ לאַם, אין אַן אור־וואַלד פאַרשטעקט?
און ווער האָט די שטאָרן געגעבן אַ צי,
און מיט פּחד די טונקעלע שויבן אַ ברי?

עס קלעטערט די זון אויפן הימלשן קאַרק
און ס׳טאַנצט דער באַגין שוין אויף איטלעכן באַרג
און ס׳פּלאַצט איבער טאָלן דער שאָטן־געקלעם, —
ריים אַרונטער די שטאָרן, די זון ניט פאַרשעם!

די דריי צענדליק יאָר מיינע שטוים ניט צוריק,
די דריי צענדליק יאָר — אין געראַנגל פאַר גליק!

⚜ ⚜ ⚜

קלמן מרמר

אליהו הנביא — לעגענדע אוןווירקלעכקייט

(דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין 1906, ווען דער שרייבער האָט געוואוינט אין פּאַלעסטינע)

די גייסטיקע פירער, די אידעאָלאָגן פונם קלאַסן־קאַמף אין דער אַלטער יידישער מלוכה, זיינען געווען די סאָציאַלע נביאים.

אָט די נביאים זיינען געווען אַ נייע דערשיינונג ביי יידן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות צו די הויף־נביאים, וואָס האָבן געגעסן פונם קעניג׳ס טיש. זיי האָבן זיך ניט געוואָרפן צו דער ערד און ניט געוויזן קיין סימנים פון משוגעת, ווי די פּראָפעסיאָנעלע נביאים. זיי זיינען אויך ניט מיט־געגאַנגען מיט די מחנות האַלב־נאַקעטע יעהאווא־נביאים, וואָס האָבן זיך ארומגעדרייט אין מאַסן איבערן לאַנד, באַוואַפנט מיט פּויקן, האַרפן און טרו־מייטן. יענע פלעגן שפּרינגען, טאַנצן, זינגען און שפּילן שירים און שבחים צו יעהאווא דעם גאָט פון די אַרמייען, און דערציילן זיינע גבורות פון אַמאָל. די נייע יעהאווא־נביאים האָבן ניט געזונגען קיין לידער פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר גערעדט מיט גאַל פון דער קעגנוואַרט. זיי האָבן גע־העצט דאָס פאָלק קעגן די אונטערדריקער און אויך קעגן דער פרעמדער קעניגין און איר פאַרדאַרבנדיקן איינפלוס אויף די הערשער פון לאַנד.

די רעגירונג — (די יעהאָווא־נביאים האָבן אין דעם געזען די האַנט פון דער פּאַרהאַסטער איזבל) — האָט צעשטערט אַלע מזבחות פון יעהאָווא — צענ־טערס פון פאָלקס־פאַרזאַמלונגען — און שטרייננג באַשטראָפט די יעהאָווא־נביאים, אַלס אויפהעצער צו מרידה. און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, האָט דער אידעאל באַקומען זיינע מאַרטירער.

אָט די נייע דערשיינונג, דער מסירת־נפש פון די יעהאָווא־נביאים, האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג און אַכטונג אַפילו אין די הויכע רעגירונגס־קרייזן. איינער פון זיי, עובדיהו, דער מיניסטער פון קעניגלעכן הויף, האָט אַפילו אויסגעהאַלטן אויף זיין חשבון אַ גאַנץ הונדערט מיטגלידער פון דער געהיימער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע „בני הנביאים". (מלכים א, יח, 4, 13).

די סאָציאַלע נביאים זיינען געגאַנגען אויף מסירת־נפש, כדי צו דער־לייזן דאָס פאָלק, אָבער די ברייטע פּויערן־מאַסן זיינען נאָך נישט געווען גענוג דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון רעוואָלט.

נאָר די לאַגע האָט זיך אומגעביטן נאָכדעם, ווי עס האָט אַ ווינטער נישט גערעגנט, און דער פּויער מיט זיין פאַמיליע האָבן געליטן הונגער און דורשט.

די טריקעניש האָט אויך געצוואונגען די פרייע בעדואינער, די געצעלטן־באַוואוינער פון די אַרומיגע מדבריות, איינצוואַנדערן אין דעם יידישן קול־

טור־לאַנד, האָפנדיק צו געפינען גוטע פּאַשע פאַר זייער שאָף, ביי די ברעגעס פון ירדן.

די אַנוועזנהייט פון יעהאָוואס פרייע מדבר־קינדער האָט געהאָלפן אויפ־וועקן ביים יידישן פויערן־פאָלק אַ שטאַרקע שנאה צו זייערע אונטערדריקער. דער געדאַנק פון די יעהאָווא־נביאים, אַז יעהאָוואַ׳ס צאָרן האָט זיך אויס־געגאָסן אויפן אויסגעטריקנטן לאַנד, צוליב דער אייפערזוכט קעגן די פרעמדע געטער, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די ברייטע מאַסן. האָט קין, דער לאַנדווירט, געשלאָסן פרידן מיט זיין ברודער הבל, דעם בע־דואין, אוןביידע האָבן זיך פאַראייניקט קעגן דעם „פאַרשאָלטענעם זון פון חם״, קעגן דעם הענדלער כנען, מיט זיין פאַלשער וואָג און מאָס, מיט זיינע קונסטפולע מזבחות און גאָלדענע געטער.

נאָר די באַדייטנדסטע פיגור, וואָס אַט דער קלאַסן־קאַמף האָט אַרויס־געבראַכט, איז געווען דער נביא אליהו פון תשבי, פון די סטעפּעס פון גלעד, אין מזרח־זייט פון ירדן.

אליהו פון תשבי איז אַ ריזיקע ראָמאַנטישע געשטאַלט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער וועלט־געשיכטע.

אין איינזאַמער גרויסקייט דערהויבט זיך אליהו טורעם־הויך איבער זיין צייט. די היסטאָריע איז ניט געווען בכח אויפצוהאַלטן דעם אָנדענק פון זיין געשטאַלט. דאָס האָט בלויז געקענט טאָן די לעגענדע. דאָך האָט די געשיכטע פאַרצייכנט וועגן אים גענוג פאַקטן, צו דערמעגלעכן אַ מאַרקסיס־טישן היסטאָריקער צו דערקלערן:

„אליהו הנביא איז דער ערשטער אין דער וועלט־געשיכטע, וועמען דאָס אינעווייניקסטע געפיל פון דעם אמת און ערנסט פון זיין זאַך האָט געצוואונגען צו שטעלן זיין לעבן אין קאָן, האָבנדיק דעם מוט צו שליידערן דעם ניי־אַנערקענטן אמת אין פנים אַריין פון די מאַכטהאָבער פון זיין צייט״.

פונם ביסל געשיכטלעכע פאַרצייכענונגען וועגן אליהו פון תשבי, ווייסן מיר, אַז אליהו הנביא (וועמעס קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט לאַנגע האָר און דער גוף פאַרוויקלט אין אַ מלבוש פון פעל) האָט זיך באַוויזן פאַר׳ן קעניג אַחאָב, און אים געוואָרנט פאַרן אָנקומענדן שטורם. נאָר קעניג אחאב האָט באַטראַכט די אַנטי־בעל באַוועגונג ניט פאַר אַ סאָציאַלן קאַמף פון אָרעם קעגן רייך, נאָר פאַר אַ פּאָליטישער אינטריגע פון דמשק, קעגן דעם פרידן־בונד פון ישראל און פעניציע. קעניג אַחאָב האָט דערפאַר געקוקט אויף אליהו׳ן ווי אויף אַ געהיימען אַגענט פון דמשק, צו וועמען עס האָט גע־הערט אַ גרויסער טייל פון גלעד, די היים פון אליהו׳ן (מלכים א, כב, ד).

אליהו הנביא ווערט פאַררעכנט פאַר אַ שונא פון דער מלוכה פון ישראל, און ער מוז אַנטלויפן פון דער איבער־אים־הענגענדיקער שווערד. ער וויל אָבער ניט זוכן קיין שוץ אין דמשק, ביים שונא פון ישראל. ער באַהאַלט זיך צווישן די פעלזן אין דעם טאָל פון ירדן, נאָענט פון די יעהאָווא־בעדו־אינער. סוף כל סוף פילט ער זיך געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין פאָטערלאַנד,

אויסוואַנדערן אין אַ פרעמדער מדינה, און זוכן שוץ אין פעניקיע, קעגן וועמענס געטער ער האָט אַזוי ביטער געקעמפט אין ישראל.

קעניג אַחאָב שיקט אַרויס זיינע אַגענטן איבער אַלע לענדער און פאָ־דערט זיי־אויף אים אויסצוליפערן דעם צום־טויט־פאַראורטיילטן נביא; נאָר אַחאָב׳ס שפּיאָנען געלינגט ניט אויסצוגעפינען אליהו׳ן.

אליהו גייט אַרויס פון די גרעניצן פון ישראל און קלאָגט זיך ניט, אַזוי ווי דוד, אַז ער מוז דינען פרעמדע געטער (שמואל א, כו, 79). אליהו איז אַ קינד פון דער מדבר, זיין אומגעזעענער גאָט איז ניט קיין בעל פונם לאַנד ישראל, און ער דאַרף ניט האָבן, ווי נעמן, קיין ארץ־ישראל־ערד כדי גאָט צו דינען (מלכים ב, ה, 17). אליהו הערט די שטימע פון זיין גאָט אין דונער. יעהאָווא אַנטפּלעקט זיך צו אים אין בליץ, און פאַרטרויט אים זיינע סודות אינם רוישן פון ווינט — אויך אויפן באָדן פון פעניקע. און מיט יעדן קומענדיקן טאָג ווערט ביי אים פעסטער זיין געדאַנק, אַז יעהאָווא איז נישט קיין אַקערבויער, צום־באָדן־געבונדענער בעל, נאָר דער פרייער בעדואינען־גאָט פון די אבות, וועלכער וואַנדערט מיט זיי פון אָרט צו אָרט. „יעהאָווא איז אַרונטערגעשטיגן פון באַרג סיני, געשיינט פון שעיר, זיך באַוויזן פון באַרג פאָרן און אריין מיט די צענדליקער־טויזנטער פון קדש״. ער האָט שווער געקעמפט קעגן די אַלטע איינוואוינער פון כנען (שופטים ה, 21־23), געפירט אַ לאַנג־יאָריקע מלחמה מיט די פלשתים (שמואל א, ד, 7; שמואל ב, ה, 24) און ענדלעך געהאָלפן דוד׳ן דעראָבערן זיין גרויסע מלוכה (שמואל ב, ה, 6, 14).

יעהאָווא האָט דעראָבערט דאָס לאַנד פאַר זיין פאָלק, נאָר ער אַליין איז געבליבן דער גאָט פון מדבר. ער איז, ווי דער בעדואינען־שעיך, בלויז אַ קריגס־העלד, אַן איש־מלחמה, דער גאָט פון אַרמייען, נאָר ניט קיין קעניג (מלך) אָדער האַר (בעל) פון אַ באַשטימטן לאַנד. יעהאָווא איז נישט קיין מלך, און ער קאָן נישט פאַרטראָגן די אונטערדריקונג פון זיין פאָלק. יעהאָווא איז נישט קיין בעל און דולדעט נישט קיין קנעכטשאַפט, ווי די בעלים פון די ציוויליזירטע שכנים. דאָס געזעץ פון די בעלים, די געטער פון די צי־וויליזירטע שטעט, צעטיילט דאָס פאָלק אין האַרן און שקלאַפן. נאָר דאָס רעכט פון יעהאָווא ווייס נישט פון קיינע חלוקים צווישן מענטש און מענטש. ער איז אַ מדבר־גאָט און אַלע מענטשן זיינען ביי אים גלייכע יחסנים.

דער גאָט פון אליהו פאַרשפרייט זיין חסד אויך איבער דער אלמנה פון פעניקיע, די טאָכטער פון אַ פרעמדן פאָלק. ער פירט־דורך זיין ווילן אויך אויפן באָדן פון פרעמדע געטער.

וואָס לענגער אליהו פאַרווילט אין דעם פרעמדן לאַנד און קוקט־זיך־צו צו די פרעמדע געטער אויף זייער אייגענעם באָדן, אַלץ טיפער ווערט זיין שנאה צו דער ציוויליזאַציע, וואָס איז באַגרינדעט אויף קנעכטשאַפט און אומ־גערעכטיקייט; אַלץ גרעסער ווערט זיין פאַראַכטונג קעגן די בעלים, די באַ־שיצער פון שקר און רעכטלאָזיקייט. און אַזוי גיך ווי ער דערהערט דעם רוף

פון זיין גאָט, צו גיין צוריק אין קאַמף, קערט ער זיך־אום קיין ישראל, פול מיט נייעם אייפער פאַר יעהאָווא און זיין זאַך.

אליהו קומט צוריק קיין ישראל. ער טרעפט זיך מיט דעם יעהאָווא־פריינט־לעכן הויף־מיניסטער, עובדיהו, און דערמוטיקט אים דורכצופירן דאָס באַ־געגעניש צווישן קעניג און נביא.

די טריקעניש האָט געבראָכן די האַרטנעקיקייט פונם קעניג און ער איז מרוצה זיך צו טרעפן מיט דעם צום־טויט־פאַראורטיילטן פאַטערלאַנד־לאָזן וואַנדערער. נאָר ביים אָנבליק פון דער טראַציקער געשטאַלט, ווערט דער קעניג פול מיט צאָרן און ווענדעט זיך צום נביא מיט ביטערקייט: „דו ביזט דאָס דער אויפהעצער פון ישראל!" נאָר אליהו ענטפערט מוטיק: „ניט איך האָב אויפגעהעצט ישראל, נאָר דו, קעניג, און דיין פאָטער׳ס הויז!"

אליהו אַפּעלירט צום קעניג, אַז ער זאָל נישט פ ע נ י ק י ז י ר ן דאָס פאָלק מיט געוואַלט. ער שלאָגט פאַר: זאָל דער קעניג צונויפרופן די פאַר־שטייער*) פון גאַנץ ישראל צום פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ ביים הייליקן באַרג „כרמל"**) און זאָל דאָס פאָלק אַליין אַנטשיידן וועגן זיין שטעלונג צו יעהאָווא און בעל.

קעניג אַחאב האָט געשיקט נאָך די פאַרשטייער פון גאַנץ ישראל אָבער אליהו האָט דערפון ווייניק נוחת געהאָט. די פאַרזאַמלטע ביים כרמל האָבן ווייניק סימפּאַטיזירט מיטן נביא פון גלעד מיט זיינע טענות קעגן דעם בונד מיט פעניקיע און דער פעניקישער ציוויליזאַציע. זיי זיינען אויך נישט נתפּעל געוואָרן פון זיין מאָראַלישער אויפרעגונג געגן דעם מיט־פּראָסטיטוציע־פאַר־בונדענעם בעל־דינסט. נאָך ווייניגער האָבן זיי געקענט באַגרייפן אליהו׳ס גייסטרייכן יעהאָווא־באַגריף. זיי האָבן זיך געטראַכט: ער, דער בעדואין פון גלעד, מיינט, אַז ער לעבט נאָך אין די צייטן פון די שופטים. דעמאָלט זיינען יעהאָווא און ישראל געווען באַרג־באַוואוינער און אין די ציוויליזירטע ערטער פון טאָל זיינען געזעסן די כנענים, מיט זייערע געפּירכטע אייזערנע רייט־וועגן (שופטים א, 19; ד, 3) און מיט זייערע יעהאָווא־פיינטלעכע בעלים. נאָר יענע אַלטע צייטן זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן. יעהאָווא איז געוואָרן איינס מיט די בעלים פון כנען (הושע ב, 18), אין ישראל׳ס נאַציאָנאַלע הייליק־

---

*) טשיין, „הייליקונג פון דער קריטיק".

**) שוין דער עגיפּטישער קעניג טוט־משה (1500 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג) רופט אָן דעם כרמל „ראש קדשן" (הייליקער באַרג). אויך שפּעטערע היסטאָריקער, ווי דער רוימער טאַציטוס און דער סירער יאַמ־בליכוס, דערמאָנען נאָך דעם הייליקטום אויף דעם באַרג כרמל. דאָרט איז אויך געווען אַ גאָרטן פון הייליקע ביימער, וועלכע די קריסטן (וועלכע האָבן דאָרט זייער הייליקטום פאַר די לעצטע 800 יאָר) פאַרערן היינט אונטער׳ן נאָמען „די ביימער פון די הייליקע".

טימער ווערט געאָפּערט צו גאָלדענע קעלבער*) און אויף יעדן באַרג און אין יעדן וואַלד פון ישראל׳ס לאַנד שטייען במות און מצבות צו די בעלים, וועלכע וואוינען דאָרטן פון קדמונים אָן.

אָבער דער יעהאָווא פון אליהו איז ניט דער יעהאָווא פון זיינע הייליק־טימער. פאַרן נביא פון גלעד איז דער בית־אל נישט געווען היילי קער ווי בית־ענת און דאָס יעהאָווא־הויז אין ירושלים איז אים געווען אַזוי פאַרהאַסט ווי דאָס בעל־הויז אין שומרון. אליהו׳ס גאָט וואוינט נישט אין כנען און האָט קיין שייכות נישט מיט די ווייך־טרינקענדיקע „אלהים" פון כנען, וועמענס טעמפּלען זיינען סצענעס פאַר דער אויסגעלאַסנהייט פון שכורים (שופטים ט, 13, 27). זיין יעהאָווא איז דער גאָט פון אמת און רעכט, און ער קען נישט דולדן קיין עולות. אליהו קען דערפאַר נישט באַגרייפן, ווי אַזוי קענען מענטשן זיך באַטראַכטן אַלס פאָלק פון יעהאָווא, דעם גאָט פון גערעכטיקייט, און צו דערזעלבער צייט זיך בוקן צום בעל, דעם שוץ־גאָט פון סוחר (כנעני), מיט זיינע פאַלשע וואָגשאָלן, פּראָצענט און שקלאַפן־האַנדל. ער, אליהו, ווענדט זיך צו דער פאַרזאַמלונגביים כרמל מיט דער פראַגע:

„ווי לאַנג נאָך וועט איר הינקען אויף צוויי קוליעס?"**) איז יעהאָווא דער גאָט — פאָלגט אים־נאָך; און אויב דאָס איז בעל — טאָ פאָלגט אים נאָך".

די פאַרזאַמלטע האָבן אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. אליהו׳ס איבערצייגונג, אַז יעהאָווא איז דער קעגנער פון בעל, האָבן די אָפיציעלע פאָלקס־פאַרשטייער באַטראַכט פאַר אַן אָפּגעלעבטן געדאַנק. זיין באַגריף וועגן רעכט און אומרעכט האָבן זיי געהאַלטן פאַר בעדואינען־מאָראַל. זיי האָבן בלויז פאַרשטאַנען, אַז ער, דער זון פון גלעד׳ס סטעפּעס, וואו די באַפעלקערונג לעבט נאָך אין נאָמאַדישן צושטאַנד (מיכה ז, 14), איז נישט קיין פריינד פון דער ציוויליזאַציע. זיי איז געווען קלאָר, אַז ער וויל צעברעכן דעם פרידנס־בונד מיט דער ציוויליזירטער פעניקיע, אָט דעם בונד צווישן יעהאָווא און בעל, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון ישראל׳ס מלוכה, און וועלכער איז אויך אין איינקלאַנג מיט די גלאָררייכע זכרונות פון דוד׳ס צייטן.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געשלאָסן, און עס איז צייט געווען צו ברענגען אַ פאָלקס־קרבן צו די געטער פון ישראל און פעניקיע. און ווען די נביאים פון בעל מיט זייערע געגאָלטע קעפּ און ווייסע קיטלען האָבן, ווי זייער מנהג איז געווען, ארומגערינגלט אין זייערע הונדערטער דעם רייכן קונסטפולן מזבח פון בעל, און זיך עוסק געווען אין דער עבודה, האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ דערבייאיקן בערגל, די חורבה פון אַ יעהאָווא־מזבח, דער איינציק־געבלי־בענער יעהאָווא־נביא, מיט זיין קאָפּ לאַנגע האָר און האָריקן מלבוש. ער האָט גערופן דעם המון צו זיך: קוקט נישט, וואָס דאָרטן שטייען הונדערטער, און

---

*) לויט דער טראַדיציע איז אויך דער אָפּגאָט פון ירושלים (מלך) ענלעך געווען צו אַ גאָלדענעם קאַלב.

**) לויט גרעץ, האָט אליהו געזאָגט: „ווי לאַנג וועט איר פליען ווי די פויגל פון איין צווייג (סעיף) צום צווייטן."

איך בין נאָר איינער; דער אמת איז דאָך אויף מיין זייט. ישראל וועט אונטער־גיין, ווייל ער האָט פאַרלאָזן דאָס רעכט פון יעהאָווא און איז אַוועק אין די דרכים פון אומגערעכטן בעל.

אליהו׳ס ווערטער האָבן די נביאים און כהנים פון בעל אריינגעטריבן אין רעליגיעזן עקסטאַז. זיי האָבן פאַרהילכט די לופט מיט זייערע קולות, אָנ־רופנדיק דעם בעל ביי זיין ריכטיקן נאָמען, געטאַנצט די העליקע טענץ און זיך געשניטן זייער לייב מיט שפיזן און שווערדן ביז עס האָט געגאָסן בלוט.

נאָר אליהו איז נישט נתפעל געוואָרן פון זייער גרויסער התלהבות און זיך דערלויבט שפּאַס צו מאַכן: „שרייט העכער! ער איז דאָך אַ גאָט; ער האָט זיינע אונטערהאַלטונגען און זיינע רייזעס. אפשר שלאָפט ער און מען דאַרף אים אויפ־וועקן!״

אַזוי איראָניזירן איבער אַ גאָט פון אַ שטאַרקער מלוכה האָט נאָך קיינער ביז אליהו׳ן נישט געוואַגט. די געטלעכקייט פון די בעלים פון די אַרומיקע מלוכות איז געווען אַן אַנערקענטע זאַך (שופטים יא, 24). די פאַרזאַמלונג, וועלכע איז געוואָרן אַלץ גרעסער, האָט דערפאַר געוואַרט מיט פּחד אויפן סוף פון דער אומגלייכער מלחמה צווישן דעם איינציקן נביא פון יעהאָווא און די הונדערטער נביאים פון בעל. זיי האָבן געגלויבט, אַז די נביאים וועלן אַרויס־רופן אַ צייכן פון זייער גאָט קעגן זיין לעסטערער.

און ווען די זון האָט אָנגעהויבן אַרונטערצושטייגן צום ים, זיינען די בעל־נביאים אַנטשוויגן געוואָרן. זייער תפילה האָט ניט געהאָלפן. עס האָט קיין נס ניט פּאַסירט. די טיף־אויפגערעגטע מענטשן־מאַסע ווענדעט זיך דאַן צום איינזאַמען יעהאָווא־נביא און דערוואַרט פון אים דאָס דערלייזנדיק וואָרט. אָבער איצט האָט דער נביא זיך מער ניט געווענדעט צו זייער שכל, נאָר ער האָט געזוכט צו ווירקן אויף זייערע געפילן. ער נעמט ווידער אויסבויען דעם צע־שטערטן מזבח פון יעהאָווא און פרישט אָפּ ביי זיי זכרונות פון די אַלטע צייטן, פון צוועלף שטיינער שטעלט אליהו אויף דעם מזבח. אַן ווערטער דערמאָנט ער די יידישע מאַסן, אַז זיי זיינען נישט קיין באַוואוינער פון קאָנקורירנדיקע האַנדלס־שטעט, ווי די פעניקיער, נאָר אַן איינהייטלעך פויערן־פאָלק, פון דן ביז באר־שבע, און צו זייער בונד געהערן אויך די בעדואינען־שבטים פון יענעם זייט ירדן און די פויערן אויף די בערג פון יהודה. און זאָל יעהאָווא געהייליקט ווערן און פאַרערט ווערן פון אַלע שבטים פון יעקב. און אַן יעדן שפּור פון רעליגיעזער משוגעת, ווי די נביאים פון בעל, נאָר ווי אַ שטאָלצער פאָלקס־פאַר־טרעטער, ווענדעט זיך אליהו צום גאָט פון זיין פאָלק:

„יעהאָווא, גאָט פון אברהם, יצחק און ישראל! היינט זאָל באַוואוסט ווערן, אַז דו ביזט נאָך אַלץ גאָט אין ישראל!״

דער בעל איז אַ פרעמדער, זיינע נביאים דאַרפן זיין יחוס נישט דערמאָנען. נאָר יעהאָווא איז דער גאָט פון די אָבות און אליהו רעגט־אויף אין די געפילן פון זיינע צוהערער די אומזיכטבאַרע סטרונעס, וועלכע פאַרבינדן איין דור מיטן צווייטן. דאָס פאָלק־האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן און פון טויזנטער מיילער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ יובעל־געשריי: „יעהאָווא איז דער גאָט! יעהאָווא איז דער גאָט!״

שרה פעל יעלין

עס שמעקט די ערד . . .

עס שמעקט די ערד מיט מדבר און מיט בלומען,
זי גאַרט, אַ דורשטיקע, נאָך מי און שוויים;
נאָך גאָלד און זון איז מענטש צו איר געקומען
און שטעט פאַרפלאַנצט אין איר פאַרביינקטן שוים.

צומאל, אַ דאנקבארע, זי שפּאַרט מיט גרינס צו הויכן,
צומאל, ווי בייזע שטיף־מאַמע, אַ ביסל גראָז זי שפּאַרט.
די זקנים־בערג אירע צו סאַמע וואָלקנס גרייכן
נאָר פאַר בויער, אירע טרייסטע זין, דאָ סטאַיעט ניט קיין אָרט!

גרין־צעבליטע גערטנער און זון־צעדאַרטע לאַטעס,
ווי אַ קעניגין אַראָפּגעזעצטע — אַ פּאַלמע שטאָלץ־באַקרוינט —
אַ באַבע־פּאַלמע, אין גרוי־צעפליקטע שמאַטעס,
דערקענט ניט אַלטע גאַס, דערקענט ניט מענטש — און שטוינט . .

פּאַלאַצן — הייזער און שטיבלעך — הינער שטאַלן,
פּאַנטאַנען, רויזן — קוסטעס און שטויביק מדבר זאַמד! —
אַ זעט־געבענטשטעס לאַנד, אַ ים פון פרוכפּער־שטראַלן
נאָר וואו, אָ, וואו, איז פירנדיקע האַנט?!

זיס שמעקט די ערד מיט מדבר און מיט בליטן,
ברייט־האַרציק צאָלט זי־אָפּ מיט פרוכט פאַר מי און שוויים;
אַ ערד אַזאַ איז ווערט, ווי אויג אין קאָפּ, פאַרהיטן,
און זי פאַר היים מאַכן, פון די וואָס האָדעווען זי אויס.

נייער טאָג

צוזאַמען מיט דער זון, כ׳בין אויפגעשטאַנען שטיל;
צוזאַמען מיט די קילע ציטערדיקע טויען,
כ׳בין טייל געוואָרן פון אַלטן ליכט־און־שאָטן־שפּיל,
ווען ס׳פּיקט זיך יונגער טאָג ארויס פון שאָלעכץ גרויען.

מיט פיס, מיט נאַקעטע, כ׳האָב פייכטן גראָז פאַרשאַרט;
זיך צוגעהאָרכט ווי פויגלען פלייסיקע די פליגלען שפּרייטן,
און ווען ס׳האָט עכאָ מיר אַ גרוס פון טריט געבראַכט —
כ׳האָב קול מיינעם דורך אים ארויסגעשיקט צו ווייטן.

אויף בארג־רוקן פארכישופטן, זון האָט זיך אנגעשפּאַרט,
און נאַכט־קליידער, ווי רייפע פּעטאַלן אין רוים געלאָזן פאַלן;
דער יונגער טאָג האָט פּעטאַלן מיט נעפּל־וואָל צונויפגעשאַרט
נאָך טויען־זאַפט ארויסגעשיקט א מחנה שטראַלן.

איך האָב אויף גרינעם גראָז זיך אויסגעצויגן,
געזען ווי לויטערקייט, ווי ווײַן פון לאגלען, רינט —
און ס'האָט זיך לייב מײַנס מיט זון צו זאַטקייט אָנגעזויגן,
איך האָב געזען, ווי טאָג אויף שפּינדל אייביקן, זײַן פאָדעם וועבט!

⚜ ⚜ ⚜

שמואל דן

פ י נ ג ע ר

גייען זיי פארביי זיין הויז —
שטעלן זיי זיך אָפּ,
שאָקלען מיט די קעפּ,
טרויערן —
און זאָגן:

א קינד געווען,
א מאַמען געהאַט,
אַ לעבן לאַנג מיט פרייד געוואַרט,
און די פרייד מיט ווייטיקן געטראָגן . . .
אויפגעוואַקסן, אַ מאַן געוואָרן, —
און פאַרשיקט אַ מענטש אויף דער תליה!

קערן זיי זיך אָפּ,
קומען אַנדערע און זאָגן:
רייד אַזעלכע וואָס באַקלאָגן,
רייד וואָס וויינען אין די אויערן;

דרינגען אריין די פארפייניקטע רייד
דורך ציגל־ווענט — פון גאַס אין הויז.
טרייבט עס אים ארויס פון הויז.

שלייכט ער זיך ארויס פון הויז
דורך הינטער טיר, —
גיי איך אים נאָך.

דערזעט מען אים אין גאַס,
מעסט מען אים אָפּ מיט שפּיזלדיקע אויגן;
קערן זיך אָפּ, שושקען זיך,
טרויערן —
און זאָגן:
פאַרשיקט אַ מענטש אויף דער תליה!

גייט ער אריבער די גאַס —
גיי איך אים נאָך.

קומט ער אַנטקעגן די מענטשן אין גאַס —
מיידט מען אים פאַרביי.

ווינקען זיי זיך איבער,
טייטלען מיט די פינגער,
שטאַמלען מיט די ליפּן,
צוקן מיט די אַקסלען,
וויינען מיט די אברים,
טרויערן, און זאָגן:
פאַרשיקט אַ מענטש אויף דער תליה!

שפּאַנט ער אַוועק פון גאַס —
שפּאַן איך אים נאָך.
דאַכט זיך אים: איך שפּאַן אים נאָך,
דאַכט זיך אים: מען טייטלט אויף אונדזביידן —
שרעקט ער זיך פאַר מיר
און וויל זיך ניט מיט מיר צעשיידן.

לויפט ער אַוועק פון גאַס —
לויף איך אים נאָך.

יאָגן אים נאָך די רייד,
שפּיזן אים דורך די אויגן,
שרייען אים נאָך די מיילער,
צישן אויף אים צעפּייניקטע צינגער,
קומען אַנטקעגן די פינגער,
ציטערן די ליפּן:
פאַרשיקט אַ מענטש אויף דער תליה!

שטעלט ער זיך אָפּ —
בלייבן זיי אַלע שטיין,

קערט ער זיך אום —
פליען זיי אלע אוועק.

און שטעלן זיך אויף דעכער,
זעצן זיך אויף פענצטער,
גלאָצן דורך די שויבן,
קוקן פון די טירן,
טייטלען מיט די פינגער,
סודען זיך אויף ביימער,
שושקען זיך אויף בלעטער,
און שאָקלען מיט די קעפּ:
פארשיקט אַ מענטש אויף דער תליה!

איבער אַלע גאַסן, מויערן, ווענט:
פויסטן!
שטריק!
הענט!
פינגער,
פינגער,
פינגער: —
האָסט פאַרשיקט אַ מענטש אויף דער תליה!

קערט ער זיך אום אויף צוריק —
נעמט ער לויפן,
קומען אַנטקעגן געפלאָכטענע שטריק,
מיט אָפענע שלייפן;

פייפט א קוימען פון אַ ווייטער פאַבריק:
פאַרשיקט—א—מענטש—אויפן—שטריק!

טונקלט דער טאָג,
לויפט ער אריין אין אַ פינצטערן הויף —
לויף איך אים נאָך.

פראַלט מען פאַנאַנדער פון אויבן די פענצטער,
שטעקט מען אַרויס די קעפּ פון די פענצטער;
רופן זיך איבער פאַרשלאָסענע ליפּן,
פרעגן זיך פנימער מיט פיינלעכן טרויער:
געזען?
פרעגן אויגן מיט קראַנקן באַדויער:
געדענקסט?

ענטפערט אַ שוואַרצער פאַרמאַטערטער קאָפּ פון אַ פינצטערן
פענצטער:
ס'האָט איינער געטראָגן אַ ליכטיקן חלום פאַר מאָרגן, —
איז געקומען אַט־דער און זיין ליכטיקן חלום דערוואָרגן —
פאַרשיקט אַ מענטש אויף דער תליה!

קומט ער אַהיים אויף דער נאַכט —
קום איך אים נאָך.

פאַלט ער אַוועק אויפן דיל —
אַ פאַרשטיינערטער פון רייד,
אַ צעווייטיקטער פון צינגער,
אַ באַוואָרפענער מיט שטריק,
אַ צעשטאָכענער פון פינגער,
אַ צעשפּיזלטער פון אויגן, —
ליגט ער אַזוי
ביז פאַרטאָג.

זעצט ער זיך אויף —
זיצט ער אַזוי:
אַ געבויגענער, הענט אויף קנאָכן,
אַ פאַרטריבענער, און אָפּגעזונדערטער,
אַ פאַרמשפּטער,
אליין.

שטעלט ער זיך אויף,
גייט ער אַרויף אויפן בוידעם —
גיי איך אים נאָך.

נעמט ער אַ שטריק,
פלעכט ער אַ שלייף, פאַרקניפּט ער מיט קניפּ,
הויבט ער דעם קאָפּ צום סופיט,
זוכט ער — און קוקט אויף צוריק.

כאַפּ איך זיין האַנט און ווייז מיט זיין אייגענעם פינגער:
אָט איז אַ באַלקן אויבן דאָרט איבער דער טיר.
פאַרוואַרפט ער דעם שטריק אויפן באַלקן דאָרט איבער דער
טיר,
וויינט ער, און קוקט ניט אויף מיר.

קריכט ער אַרויף אויף אַ לייטער, —
און גלאָצט אויפן שטריק.

זאָג איך צו אים: וואָס וואַרטסטו?
אין א שעה אַרום וועט נאָכאַמאָל אָנהויבן טאָגן,
און מענטשן אַרום דיין פענצטער
וועלן נאָכאַמאָל קומען —
און קלאָגן . . .

איצט איז דיין שעה פון דערלייזונג:
איצט איז די איינציקע ליכטיקע רגע
פון דיין טונקעלן לעבן־רייף.

פאַרציט ער דעם שלייף.
— — — — — —

ס'האָט קיינער ניט געזען דאָס קלאָגן
פון צען צעשפּרייטע טויטע פינגער
איבער זיינע הענגענדיקע קני
ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן.

איך האָב געזען
דעם שלייף פון געפלאָכטענעם שטריק אַרום זיין בלויען
האַלדז;
איך האָב געזען אַ יונגן גרויען קאָפּ אויף אַ באַלקן הענגען;
זיך וויגנדיק אַראָפּגעבויגן.
דעם ברוך און קנאָק פון ביין פון זיין דערוואָרגענעם נאָקן,
און אונטער זיינע אויפגעריסענע פאַרגלייזטע אויגן
צוויי קאַסאָקע באָקן.

אין באָק האָט געיאָמערט נאָך רחמים,
די אַנדערע —
האָט שמייכלדיק געוויינט.

דורך אַ שפּאַרע פונם בוידעם
האָט שפּראָץ פון אָנהויב טאָג
זיך דורכגעריסן,
אַריינגעשיינט!

סעפּטעמבער, 1954

⚜ ⚜ ⚜

יוסף ווייס.

ס׳וועט פלאַצן

(דערציילונג)

— „סעי״, עליקס! — שרייט חיים לאסנער אַריבער צום אפעררייטאר קעגן זיין מאַשין — מיין ווייב וויל איך זאָל ווערן אַ לענדלאָרד!

— וואָסי, ס׳פּאַסט דיר ניט? . . .

— זי טענהט, אַז מיט די „רענט״, וואָס מיר האָבן אָנגעצאָלט ביז איצט, וואָלטן מיר שוין געקענט האָבן אויסגעצאָלט אַן אייגן הויז.

— אַזאַ יאָר אויף מיר ווי גערעכט זי איז.

— ווען איז אַ פרוי ניט גערעכט?

— זאָלסטו טאַקע וויסן אַז זי האָט מער שכל פון דיר. דו וועסט אַזוי לאַנג צאָלן רענט, ביז מען וועט דיך אַרויסוואַרפן פון דער דירה . . . אַז איך בין געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, האָב איך מיט דער נאָז די ערד געקאָפּעט, און געזען קומען צו אַ שטיקל הייזקע. פאַרוואָס אַנשטאָפּן דעם לענדלאָרד?

— ס׳איז גוט צו קויפן אַ הויז אַז מען האָט „קעש״; קויפסטו מיט אַ גרויסן „מאָרגעדזש״ — עסט דיך אויף דער פּראָצענט.

— אוודאי איז גוט אַז מען האָט „קעש״. גרויסער צעלייגער מיינער, דו ווייסט דאָך, אָבער, ווי מען זאָגט: „אַז מען קאָן ניט אַריבער מוז מען אַרונטער״.

— קאָן מען דאָך וואַרטן ביז מען זאַמלט אָן די „קעש״.

— ווען, נאָכן טויט? . . . און דערווייל שטאָפּסטו אָן דעם לענדלאָרד. — נאָר דאָס איז שוין ניט פאַר דיין אפעררייטאָרישן קאָפּ . . .

חיים לאסנער שמייכלט אין געניי אַריין . . . טראַכט זיך אַריין וועגן הויז: — ער שטייט אין בלויע הויזן, נאָקעט ביזן גאַרטל, און פלאַנצט בלומען אין זיין גאָרטן, גראָבט די ערד און פאַרזייט גרינוואַרג. ער איז פאַרברוינט פון דער זון, זיינע מוסקולן פון די הענט ווערן פאַרהאַרטעוועט. די פרישע לופט, די פיזישע אַרבעט שטאַרקן אים, שטעלן אים אויף די פיס. ער ווערט אַ נייער מענטש. ער גייט גלייך און שטאַרצט אַרויס דעם ברוסטקאַסטן. שכנים גייען פאַרביי, און שטעלן זיך אָפּ באַטראַכטן ווי שיין זיין גאָרטן איז, באַוואונדערן די בלומען, לויבן זיין פייגן־בוים. אסתר, זיין ווייב, באַרימט זיך מיט אים: דאָס האָט ער אַליין פאַרזייט, און ער איז קיינמאָל קיין גערטנער ניט געווען . . .

— דו ווייסט נאָך וואָס? — שרייט ער ווידער אַריבער צו עליקסן — זי וויל איך זאָל קויפן אַ „דובליק״ מיט אַ שטיקל „אינקאָם״, וואָס זאָל העלפן אויסצאָלן ס׳הויז.

— אַזאַ יאָר אויף מיר ווי גערעכט זי איז. זי האָט מער שכל פון דיר. כ׳זע שוין אַז דו וועסט אַרום איר ניט פאַרפאַלן ווערן . . . זאָג מיר נאָר, ווי קומט צו דיר אַזאַ פרוי? אַ טריף־מזל דאָס האָט! . . .

חיים שמייכלט . . . און דערנאָך פאַרטראַכט ער זיך גאַנץ ערנסט, אַז די יאָרן שטייען טאַקע ניט, מען ווערט עלטער. ווי לאַנג וועט מען נאָך קענען אַרבעטן? וואָלט מען זיך טאַקע באַדאַרפט באַזאָרגן מיט אַן אייגן ווינקל,

וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. פון דער אַנדער זייט, אָבער, איז אַ ריזיקע איצט צו קויפן. די פּרייזן זיינען אַזוי הויך אַרויפגעשרויפט געוואָרן, אַז ס'וועט מוזן פּלאַצן. פאַרן מינדסטן שטיקל „הייזקע" הייסט מען זיך אָנשיטן גאָלד. פאַרוואָס ניט צוואָרטן ביז די משוגעת וועט זיך איינשטעלן און ס'וועט ווערן צוריק נאָרמאַל? . . . איצט ברענט, זאָל איבערברענען, ווייל אַז ס'וועט אָנהייבן פאַלן, וועט מען פאַרלירן די קעפּ . . .

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, איז חיים געלאָפן אונטערן גוס־רעגן צום טראַם. שוין אַ וואָך צייט ווי ס'האַלט אין איין גיסן. אַ פּוילע, נאַסע קעלט דרינגט דורך די קליידער, אין לייב אַריין, קריכט אין בלוט אַריין. דער הימל איז אויסגעלאָשן און זעט אויס ווי אַ שוואַרצער אָפּגרונט, די שטאָט איז פאַרפּלייצט, אָטאָמאָבילן „שווימען" אין וואַסער, און מאַכן פאָנטאַנען מיט די רעדער.

— אַ מבול אינדרויסן — האָט חיים געטרייסלט פון זיך דעם רעגן, שטייענדיק אין דער אָפענער טיר — מען קאָן אַ גאַס ניט דורכגיין, מען שווימט. — ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די נאַסע קליידער, אָנגעטאָן אַן אַנדער רעקל, און געשטעלט די אויסגעווייקטע שיך צו טריקענען ביים גאַז־אייוועלע.

— אַ מין פאַרגיסעניש; מען זאָגט, אַז דאָס וואַסער האָט ערגעץ דורכגעבראָכן אַ דאַמבע, און פאַרפּלייצט אַ שטעטל, וואָס ליגט אין אַ טאָל. מענטשן האָבן זיך פאַרקליבן אויף די דעכער, אַנדערע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין שיפלעך און שווימען.

— יאָ, כ'האָב דאָס טאַקע פריער געהערט אויף דער ראַדיאָ — האָט זיין פרוי געזאָגט, גרייטנדיק צום טיש.

חיים האָט זיך געזעצט עסן: די ערשטע זאַך האָט ער געמאַכט אַ שנאַפּס.

— אַ פאַרגיסעניש — האָט ער גאַרניט געקענט פאַרגעסן, און זיך געקוויקט מיט דער טרוקענער וואַרעמקייט אין הויז. דער שנאַפּס האָט אַ רייץ געטאָן זיין אַפּעטיט, און ער האָט אָנגעהויבן כאַפּן דאָס עסן, ווי אימיצער וואָלט אים געיאָגט. די ראַדיאָ האָט, ווי שטענדיק, אויסגעהודיעט אויף הויכע טענער אַ געמיש פון דזשעז, אַדווערטייזמענטס, מאָרד־געשיכטעס, געבראַזגעט ווי אַ שדים־קאַפּעליע. פאַרמאַכן די ראַדיאָ טאָר מען ניט. דער זון און די טאָכטער הייבן־אויף אַ געוואַלד, ווי מען וואָלט ביי זיי דעם אָטעם אָפּגעהאַקט. רעדט מען ניט אין הויז, נאָר מען רייסט זיך, אַריבערצושרייען די ראַדיאָ.

דער זון, על, האָט בלינד געפירט די לעפל צום מויל, און געהאַלטן דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין דעם ספּאָרט־אָפּטייל פון דער צייטונג. די טאָכטער ביטריס האָט ניט געקענט איינהאַלטן די פיס אונטערן טיש, וועלכע די דזשעז־טענער האָבן געריצט צום טאַנצן.

— אין מיטן עסן מוזסטו לייענען? — האָט אסתר פאַרגעוואָרפן דעם זון — ס'„פּייפּער" וועט דיר אַנטלויפן?

— לאָז מיך צורו — האָט ער געברומט מיט אַ רוי, הייזעריק קול.

חיים האָט נאָכן עסן לויז געמאַכט דעם פּאַסיק און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג. ער האָט זיך שוין ווידער איבערגעגעסן. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געבלאָנדזשעט אויף די „קעפּלעך" פון זיין בלאַט, ביז די

אותיות האָבן זיך אָנגעהויבן אויסמישן און צוזאַמענגיסן. די שויבן האָבן איצט געציטערט פונם רעגן, וואָס איז איצט געפאַלן האַסטיקער, און זיך געגאָרגלט אין די וואַסער־רערן. חיימס קאָפּ איז שוין געלעגן אויפן לינקען אַקסל, די ציַיטונג אויף דער ערד.

—די מיסעס בערנשטיין האָט מיר היינט געזאָגט, אַז עס מאַכט זיך צו קויפן אַ הויז, וואָס איז ווערט דאָס געלט — האָט אסתר אַריינגערעדט פון קיך צו חיים׳ען, וואַשנדיק דאָס געפעס. ס׳איז ניט קיין גאָר אַלט הויז, און ס׳האָט אַ „בעיסמענט” מיט אַ פונדאַמענט. ס׳איז אויך לעבן אַ קאַר־ליין און אַ גרויסן „מאַרקעט”. די פעלדמאַנס האָבן געהאַלטן ביי קויפן אַ הויז, און זיך אַזוי לאַנג געקליבן, ביז אימיצער האָט דאָס אויסגעדונגען . . . איצט רייסן זיי די הויט פון זיך, ווייל יענער האָט דאָס באַלד פאַרקויפט מיט אַ סך פּראָפיט . . . ס׳ווערט יעדן טאָג טייערער, דערפאַר דאַרף מען וואָס פריער קויפן, די וואָס קויפן היינט פאַרדריסט זיי, וואָס זיי האָבן ניט געקויפט נעכטן, און די וואָס האָבן געקויפט מיט אַ יאָר־צוויי צוריק זיינען רייך געוואָרן . . .

אין לייכטן דרימל האָט זיך חיימען אויסגעוויזן, אַז פון איר מויל פליען צו אים בייזע פליגן, וואָס זשומען אים אין די אויערן אַריין: „קויפן”, „קויפן”, „קויפן”, „פאַרקויפן” . . .

ער האָט זיי מיט דער פאַרשלאָפענער האַנט געטריבן פון זיך, און קוים געקענט אַרויסברענגען די ווערטער: „ס׳וועט פּלאַצן” . . .

אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט, האָט די זון העל געשיינט; פייגל האָבן געטאַנצט מיט געזאַנג אויף די בוימער; דאָס גראָז אַרום די הייזער איז געווען גרין און זאַפטיק; די בלומען האָבן זיך צעעפנט און פאַרשייט געלאַכט צו דער זון. דער קאַליפאָרניער ווינטער: אַ געוויינט — און שוין אַ שמייכל.

חיים איז געפאָרן צו דער אַרבעט. דער באַס דרייט זיך, טאַנצט ווי אַ פילקע, און די געדאַנקען ביי אים אין קאָפּ דרייען זיך מיט: — דער זון, על, איז אים ווי ניט געוואָרן אונטער די הענט . . . און וואָס איז ער שולדיק? ער האָט געטאָן זיינס, געשיקט אים אין אַ „היברו־סקול” — זאָל ער וויסן ער איז אַ ייד. דערנאָך, געמאַכט אַ שיינע בר־מצווה. דער רבי האָט אים אויס־געלערנט אַ „ספּיטש”. ער האָט דאָס דעמאָלט געשוויצט, געוואָרגן זיך מיט דער צונג; די אויגן זיינען אים פון קאָפּ אַרויסגעקראָכן. נאָר וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען? פאַרט אַן אַמעריקאַנער באָי. ער איז, אָבער, זייער גוט אין „אַטלעטיקס”. אַזוי איז ער אַ פאַרשוין, אַ ברכה צו מאַכן: גרויסע הענט, שווערע, מיט מוסקולן, וואָס שטאַרצן אַרויס פון די אַרבל. ס׳פּנים פאַרפלאַמט, ס׳קול הייזעריק. רופט אים „פּאָפּ”; קלאַפּט אים אויף דער פּלייצע, ווען ער דאַרף געלט. זיי קוקן זיך אָן פאַרשעמט, ווי פרעמדע און געפינען זיך אין אַ פאַרלעגנהייט . . . וואו ער פאַקט אַ דאָלער, שטעלט ער אויף די „פערד” . . . „רעיסעס”! וויפיל ער פאַרדינט, זינקט ער אַהין אַריין; איז שטענדיק געבראָכן, און מען דאַרף זיך היטן פאַר אים. ס׳האָט שוין עטלעכע מאָל געפעלט געלט אין הויז . . . די מאַמע וויינט זיך אויס די אויגן. זי האָט מורא ער זאָל ניט ווערן אַ גנב אָדער אַ גענגסטער. די טאָכטער, ביטריס, איז אַ וואויל קינד, צופּט זיך שטענדיק די ברעמען, און דרייט מעכאַניש אַ לאָק . . .

* * *

די שויבן פון די פענצטער אין שאָפּ זיינען געווען פאַרשמירט פון רעגן און שטויב, און דורכגעלאָזט צעבראָכענע שטיקלעך זון, וואָס האָבן זיך ווי באַזילבערטע פלאַטערלעך אָפּגעשטעלט אויף די טונקל־גרויע ווענט.

אַז די מאַשינען האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען, האָט מען באַמערקט, אַז דער אָפּערייטאָר, עליקס, איז ניטאָ.

— וואָס איז דער מער מיט עליקסן? — האָט איינער געפרעגט.

די יידענע לאָזט אים ניט אַרויס . . . — האָט זיך אַ צווייטער געוויצלט.

אַ מיידל איז אַריינגעקומען פון אָפיס און עפּעס איינגערוימט דעם פאָרמאַן.

ס'האָט זיך באַלד צעטראָגן איבערן שאָפּ: עליקס איז נעכטן ביינאַכט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. דאָס איז געשען אַזוי אומגעריכט, ווי איינער וואָס גייט און פאַלט. עליקס איז געווען דער שנעלסטער אָפּערייטאָר, אַ שווער־רער אַרבעטער, אַן „איינרייסער", זיך ניט פאַרגונען ס'לעבן, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אַן אייגענע אויסגעצאָלטע הייזקע. און דאָ מיט איינמאָל — נאָ! —

— עליקס געשטאָרבן? ס'גלויבט זיך ניט. כ'האָב דאָך ערשט נעכטן גערעדט צו אים — איז איינער אַרויס מיט אַ טענה.

— אַז מען זאָגט געשטאָרבן — זאָלסטו גלויבן — האָט אים אַ צווייטער פאַרזיכערט.

— אוי, ווי דער מענטש איז פאַרנאַרט — האָט אַן אָפּערייטאָר גערעדט, ווי צו זיך — מען רייסט־איין אַ וועלט און וואָס? . . .

— זיין ווייב וועט איצט זיין אַ רייכע אלמנה.

— וועט נאָך קריגן אַ יונגנמאַן.

— אַז אַן אָפּערייטאָר ווערט געבוירן גיט מען אים אַ צאָל „ספּולס"־פּאָדים אויסצוניייען, וואָס שנעלער ער נייט זיי אויס—אַלץ שנעלער גייט ער . . .

חיים'ען האָט שטאַרק געטראָפן עליקסעס טויט. אָט האָט ער אים ערשט צוגערעדט קויפן אַ הויז, אויסגערעכנט, אַז ס'לוינט ניט צו צאָלן קיין דירה־געלט . . . און שוין.

אין אָוונט, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט איינצודרעמלען, האָט זיך אסתר אָנגערופן צו אים: — כ'האָב דיר נעכטן אָנגעהויבן דערציילן פון דער הויז, וואָס מאַכט זיך צו קויפן — ביסטו איינגעשלאָפן.

— וואָסערע הויז?

— דער „דובליק". אין איין אַפּאַרטמענט וואוינט אַ „טענענט", וואָס צאָלט 50 דאָלער אַ חודש. ס'איז אַ שטאַרקע הויז מיט אַ פונדאַמענט, מיט אַ „בעיסמענט" . . . נאָענט צו אַ סטריט־קאַר און אַ מאַרקעט — האָט זי געפּלאַטערט.

—כ'ווייס ניט צוליב וואָס מען מוז זיך דאָס באַוואָרענען מיט אַ הויז . . . נעכטן איז געשטאָרבן אַן אָפּערייטאָר פון אונדזער שאָפּ, וואָס האָט געהאַט עטלעכע הייזער. איינגעריסן אַ וועלט. ער איז געווען דאָס שנעלסטע פערד, געיאָגט דעם גאַנצן שאָפּ. זיין מאַשין האָט ער קיינמאָל ניט געלאָזט זיך אָפּ־שטעלן, ביז זי האָט אים אָפּגעשטעלט . . .

— מענטשן שטאַרבן סיי־ווי, צי זיי אַרבעטן שווער, אָדער לייכט, ווי לאַנג

מען לעבט — דאַרף מען ניט טראַכטן פון טויט, און זיך באַוואָרענען מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

— נו, האָסטו דאַך אַ דאַך.

— ס׳ניט מיין דאַך, ס׳איז דעם לענדלאָרדס. ער ברענט מיר די טריט, וואָרפט מיר פאַר, אַז איך נוץ צופיל וואַסער. ער האָט, זאָגט ער, גרויסע וואַסער־בילס. און ער קלייבט זיך שוין העכערן די רענט.

— איך זע אָבער ניט איין אַז איצט איז די צייט צו קויפן אַ הויז. ווען די פרייזן זיינען אַזוי הויך אַרויף. אַז אַ פראָסט כאַפּט צו שטאַרק, מוז ער פּלאַצן.

— ס׳פּלאַצט נאָך ניט אַזוי שנעל . . . פאַרקערט, הייזער ווערן טייערער. מענטשן קויפן — און פאַרקויפן מיט פּראָפיט; אַנדערע ווערן רייך איבער נאַכט. נאָר וואָס איז מיט דיר צו ריידן? דו ווייסט נאָר איין זאַך — שאָפּ!

חיים׳ען האָט דאָס אַ ברען געטאָן: — ווען ניט דער שאָפּ, וואָלסטו ניט געהאַט צו עסן.

— איך פאַרדין מיר מיין עסן — איז אסתר אויך געוואָרן אָנגעצונדן. — איך בין דיר אַ דינסט, און אַ קעכין, און אַ ווייב! . . .

די רייד האָבן זיך אָנגעגליט צווישן זיי. די קינדער האָבן געהאַלטן מיט דער מאַמען, אַז מען דאַרף קויפן אַ הויז. חיים איז געשטאַנען ביי זיינס — איך וועל ניט שפּעקולירן מיט מיינע פאַרהאָרעוועטע פאַר דאָלער. די פרייזן זיינען אַרויף צו הויך, זיי זאָלן אָנהאַלטן. ס׳איז ווילד, ס׳וועט מוזן פּלאַצן!

— דו וועסט שוין אייביק ליגן ביי יענעם. ביסט ניט קיין ביזנעסמאַן, האָסט ניט קיין בלוט . . .

— פאַרוואָס האָסטו זיך ניט גענומען קיין ביזנעסמאַן? ווער האָט דיך ניט געלאָזט?

— ווייל מיר איז באַשערט געווען באַגראָבן צו ווערן!

— קענסט זיך נאָך אויסגראָבן; קענסט נאָך נעמען אַ ביזנעסמאַן!

— עצות וועל איך פרעגן ביי קליגערע פון דיר . . . און סטראַשע מיך ניט — כ׳האָב ביי דיר גאָרניט אָנצוואָרן. צייט איך האָב דיך דערקענט, מאַטער איך זיך. מיין לעבן איז ווייסט און פינצטער. כ׳האָב נאָך ביי דיר קיין איין גוטע מינוט ניט געהאַט! . . .

אירע רייד האָבן אויפגעריסן אין אים. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ס׳האָט אַ רעגן געטאָן צווישן זיי מיט שאַרפע גיפטיקע ווערטער. איינער האָט געשריגן העכער פון צווייטן. אירע אויגן האָבן געבליצט מיט גרינע פייערלעך פון האַס. זי האָט זיך פאַרשפּיליעט די אויבערשטע צווי קנעפּלעך פון דער בלוזקע, וואָס האָט צופיל אַרויסגעוויזן איר בוזעם . . . פאַרדעקט זיך פאַר אים, ווי פאַר אַ פרעמדן . . . איר קול איז געוואָרן פאַרשטיקט, פּיענע איז אַרויס אויף אירע ליפּן. זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, אָן אָטעם, ווי אַ שטריק וואָלט פאַרצויגן איר האַלדז. די קינדער האָבן זי געטרייסלט: — מאַמע! מאַמע! . . . — חיים איז געוואָרן בלייך. מען האָט זי אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. ראַנגלענדיק זיך פאַר לופט, האָט זי געוואָרפן מיטן קאָפּ, ביז די ספּאַזמעס האָבן זיך אַרויסגעריסן דורך איר האַלדז.

ס׳איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. אסתר איז געלעגן אין בעט,

און ניט געקענט איינשלאָפֿן. געוואָרפֿן זיך פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער: זי האָט ניט געזאָגט חיימען, אַז זי האָט געליען ערגעץ הונדערט דאָלער און געגעבן אַ דעפּאָזיט אויפֿן הויז . . . און דער ביטערער עקשן האָט זיך אַריינ־געהאַקט אין קאָפּ אַריין: איינמאָל — ניין! — וואָס וועט זי איצט טאָן? דער דעפּאָזיט וועט פֿאַרלוירן גיין. הונדערט בלוטיקע דאָלערס. דער קאָפּ האָט זיך איר געשפּאָלטן.

אַז חיים איז אינדערפֿרי אַוועק צו דער אַרבעט, האָט זי זיך שנעל אָנ־געטאָן, גענומען אַ מאַראַנץ, צו דערכאַפּן ס'האַרץ, געוואָלט וואָס גיכער זיין ביים ריעל־עסטייט־מאַן, אָפּנעמען ס'האַנט־געלט.

דער דרויסן האָט איר אַרומגענומען, ווי אַ נאַס, קאַלט העמד אויפֿן לייב. מענטשן האָבן זיך פֿאַרבייגעאיילט, מיט איינגעצויגענע קעפּ צווישן די אַקסלען, און אויפֿגעשטעלטע קאָלנערס. פֿונם רעגן, וואָס האָט ווידער געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט, האָבן די טונקעלע הייזער אויסגעזען ווי מען וואָלט זיי אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ טייך. גרינע, שימל־קאָלירטע, צאַפּנס זיינען געוואָן איינגעגעסן אין די ווענט. אַן אַש־גרויער הימל איז נידעריק געהאַנגען איבער דער שטאָט, וואָס האָט אויסגעזען, אָן דער קאַליפֿאָרניער זון, ווי אַ פֿאַרלאָשענער פּלאַנעט.

— אַ גוט־מאָרגן אייך, מיסעס לאַסנער! — האָט זי מיסטער סילווער באַגריסט — וואָס ברענגט אייך אַזוי פֿרי, אין אַזאַ וועטער? — האָט ער געקוועטשט די ווערטער מיט אַרויסגעשטאַרצטע ליפּן. ער האָט נאָך ניט געהאַט אָנגעטאָן די פֿאַלשע ציין. ער איז געשטאַנען אין שלאָף־ראָק, מיט שטעק־שיך און געגלעט דעם פּליך, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ רעמל גרוילעכע האָר.

— מיסטער סילווער, מיין מאַן האָט זיך אַריינגעהאַקט אין קאָפּ, אַז פּרייזן אויף הייזער מוזן פֿאַלן. ער לאָזט מיך ניט קויפֿן ס'הויז און איך האָב מורא איינצורייסן מיט אים — ער איז ניט אינגאַנצן קיין געזונטער מענטש. ער ליידט מיטן האַרץ. די מינדעסטע אויפֿרעגונג איז פֿאַר אים סם.

— טאָ וואָס ווילט איר?

— כ'וויל צוריק מיינע הונדערט דאָלער.

— פֿאַרוואָס האָט איר מיר ניט געלאָזט וויסן פֿריער, ווען כ'האָב געהאַט אַ געלעגנהייט דאָס הויז צו פֿאַרקויפֿן אימעצן אַנדערש? . . .

אסתר איז געוואָרן בלאַס. — איר וועט דאָך ניט פֿאַרלאַנגען מיינע הונדערט דאָלער? ס'איז בלוטיק געלט. איר זיינט דאָך אַ ייד; איר האָט דאָך אַ יידיש האַרץ.

— יידישקייט האָט מיט דעם גאָרניט צו טאָן. האַנדלשאַפֿט איז ניט קיין ברודערשאַפֿט — האָט מיסטער סילווער געזופֿט, פֿון אַ וויין־קאָלירט גלאָז, מאַראַנצן־זאַפֿט. — אַזוי טוט מען ניט קיין ביזנעס. מיט אייער „דעפּאָזיט" האָט איר מיך פֿאַרפּירט!

— וואָס הייסט? — איז אסתרן געוואָרן טרוקן אין מויל, און ס'האַרץ האָט זיך איר אַ וואָרף געטאָן פֿון שרעק — אפֿילו לויטן געזעץ קומט דאָך מיר צוריק די הונדערט דאָלער! . . . און, מיסטער סילווער! סאיז געליען געלט. מיין מאַן ווייסט ניט דערפֿון — וואו וועל איך נעמען אָפּצוגעבן?

— כ'האָב מיינע אייגענע דאגות!

— סיידן איר ווילט כ'זאָל אָנגעבן אויף אייך אין געריכט.

מיסטער סילוווער האָט געטאָן דעם לעצטן זופּ, אָוועקגעשטעלט דאָס גלאָז מיט אַ קלאַפּ אויפן טיש, און אַריין אין אַ צווייטן צימער . . .

אסתר איז אַהיים־געגאַנגען אַ נידערגעשלאָגענע. אין קאָפּ איז איר געווען ענג. וואָס טוט מען? דער מיסטער סילוווער איז אַ „שאַרק". ס'האַרץ זאָגט איר, אַז די הונדערט דאָלער זיינען פאַרלוירן. זי פילט זיך ווי אַ וואָרף צו טאָן זיך אונטערן ערשטן אָטאָמאָביל, וואָס וועט איר אַקעגנקומען. זי טאָר דאָס, אָבער, ניט טאָן. זי איז אַ מאַמע פון קינדער, האָט אַ טאָכטער אויסצוגעבן. און דער וויסטער עקשן אירער, איז אויך אַ גרויס קינד . . . אָן איר איז ער פאַרלוירן . . . זאָל זיך איר דאַכטן, זי האָט פאַרקריינקט הונדערט דאָלער — וואָלט בעסער געווען? . . . אַזוי פאַרגינט מען זיך ניט ס'לעבן — און פאַרן טייוול איז דאָ.

אַ וויטיק האָט, ווי מיט אַ צוואַנג, פאַרקלעמט איר האַלדז, און טרערן זיינען איר געשטאַנען אין די אויגן. זי האָט זיך געשעמט פאַר דורכגייער און, בגנבה, זיי אָפּגעווישט, כלומרשט פאַרריכטנדיק זיך די האָר.

אַ הויכער בלויער הימל, ווי אַ ריזיק קאַפּל איז געהאַנגען איבער לאָס אַנדזשעלעס. די לופט איז געווען ווי אויסגעטרוקנט. קיין בלעטל פון אַ בוים האָט זיך ניט גערירט. די זון האָט געבלענדט. אין די שטילע, זייטיקע גאַסן, ווייט פון פאַבריק־צענטער, האָט מען געקענט הערן ס'זשומען פון אַ פליג; דעם פלאַטער פון אַ טויבס פליגל, ערגיץ גאַנץ הויך.

די הייזער זיינען געשלאָפן אויף גראַזיקע טעפּיכער אין די גערטנער מיט פיל־קאָלירטע בלומען, וואָס זיינען געלעגן צעעפנט קעגן דער זון און זיך געלאָזט קושן פון איר. פלאַטערלעך האָבן דורכגעציטערט אין דער מילדער איינשלעפערנדיקער לופט.

אסתר איז געשטאַנען אין דער זוניקער קיך ביים קראַן, און געוואַשן ספּינאַטש. זי האָט אַלץ ניט געקענט פּטור ווערן פונם זאַמד, וואָס איז געווען איינגעגעסן אין די בלעטער. זי האָט געדולדיק געלאָזט לויפן ס'וואַסער, אַזוי אַז קיין איין זאַמדעלע זאָל דערנאָך ניט קנאַקן צווישן די ציין. פּלוצים האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אימעצער דרייט זיך אַרום פענצטער, ווי מען וואָלט געטשאַטעוועט אויף איר. שפּעטער האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. גע־עפנט, און דערזען דעם „לענדלאָרד".

— אה! מיסטער פאַרבער! ס'האָט זיך מיר טאַקע אויסגעוויזן, אַז אימע־צער דרייט זיך אַרום פענצטער . . .

— כ'האָב געהערט ווי ס'פּלייצט ביי אייך וואַסער, האָב איך געמיינט, אַז אַ רער האָט געפּלאַצט! — האָט ער מיט בייז־בליציקע אויגן געקוקט אויפן וואַסער, וואָס לויפט פון קראַן.

— כ'וואַש ספּינאַטש.

— ס'פּלייצט דאָך שוין אַ שעה צייט!

— ס'איז ניט אמת. כ'שטיי בלויז עטלעכע מינוט ביים קראַן.

— איצט איז מיר קלאָר, פאַרוואָס כ'האָב אַזעלכע געשוואָלענע וואַסער־בילס — האָט ער פאַרבראַכן די הענט.

— ספּינאַטש מוז מען גוט אויסוואַשן.

— ווער הייסט אייך קאָכן ספּינאַטש? מען קאָן לעבן אָן ספּינאַטש!

— איך פרעג ניט ביי אייך וואָס צו קאָכן, און איך וויל ניט איר זאָלט מיר אַריינקוקן אין די טעפּלעך!

— אויב אייך געפעלט ניט, — קענט איר אייך אַרויסציִען!

— כ'וועל זיך אַרויסציִען, ווען איך וועל וועלן.

— מיסעס, רעדט ניט אַזוי שטייף. איך האָב אויך וואָס צו זאָגן!

— ווי לאַנג איך צאָל „רענט", האָט איר ניט וואָס צו זאָגן. איר מעגט אייך שעמען אַריינצושטעקן די נאָז אין מיינע טעפּלעך!

— דאָס וועלן מיר שוין זען!

— וועלן מיר זען!

אין לאָס אַנדזשעלעס איז דאָס אַ לענדלאָרד, האָט אסתר געטראַכט, און געפילט אים נאָכצושפּייען. אויף זיינע אַרבל ביי די עלנבויגס זיינען אָנגעניט לעדערנע לאַטעס. זיי זאָלן זיך ניט אויסרייבן. ביינאַכט זיצט ער מיט דער ווייב אין דער פינצטער, איינצובריינגען עלעקטריק. אַז ער גייט — שטעלט ער פאַרזיכטיקע טריט, ניט אויסצורייבן די זוילן. מען זאָגט, ער האָט נאָך עטלעכע הייזער אין אַנדערע שטאָט־טיילן. און דאָס האָט ניט קיין קינד, קיין רינד, צוויי מענטשן. און מען פאַרגינט זיך ניט דאָס לעבן, און מען לאָזט יענעם ניט לעבן. געהערט אַ חוצפּה? — איר זאָגן וואָס צו קאָכן . . . דערווייל האָט איר געקלאַפּט ס'האַרץ, און ס'האָט איר געזעצט אין קאָפּ. זי וועט שוין מוזן נעמען אַספּירינס.

די „בילדינג" איז געווען צעשפּאָלטן אויף פיר אַפּאַרטמענטס. אין איינעם האָט געוואוינט דער לענדלאָרד — אַ טיר קעגן אַ טיר מיט די לאָסנערס, און אויפן אויבערשטן — צוויי פאַמיליעס. דער לענדלאָרד האָט שטענדיק גע־האַלטן אָנגעשטעלט אַן אויער צום הויז — וואָס גייט־אָן אין זיין „פּראָפּערטי": וואו ס'לויפט דאָס וואַסער; וואו מען טאַנצט אַרום, אַז מען לייגט איין די „פלאָר"; וואו מען קלאַפּט טשוועקעס אין די ווענט; וואו מען לאַדט־איין אַ סך געסט, און ס'קומען־פאַר הוליאַנקעס.

ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעדרייט, און געהאָרכט, און געשנאַפּט, און געטראַכט, וואָס־מער אַרויסצוציִען פון די עטלעכע איינוואוינער. ביז איינמאָל, האָט זיך באַוויזן אַ נייער לענדלאָרד. דער אַלטער האָט פאַרקויפט מיט אַ גוטן פּראָפיט, האָט דער נייער „געמוזט" העכערן די „רענט".

חיים איז געוואָרן אָנגעצונדענער — דאָס איז דאָך שוין אומדער־טרעגלעך. וויפיל איז דער שיעור צו רייסן די הויט פון עטלעכע איינוואוינער? זיי ווילן מאַכן אַ גאָלד־מיין פון אַן אַלטער „שענטי"? איך גיב ניט קיין סענט מער „רענט", כ'צאָל סיי־ווי צופיל. זיי זיינען שוין פון זינען אַראָפּ. דער געלט־גייץ האָט זיי משוגע געמאַכט . . . האָט ער זיך געקאָכט.

אַ שבת ביינטאָג האָט זיך דער נייער „לענדלאָרד" אַריינגעשטעלט, פריינט־לעך באַגריסט, געזאָגט ווער ער איז . . . און געוואַרט. חיים האָט אים געגעבן די „רענט".

— ס'פעלט צען דאָלער! . . .

— ס'איז מער ווי צען דאָלער צופיל פאַר אָט־די לעכער — האָט חיים אָנגעשאַרפט זיינע אויגן אויף אים.

— ס׳געפעלט אייך ניט — „מופּת"!

חיים׳ען האָט עס אַ ברען געטאָן. ס׳בלוט האָט אין אים אָנגעהויבן קאָכן. ער האָט פאַרגעסן אַז דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט ניט אויפצורעגן זיך. ער האָט אַ דונער געטאָן, ווי אַ לייב — אַרויס פון דאַנען! — און ניט דערקענט זיין אייגן קול — אַרויס!!

אַז דער לענדלאָרד האָט געעפנט אַ מויל אויף אים, האָט אים חיים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער און אַרויסגעוואָרפן. ער האָט געטאָן אַזאַ פאַרהאַק מיט דער טיר, אַז די גאַנצע „פּראָפּערטי" האָט געציטערט.

שפּעטער זיינען די אַנדערע צוויי „טענענטס" אַריינגעקומען, אים גע־קלאַפּט אין פּלייצע: — געבענטשט זאָלן זיין אייערע הענט!

— איין פּאָר הענט איז וויניק פאַר זיי — האָט חיים געבורטשעט.

אסתר איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע. אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי באַטראַכט איר חיים׳ען און שטאַלץ געשמייכלט . . .

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער לענדלאָרד אָנגעגעבן וואו מען דאַרף, אַז ער מוז האָבן דעם אַפּאַרטמענט פאַר זיך אַליין. לויטן „געזעץ" האָט מען דאָס, פאַרשטייט זיך, אים באַוויליקט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זיך חיים געדאַרפט אַרויסציען, אָדער מ׳וועט אים אַרויסשטעלן.

אסתר איז אַרומגעלאָפן זוכן אַ דירה, און אויך אַ טאָפּ געטאָן וועגן אַ הויז. באַקלאָגט זיך ביינאַכט פאַר חיים׳ען, אַז זי ברעכט שעהנווייז די פיס, און פאַר דעם געלט, וואָס זיי קענען צאָלן, קריגט מען לעכער. פאַראַן נייע, שיינע הייזער, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן — נאָר ווער קאָן עס צוטרעטן צו זיי? אַפילו פאַר ערגערע אַפּאַרטמענטס, ווי דער וואו זיי וואוינען איצט, הייסט מען זיך אָנשיטן אין זאַק אַריין.

די צייט שטייט ניט. מיט יעדן טאָג דערנענטערן זיי זיך אַרויסגעזעצט צו ווערן. אסתר און די קינדער האָבן ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן איינצאָלן פאַר אַן אייגן הויז . . . זיי האָבן דערפילט, אַז חיימס ווידערשטאַנד איז גע־וואָרן שוואַכער. ער האָט ווי אַ שפּיי געטאָן אויף אַלץ.

אסתר איז אין איינעם פון יענע טעג אַוועק צו אַ „לאַנטשען" פון אַ פּרויען־„אוקזילערי", וואו זי האָט באַלאַנגט. דער פּראָפּיט איז געגאַנגען פאַר די געליטענע יידן אין אייראָפּע. מען האָט סערווירט בלינצעס מיט קאַווע, און געשפּילט אין קאָרטן. צעהיצטע, אויפגערעגטע פּנימער זיינען געווען איינגעהילט אין רויך פון סיגאַרעטן, וואָס האָט זיך געדרייט איבער זייערע קעפּ ווי גרויע שלאַנגען. מיסעס סילווער, די „ריעל־עסטייטניצע", מיסטער סילווערס פרוי, דער וואָס האָט איר ניט אָפּגעגעבן ס׳האַנט־געלט, איז אויך דאָרט געווען. זי האָט פאַרגעסן אַן איר „דייעט" און געשלונגען די בלינצעס, די בריליאַנטענע רינגען אויף אירע פינגער זיינען געווען אַריינגעזונקען אין פעטן פלייש. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי וועט זיי קיינמאָל ניט קענען אַרונטערנעמען.

— דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן אַ „דייעט" — האָט זי גערעדט, קייענדיק מיט הנאה, און פּאַטשנדיק מיט די פעטע ליפּן — נאָר זינט דער אומגליק האָט געטראָפן אין „יוראָפּ", האָב איך צוגענומען צען פונט. אַז מען האַלט אין איין מאַכן „לאַנטשעאָנס" מיט „דינערס" . . . אַז זי האָט גערעדט,

האָט זיך ביי איר דער גוידער געטרייסלט, ווי אַ טאָרבע פּראָוויאַנט. אירע קליינע, מאַטע אויגן זיינען געווען אַריינגעזונקען אין פליישיקן שטערן, און מיט די פעטע, קורצע פינגער האָט זי שנעל און גענויט געטאַשט די קאָרטן.

דערזען אסתרן, האָט זי זיך זיס צעשמייכלט — וואָס מאַכט איר, מיסעס לאסנער? דאַכט זיך, אַז איר האָט פאַרלוירן וואָג — הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן. מיר העלפט אפילו ניט קיין פאַסטן . . . ס׳זיינען פאַראַן טעג, וואָס איך לעב איבער, גלויבט מיר — מיט גאָרניט. כ׳הונגער — פשוט, איך הונגער. דאַרף איך דאָך אָנווערן וואָג. נאָר, ווייס איך וואָס! אַז כ׳נעם נאָר אַ ביסן אין מויל אַריין, מאַך איך אַלץ קאַליע . . . יאָ, גוט וואָס כ׳האָב זיך דערמאָנט, מיסטער סילווער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל אייך זען . . .

* * *

זיצט, מיסעס לאסנער — האָט איר מיסטער סילווער, צומאַרגנס, פריינט־לעך אויפגענומען — הערט זיך איין: דאָס הויז, אויף וועלכן איר האָט געגעבן אַ „דעפּאָזיט״, האָב איך שוין פאַרקויפט . . . קענט איר האָבן אייערע הונדערט דאָלער צוריק. כ׳האָב, אָבער, איצט אַזאַ הויז צו פאַרקויפן, וואָס כ׳וואָלט גע־וואָלט סע זאָל אָנקומען צו אייך . . . קומט אַהער — האָט ער זי אַוועקגעפירט אַן אַ זייט — כ׳וויל ניט זי זאָל הערן — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ פרוי, וואָס איז דאָרט געזעסן — זי לויפט אויפן הויז, כ׳וואָלט אָבער געוואָלט, איר זאָלט עס קויפן.

ער האָט זי אַוועקגעפירט באַקוקן ס׳הויז. ס׳איז געווען פריש אָפּגעפאַרבט, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטיקל צעמענטענעם פונדאַמענט. אַ קליינינקע קיך און גרויסע, הויכע צימערן; אַ גרויסער „לאָט״, מיט גראָז און בלומען אַרום . . . אסתר האָט זיך דערפרייט מיט דער ברייטקייט, פרייקייט. זי קאָן מיט איינמאָל אַראָפּטרייסלען די לענדלאָרדס פון זיך. קיינער וועט איר ניט קוקן אין טעפּל אַריין, קיינער וועט איר ניט נאָכקריכן.

— כ׳וועל רעדן מיט מיין מאַן.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג ווען מען דאַרף זיי אַרויסשטעלן.

זי און די קינדער האָבן ווידער אָנגעהויבן אַריינוואַרפן ווערטער וועגן קויפן אַ הויז, די פרייזן האַלטן אַלץ אין איין שטייגן, אויף ווען וועט מען וואַרטן?

חיים איז געווען מיד און פאַרביטערט — איך מיש מיך שוין ניט, טוט וואָס איר ווילט.

זי האָט אָפּגערופן סילווערן, אַז זי וועט קומען מיט די קינדער נאָכ־אַמאָל באַקוקן ס׳הויז און רעדן וועגן אַ פּרייז.

אַז אסתר מיט די קינדער זיינען אַריין צו סילווערן אין אָפיס, איז די פרוי, וואָס „לויפט אויפן הויז״, דאָרטן ווידער געזעסן . . .

נאָך אַ לאַנג דינגעניש, האָבן זיי איינגעצאָלט טויזנט דאָלער מיט אַ טשעק, און אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט.

אָפּגעוואוינט עטלעכע טעג אין נייעם הויז, איז אסתר, אַ פאַרצווייפלטע, געלאָפן צום ריעל־עסטייט־מאַן — די רערן זיינען פאַרזשאַווערט און רינען; „טוירמייטס" (ווערים וואָס עסן האָלץ) צעפרעסן דעם פונדאמענט; ס'רעגנט אַריין פונם דאַך . . . וואו איז יושר, וואו איז מענטשלעכקייט? — האָט זי, אַ צעווייטיקטע, געטענהט.

אַז זי איז אַהיימגעקומען, אַ פארוויינטע, האָט איר חיים געטרייסט:

— נאַרעלע, קיין זאַך איז ניט אייביק. ס'וועט פלאַצן, ס'וועט מוזן פלאַצן!

⚜ ⚜ ⚜

שפרה ווייס

קאַליפאָרניע

לאַנד פון אויל, וויינטרויבן און מאַראַנצן . . .
נאָכן רויטן פאַרגיין פון דער ברענענדיקער זון —
פלעגן די אינדיאַנער די נעכט אָנצינדן
און אַרום די צעפלאַקערטע פייערן —
די הייסע בלוטן אין שלאַנגען־טענץ אויסטאַנצן . . .

אַרום —
דער ריטם פון קייטן שטיינערנע בערג;
אינמיטן —
די צווייגן־געפלאָכטענע היימען,
און אין הענט בלויז געהאָרכזאַמע פייל־און־בויגן —
פון אָנפאַלן בייזע צו היטן.

זיינען פרעמדע געקומען,
און מיט ביקס און פולווער פאַרטריבן
די רו און דעם פרידן;
און די פאַלמען, די נים און די טרויבן —
אינגאַנצן פאַר זיך פאַרנומען.

האָבן מאָלער געמאָלן די בערג און די טאָלן,
די שטאָלצע פאָנטאַנען פון נאַפט,
האָבן דיכטער געזונגען פון פאַלמען און בלומען,
פון גאָלדענע מאַראַנצן און זאַפט!

און ערגעץ־וואו וואַנדערט,
צום ריטם פון ווייטע און שטיינערנע בערג —
פון צעפלאַקערטע פייערן, אַן איינזאַמער גלאַנץ,
און ערגעץ־וואו וואָגלט
דער רויש פון אַ נאָך־ניט־פאַרענדיקטן טאַנץ . . .

כּל־זמן איך בין דאָ

איך קען ניט די שפּראַך
פון „לאָז־מיך־געמאַך".
כּל־זמן איך בין דאָ,
בין איך וואַך צו יעדער זאַך,
וואָס פירט אויף אַרויף . . .

אויב שוואַך איז מיין גוף —
איז שטאַרק מיין גייסט,
וואָס ווייסט און ווייזט,
שפּירט און פירט —
צו אוצרות נאָך ניט באַרירט.

אין דער הערלעכער שעה —
ווי וואויל וועט מיר זיין,
כּל־זמן איך וועל זיין —
צו פאַרזוכן דעם וויין,
מיט אַלע, וואָס וועלן נאָך זיין . . .

נאָך אונדז וועלן דורות
ווערן ווייטער געפירט —
צו אוצרות נאָך ניט באַרירט.

לאָטי פ. מלאך

מעשה שאפּ

(דערציילונג)

דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, אין סאַמע ברען פון סעזאָן. די הייסע קאַלי־פאָרניער זון האָט אָפּגעשלאָגן מיט גלי אָן דער גאָלד־אויף־שוואַרץ־אויסגע־ציקלטער שילד אויפן אויבערשטן שטאָק פון א ווערסט עדעמס געביידע: „סיגעל ספּאָרטסוועד”.

די צוויי רייען מאַשינען אין שאַפּ, הארט נעבן אנאנדער, האָבן מורא'דיק געררודערט. די צוויי רייען מענטשן, איינע קעגן די אַנדערע, האָבן זיך ניט אָנגעקוקט. זיי זענען געזעסן געקלאַמערט צו די מאַשינען, ווי די „זשאָקיס” צו די פערדלעך, און האָבן געיאָגט, געיאָגט ביז משוגעת. איבער זייערע געבויגענע קעפּ, אין געדיכטן רויש, און עפּעס ווי א בייסעדיק נעפּל, האָט געשוועבט דאָס גיריקע אויג פון באַלעבאָס.

אין קליינקייט: דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, אין סאַמע ברען פון זומער־סעזאָן . . .

דער טעלעפאָן האָט זיך געריסן, ווי א הונט אויף דער קייט. דאָס יונג, ניט דערפאַרן שול־מיידל האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן. יעדע מינוט האָט איר קולכל א קלינג געטאָן: „סיגעל ספּאָרטס־וועד”.

מר. סיגעל איז זיך א ייד א באַלעבאָס, וואָס געטרויעט קיינעם ניט. נישט זיין ווייב, נישט זיין, אין אים גערעאַטענע, טאָכטער און אפילו ניט זיין בן יחיד, ווילי. ער מוז איבעראַל אליין זיין, איבעראַל האָבן זיין האנט, זיין אויג, זיין דעה. איז אויב אַזוי, צו וואָס האַלטן קוואַליפיצירטע אַרבעטער? ערשטנס, קאָסטן זיי טייערער; צווייטנס, געהערן זיי צו דער יוניאָן; דריטנס . . . זענען זיי אויך סיוויי ניט קוואַליפיצירט. ער, מר. סיגעל, איז אייך אימשטאַנד צו דיסקוואַליפיצירן יעדן בעסטן ארבעטער, וואָס קומט אריין צו אים אין שאַפּ. זיינע אייגעלעך פליען ארום, באַהאַלטן זיך אויס, אין יעדן ווינקל און, ס'דאכט זיך, אז נאָך זיי לויפט נאָך א דין עקל פון א מויז.

מר. סיגעל איז זיך זייער אַן אָפּנהאַרציקער מענטש. ער איז נישט פון יענע בטלנים, וואָס האָבן אמאָל געהערט צו אַ „פּעטשע־מעטשע” פאַראיין, און היינט קאָן מען קיין מויל ניט עפענען צו קיין ארבעטער. ער, מר. סיגעל, טוט זיך אויס פאַר אייך נאַקעט, און ווייזט אייך, אומפאַרשעמט, זיין כוונה: איך וועל דיך באַרייסן און באַשינדן, ווי גרויס דו ביסט. קאָנסטו? — ווער דיך. ער טוט דאָס אָבער אַזוי פלינק און געשיקט, אז מען באַווייזט זעלטן זיך צו ווערן. און ער, מר. סיגעל, בלייבט שטענדיק דער זיגער. אַ, מר. סיגעל האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט זיינע ספּאָרט סוטס (קאָסטיומען); סיי אין די געשעפטן, פאַר זיין גוטער ארבעט; סיי אויפן מאַרק, פאַר זיין גוואַלדיקער קאָנקורענץ; סיי צווישן די ארבעטער, פאַר זיינע טרויעריק־באַוואוסטע באַדינגונגען.

אָט טאָקע אין דעם הייסן דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, ווען דאָס געיעג אין שאַפּ האָט דערגרייכט א מוראַדיקן קלימאַקס, האָט זיך דערהערט דאָס גלעקל:

אין לאַנגער קלינג, מיט אַ קורץ קלינגל. אַ סימן, אַז מען רופט מר. סיגלען אין אָפיס אריין. דאָס גלעקל האָט געקלונגען איינמאָל, צוויימאָל און איז שטיל געבליבן. מר. סיגעל איז געלאָפן פון שאַפּ אין „שאָו־רום" (סאַלאָן) און צוריק. ער האָט געטראָגן אויף זיין אָרעם עטלעכע סוטלעך, מיט קליידלעך און הויזן, און עטלעכע — בלויז מיט קליידלעך — „סקוירטס", הייסט עס. ער האָט זיך ממש געשפיגלט אין זיי. זיין צעפלאַמט פּנים, מיט די רויטע בעקלעך, האָט געשיינט ווי אַ פּורים־קוילעטש. אין „שאָו־רום" זענען געזעסן עטלעכע קויפערס פון „בולאָקס" און „סאַקס". (פון „אַרבאַכ׳ס" אויך, נאָר אויף יענע האָט ער זיך איצט ניט אומגעקוקט). „בולאָקס" האָט שוין געהאַט אָפּגעקליבן עטלעכע פון זיינע „סטיילס", דאָס האָט געשמעקט מיט גרויסע באשטעלונגען. אויפן וועג, אין מיטן אהין־און־אהער־געלויף, האָט פּאַרטשעפּעט זיין אויער אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט, און אין איר ראַם איז שטיין געבליבן אַן עלטערע פרוי, מיט אַ קרומען פוס, און אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. מר. סיגעל האָט אויף איר אַזאַ קוק געגעבן, אַז די פרוי האָט צוריק געטראָטן, נאָר מיטן באַוואוסטזיין פון לעצטער ברירה, איז זי דאָך אריבער די שוועל. מר. סיגעל האָט זיך פּלוצלינג דערמאַנט, אַז ער איז גראַד זייער גוט אויפגעלייגט. ער האָט אריינגעשטופּט צוויי קורצע, פעטינקע פינגער אין זיין ענג־געפּאַסט הויזן־קעשענקעלע, ביים גאַרטל, און האָט פון דאָרט ארויסגעשלעפּט אַ „קוואָדער". די פרוי האָט אויפגעהויבן איר פאַרשעמטן בליק פונם דיל, און אירע וואַסערדיקע אויגן האָבן, פאַרלוירן, אַ שמייכל געטאָן:

— איך בין אַ קוואַליפיצירטע אָפּערייטערין . . .

מר. סיגעל האָט זיך שיר ניט אָפּגעריסן אויף איר מיט אַלע בייזע חלומות. ער האָט, בטבע, פיינט דאָס וואָרט „קוואַליפיצירט".

ער האָט פּלוצלינג אַ קוק געטאָן הינטער זיך, — אין שאַפּ אריין. אויפן עק פון די צוויי רייען מאַשינען, האַרט ביי דער וואַנט, איז געזעסן די „גרינע". אים געפעלט גאַרניט איר הולד. ווי נאָר זי איז אַריין אין שאַפּ איז זי געוואָרן אויסגעקאָכט מיט אַלע אַרבעטער. ווי קומט צו אַ „גרינער" אַזאַ היימישקייט? מר. סיגעל האָט פיינט, אַז מען פילט זיך ביי אים אין שאַפּ, ווי ביי זיך אין דער היים. אים געפעלט ניט איר קוק, גלייך די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אירע. אַמאָל, אַז מען האָט אריינגענומען אַ „פּאַרטנער", האָט מען אים געקאָנט ארום פינגער דרייען. הייַנטיקע „גרינע" — אַפילו זיי טויגן ניט!

לעצטנס, ווען ער קומט אריין אין שאַפּ ווערט מיטאַמאָל שאַ־שטיל. אים געפעלט אַפילו ניט דאָס, וואָס איזי גלאָוב האָט אים אַזוי פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן, אַז „דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן — וועט מען דאַרפן פעסטשטעלן פרייזן". וואָס הייסט מען וועט דאַרפן? ער, מר. סיגעל וועט שוין פעסטשטעלן . . .

ער האָט געהייסן דער פרוי קומען מאָנטיק; ער האָט איר מאָנטיק געהייסן קומען מיטוואָך, און מיטוואָך — געהייסן קומען שבת „נאָכפרעגן". ער האָט איר געהייסן קומען אַזוי לאַנג, ביז ער האָט געפילט, אַז די פרוי איז שוין דערנידעריקט ביז צום סאַמע שטויב פון דער ערד.

איינמאָל, אין אַ גוט־געשטימטן מיטוואָך פאַרנאַכט, איז ער צוגעגאַנגען

צו דער „גרינער", צו וועלכער ער האָט זיך שוין געהאַט אַ היבשע צייט געטשעפּעט: דאָ האָט זי פאַרביטן דעם מאָדעל; דאָרט האָט זי פאַרקירצט, און דאָ — פאַרלייגט. און ווען די אַלע זאַכן האָבן ניט געהאָלפן, די מיידל האָט אַרויסגעוויזן אַן אייזערנע געדולד, האָט ער איר פּשוט געזאָגט, אַז זי האָט שוין גענוג ביי אים געאַרבעט, זי מעג שוין גיין זוכן ערגעץ אַנדערש.

די מיידל, מיט אַן ערנסטן פּנים און אַ פּאָר אויגן, וואָס מיינען, אַז די גאַנצע וועלט איז זייערע, האָט פּלוצלינג באַוויזן אַ טראַציק נעזל, און עפּעס, ווי אַ חוזק שמייכעלע, האָט אַ שפּיל געטאָן אַרום אירע פולע ליפּן. זי האָט זיך אַנגעטאָן אַ פאַרשייט היטעלע (מר. סיגעל האָט זיך געטראַכט: זע נאָר, די גרינע פּרינצעסין . . .) און פאָדערנדיק דאָס טראַציק נעזל, האָט זי גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן: „איר ווילט פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס, — איך בין מסכים".

מר. סיגעל איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער: „וואָס פאַר אַ „פּראָצעס", ווען „פּראָצעס"? וואָס־זשע, עסט מיך לאָדן? אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד, אַז מען וויל אַרויסוואַרפן אַן אַרבעטער, וואַרפט מען אים אַרויס . . ."

אַ גאַנצע כאַפּטע מיידלעך זיינען נאָכגעלאָפן דער „גרינער" אויף די טרעפּ צו הערן, וואָס מר. סיגעל האָט איר געזאָגט. די „גרינע" סילוויאַ האָט זיי איבערגעגעבן געטריי די פּרטים, ניט איבערגעטריבן. זי האָט בלויז צו־געגעבן, אַז אַמעריקע איז טאַקע אַ פריי לאַנד, נאָר אַזעלכע שעפער ווי מר. סיגעלס זיינען הפקר — הייבט איך, מאָרגן איר . . . זי האָט געקוקט די מיידלעך, אַרויספאָדערנדיק, אין די אויגן . . .

צו מאָרגנס זענען אַלע, אַ חוץ דער „גרינער", געקומען צו דער אַרבעט, גלייך ווי גאָרנישט. ביי דער „גרינערס" מאַשין, אין ווינקל ביי דער וואַנט, האָט זיך אַוועקגעזעצט אַן עלטערע פרוי, מיט טונקל־גרויע האָר, און אַוועק־שטעלנדיק אַ גראָבן שטעקן אין אַ זייט, און דעם איינעם געזונטן פוס, אויפן טראָט פון דער מאַשין — האָט זי אויפגעהויבן אַ פּאָר וואַסער־פאַרשוואָומענע אויגן, און האָט אין טיפסטער פאַרלעגנהייט אַ שמייכל געטאָן, שווער געווען צו זאָגן צו וועמען.

מר. סיגעל האָט איר צוגעטראָגן אַ „סעמפּל", אַ בינטל געשניטענע סחורה, וואָס האָט זיך געמינעוועט אין פאַרשיידענע קאָלירן, עטלעכע שפּאָלן פאָדעם און מער האָט ער זיך אויף איר ניט אומגעקוקט.

אַרום עלף אַ זייגער האָט די פרוי גענומען איר שטעקן, אונטערגעהונקען, איז זי צוגעגאַנגען צו דער פיגור אָנמעסטן איינס פון די זשאַקעטלעך, וואָס זי האָט שוין געהאַט אויפגענייט.

מר. סיגעל האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אַן ערשט־קלאַסיקע אַרבע־טערין. אָבער ער איז נישט קיין יאָלד, מר. סיגעל. ער האָט פונדעסטוועגן געפונען עטלעכע חסרונימלעך, נאָר האָט גרויסמוטיק צוגעגעבן, — אַז „ס'וועט זיך אויספּרעסן". זאָל די קאַליקע ניט מיינען, אַז ער צאַצקעט זיך מיט איר.

מר. סיגעל האָט געמאַכט אַ גלענצנדן בייט. ס'איז ביי אים ווערט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער איז פון דער „גרינער", מיטן פאַרריסן נעזל, פּטור געוואָרן. די־אַ־דאָ, וועט ער דאָך קענען אַרום פינגער דרייען . . . טאָמער, ווי אַ זאָך מאַכט זיך, זעצט ער אַוועק די קאַליקע, זיין ווייב, דער ווייבס שוועסטער און זיין טעכטערל, וואָס וויל סיי ווי ניט גיין אין קאָלעדזש און

האָט זיי אַלעמען אין דר׳ערד. ער האָט אָבער גלייך דערקענט, אַז דאָס קריפּל מוז קענען ארבעטן.

שבת, צוועלף אַ זייגער, האָט ער מיט אַ צעטאָפּעטער פּריינטלעכקייט אריינגערופן די פרוי אין אָפיס אריין. ער האָט מיט איר אָפּגעמאַכט אַ פּרייז, און דערביי ארויסגעוויזן אַזאַ אומנאַטירלעכע ברייטהאַרציקייט, אַז דער פרוי איז געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך.

— נאָר געדענק, איך גיב דיר אַ „טשענס"; זאָלסט ניט נאָכגיין די „טראָבל"־מאַכער. אויב יאָ, וועט זיין שלעכט פאַר דיר.

ער האָט איר אונטערגעטראָגן דעם לוין פאַר די פּאָר טעג, וואָס זי האָט גע־אַרבעט, צו די אויגן. די פּרוי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך געלאָזט צו דער טיר, און אנשטאָט אַ גוטן טאָג, האָט זי דאנקבאַר אַ שמייכל געטאָן.

מאָנטיק אין דער פרי זענען אַלע געקומען עפּעס באַזונדערס אויפגע־לייגט צו דער ארבעט. די מאַשינען זענען אַוועק אין אַ געוועט. נאָר צען אַ זייגער, פּלוצים, — „סטאָפּ"!

מר. סיגעל איז אריין מיט אַ געקוויטש ווי אַן אָפּגעגרילטער. דאָס האַרץ האָט אים אָבער געזאָגט, אַז דאָ קלייבט זיך עפּעס . . .

— וועהאָט׳סי מעטער, וועהאָט׳ס ? . . .

איזי גלאָב — (אין דער היים האָט ער געהייסן יצחק ערדקוגל) — אַ פרי־געעלטערטער מענטש, מיט אַ יונג־אויסגעקראָכענער ליסענע אויפן קאָפּ, און אַ קווער־שניט אויפן פּנים, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט נאָך אין די גאָר ערשטע סטרייקס אין דער נאָדל־אינדוסטריע, האָט זיך אויפגעשטעלט און, מעשה גוטער ברודער, אים צוגערופן:

— „קאָם־אָן", מר. סיגעל, לאָמיר אַ רעד טאָן ביזנעס.

— וואָסערע ביזנעס איצט, אין מיטן דערינען? איך דאַרף אַרויסשיקן די „אָרדערס" — ער האָט געלאָזט גיין דעם מאָטאָר, וואָס האָט שטילערהייט געזשומעט, נאָר קיין רעדל פון אַ מאַשין האָט זיך ניט גערירט. די ארבעטער האָבן געלאַכט. האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ניט קיין שפּאַס.

— מר. סיגעל, איר ווילט אהערגיין ? — האָט אים איזי ווידער גערופן, און אַז יענער האָט ניט געענטפערט, האָט שוין עליק, דער קאַטער, וואויל־יינגעריש צוגעגעבן: — ס׳פעלט אונדז אַ האַנט צום „פּויקער", — אַן אָנצו־הערעניש, אַז מען קלייבט זיך דאָ צו באַזעצן . . .

מיטאָגצייט האָט מען אַראָפּגעשיקט די מיידלעך ארויפצוברענגען שפּייז, און די עלטערע פרויען האָבן זיך צעבריה׳ט און מען האָט צוגעגרייט אַ טיש פון כל טוב, ממש ווי צו אַ „פּאַרטי".

די פרוי מיטן קרומען פוס איז געזעסן ביי דער מאַשין, און איז מיט איר וואָסערדיקן בליק ארומגעשוואומען איבערן גאַנצן שאָפּ. זי האָט זיך ניט געריכט אריינצופאַלן גלייך אין אַ סטרייק. זי ווייסט, וואָס דאָס מיינט אַ סטרייק, און זי פילט זיך שטאַרק ניט בכח. איבעריקנס, האָט זיך איר אויס־געוויזן, אַז דער סטרייק איז גאָר צוליב איר, ווייל מען האָט זי ארויפגענומען אין שאָפּ אריין. זי האָט געהערט אייניקע אַרבעטער זיך שושקען, און ווייסט וועגן וואָס.

מר. סיגעל איז עפּעס ניט געווען אינגאַנצן זיכער מיט דעם אָפּמאַך,

וואָס ער האָט געמאַכט מיט איר שבת אין אָפיס. די אַרבעטער, ווידער, האָבן ניט געוואוסט, צי קאָן מען איר געטרויען. זיי איז ניט געפעלן, וואָס מר. סיגעל האָט איר אַרויפגעשיקט אַ „סענוויטש", מיט אַ פלעשל וואַסער און אַן אייז־קרים. זיי וואָלטן זי דען ניט איינגעלאַדן צו זייער טיש? נאָר, אַז זי עסט פון באַלעבאָס האַנט . . . איבעריקנס, האָבן זיי באַשלאָסן דעם קריפּל אינגאַנצן אַרויסצולאָזן פונעם שפּיל. זי זאָל נאָר ניט גיין אַרבעטן. אויב זי וועט גיין, וועלן זיי זיך דאַרפן מיט איר „ספּראַווען".

אַמאָל איז די דאָזיקע פרוי, אין אַזעלכע פאַלן, געווען די ערשטע, די מוטיקסטע און די פרייליכסטע. ניין, זי איז ניט געווען דער שטרענג־ציל־באַוואוסטער מענטש. אין איר האָט אָבער געלעבט אַ געזונטער אינסטינקט, אַ מענטשלעכער חוש, וואָס האָט זי געפירט אויפן גלייכן וועג.

אַמאָל, בעת זי איז געגאַנגען מיט איר מאַמען אויף אַ „פּיקעט־ליין" קעגן ברויט־יקרות, איז זי, צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען, אַרעסטירט געוואָרן. האָט זי, די דאָזיקע פרוי, וואָס זיצט שוין איבער צוויי שעה און רירט זיך ניט פון אָרט, אַדורכגעפירט פאַרשיידענע פאַרווייַלונגען און טענץ, טאַקע דאָרטן אין דער פּאָליציי־סטאַנציע. דער אויספאָרשער האָט גערופן צום פאַרהער; אָבער זי, די דאָזיקע פרוי, האָט פריער געמוזט ענדיקן איר טאַנץ. דער אויספאָרשער האָט געקריצט מיט די ציין, נאָר זי האָט אים שפּילעוודיק געלאַכט אין פּנים אַריין. דערצו איז זי נאָך געווען אַ שיינע אויך, מיט אַ קיילעכדיק קינדיש פּנים, און אַ פּאָר קוגי איילענדיש פאַרברענטע, פּוכקע הענטלעך. האָט דער אויספאָרשער דאָך געזען, אַז דאָס איז גלאַט אַ ווילדע ציג, דערצו נאָך אַ געבוירענע אין פּלעטבוש, האָט ער זי געמוזט באַפרייען. וואָרים, וואָס דען האָט ער געוואָלט טאָן מיט איר, דער אויספאָרשער? ער האָט דאָך ניט געקאָנט דערלויבן מען זאָל אים מאַכן די תפיסה פאַר אַ טאַנץ־זאַל . . .

יאָ, אַמאָל, אַמאָל האָבן די דאָזיקע האָר געשיינט ווי קופּער אין דער זון. ניין, נישט געלאָקטע ווי מען וויל דאָס האָבן באַשריבן, נאָר כוואַליעדיקע, קאַפּריזנע, פּונקט ווי איר גאַנץ וועזן. הייַנט זייַנען אירע האָר געוואָרן אויס־געצויגן אין פאַרבלאַזע סטרונעס, גלייך זיי וואָלטן גרייט געווען צום שטאַרבן. פּונקט אַזוי אירע אויגן; די איצט, אין אומענדלעכקייט, וואַסער־פאַרטרונקענע אויגן, זענען אַמאָל געווען בלוי. ניין, נישט ווי דער הימל, נאָר טיף און דורכ־געלויכטן, ווי דער ים אין זוניקע טעג. טיילמאָל אָבער — טונקל־בלוי, גרוי־בלוי — ווי דער ים אין אַ שטורם.

אַמאָל האָבן די דאָזיקע פיס, וואָס דאַרפן איצט די הילף פון אַ שטעקן, געטאַנצט פון זיך אַליין, און זיך פלינק געדרייט אויפן קנאַפּעלע אַרום אַ מאַן, וואָס איז געזעסן ביים טיש, מיט אַ הויכן שטערן און לויטערן פּנים. דער מאַן האָט געשמייכלט, ברייט געשמייכלט, און געגעסן, געגעסן מיט אַפּעטיט און געשמאַק. און איר, דער דאָזיקער פרוי, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס שלינגט ער גאַנצע שטיקער שטראַלן. די צעשפּילטע אויגן פון דער פרוי האָבן אַריינגעלאַכט פריער אין טעלער, דערנאָך אין פּירקאַנטיקן פּנים פון איר גאָט־באַשערטן מאַן. נאָר אַז דער באַשערטער האָט אין אַ שיינעם, העלן טאָג צוגעמאַכט די אויגן, און מיטגענומען מיט זיך אירע אַלע, נישט גע־

בוירענע קינדער, האָט ביי דער פרוי אין מח עפּעס אַ „צוויק" געטאָן, און אינעווייניק אין האַרצן האָט זיך עפּעס איינגעבראָכן. און שוין ... נאָכדעם איז שוין אַלעס געגאַנגען ראַפּטאַם באַרג אַראָפּ. איצט זיצט זי דאָ, צווישן אייגענע — א פרעמדע.

די פרוי האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די טרויעריק־קאָמישע ראָל, וואָס זי פאַרנעמט דאָ, זיצנדיק ביי דער מאַשין, וואו פון אלע זייטן פאַלן אויף איר אומצוטרוילעכע בליקן. בעת די ארבעטער האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום פולן, געגרייטן טיש, און די פרויען האָבן גענומען אויסטיילן פאַפּירענע טעלער, האָט זי זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט, און גענומען איר שטעקן. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. זי האָט זיך געלאָזט גיין, איר שטעקן האָט אָפּגע־הילכט מיט א טעמפּן קלאַפּ אָן דיל. ערשט ביי דער טיר, האָט זי זיך אויס־געדרייט, און האָט צוריק־געשיקט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן: אַ גוטן, און אַ גוטן! ...

מר. סיגעל האָט זי געכאַפּט אין פאַרהויז, און האָט זי אריינגערופן אין אָפיס. זי איז ניט געגאַנגען. מר. סיגעל האָט געפילט, אַז ער וואָלט איר מיט פאַרגעניגן ארויסגעריסן דעם געזונטן פוס. ער איז איר נאָכגעלאָפן און האָט איר פארשטעלט די טיר. ער האָט זי געבעטן זי זאָל קומען מאָרגן נאָכמיטאָג צו דער ארבעט. — גאַנץ פרי וועט קומען פּאָליציי, און וועט ארויסיאָגן די באַנדע לײדיק־זיצער — ווי די הינט. וועסט ביי מיר גוט פאַרדינען — האָט ער זיך געבעטן ביי איר. — כ'וואָלט דען זיי קיין פּרייז ניט געגעבן, ווען זיי כאַפּן זיך ניט צום סטרייק, איצט, אין מיטן סעזאָן ...

— כ'בין ניט קיין סטרייק־ברעכער, האָט די פרוי געשמייכלט צום הענטל פון דער טיר.

— דו, פאַרדאַמטער קריפּל! — האָט זיך שוין מר. סיגעל ניט איינ־געהאַלטן.

— גיב איר אַ „טשענס", גיב איר ...

די פרוי האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ. אין שאַפּ האָט, פון העלער הויט, אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. מר. סיגל'ען איז דאָס בלוט פון די רויטע באַקן געשטיגן ארויף צום שטערן, צו די וואָרצלען פון די האָר, צום מח. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַן אָפּגעבראָכענע קאָפּ פון אַן אַלטער מאַ־שין, און האָט א שליידער געטאָן אראָפּ די טרעפּ. דאָס אייזן האָט אַ זעץ געטאָן אין שטעקן פון דער פרוי, און האָט דוקא פאַרטשעפּעט דעם קראַנקן פוס. די פרוי האָט זיך איינגעדרייט אין דרייען פון ווייטאָק. פונדעסטוועגן, האָט זי זיך נאָך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דעם שטעקן, און האָט נאָך באַ־וויזן אָנצוקומען אַהיים אין איר איינזאַם צימער, טאָקע אויף עדעמס בולווארד. קיין וועטשערע האָט זי שוין ניט געגעסן. אַ קלעפּיקער שוויס האָט געווייקט אירע פאַרבלאָזטע האָר, און אַן אומהיימלעכע קעלט איז דורכגעגאַנגען אירע גלידער. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן אירע שיך, און באַפרייט דעם קראַנקן פוס צו פאַרהיטן פון אַן אָנלויפנדיקן געשווילעכץ. זי האָט זיך אריינגעשלייכט אונטערן צודעק מיטן אָנגעטועכץ. דאָס בעט האָט זי איינגענומען, איינגע־טוליעט איר צאַנקנדיקן קערפּער, ווי אַ געטרייע מאַמע.

מיט דריי טעג שפּעטער איז דער פּאָליציי, ענדלעך, געלונגען צו באַ־

פרייען מר. סיגעלס שאָפּ פון די איזיס, סיידיס און אַנדזשעלינאָס. נעבן שאָפּ האָט זיך ווידער באַוויזן די „גרינע״, און מיטאָג־צייט, ווען אַלע גייען אַראָפּ עסן, איז זי אַרויפגעקראָכן אויף אַ טראָק, און האָט געהאַלטן אַ פלאַם־פייערדיקע רעדע, און דווקא אין אַ קערנדיקן, פּאַכמעניִשן ענגליש. מר. סיגעל מיט זיין טעכטערל, וועלכע זיינען געווען צוויי טראָפּנס פון איין בלוט האָבן אַראָפּגעקוקט פון פענצטער. די „גרינע״ האָט געדונערט: די טעכנישע אַנט־וויקלונג פון אונדזער לאַנד האָט ניט קיין שום נוצן פאַר לאַנגע, אויסגעצויגענע שעהן. ס׳איז דעם מענטשנס פּיאיקייט, וואָס האָט געשאַפן די בעסערע מעגלעכקייטן. מר. סיגעל וויל אַנהאַלטן זיין פאַבריק, ווי אַ מוסטער פון אַלטן „סוועט״־שאָפּ. אַרבעטער פון אַלע שעפּער, העלפט אונדז! ס׳איז אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער אינדוסטריע איבערן לאַנד . . .

מר. סיגעלס טעכטערל, אַ פּולינקע, אַ זאַפטיקע, ווי אַן עפּעלע, נאָר־וואָס פון בוים, מיטן פּאָטערס ציינישן שמייכל אויף איר נאַיוו פּנימל, האָט געפרעגט:

— פּאַפּאַ, האָסטו געזאָגט סילוויאַ איז אַ „גרינהאָרן״?

מר. סיגעל האָט אויף איר בייז אַ קוק געטאָן. וואָס דאַרף זי נאָך שיטן זאַלץ אויף זיינע וואונדן . . .

דער באָס נומער 11 האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראָג גרענד און וועסט עדעמס. עס זיינען אַרויסגעגאַנגען מענטשן, וועלכע מר. סיגעל האָט נאָך קיינמאָל דאָ ניט געזען. ער קען דאָך שוין, כמעט, יעדעס פּנים דאָ אין גאַס. באַלד האָט זיך פאַרמירט אַ פּיקעט דעמאָנסטראַציע איבערן גאַנצן לאַנגן בלאָק. נאָך דער דעמאָנסטראַציע איז צופעליק נאָכגעגאַנגען אַ קליינע לויה. אַ שוואַרצער וואָגן און עטלעכע מענטשן ביי דער זייט, דאָס אַלעס. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, סאַלוטירט דער איינזאַמער לויה, ניט ווויסנדיק, אַז דאָס גיבן זיי אָפּ דעם לעצטן כבוד אַן עלענדער אַרבעטער־פרוי, וועלכע איז געפאַלן אין זייער געמיינזאַמען שטרייט. די פּאָליציי, וועלכע האָט אויך סאַלוטירט, האָט זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אַז די לאַנגע רייען פּלאַקאַטן, וואָס די פּיקעטס האָבן געהאַלטן, האָט זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ וואַנט קעגן אָפענעם שאָפּ. די פּאָליציי האָט גענומען אונטערטרייבן: „גאָ אָן״! די פּלאַקאַטן האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן אַרויף און אַראָפּ פאַר מר. סיגעלס אויגן. ער האָט זיך, פונדעסטוועגן, ניט פאַרלוירן. אין זיין סודותפולן מח האָט ער שוין פריער געטראַכט, אַז מען וועט זיך דאַרפן ווידער פאַרקלייבן אַהין, אין יענעם צימער פונם אַמאָליקן, רייכן הויף, מיטן זייטיקן אַריינפאָר. מר. סיגעל האַלט שוין־אָן דאָס צימער דאָרט כמה וכמה יאָרן. אַרויס פון שטאָט, אָפּגערוקט פון דער גאַס, אפשר אַ האַלבע מייל, מיט אַ פּריצישן אַריינפאָר דורך אַ הויכן טויער. ווער, ווען וועט עס איינפאַלן?

דאָס דאָזיקע אַלטע צימער מיטן סקריפּעדיקן פּאַרקעט־דיל און אומגעווינטלעך הויכער סטעליע, ווייסט אַ סך צו דערציילן: פון אַמאָליקן וואויל־טאָג, פון גלאַנץ, פון איינזאַמע, אַראָפּגעקומענע לאָקאַטאָרן און . . . פון סטרייק־ברעכערישע מאַשינען.

די לאַנגע פענצטער, מיט די פאַרגראַטעוועטע באַלקאָנדלעך, קוקן אַרויס צו אַ געדיכט וועלדל מיט נאָדל־ביימער. אַמאָל איז דאָס געווען אַ

„באָדואר" פון א האליוואודער אַקטעריצע; שפּעטער — אַן עסצימער פון א רייכער פאמיליע; נאָך שפּעטער — אַ צימער פון א פּריוואַטן האָטעל. היינט איז עס א „סקעב־שאָפּ" פאַר מר. סיגעל. אַ, מר. סיגעל איז שוין א סך שווערע צייטן דורכגעגאַנגען דאָ אין דעם צימער. אין 1930 — באַנקראָט. אין 1936 — אַ סטרייק, אַ פאַרביטערטער סטרייק, מר. סיגעל וועט אים לאַנג געדענקען. און נאָך און נאָך. עמיצן קען זיך דאַכטן, אַז מר. סיגעל האָט זיך עס אזוי לייכט ארויפגעארבעט. ער איז געגנוג קאַלטס און ווארמס דורכגעגאַנגען ביז זיין שאָפּ האָט געקראָגן דעם נאָמען, און דעם קרעדיט, וואָס ער האָט היינט. דאָ איז ער געזעסן שעה'ן־לאַנג און האָט געלערנט מיידלעך אָפּארבעטן א זשאַקעטל. דאָ האָט ער ארויפגענומען זיינע בוכהאלטערס אים „אויסצוארבעטן" די חשבונות. אלע מאָל, אין אַן עת צרה, פאַרקלייבט ער זיך אַהער, — דאָ, אין דעם צימער, מאַכט אויף ס'נויטיקע ביסל ארבעט אויף ארויסצושיקן, דערנאָך גייט ער זיך שפּאַצירן אויף וועסט עדעמס, וויצלט זיך מיט די סטרייקער און מאַכט חוזק פון די יוניאָן פירער. אמת, די ארבעטער רופן דאָס אַן א „לאָק־אַאוט". און אז אַ „לאָק־אַאוט" איז וואָס? ער איז עמיצן עפּעס שולדיק?

מר. סיגעל איז מיט אַלעמען אויף „דו", ער שפּאַצירט זיך ארום אויף דער „פּיקעט־ליין" ווי, להבדיל, איינער פון די סטרייקער.

— נו, טשאַרלי, וואָס האָסטו אויפגעטאָן? — דערלאַנגט ער דעם ביזנעס־אַגענט איינעם פון זיינע גראָבע ציגאַרן — אַראָפּגענומען די מיידלעך פון דער ארבעט און אונדז אלעמען געלאָזט אָן פּרנסה . . .

טשאַרלי, דער ביזנעס אַגענט, פאַררויכערט זיך דוקא זיין אייגן ציגאַרעטל, און מאַכט צו מר. סיגלען, אויף „דו": — דאָסמאָל, סיגעלע, וועט עס דיר ניט אָפּגילטן. אַז דו וועסט ניט „סעטלען" דעם סטרייק, וועסטו ליגן ניין איילן אונטער דער ערד. וועסט נאָך ביי מיר שטיין אין „ברעד־ליין". מר. סיגעל האָט אַ ציטער געטאָן, ער האָט שוין דאָס אויך אַמאָל פאַרזוכט. אַ טיפע שנאה האָט אָנגעפילט זיין האַרץ צו אָט דעם שטאָלצן יוניאָן פירער, וואָס ענטפערט אים אויף זיין יעדן גוטן וואָרט מיט א שטאָך. פונדעסטוועגן, ווען ער האָט געזען ווי די ארבעטער, נישט נאָר די מיידלעך פון זיין שאָפּ, נאָר באַיאָרנטע יידן פון אַנדערע שעפּער, — אָפּערייטערס, פּרעסערס, שניידער — קלעפּן זיך אַזוי שטאַרק ארום דעם יונגן טשאַלי, מיט אַזאַ צוטרויען און ליבשאַפט, איז ער שטאַרק מקנא געווען. ווי ער איז פאַרהאַסט אויף דער יוניאָן וואָלט ער פונדעסטוועגן מסכים געווען, אַז זיין זון, דער צאַצקעדיקער בן יחיד, — ווילי, זאָל ווערן א ביזנעס־אַגענט . . . אבי ער זאָל עפּעס ווערן, אַ שטיקל לייט . . .

* * *

אבי איזי גלאָב האָט געמיינט, אז דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס וועט ער זיך שוין אָפּרוען. אָפּגעאַרבעט וואָסערע פינף און דרייסיק יאָר, געלאָפן צו מיטינגען; געזעסן אויף זיצונגען; זיך אָנגעסטרייקט וויפיל ס'איז אין אים אריין — איז ער פרי אויסגעמאַטערט געוואָרן. אַ מענטש אין די מיטעלע פופציקער, האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבןביידע טעכטער און איז שוין גרייט געווען זיך אָפּצושפּילן די רעשט פון זיינע יאָרן מיט די אייניקלעך.

ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט: — גענוג, איזי, גענוג פֿאַר דיינעטוועגן. — טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט שוין געהאַט גענוג, האָט ער זיך אריבער־געפעקלט אַהער קיין לאָס אַנדזשעלעס, זיך וואַרעמען אין דער זון. ער האָט מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג אריבערגעבראַכט די קינדער זיינע, ס׳הייסט ניט אזוי די קינדער, ווי די אייניקלעך, וועלכע זענען געוואָרן בא אים, ממש, דאָס חיות. און דאָ וויל ער שוין לעבן רואיק. אַוועק פונם הו־האַ, אויס סעק־רעטאַר, אויס שאַפּ־טשערמאַן, אויס פּאַרזיצער — מיט איין וואָרט, אויס! זאָלן שוין אנדערע טאָן. ערשט ער קומט אהער, און געפינט אויס, אז די גליקן זענען דאָ נישט אַזעלכע גאָלדענע, ווי מען הערט אין דער „איסט״. קיין דירה איז ניט בנמצא. דער דרעס־פּאַך ליגט אין דר׳ערד ביי די ווייבער, א מאָן האָט מען גאָר מורא ארויפצולאָזן אויף אַ „דזשאָב״, ער קאָן נאָך קאַליע מאַכן דעם „אָפּענעם״ שאַפּ — דערנאָך, גיי לאָד זיך מיט אים ביים אומפּאַרטייאישן „טשערמאַן״.

גייט ער אזוי, איזי, פון דער יוניאָן אין מאַרקעט אריין און צוריק. זיך ארויפצוקריגן ערגעץ אין אַ שאַפּ אריין, איז איצט געוועזן איזיס גרעסטער וואונטש. וויפיל ער וועט פאַרדינען, וועט ער פאַרדינען, אבי ערגעץ א בענקל. נאָר ס׳קריגט זיך ניט. וואוהין ער קומט אריין, קוקט אים דער באַלעבאָס אָן מיט אַזאַ פאַרדאַכט, אָט פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ פאַלנער גנב. ערשט איצט האָט איזי דערפילט זיינע פינף און דרייסיק יאָר נישט־דערשלאָפענע נעכט. ליגט ער אַזוי, איזי, אויפן בערגל אין האָלענבעק פּאַרק, דרימלט און טראַכט: — הייסט עס, אָפּגעאַרבעט א לעבן און איצט קאָן איך קיין שטיקל „דזשאָב״ ניט קריגן? — ער האָט דאָ אַזויפיל באַקאַנטע, „אָלד טיימערס״ בעל מלאכות פון קוני איילאַנד, פון די בראָנקס. אַלע זאָגן אים־צו, און ס׳לאָזט זיך אויס א בוידעם. וואָס ווייטער האָט זיך אַלץ שווערער אָנגעלייגט אויף זיין געמיט דער שאַפּ. און נישט אַזוי דער שאַפּ, ווי דאָס וואָס ער האָט ניט קיין שאַפּ. זיינע באַקאַנטע האָבן אים אפילו געראָטן ער זאָל אויך אריבער צו „קלאָוקס״, נאָר, גיי אויף די עלטערע יאָרן און הויב זיך ערשט אָן צו לערנען אויפסניי. איבריקנס, זעט ער ניט די גליקן ביי קלאָוקס אויך. שוין גלייכער ער זאָל געוועזן בלייבן אין ניו־יאָרק, וואו „דרעסעס״ איז אויך א פאַך. אפשר צוריק פאָרן? נאָר, וואָס טוט מען מיט די קינדער? זיי זענען נאָך ניט געקומען צו זיך פון דעם איבערברוך, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט קומענדיק אַהער. דערצו געפעלט זיי גראָד דאָ, די מילדקייט פונם קלימאַט, די מחיהדיקע זון, דער אייביקער זומער . . . האָבן זיי געקראָגן עפּעס שטיקלעך „דזשאבס״ — איינער פריער, איינער שפּעטער, איינער בייטאָג, איינער ביינאַכט, נאָר מען איז דאָך יונג, האָט מען זיך, ווי עס איז, צוגעפּאַסט און מען לעבט. איזי קאָן שוין דאָס אלעס ניט מיטמאַכן. און ווידער, אָן די אייניקלעך — איז זיין לעבן קיין לעבן ניט . . .

גייט ער אַזוי, איזי, אין מאַרקעט אריין זוכן אַ באַקאַנטן, כאַטש א רעד־טאָן מיט עמיצן פון ארבעט. אָך, ווי ער פלעגט דאָס אריינשיסן. אין ניו־יאָרק איז ער געווען פאַררעכנט צווישן די שנעלע. אויף דעם מאַרקעט באַגעגנט ער איינעם, זיינעם אַן אַמאָליקן שותף, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט פון איין „באָנדל״. ווייזט אים יענער א צייטונג, אז „סיגעל ספּאָרטסוועאַר״ זוכט

אפּערייטאָרס. — גיי ארויף — טענה'ט צו אים זיין אַמאָליקער שותף. — וואָס וועסטו דערלייגן? איך קאָן דיר גאַראַנטירן, אַז מער ווי צוויי וואָכן וועסטו דאָרט שטיין. דערנאָך וועסטו קומען אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן און פאַר־לאַנגען אַ קאַרד. אַלע ווייסן, אַז ביי מר. סיגלען מאַכט מען קלאָוקס, נישט קיין „ספּאָרטס".

די יוניאָן האָט שוין לאַנג געטראָגן א ביטער האַרץ אויף מר. סיגעל'ס שאַפּ. ווען ס'איז אויסגעקומען צו פאַרהאַנדלען מיט א באַלעבאָס, האָט ער גלייך געוואָרפן אין פּנים אריין סיגעלס „רעט־האָל" (מויזן־לאָך) — דאָ קומט איר שרויפן פּרייזן, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, אָבער אויף סיגלען האָט איר קיין שליטה ניט . . . ער פאַרפּלייצט די בעסטע געשעפטן מיט זיין ביליק־געמאַכטער ארבעט. די יוניאָן האָט זיך באמת געפּילט אין א גרויסער פאַרלעגנהייט. שוין וויפיל מאָל געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אָרגאַני־זירן „סיגעל'ס" — און ס'גיט זיך ניט איין. מר. סיגעל ווערט ערגעץ איינ־געזונקען מיט זיין שאַפּ, ווי אונטער דער ערד, דערנאָך טויכט ער אויף מיט א גאַנצן טראַנספּאָרט אויפגעמאַכטער סחורה.

* * *

איזיס פרי־געעלטערט פּנים, זיין מידקייט און דערשלאָגנקייט, האָט גראָד אַפּעלירט צו מר. סיגלען. ער האָט לאַנג געצווייפלט. איזי איז אים נאָכגע־גאַנגען וואָכן לאַנג. צום סוף האָט מר. סיגעל באַשלאָסן, ער וועט אים ארויפ־לאָזן אין שאַפּ. — איין שוואַלב קאָן דאָך קיין זומער ניט מאַכן. — האָט ער געטראַכט און געלאָזט איזי'ן זיך אַוועקזעצן ביי דער מאַשין. קיין קאָנטראַקט מאַכט ער ניט, מר. סיגעל, מ'עט זען . . .

דערהערט אין דער יוניאָן, אַז איזי גלאָב איז אויסגעוואַקסן ביי מר. סיגלען אין שאַפּ, האָט מען זיך געהאַלטן ביי די זייטן. „אריינגעכאַפּט דעם ריכטיקן פויגל" . . . ווען מר. סיגעל האָט אָפּגעזאָגט דער כלומרשטער „גרי־נער" איז שוין ביי דער יוניאָן געווען אין ברירה, איצט — אָדער קיינמאָל ניט. מען איז געגאַנגען צו איזי'ן אין שטוב אריין און מען האָט מיט אים גערעדט, אַזוי און אַזוי. איזי האָט זיך שטאַרק געקווענקלט. און נישט אַזוי איזי, ווי זיין ווייב, די גלאָבעכע: „לאָזט אונדז אָפּ" — האָט זי גערעדט פאַר איזין. „מיר האָבן געגנוג סטרייקס אויסגעקרייכט". „וואָסזשע, איר האָט געוואָרט אויף מיר?" האָט שוין איזי צוגעגעבן מיט אַ פאַרבייגונג.

ווי נאָר איזי איז אריין אין דער ראָל, האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן די גאַנצע מידקייט. ער איז גאָר באַנייט געוואָרן. ס'האָט זיך אין אים צעברענט דאָס קעמפּעריש פייערל פון יענע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געהאַט אַ קאָפּ, מיט געדיכט־אויפגעשטעלטע האָר, ווי אַ קאַם ביי א האָן. ווען ער האָט נאָך געטאַנצט א שער, אַז פונקען זיינען געפלויגן פון אונטער זיינע פיס. ער איז ממש ווי באַנייט געוואָרן. כאָטש ביי זיך און ביי זיין ווייב האָט ער באַשלאָסן, אַז — מער ניט! נאָך דעם שאַפּ און מער ניט! דאָס איז אָבער געווען ניט זיין ערשטער באשלוס.

איזי'ן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי ווייסן גאָרניט ווי אומצוגיין מיט מר. סיגעל. ער וועט אים איינעמען מיט גוטן. ער איז מיט אים אומגעגאַנגען,

ווי מיט א ווייך איי. מר. סיגעל אהער און מר. סיגעל אהין. דאָס איז גראַד מר. סיגל׳ען שטאַרק געפעלן געווען. ער האָט ליב, אַז מען איז אָפּהענגיק פון אים.

ווי איבערראשט איז מר. סיגעל געוואָרן, ווען איזי האָט אים פּלוצים, אין מיטן מאַנטיק, צוגערופן צו רעדן מיט אים וועגן פּרייזן. ער וואָלט אים אראָפּגעשליידערט פון אלע טרעפּ. נאָר ער וויל זיך איצט נישט אָנהויבן . . . ער האָט זיך, אָבער, אלע יאָרן געהיט ארויפצונעמען א מאַן אין זיין שאָפּ אריין . . .

נאָך מער איבערראשט איז מר. סיגעל געוואָרן, ווען ער איז, אין א שיינעם, זומערדיקן פאַרנאכט ארויס פונם פּריצישן הויף, און אויף יענער זייט גאַס דערזען איזי׳ן. יענער איז זיך אזוי געשטאַנען, געררויכערט א ציגאַרעטל, אָנגעשפּאַרט אויף מר. סיגעלס „קאַר״ (אויטאָמאָביל). זאָל דאָס זיין א צופאַל, — פאַרוואָס זשע גייט ער ניט אַוועק? ווייסט ער פון עפּעס, — פאַרוואָס זשע שטייט ער פון דער וויטנס?

דאָס קאַץ־און־מויז שפּיל איז אזוי אָנגעגאַנגען לאַנגע וואָכן. איזי איז געוואָרן פאַרמאַטערט צום טויט. אויף זיינע און סילוויא׳ס (דער גרינער) אקסלען האָט זיך איצט געהאלטן דער סטרייק. אמת, די אנדערע ארבעטער האָבן אויך צוגעהאָלפן. די מיידלעך האָבן ארויסגעוויזן אַזאַ קוראַזש, אַז מען האָט זיך דאָס גאָרניט געריכט אויף די מעקסיקאַנער. מילא די יידישע פרויען פון ניו־יאָרק און שיקאַגאָ, — זיי זיינען געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן. אָבער דאָס פּיקעטן דעם שאָפּ איז איצט געווען מער ניט ווי אַן אָנשטעל. דער עיקר איז געווען אים דאָ, אין דעם ברייטן אריינפאָר, צו דערשטיקן. נישט לאָזן צופירן קיין ארבעטער, קיין סחורה, קיין גאָרניט. און מער פון אלץ — נישט לאָזן ארויספירן די ארבעט. וואָס דאָס האָט געמיינט היטן פיר און צוואַנציק שעה א טאָג.

אריינגעמישט האָבן זיך דוקא מר. סיגעלס אייגענע פריינט, די באַלע־באַטים, ווען סיגעל איז געשטאַנען ווי אַ בייך אין האלדז, — גיי, סיגעל, וואָס וועסטו מאַכן שטיק? ס׳לוינט זיך ניט. אין סעזאָן באַטרעפט מער, ווי די גאַנצע יוניאָן.

— עט, — מאַכט מר. סיגעל, טאַשנדיק מיט זיינע פליישיקע פינגער די קאָרטן. וואָס דערציילן זיי אים, — ס׳לוינט זיך ניט. ער ווייסט, אַז ס׳לוינט זיך יאָ, — וואָס צאָלט איר פאַר א זשאַקעטל אויפמאַכן און וואָס צאָל אידך פון וואַנען דרינגט איר — האָט ער געפרעגט מיט אַ ניגון — אַז „שיקסעס״ קאָנען ארויסגעבן אַזאַ גוטע ארבעט ווי אָפּערייטאָרס? . . .

סוף כל סוף האָבן זיי באוויזן אים אריינצונעמען אין דער „אסאָסיאיישן״. און כדי די באדינגונגען זאָלן אים חלילה ניט פאַרשאַטן, האָט מען אים צו־נויפגעפירט אין אַן אָפּמאַך מיט דער „ספּאָרטסוועַר יוניאָן״, כאָטש מאַכן, מאַכט ער קלאָוקס, צוגלייך מיט די בעסטע קלאָוקשעפּער אין שטאָט. נאָר מר. סיגעל האָט זיי אַלעמען אין דר׳ערד. ווי לאַנג קרענקען זיי, ווי ער וועט ניט האלטן דעם אָפּמאַך. אָט, וועט ער זיי אריינשיקן „וואַקאַציע״, וועט ער זיי. כע־כע־כע, — האָבן זיך זיינע אייגעלעך כיטרע צעגלאַנצט . . . זיבן און דרייסיק און אַ האַלבע שעה, אַ וואָך, — כע־כע־כע. די האַלבע שעה איז

שוין גאָר חנ׳עוודיק. אפשר זיבן און דרייסיק מיט דרייפערטל? ניין? און איר מיינט עס טאַקע? — אַזוי האָט זיך געחכמ׳עט מר. סיגעל . . . נאָר די יוניאָן האָט אויך עפּעס געהאַט צו זאָגן. גראַד אין יענער צייט איז זיי איינגעפאלן אויפצושטעלן פּאַטרולן ארום די „טשיזלערס״, ביז זיי וועלן זיך איינברעכן, און ווערן גוטע יוניאָן שעפער . . . אויך „סיגעל׳ס ספּאָרטסוועאַר״ האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. מר. סיגעל האָט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן און נאָכגעגעבן אַלע באַדינגונגען.

⚜ ⚜ ⚜

מלכה גאָטפריד (פּעטאַלומאַ)

מ י י ן ל א נ ד

מיין לאַנד! עס פירט דיין שיף דער קאַפּיטאַן,
אין טיפער פינצטערניש, אויף שטורמדיקע ים׳ען;
פאַרזונקען ווערט דער רוף פון לייכט-טורעם ביים ברעג,
עס שטויסט דער ווינט דיין שיף ארויס פון דיינע ראַמען.

צינד-אָן דיין ברעג! און זאָל דיין שיף דערזען
די האָריזאָנטן דיינע, ליכטיקע און קלאָרע!
זאָל דזשעפערסאָנ׳ס, לינקאָלנ׳ס און רוזוועלט׳ס שטאָלץ
ארויסשיינען מיט זייער גלאַנץ און גבורה!

היט-אָפּ דיין שיף! האַלט פעסט איר ביי דעם ברעג!
עס האָבן פעלקער זיך געשלאָגן פאַר דיין פרייהייט!
די פרייהייט-מאַמע שיינט עקשנותדיק און רופט
דאָס פאָלק זיך צו פאַראייניקן אין ברידערלעכער טרייהייט.

דער שטורעם-ווינט צעררייסט די כוואַליעס בייז,
און רײסט דיין שיף אין ים אוועק פון ברעג;
אין טיפער פינצטערניש פאַרלוירן ווערט דער וועג
און שווער דער גאַנג צוריק וועט זיין אין קלאָרע טעג!

איז פיר דיין שיף צוריק צו דיינע ברעגן
כל זמן דיין לאַנד איז רחבותדיק און פריי!
יעדער שאַפער זאָל ווידער קאָנען שאַפן, זינגען,
דאָס לעבן בויען אויף-דאָס-ניי!

י ו ק א ל י פ ט ו ס

שטייען יוקאַליפּטוס-ביימער,
ווי די וועכטער אויף מיין פעלד.
לאָזן ווינטן ניט צוקומען,
ס׳ווערט די הייסע זון פאַרשטעלט.

יוקאַליפּטוס הויכע, שלאַנקע,
זיינען בויגעוודיק און צאַרט.
בלעטער־דינע, לאַנגע פינגער,
גאַנצע הורבעס אנגעשאַרט.

קאַרע־ליענטעס, גרויע סטיינגעס,
פון די גרינע קעפּ זיך ציען;
אונטן, אויבן — ווייסע קווייטן,
אויף דיביימער זיך צעבליען.

קעגן הימל ליכטיקן בליען,
שעפּטשען סודות אין דער הויך,
בויגן־אָן זיך איינס צום צווייטן,
ווילן פויגלען הערן אויך.

קלייבן טראָפּנס פון דעם נעפּל
אָנגעקאַפּעט דורך דער נאַכט,
פון דעם ים, פון אויסגוס ברייטן,
פייכטע לופט האָט מיטגעבראַכט.

פעלדער דאַרשטיקע און בלייכע,
זון פאַרטריקנט האָט דעם גלאַנץ;
יוקאַליפּטוס שיינקט די טראָפּנס
און דערפרישט פאַרוועלקטן פלאַנץ.

קילע לופט איז אָנגעצויגן
מיט דעם שטאַרקן אַראָמאַט,
פון דעם בוים־שטאַם אפּגעשיילטן,
פון דעם פאַלנדיקן בלאַט.

יוקאַליפּטוס איינגעוואָרצלט
האָט זיך אין דער ברייטער טיף.
פון אויסטראַליע האָבן אָבות
מיטגעבראַכט זיי אויף דער שיף.

רייסט דער שטורעם פון זיי צווייגן,
פאַלן שטיקער מיט א קראַך.
צאַרנט אויף דער יוקאַליפּטוס,
שטעלט זיך שטאַרקער אויף דער וואַך.

יוקאַליפּטוס, „רעדוואָוד", דעמבע —
אַלע ציען זאַפט פון ד'ערד,
זונען־שטראַלן, טוי און רעגן —
יעדן בוים די ערד געהערט.

שלמה י. בעלסקי

די ראָד

(דערציילונג)

לאָס אַנדזשעלעס איז היינט־צו־טאָג אַ גרויסע, אינדוסטריעלע שטאָט, מיט די אַלע „גוטע זאַכן", וואָס אַ מאָדערנע מעטראָפּאָליע פאַרמאָגט: דער ענגער פאַרקער אויף די גאַסן און וועגן; די פאַבריקן און פעטראָל־ראַפינעריעס, וואָס „בענטשן" די באַפעלקערונג מיט „סמאָג". נאָר מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק איז לאָס אַנדזשעלעס געווען אַ בלומען־שטאָט: ציכטיקע גאַסן, אַ באַלזאַם־לופט, מיט אַ סך זון און בלויע הימלען. די אינדוסטריע האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן אויסציען אירע לאַפּעס, מיט גרויס אַפּעטיט, צו דעם רייכן טיש פון עקספּלואַטאַציע, אין יענע פעטע, צוואַנציקער יאָרן.

איך האָב דאַן געאַרבעט ביי אַ פירמע, וואָס האָט זיך גערופן: „סענד ענד נעלסאָן עלעקטריקעל קאָנטראַקטאָרס". ווען די יוניאָן האָט מיך געשיקט אויפן דזשאָב, האָט אַזאַ נאָמען אַ בלאָז געטאָן אויף מיר מיט גרויסן „יענקישן" יחוס. זיכער בין איך געווען, אַז מיין יידישע נאָז וועט דאָרט נישט אויסנעמען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס זיינען געווען צוויי יידישע בחורים, וואָס זיינען געקומען אַהער פון ניו־יאָרק, מיט אַ ביסל געלט, און זיינען דאָ געוואָרן קאָנטראַקטאָרס. זייערע נעמען האָבן זיי פשוט אונטערגעהאַקט, כדי דאָס מזל זאָל בעסער שפּילן . . .

מיכל קאַצענעלסאָן, דער הויכער, מיט די קוטשעראַווע, שוואַרצע האָר, רונדן קליינעם פּנים און לויפנדיקע ברוינע אויגעלעך, איז געוואָרן מייק נעלסאָן. אַלטער סענדראָווסקי, אַ ברייט־פּלייציקער מיט בלאָנדע האָר, אַ לאַכעדיק פּנים און בלויע אויגן, וואָס האָבן געשפּריצט מיט וואוילוונגערישקייט, איז געוואָרן אַל סענד.

אַז דאָס פּאָרל האָט אָנגעהויבן „מאַכן געלט", האָט מען זיך געדונגען אַ קליין קרעמל אויף לאָס אַנדזשעלעס גאַס, אָפּגעפּאַרבט די דרויסנדיקע וואַנט מיט אַ שרייענדיקן געלן קאָליר; אינעווייניק אָפּגעצאַמט אַ קליינעם אָפיס; ביים איינציק־פּאָדערשטן פענצטער אַוועקגעשטעלט אַ שרייב־טיש; אַריינגענומען אַ טעלעפאָן; אויפגעהאַנגען אַ שילד, מיט פעטע, גאָלדענע בוכשטאַבן, וואָס האָבן ברייטלעך געגרוט אויף אַ שוואַרצן, מאַטאָוון הינטערגרונט: „סענד ענד נעלסאָן עלעקטריקעל קאָנטראַקטאָרס" — און ס'איז אַוועק אַ געשעפט.

אָפּאַרבעטנדיק אַ פּאָר מאָנאַטן אונטערן פליגל פונם בלאָנדן סענד, רופט ער זיך אָפּ צו מיר, איינמאָל אויף אַ דזשאָב: — דו דאַרפסט מיך ניט רופן „מיסטער סענד" — קענסט מיך פּראָסט רופן „אַל", — אַל איז גענוג.

— וואָס איז דיר עפּעס היינט צוגעפאַלן? — זאָג איך — האָסט היינט געוואונען אין פּאָוקער?

— וואָסי? דו שפּילסט ניט אין קאָרטן? וואָס טוסטו נאָך דער אַרבעט, פילאָסאָפירסט? איך וואָלט דאָ אויסגעגאַנגען פון נודאַטע אין אָט־דעם איבערוואַקסענעם דאָרף — לאָס אַנדזשעלעס . . . און אין אַ ווילע אַרום: — סעם, קום אין שאַפּ נאָך דער אַרבעט. מיר וועלן זיך אַריינכאַפּן אין אַ רעסטאָראַן,

האָסט דאָך גאָר ניט קענען, צו עסן אָוונט־ברויט מיט דיין באַלעבאָס.

איך האָב דיך ערגעץ אַנדערש — טראַכט איך . . . היינט לאָדסטו מיך עסן וועטשערע, און מאָרגן — וועסטו קומען אויפן דזשאַב, זיך אָוועקשטעלן מיט די הענט אין די באָקעס, און אַרויפשרייען צו מיר אויפן לייטער: „וואָס האָסטו דאָ געטאָן אַ גאַנצן טאָג?" און איך, אַן אויסגעווייקטער אין שוויס, וועל אויפזידן פון כעס און גאָרניט ענטפערן, נאָר האָפן — דו זאָלסט נעענטער צוקומען צום לייטער און איך זאָל צופעליק אַראָפּלאָזן מיין מידע האַנט מיטן האַמער, וואָס זאָל דיר טרעפן פּונקט אין מיטן שטערן . . .

— וועסטו קומען? איך וועל וואַרטן אויף דיר אין שאָפּ.

— „אָלרייט"! — האָב איך מיט אומגעדולד אָפּגעהאַקט.

„בוס בראָדערס" קאַפעטעריע, אויף דער פינפטער גאַס, איז דאַן געווען פּאָפּולער אין לאָס אַנדזשעלעס. דאָרט פלעגן קומען עסן די אויסגעמאַטערטע וואַנדראָוויקעס, וואָס זיינען זונטיק אַ גאַנצן טאָג אַרומגעפאָרן אין די בערג, אָדער ביי די ים־ברעגן. מוזיק ליבהאָבער פלעגן זיך דאָרט טרעפן, נאָך אַ קאָנצערט אין פילהאַרמאָניק, צו כאַפּן אַ שמועס, ביי אַ טעפל קאַווע, אַרויס־לייגן די אמתע קריטיק, און קרעכצן: „ס'איז ניט ניו־יאָרק מיט די וואונדער־לעכע אָרקעסטערס, מיט די וועלט־באַרימטע דיריגענטן" . . . יידישע אינטע־ליגענטן פלעגן דאָרט, ביים עסן, אויסגלייכן זייערע מיינונגען איבער וועלט־פּראָבלעמען . . . און גלאַט יונגעלייט, פלעגן אָפּריידן מיט זייערע מיידלעך, זיך צו טרעפן דאָרט, זיי טראַקטירן, און נאָכן עסן, אפשר אַרויסנעמען זיי אין אַ „מואווי". צומאָל, איז פון דעם אַרויסגעקומען אַ גוטער זיווג . . .

דער גרויסער עס־זאַל האָט אַלעמאָל געזשומעט און געררוישט ווי אַ וואַסער־פאַל. דער ווייכער טעפיך; די וויים־געדעקטע טישלעך; די פּרויען, וואָס האָבן אַרומגעפּאַדעט אין זייערע זויבערע, געפּרעסטע קאָסטיומען און אַרויסגעהאָלפן די באַזוכער אויסלאָדן זייערע טאַצן, — דאָס אַלץ האָט דיך איינגעלאָדן, ווי אַ פריינטלעכער שמייכל פון אַ גוטער באַלעבאָסטע. דורכן גערויש פון מענטשלעכע רייד, און האַרמידער פון געשיר, פלעגן זיך פון ציים־צו־צייט פאַנאַנדערטראָגן די סאַמעטענע אַקאָרדן פונם קלאַסישן אָרגל, וואָס איז געווען איינגעבויט אויפן לאַנגן באַלקאָן. דאָרט איז געזעסן דער אָרגאַניסט ביים אַלמערל קלאַוויטור, אויסגעטאָן פונם גאַנצן טומל, און פון אונטער זיינע פינגער געלאָזן פליסן די גלעטנדיקע טענער איבערן גאַנצן זאַל.

גאַנץ אָפּט פלעג איך אַרויפגיין אויפן באַלקאָן, כדי צו כאַפּן אַ שמועס מיטן אָרגאַניסט וועגן זיין מוזיקאַלישער קאַריערע. ער פלעגט עס מיר דער־ציילן, מיט אַ רירנדיקער רעזיגנאַציע. ער איז געווען פון פראַנצויזישער אָפּ־שטאַמונג און איז געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס פון באָסטאָן, וואו ער האָט פאַרלאָרן זיין שטעלע אין אַ קירכע, אַ קרבן פון אייפערזוכט און רכילות.

ער איז געווען אַ מענטש אין די זעכציקער, מיט דער יוגנטלעכער רירעוו־דיקייט פון אַ דרייסיק־יאָריקן. און געוויינט האָט פון אים מיט פריינטשאַפט און ליבע צו מענטשן. זיין שמייכלדיק מויל, האַלב־באַהאַלטן פון וואָנצן, און דאָס „קמץ"־בערדל, אין קעגנזאַץ צום העכערן טייל פון זיין טרויעריק־פאַר־חלומט פנים, האָט געוועקט צוטרוי און אַ חשק, אַריינגעצויגן צו ווערן אין אַ חברשן געשפּרעך. איך פלעג אַמאָל, אין אַ זונטיק, זיך צוזעצן לעבן אים,

איינרוימען אים אין אויער, ער זאָל שפּילן באַכ'ס אַ זאַך. ער פלעגט אויפלויכטן מיט אַ קינדערשער באַגייסטערונג. איך פלעג הנאה האָבן פון זיינע באַהאַוונטע הענט, און באַוואונדערן זיינע פיס, ווי זיי טאַנצן אויס די באַגלייטונג אויף די הילצערנע באַס־פּעדאַלן פונם אָרגל.

ווען איך מיט סענדן זיינען אַריין אין דער קאַפּעטעריע, זיינען מיר באַגעגנט געוואָרן פון דעם געוויינלעכן טומל, מיט אַ צוגאָב פון אַ קוויטשעדיק געזאַנג. פון באַלקאָן האָט זיך געטראָגן אַ פּאָפּולער לידל פון אַן אָפּגעבליאַקע־וועטער סאָפּראַנאָ, מיט דער באַגלייטונג פונם אָרגל.

— וואָס פאַר אַ דערנידערונג פאַר אָט־דעם אַלטן מוזיקאַנט, צו אונ־טערהאַלטן אַזאַ נישטיקע מוזיק — זאָג איך.

— אַ, זיי נאָר ניט אַזאַ פיינשמעקער — זאָגט מיר סענד איבערן אַקסל, זיך שטעלנדיק אין דער ריי, אויף אַ הויכן קול, ווי ער וואָלט וועלן, אַז אַלע אַרום זאָלן אים הערן — „דזשעז" איז זייער נויטיק. דאָס פאָלק האָט עס ליב . . . דאָס פאָלק אין אַמעריקע טאַנצט . . . די „קרונערס" זיינען דאָ אַ גרעסערער דערפאָלג, ווי אַלע דיינע בעטהאָווענס, צוזאַמענגענומען, און מיט דערפאָלג רעכנט מען זיך אין אַמעריקע.

— צום באַדויערן! — זאָג איך, צוקומענדיק צום פלאַץ, וואו מיר נעמען די טאַצן. איך קלאַפּ אויס אויף זיין טאַץ אַ חוזק־בראַוואָ — אַ דאַנק פאַר דער באַלערנדיקער לעקציע, נאָר אונדזערע אַלטע בעטהאָווענס וועלן דיינע „קרו־נערס" איבערלעבן.

מיר באַוועגן זיך מיט דער גאַנצער ריי מענטשן און שאַרן די טאַצן אויף די בלאַנקע ניקלנע רערן, פאַרביי די קאַלטע און הייסע טישן, געפּאַקטע מיט עסנוואַרג, וואָס קיצלט אין נאָז און רייצט דעם אַפּעטיט. נאָר דערביי ווינקען קליינע צעטעלעך מיט פּרייזן, וואָס וואָרענען: „צעלאָז זיך ניט מיט דיין אַפּעטיט. גיב נאָר אַ טאַפּ אין קעשענע" . . . מיין באַלעבאָס, אָבער, מונטערט מיך: — נעם אַ פּרוכט־סאַלאַט — נעם די האַלבע געבראָטענע הון — — נעם, סעם, זשאַלעווע נישט, ס'איז מיין „טריט" . . . איך טראַכט: „ס'איז כפּרה־געלט. איך ווייס ניט, ווער טראַקטירט דאָ וועמען?"

פאַרזיכטיק טראָגן מיר זיך אַרום מיט די טאַצן, ביז מיר געפינען אַ טישל. איינע פון די באַדינערינס פאַרשפּרייט פאַר אונדז אַ פרישן טישטעך און העלפט אונדז אויסלאָדן די טאַצן. סענד האָט אויף איר שמייכל געענטפערט מיט אַריינשטופּן איר אַ מטבע אין האַנט אַריין.

ווען מיר האָבן פאַרענדיקט עסן און פאַררויכערט, שטעלט סענד אַרויס די ווייסע ציינדלעך פון זיין ברייטן, לאַכנדיקן מויל. דאָס פלעגט ער טאָן, ווען ער האָט באַשלאָסן צו זאָגן עפּעס, וואָס זאָל יענעם איבערראַשן.

— סעם, איך האָב פאַר דיר אַ גלענצנדיקן פאָרשלאַג.

— נו, נו, הרג'ע מיך ניט אַוועק! איך וויל פאַרדייען דיין מאָלצייט. זיי פאָרזיכטיק . . .

— הער, סעם, איך רייד ערנסט — איך וויל דיך פאַר אַ פּאַרטנער.

— דו רעדסט פון היץ? דו האָסט דאָך אַ פּאַרטנער; וויפל פּאַרטנערס דאַרפסטו דאָס, אין דעם געשעפט דיינעם? נאָר, אפשר, מאַכסטו מיר דעם

אַנבאַט צוליב געלט, וואָס דו באַדאַרפסט — זאָג איך דיר, אַז דו רעדסט צו אַ טויטן. איך האָב ניט, גאָר ניט, אַל.

— הער זיך צו, סעם, איך ווייס וואָס איך רייד. דו האָסט אַ קאָפּ אויף זיך . . . אַ מענטש ווי דו דאַרף ניט שטיין אויפן לייטער. אויף דעם זיינען פאַראַן געגנוג שלימזלס, — זאָלן זיי אַרבעטן! מייק נעלסאָן איז אַן אַרומלויפער. איך קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן. זאָל דאָס בלייבן צווישן אונדז. סייווי, איך גלויב, ער וועט פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק. סעם, איך מיין דיין טובה, גלויב מיר. — די שטאָט וואַקסט, און ס'וואַקסן אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען. פילע קומען אַהער פון דער „איסט" צו אינוועסטירן זייער געלט. דאָ וועט נאָך זיין אַ גרויסע נאָדל־אינדוסטריע. מ'וועט נאָך דאָ „שיסן" קלאָוקס, אַזוי ווי אין ניו־יאָרק. מיר שטייען דאָ ביים סאַמע אָנהויב. ווייסט דאָך, סעם, ווען די באַן רירט זיך, אַקאָרשט פון אָרט, קענסטו זיך נאָך אַרויפכאַפּן. שפּע־טער, ווען זי צעוויגט זיך, בלייבסטו שטיין, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג.

— האַלט זיך איין, אַל! דו האָסט זיך אַזוי צעיאָגט, אַז איך קען דיך מיט קיין שנעל־צוג ניט דעריאָגן. וואַרט נאָר — אַז דו מיינסט דורכאויס מיין טובה, אין דעם בין איך זיכער . . .

— גוט, גוט, מיין טובה אויך, אָבער — —

— שלאָג ניט איבער, אַל. איך וויל דיך פרעגן: גלויבסטו, אַז איך וועל קענען טאָן דאָס, וואָס דו טוסט? — צום ביישפּיל: קומען אויף אַ דזשאָב, זיך אָוועקשטעלן מיט די הענט אין די קעשענעס, און אַ געשריי טאָן צום אַרבעטער אויפן לייטער: „וואָס האָסטו דאָ אויפגעטאָן אַ גאַנצן טאָג?" — אַזוי אַז יענעם זאָל קאַלט ווערן אין בויך.

— זיי ניט קיין נאַר, סעם. דאָס איז אַ וועלט, וואָס: אָדער דו עסט, אָדער, ווערסט אויפגעגעסן. און דער, וואָס האָט שכל, עסט.

— יאָ, אַל, דו ביסט גערעכט. „קאָנטראַקטינג" איז אפשר אַ געשמאַקער ביסן, נאָר מען דאַרף אויף דעם האָבן וועלפישע ציין.

— וואָס ביסטו, אַ סאָציאַליסט? — נאַרישקייטן! איך האָב אויך גע־שטימט דעם סאָציאַליסטישען „טיקעט" אין ניו־יאָרק, — אָבער אונטער אָט־דער סיסטעם, קענסטו זיך ניט אָוועקזעצן פילאָזאָפירן. ס'איז אַ „גיים", סעם, אַ רולעטקע־רעדל, היינט ביסטו אויבן — און מאָרגן, ווער ווייסט וואו? מ'דאַרף אַ נעם טאָן דעם שיקזאַל ביים קאַלנער!

— דו וועסט מיר דאַרפן פאַרגעבן, אַל, אויב איך וועל ניט מיטגיין מיט דיר אין דער „גיים".

ביים אָוועקגיין זאָגט מיר אַל ווידער אַמאָל: באַטראַכט זיך, סעם, און גיב מיר אַן ענטפער אין עטלעכע טעג אַרום . . .

אין דרויסן איז געהאַנגען אַ ווייסער נעפּל, וואָס האָט זיך באַוועגט און געצויבערט, אַזוי אַז די גאַס איז געוואָרן ניט צו דערקענען. די ביימער אין דעם קליינעם פּאַרקל זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייס־בלויע שלייערס, ווי צו דער חופה. די אַלטע הילצערנע הויז אויפן באַרג, האָט זיך פאַרמאַסקירט אין אַן אַלטן ענגלישן שלאָס, און דער מעקסיקאַנער ביים ראָג, וואָס פאַרקויפט „פּאָפּקאָרן", האָט זיך אָנגעטאָן אַ היטל מיט גלעקלעך, און איז געוואָרן

אַ פּאַיאַץ, פאַר קיינעם געדאַכט . . . האָט איר ווען געזען אַ שטאַט, פאַרפּוצט אין זיידענע וואָאַלן, וואָס וויגן זיך ווי די ניט־גוטע? . . .

פאַרנדיק אַהיים, האָט אַ שטימע אין מיר געטענהט: „האָסט אפשר פאַר־לאָרן אַ געלעגנהייט רייך צו ווערן, בהמה! . . .״

* * *

ביי מייק נעלסאָן, סענד׳ס פּאַרטנער, האָבן זיך קיין אַרבעטער ניט גע־קענט איינהאַלטן. די דזשאָבס, וואָס ער האָט געמאַכט, פלעגן אָפט ווערן פאַרבראַקירט פון דער שטאַטישער אינספּעקציע. כדי צו פּאַרווישן זיין אומ־פיאיקייט, פלעגט ער וואַרפן די שולד אויפן אַרבעטער — ער איז ניט קיין גוטער בעל־מלאכה. אַן עלעקטריקער האָט זיך, אָבער, ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע — איז אָפּט געקומען צו געשלעגן, און מייק איז אַרומגעגאַנגען מיט אונטערגעקלאַפּטע אויגן . . . סענד פלעגט זיך מחיה זיין, נקמה נעמען, און זיך רייצן מיט אים. ער איז געווען אַ מבין אויף מייקס שטיק . . . ביז עס איז אָנגעקומען דזשאָ קעראַל צו דער אַרבעט.

דזשאָ איז געווען אַ זעקס־פוסיקער, ברייט־פּלייציקער חברה־מאַן, מיט אַ פּאָר געזונטע ידים, און אַן אייזערנעם קעסל אָנשטאָט אַ ברוסט־קאַסטן. אַז ער האָט זיך אַ שטעל געגעבן לעבן דיר, ביסטו געוואָרן אַ קליין, נישטיק מענטשעלע. האָסט זיך פּשוט דערשראָקן פאַר דער גבורה, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן אויף דיר. נאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן, און דו האָסט אויפ־געהויבן די אויגן צו זיין אָוואַלן, ליכטיקן פּנים, איז דיר גוט געוואָרן אויפן האַרצן. ווייל דזשאָ האָט געהאַט אַ סאַמעטענע באַס־שטימע, וואָס האָט דיך געגלעט. און געקענט האָט ער ריידן צו דיר, אַזוי פאַמיליאַר, ווי ער וואָלט דיך שוין געקענט פון יאָרן און יאָרן.

דזשאָ איז געקומען פון טעקסעס. אויסגעוואַקסן אויף דער רויטער ערד, איז ער געווען בלאָנד, ווי אַ קוקורוזע. מיט זיינע בלוי־גרינלעכע אויגן; גאָל־דענע, גלייכע האָר; געוועלבטן שטערן און געשניצטע, לענגלעכע נאָז, — פעלט אים נאָר אַ קליין־בערדל, דו זאָלסט לעבן זיך דערזען דאַווינטשיס׳ „יעזוס״. ער האָט טאַקע אַמאָל געשפּילט אין די „פּעשאָן״־שפּילן, אין דער ראָלע פון דעם געקרייציקטן. אויך איצטער זינגט ער נאָך גאַנץ אָפט אין קירכן־כאָר.

אין לאָס אַנדזשעלעס, איז דזשאָ שוין אַ יאָר זיבן. אויסגעפּרואווט אַ סך מלאכות, ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם עלעקטרישן פאַך. איצטער איז ער שוין געווען אַ געאיבטער מעכאַניקער. די הענט זיינען געווען געשיקט און קלוג; דער קערפּער — פלינק און בויגיק, ווי אַ קאַץ. אַרבעטן מיט אים צו־זאַמען, איז געווען אַ פאַרגעניגן. אַז עס איז געקומען צו אַן ענגן אָרט, וואו אַ רער האָט געדאַרפט אויסגעבויגן ווערן אַ פּאָר מאָל, פלעגט ער זאָגן: „גיב עס מיר, סעם. איך בעט דיך, רו זיך אָפּ אַ מינוט!״ די אייזערנע רער איז, אין זיינע הענט, געוואָרן נאָכגיביק ווי בליי און זיך אַריינגעפּאַסט וואו נויטיק.

דזשאָ האָט זיך ביי אונדז געהאַלטן, ווייל ער איז טאַקע געווען אַ גוטער בעל־מלאכה, — אָבער נאָכמער, צוליב דעם, וואָס מייק האָט מיט אים ניט געקענט פאַרפירן קיין קריג. אַז מייק האָט אים אין עפּעס באַשולדיקט, פלעגט דזשאָ אים ענטפערן: „יו אַר רייט, מיי באָי״. און דערביי אַזוי שמייכלען, אַז

עס האָט געקענט פאַרשטאַנען ווערן: אָדער, דו ביסט גערעכט; אָדער, דו ביסט גערעכט — אַזאַ יאָר אויף דיר.

אין יענע יאָרן האָט מען נאָך געאַרבעט שבת אַ האַלבן טאָג. איך מיט דזשאָען האָבן געהאַט פאַרענדיקט אַ גרויסן דזשאַב. דאָס איז אפשר געווען די ערשטע קלאָוקמאַכער פאַבריק, פון אַ גרויסן פאַרנעם, דאָ אין שטאָט. מיר האָבן איינגעשטעלט אַרום פופציק ניי־מאַשינען, מיט אינדיווידועלע מאָטאָרן, דאַמף־פּרעסן, באַלייכטונג — קורץ, אַ מאָדערנע קליידער־פאַבריק, וואָס וועט באַשעפטיקן נאָענט צו הונדערט מענטשן.

צוועלף אַזייגער האָבן מיר פאַרפּאַקט די לעדערנע רענצלעך מיט אונדזער געצייג, פאַרוואָרפן די רימענדלעך אויף די אַקסלען, און מיטן עלעווייטאָר זיך אַראָפּגעאײַלט אין שאַפּ אַריין, צו קריגן אונדזערע שכירות.

— הערט חברה, איר זייט געוויס הונגעריק. לאָמיר זיך אַלע אַריינכאַפּן עסן „לאָנטש" — זאָגט צו אונדז סענד, געבנדיק די טשעקס.

— עפּעס האָט שוין געטראָפן — גיב איך אַ זאָג אין אַרבל . . . — ניין, אַל, איך וועל שוין עסן אין דער היים, זיך אַריינוואַרפן אין אַ הייסער וואַנע, און אויסרוען די מידע ביינער.

— פון מיר דאָס זעלבע צו הערן. — כאַפּט אונטער דזשאָ.

— אָ, סעם, דזשאָ, זייט ניט איינגעשפּאַרט! איך דאַרף אייך נאָר אויף עטלעכע שעה. איר קריגט „טיים ־ענד־העי־העף", יו נאָו.

— איך האָב אַ ווייב און צוויי קינדערלעך, וואָס וואַרטן אויף מיר. — זאָגט דזשאָ.

— דיין ווייב דאַרף אַ וואַרעמען מאַנטל. — מאַכט סענד, מיט זיין לאַכנדיק קול. — וועסט איר רופן אויפן טעלעפאָן, און זאָגן, אַז דו ביסט אַרעסטירט געוואָרן פאַר קושן אַ מיידל אויפן גאַס . . . קומט, חברה! ס'וואַרט אויף אונדז אַ געשמאַקער מאַלצייט, און איך האָב אין קעשענע אַ גוט פלעשל משקה. ביים עסן וועט איר מיר איבערגעבן, ווי זעט עפּעס אויס דער נייער דזשאַב. איר האָט דאָך דאָרטן אַלץ פאַרענדיקט?

— יאָ, פאַרענדיקט. וואָס דען? — ענטפער איך אומגעדולדיק. — נו, וואָס זאָגסטו, דזשאָ, מיר גייען עסן, צי מיר גייען אַהיים?

— טו, ווי דו פאַרשטייסט, סעם. — איך לאָז עס איבער צו דיר. — זאָגט דזשאָ, ברוגז'לעך.

— דינגט זיך ניט, „באָיעס"! ס'איז אַ קליינער דזשאַב, וואָס מען קען ניט אָפּלייגן אויף מאָנטיק.

— נו, גוט, זאָג איך, לאָמיר גיין אָפּעסן דעם באַלעבאָס אַ זייט! . . . —

צוריק אין שאַפּ, האָבן מיר, מיט באַנייטע כוחות, גענומען אונדזערע רענצלעך מיט געצייג און אַוועק אויפן דזשאַב. סענד האָט אונדז געבראַכט צו אַ פאַרעלטערטער, זעקס־שטאָקיקער געביידע און, דורך אַ לאַנגן, געדרייטן טרעפּ, אונדז אַרונטערגעפירט אין קעלער. אונטן האָט אונדז באַגעגנט אַ שטילקייט, מיט אַ מאָנאָטאָנעם ברומען פון אַ דינאַמאָ, באַגלייט פון אַ ריטמישן „סיקען". אין אַ ווייטן ווינקל, פונם גוט־באַלויכטענעם קעלער, האָבן מיר דערזען אַ מאַכינאַציע, וואָס האָט געפינקלט און געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ, מיט אַן אויסערגעווינלעך־גרויסער ראָד ביי דער זייט. מיר זיינען געבליבן

פּאַרגאַפּטע פון דער ריזיקער סימעטריע פונעם קעלער. ווען ניט די גלייכע רייען קאָלאָנעס, וואָלט עס געקענט דינען פאַר אַ קאָלאָסאַלן טאַנץ־זאַל . . .

— איר קענט זיך קוים פאָרשטעלן, וואָס אַט דאָס „דאַמף־פערדל" קאָסט זיי אָפּ! — רופט זיך אָפּ סענד, אָנווייזנדיק אויף דער דינאַמאָ. — און אַז דער פּאַס פּלאַצט, בלייבט מען ערשט אין דער פינצטער. האָבן זיי באַשלאָסן איינ־צופירן שטאָטישע עלעקטריציטעט און פּטור אַן עסק.

— און וואָס וועט מען טאָן מיטן „פערדל"? — פרעג איך.

— פאַרקויפן אין ברוך. — זאָגט סענד. אַ שאָד, איך וואָלט אים אָפּ־געקויפט, ווען איך האָב וואו אַוועקצושטעלן אים.

— אַן באַוועגונג וועט ער אַוועקשטאַרבן. — זאָג איך, מיט געמאַכטן רחמנות.

דזשאָ טאַנצט־אַרום דערווייל אַרום די מאַשינען.

— זעט! זעט! — שרייט ער אויס, פּלוצים, מיט דער פרייד פון אַ קינד. מיר זעען ווי ער האַלט זיין האַנט נאָענט צום פּאַס, און פון זיינע פינגער שפּרינגען גרינלעכע פונקען, וואָס קנאַקן־צו ביים געבוירן ווערן. מיר שטעלן אויך צו די הענט צום פּאַס, און האָבן הנאה ווי די פונקען טאַנצן און קנאַקן־צו פריילעך.

— נו, חברה, גענוג זיך געשפּילט. — זאָגט סענד. — קומט, איך וועל אייך ווייזן, וואָס צו טאָן. מיר וועלן אויף די ווענט, הויך, ביים סופית, אָנציען אַ דריי־דראָטיקע, אויסערלעכע סיסטעם. דאָרט, אין ווינקל, הינטערן טרעפּ, וועלן די שטאָטישע איינשטעלן זייער „מאַסטער־מיטער". איר וועט פאַר זיי לאָזן היינגען גענוג דראָט, פאַר זייערע פאַרבינדונגען. פון דאָרטן וועט איר ציען די דריי דראָטן איבער דער גאַנצער זייטיקער וואַנט; קומען דאָ צום ווינקל פון דער שוואונג־ראָד, און ציען זיי ווייטער, איבער דער פאָדערשטער וואַנט, ביזן אינזשינערס טיש, וואו די „וואָלט־מיטערס" זיינען. דאָרטן וועלן מיר איינבויען דעם טאָוול מיט די קאָנטאַקט־ברעכער („סוויטשעס").

— און דו דערוואַרטסט — זאָג איך — אַז מיר זאָלן אַט־דעם דזשאַב מאַכן אין עטלעכע שעה? ביסט אַראָפּ פון זינען, אַלי? די זייטיקע וואַנט איז געוויס אַ פינף־און־זיבעציק פוס די לייגג, און פון ווינקל ביזן אינזשינערס טיש איז נאָך אַ גוטע פופציק פוס. דאָ אין ווינקל, פליט די שוואונג־ראָד, כמעט אַ האַלבע אין „טרענטש", נאָענט צו דער וואַנט. וואו וועסטו דאָ שטעלן אַ לייטער? מיר דאַרפן דאָך נעמען דאָס לעבן אין די הענט, צו אַרבעטן דאָ אין ווינקל. דו האָסט דאָ אַ גוטן טאָג און אַ האַלב אַרבעט פאַר צוויי מענטשן. איך ווייס ניט, וואָס דו נעמסט פאַר דעם דזשאַב, — אָבער, לויט מיין רעכענונג, וועסטו דאָ דעם קאָפּ פאַרלירן. גיב בעסער אויף די גאַנצע חתונה.

— האָב ניט קיין מורא, סעם, איך ווייס, וואָס איך טו. איך קריג ביי זיי פאַר צייט און מאַטעריאַל. איר וועט היינט אַרבעטן ביז זיבן אַזייגער און מאָרגן וועט מען קענען אַרבעטן אָן ריזיקע. דאָס „פערדל" וועט שוין מאָרגן בלייבן שטיין. די שטאָטישע וועלן דאָ מאָרגן פאַרבינדן אַ צייטווייליקע קראַפט־ליניע.

— „יו אַר רייט, מיי באָי", נאָר איך קען דאָ ניט זיין מער ווי ביז פינף

אזייגער. מיין פרוי דאַרף באַזוכן אַ קראַנקע שוועסטער, וואָס ליגט אין שפּיטאָל — זאָגט אַפּ גלייכגילטיק דזשאָ.

— וואָס פאַר אַ געשעפטן פירט איר דאָ מיט מיר? ווען איך דאַרף אייך, איז: אָדער איינער איז קראַנק — אָדער, דער צווייטער דאַרף זיך לייגן אין קינפּעט!

— קאָך זיך ניט, אל! איך וועל מאָרגן אויך ניט אַרבעטן. דו האָסט פאַרגעסן, אַז איך אַרבעט שוין צוויי זונטיקס, און אויב איך זאָל זיך מאָרגן ניט אָפּרוען, וועל איך זיך טאַקע דאַרפן אַוועקלייגן אין קינפּעט . . .

— אָלרייט, אָלרייט! — האָט זיך סענד שנעל אונטערגעגעבן — זעט, וואָס איר קענט דאָ היינט אויפטאָן. מאָרגן וועט דזשאָ קומען, און איך וועל אַרבעטן מיט אים. — איז אָפּגעמאַכט? איך דאַרף איצטער אַוועקגיין. סעם, דו, לאָז איבער דיין געצייג און קום מאָנטיק אין שאַפּ.

מיר האָבן געפונען די לייטערס, און זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב זיך אַ ווילע איבערגעלייגט פון וואַנען אָנצופאַנגען, און באַשלאָסן, אַז מיר מוזן צוערשט אויפהייבן די דראָטן, אין ווינקל פון דער שוואונג־ראָד, כדי זיי זאָלן זיך אין ערגעץ ניט פאַרטשעפּען און אָנמאַכן אַ חורבן. ווען איך האָב דאָס דערקלערט דזשאָען איז ער געוואָרן צעטראָגן: — גיב נאָר אַ קוק, סעם, — די ראָד — דאָס איז אַ ווילדע ראָד! מ'דאַרף זיך פאַר איר היטן. זי יאָגט מיט אַ ווינט פון זיך, ווי זי וואָלט אונדז וואָרענען.

— וואָס ווילסטו פון איר? דאָס איז דאָך אַ צוועלף־פוסיקער גיגאַנט, וואָס טראָגט זיך, מיטן כוח פון אַ פאַר־הונדערט פערד־קראַפט, — אָן אויס־דערוויילטער פון זיין מין! . . . צוליב איר משונהדיקער גרויס, האָט מען פאַר דער ראָד ספּעציעל געמאַכט אַט־דעם צעמענטענעם „טרענטש״.

— הער־אויף מיט דיינע חכמות. מיר דאַרפן דאָ שטעלן דעם צען־פוסיקן לייטער, און דו האָסט ניט מער ווי פינף פוס, צווישן דעם „טרענטש״ און דער וואַנט. מיר מוזן דאָך צופּעסטיקן איין „קליט״ אין ווינקל.

— מיר וועלן צושלאָגן צוויי „קליטס״ — איינעם אויף יעדער וואַנט. און ציטער ניט פאַר דער ראָד. מיר וועלן אַוועקשטעלן דעם לייטער, און דו וועסט אים צוהאַלטן, מיט דיינע געזונטע הענט, ער זאָל זיך ניט אַ גליטש טאָן אין „טרענטש״.

ווען דער לייטער איז שוין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, האָט דזשאָ זיך ווידער גענומען צו מיר: — הער זיך איין, סעם, לאָז מיך גיין אין דער הויך. איין אומפּאַרזיכטיקער שטופּ מיטן שרויפּנציער, צי מיטן האַמער — און עס וועט ביליק ווערן האַק־פלייש . . .

איך האָב זיך ניט צוגעהערט צו זיינע רייד. איך האָב אָנגעלייגט די קעשענעס פון אויבערציער מיטן נויטיקן מאַטעריאַל, אַריינגעשטעלט אין גאַרטל דעם האַמער און אַנדערע געצייג, און גענומען גיין אויפן לייטער. נאָר דזשאָ האָט פאַרקלעמט זיין האַנט אויף מיינער, וואָס האָט שוין געהאַלטן דעם שטאַפּל. אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. אין זיינע אויגן איז געווען אָפּשיי און געבעט. מיט אַ ציטערדיק קול האָט ער שטיל אַרויסגערעדט: סעם . . . אין זיין האַנט־דרוק האָב איך דערפילט זיין אַנטשלאָסנקייט מיך ניט אַרויפצולאָזן אויפן לייטער.

— דזשאַ — האָב איך געזאָגט מיט געמאַכטן כעס — לאָז־אָפּ מיין האַנט! אויב דו וועסט אַרויפשטעלן איין פוס אויפן לייטער, גיי איך גלייך צו דער זיכער־קלאַפּע, און שליס אָפּ דעם דאַמף. די מאַשין וועט זיך אָפּשטעלן און מיר וועלן דאָ בלייבן אינדערפינצטער, — ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן. אַלץ וואָס דו קענסט טאָן, איז צו געפינען אַ פּאָר שמאַטעס, אונטערצולייגן אונטערן לייטער, צו זיין זיכער, אַז ער זאָל זיך ניט גליטשן. גיי, דזשאַ, זוך עס אָפּ, און איך וועל דערווייל פאַררויכערן. — דזשאַ האָט אָפּגעלאָזט מיין האַנט, און איז אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קאַלטן צעמענט, געצויגן מיט אַפּעטיט דעם ציגאַרעט, און נאָכן גאַנצן אָנגעשטריינגטן טאָג, האָב איך איצט דערפילט אַ מאָדנע רואיקייט, — כאָטש מיינע בליקן האָבן די גאַנצע צייט געהיט די מאַנאָטאָנע באַוועגונג פון דער דאַמף־מאַשין. איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן די טויזנטער „פּראָמאַטעאוסן”, וואָס האָבן זייערע לעבנס אַוועקגעגעבן צו דער־פינדן און אַנטוויקלען אָט אַזעלכע מאַשינען, וועלכע גיבן אונדז ליכט און וואַרעמקייט.

* * *

מאָנטיק פאַרטאָג האָט גערעגנט. דאָס איז געווען איינער פון די לעצטע פונם קאַליפאָרניער רעגן־סעזאָן, פון דעם סאָרט רעגנס, וואָס הויבן זיך אָן שטיל און לייכט, און ביסלעכוויז צעלאָזט ער זיך אַלץ שטאַרקער און גע־דיכטער, ביז — איך וועל זיי ווייזן, די מזרח־מענטשן, וואָס הייסט אַ קאַ־ליפאָרניער רעגן! . . . ארום זעקס אין דער פרי האָט שוין געגאָסן דער אמתער מבול. די גאַסן זיינען געוואָרן פלייצנדיקע טייכן. שטראָמען פון די בערג האָבן מיטגעשלעפּט הייזער. אָטאָמאָבילן און טראַמווייען זיינען געבליבן פאַרפלאָנטערטע שטעקן, און טויזנטער ארבעטער האָבן פאַרשפּע־טיקט צו דער אַרבעט.

ווען איך בין געקומען אין שאַפּ, האָב איך געטראָפן מייק׳ן אַרומשפּאַנען, ווי אַן אומרואיקע חיה אין אַ שטייג.

— ווי געפעלט דיר עפּעס דער רעגן? — האָב איך אים געוואָלט צעשטרייען.

— ס׳האָט געטראָפן עפּעס ערגערס, ווי דער פאַסקודנער רעגן . . . ס׳האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין האַרצן.

— וואו איז דזשאַ, מייק? — פרעג איך אים, מיט אַ פאָרגעפיל פון אַ קאַטאַסטראָפע.

— אָט דאָס איז עס. דזשאַ איז נעכטן אַראָפּגעפאַלן פון לייטער, זיך צעמזיקט און צעבראָכן אַ פוס.

— דזשאַ! ווי אַזוי? . . . ווען? . . . — פרעג איך אים אַ געפּלעפטער.

— איך זאָג דאָך דיר: נעכטן אין־דער־פרי. ס׳איז שלעכט, סעם, איך דאַרף היינט אָנהויבן אַ נייעם דזשאָב, אויב ניט — פאַרלירן מיר אים. אַל האָט געאַרבעט נעכטן אַליין, ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך בין אין שטאָט ניט געווען, דערוואוסט זיך וועגן אומגליק ערשט היינט אין דער פרי. אַל איז שוין דאָרטן ווידער ביי דער אַרבעט. ער וויל, אַז דו זאָלסט קומען אים העלפן. איך האָב גראָדע געוואָלט, אַז דו זאָלסט אָנפאַנגען דעם נייעם דזשאָב, נאָר

אַל איז איינגעשפּאַרט. דו וועסט מוזן גיין אַהין צו פּאַרענדיקן דעם פּאַרשאַל־טענעם האָטעל־דזשאָב. ס׳איז שלעכט, סעם. איך דאַרף איצט קריגן אַן אַנדער אַרבעטער, און איך שעם זיך ניט דיר צו זאָגן, אַז אַזאַ ווי דזשאָ — איז שווער צו קריגן.

— דזשאָ האָט זיך טאַקע באַדאַרפט צעברעכן אַ פוס, כדי צו קריגן ביי דיר אנערקענונג . . . — האָב איך אים אַ וואָרף געטאָן, אַרויסגייענדיק.

דרויסן האָט שוין געשיינט אַ ליבע, וואַרעמע זון, אויף די נאַסע, אָפּגע־וואַשענע גאַסן. די מחיהדיקע, ריינע לופט האָט אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז דער פרילינג קומט. דער עולם אויפן גאַס האָט עס דערשמעקט און איז געגאַנגען מיט אַ לעבעדיקן, פריילעכן טראָט. נאָר איך בין געגאַנגען אָפּגעזונדערט און שווער, ווי איך וואָלט אַ משא געטראָגן אויף מיינע אַקסלען.

אַל איז געווען שטאַרק פאַרטאָן, נאָר האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיין „גוט מאָרגן״ און אַרויסגערעדט אַ פאַרכמורעטער: אָ, ביסט שוין דאָ? זיך גוט אויסגעשלאָפן!

— איך האָב ליב צו זען ווי אַ באַלעבאָס אַרבעט.

— וואָלסט נעכטן געהאַט אַ סך מער פאַרגעניגן, ווען דו וואָלסט דאָ געווען.

— זאָג מיר, אַל, ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט?

— איך ווייס אַליין ניט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. דאָס איז געווען מיטאָג־צייט. בעט איך אים, ער זאָל גיין מיט מיר עסן. קענסטו דאָך דזשאָען — ער שטייט אויפן לייטער, און שרייט־אַראָפּ, אַז ער האָט גענוג וואָס צו עסן מיט זיך. ווען איך בין צוריקגעקומען פון לאָנטש, הער איך עפּעס אַ פאַרשטיקט קרעכצן. איך קוק זיך אַרום און רוף: דזשאָ! דזשאָ! — קיינער ענטפערט ניט. ביז איך האָב דערזען דעם איבערגעקערטן לייטער, בין איך גלייך צוגעלאָפן צום „טרענטש״ און געפונען אים ליגן אין אַ הויפן. איך האָב טעלעפאָנירט נאָך אַן אַמבולאַנס און אים אוועקגעפירט אין שפּיטאָל. מיין פאַרדריפּעטער מזל!... אָבער, ביז איצט, פאַרשטיי איך ניט ווי אַזוי דזשאָ זאָל אַראָפּפאַלן פון אַ לייטער.

— ס׳איז גאָר ניט אַזאַ טיפע רעטעניש: וואָלט ער ניט געווען איבער־געהאָרעוועט, וואָלט ער קיינמאָל ניט אַרונטערגעפאַלן. ס׳איז אַ ביטערער געלעכטער, ווי אַזוי דו און מייק קלאָגן נעבעך אויף אייער פינצטערן מזל, — פאַרגעסנדיק, אַז ס׳איז דזשאָ, וואָס ליגט אין שפּיטאָל מיט אַ צעבראָכענעם פוס.

— שאַ, שאַ, איך בין נעכטן אָוונט ווידער געווען אין שפּיטאָל. דער פוס איז שוין געווען אין גיפּס. די דאָקטוירים פאַרזיכערן מיך, אַז ער וועט אין גיכן זיין גאַנץ און געזונט. נאָר הערסטו, סעם, ווען מ׳קוקט זיך צו צו די אַלע קראַנקע, דאָרט אין שפּיטאָל, זעט מען, אַז דעם מענטשנס לעבן האָט טאַקע גאָר קיין ווערט ניט.

— און אַז מען איז געזונט, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָ אַ מענטש?

— וועל איך דיר טאַקע זאָגן דעם אמתן אמת, אַז דער איינציקער ווערט, מיין פריינט, איז נאָך אַלץ דער דאָלער וואָס מ׳מאַכט.

— אַהאַ, האָסטו זיך דאָ דערטראַכט, — אַ גאַונישן קאָפּ טראָגסטו אויף דיינע אַקסלען!

— דו זאָגסט, אַז ניט? — טאָ גיב נאָר אַ קוק אויף דעם אַלמערל, וואָס

איך האָב דאָ געמאַכט פאַרן טאָוול מיט די קאָנטאַקט־ברעטער (סוויטש־באָרד)! דו ווערסט איצט מאַכן די פאַרבינדונגען און איך וועל עסן אָנבייסן.

— אַל, דאָס איז אַ פיין שטיקל אַרבעט! נאָך דיין טויט וועט מען שאַצן דיין ווערט לויטן אַלמערל, און לויט דעם געלט, וואָס דו האָסט אָנגעזאַמלט אויף דער וועלט.

— זעסט, אַט־דעם טויטן „פערדל״? אַן פראַפיטן וואָלט אַלץ געבליבן שטיין, ווי אַט־דער טויטער שטיק שטאָל. ווען אַט־די גרויסע ראָד קריגט ניט קיין דאַמף און קיין אויל, בלייבט זי שטיין, טויט!

— אויל, מיט אַ היפּשער מאָס בלוט!

— אָ, גיי, דיר. עס איבלט פון דיין הומאַניזם. דאָס פּאַסט פאַר „טשאַריטי קאַלעקטאָרס״, ניט פאַר דיר. — סעם, גענוג געפּלוידערט. טו זיך אַ שאָקל, מיר מוזן נאָך היינט אָנהויבן אַ נייעם דזשאַב. — אויב ניט וועט מייק פּלאַצן.

— פּלאַצט ביידע — מורמל איך, ווען סענד איז שוין אויף די טרעפּ.

* * *

דזשאָ האָט זיך דערפרייט מיט מיר, ווען איך בין אויפדערנאַכט געקומען אין שפּיטאָל. ער האָט, מיט אַ באַהאַלטענעם שטאָלץ, מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין פרוי און די צוויי קינדער, וואָס זיינען געזעסן אַרום זיין בעטל. די קינדערלעך, — אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס, מיט פלאַקסענע הערעלעך, און אַ מיידעלע, פון אַ יאָר אַכט, מיט אַ רונד קעפּעלע, אַרומגענומען מיט שטייפע צעפּעלעך, האָבן זיך געטוליעט צו דער מאַמען, ווי צוויי קעצלעך, באַהאַלטנדיק זייערע פּנימלעך אין איר שויס.

די מאַמע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געפּאַסטן, גרויען אָנצוג, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן איר יונגע פיגור, דעם חנעוודיק־העלן פּנים, מיטן קאָפּ ליכטיק־ברוינע האָר. זי האָט מיר געגעבן אַ פריינטלעכן שמייכל, און געזאָגט, אַז ס׳איז איר זייער אָנגענעם מיך צו קענען; אַז דזשאָ האָט וועגן מיר שוין פיל מאָל געערעדט אין אַ גאַר־געהויבענעם טאָן. זי באַדויערט, וואָס זי מוז איצטער אַוועקגיין, ווייל ס׳איז שוין צייט פאַר די קינדער צו גיין שלאָפן.

איך האָב אַרויסגעכאַפּט דאָס קעסטל שאָקאָלאַדקעס, וואָס איך האָב געהאַט פאַרגעסן אונטערן אָרעם, דאָס געעפנט, און געגעבן די קינדער. זיי האָבן גנב׳יש געקוקט אַט אויף מיר, אַט אויף דער מאַמען, און ניט גענומען — ביז די מאַמע אַליין האָט זיי איינגעטיילט.

געבליבן אַליין מיט דזשאָען, האָב איך אים געפרעגט צי ער האָט נאָך ווייטאָגן אין פוס, און ער האָט מיר דערציילט, ווי ער האָט געליטן אומדערטרעגלעכע יסורים, ביז מען האָט אים פאַרשלעפּערט און פאַרגיפּסעוועט דעם פוס. איצטער איז נאָך פאַראַן אַ נאָכווייעניש, נאָר ס׳איז צו דערליידן. איך האָב אַלץ געוואָלט אַרויספירן דעם שמועס אויף דעם פאַרוואָס און ווי אַזוי, נאָר ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער וויל דערפון ניט ריידן. איך האָב, אָבער, דורכאויס געוואָלט וויסן די אורזאַך פון דעם אומגליק, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געפרעגט:

— זאָג מיר, דזשאָ טייערער, ווי אַזוי האָט דאָס געטראָפן? איך ווייס,

אַז דו טרינקסט ניט; אַז דו ביסט אַזוי רירעוודיק אויף אַ לייטער, ווי דו וואָלסט אויף איינעם געבאָרן געוואָרן.

— סעם, דו וועסט מיר אפשר ניט גלויבן, נאָר איך ווייס אַליין ניט, וואָס ס׳איז געשען מיט מיר. איך געדיינק נאָר, אַז איך האָב אויסגעדרייט מיין קאָפּ, צו זען ווי די גרויסע שוואונג־ראָד שטייט זיך אַזוי שטיל, און רוט אין שפּאַלט פונם באָדן. איך האָב געהאַט אַ שטיקל סאַטיספאַקציע, וואָס דער גרויסער גיגאַנט קען זיך ניט רירן פון אָרט. אַזוי האָבן זיך מיינע בליקן צוגעקלעפּט צום דנאָ פון טרענטש. — — פּלוצים האָב איך דערזען אַ מענטשלעכן קאָפּ, וואָס קוקט צו מיר אַרויף, מיט פאַרגלאָזטע אויגן. ס׳האָט מיר אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן, אַזוי ווי אַ „בלעקאַאוט״. און אין אַ מאָמענט, האָב איך געפילט, אַז איך פּלי אינדערלופטן — מער געדיינק איך ניט.

— דו האָסט זיך מסתמא פאַרביינקט נאָך דער זון און די פּרייריס פון דיין טעקסעס, און ס׳האָט זיך דיר פאַרגלוסט אַ פּלי־צו־טאָן אַהין.

— סעם, אָן שפּאַס, דיינקסטו ניט, אַז דאָס איז אַן עכאָ פון דער מלחמה, וואו איך האָב אָפּגעפינצטערט צוויי יאָר, און די שרעק, וואָס ס׳איז מיר פאַרבליבן פאַר די „טרענטשעס״?

— אָ, רייד זיך ניט איין אַזעלכע משוגענע זאַכן. הער, דזשאָ, אַלץ קען פּאַסירן, — אָבער מיר דאַרפן זיך ניט אַריינלאָזן אין פּסיכישע ספּעקולאַציעס. דו ביסט געווען מיד, ניט אויסגעשלאָפן, און דורך אַ פּלוצימדיקן דריי מיטן קאָפּ, האָסטו פאַרלאָרן דיין גלייכגעוויכט. דו טראַכט בעסער, אַז דו דאַרפסט באַלד געזונט ווערן. דיין שיין ווייבל און די צוויי ליבע קינדערלעך וואַרטן דאָך אויף דיר. דו דאַרפסט ניט לייענען אָט־די נאַרישע זשורנאַלן. לייען עפּעס רעכטס. דו האָסט איצטער גענוג צייט צו ווערן אַ פּראָפעסאָר . . . איך וועל דיר מאָרגן ברענגען אַ גוט ביכל צו לייענען.

— סעם, סענד איז געווען נעכטן אָוונט, מיך געוואויר ווערן, ווייסט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט? דו וועסט דאָס גאָר ניט גלויבן.

— וואָס אַזוינס האָט ער דיר געזאָגט, דזשאָ?

— ער האָט מיר אָנגעבאָטן, איך זאָל ווערן אַ פּאַרטנער אין דעם געשעפט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער.

— וואָס לאַכסטו?

— ס׳קיצלט מיך, לאָך איך . . . פאַרגיב מיר, דזשאָ, פאַר מיין נאַרישקייט. און דו גלויבסט, אַז ער האָט דאָס טאָקע געמיינט?

— איך האָב פון אָנהויב אויך געדענקט, אַז אָדער ער שפּאַסט, אָדער ער וויל מיר זאָגן עפּעס אַזוינס, פון וואָס איך זאָל זיך פילן דערהויבענער. נאָר שפּעטער, האָב איך געזען, אַז ער מיינט דאָס גאַנץ ערנסט.

— איז וואָס האָסטו אים געענטפערט?

— וואָס האָב איך אים געזאָלט ענטפערן? גלויב מיר, סעם, אַז איך קען זיך ניט זען אין דער ראָלע פון אַ פּאַרטנער צו דער פירמע „סענד ענד נעלסאָן עלעקטריקעל קאָנטראַקטאָרס״. דיין „פאַרמער־באָי״ האָט געקענט אָנטרייבן די פערדלעך ביים אַקערן, — אָבער אָנטרייבן מענטשן — ניין, סעם, דאָס וואָלט איך קיינמאָל ניט געקענט.

— וואָס, פּאָרט, האָסטו אים געזאָגט?

— איך האָב אים געזאָגט, אַז אַ קאָנטראַקטאָר דאַרף קענען שפּילן אין קאָרטן. האָט ער, פאַרשטייט זיך, מיר אָנגעבאָטן, אַז ער וועט מיך שוין אויס־לערנען. האָב איך צוריק איינגעטענהט, אַז איך האָב דעם טעמפּן מוח פון אַ פּאַרמער. אָט אַזוי האָבן מיר זיך געחכמעט, — אָבער הינטער דעם האָט ווי געזאָדן אַ שטרייט . . . ווי זאָל איך דאָס דיר דערקלערן? — עפּעס, אַזוי ווי מיר וואָלטן אויף אונדזערע הענט געהאַט „באָקסינג גלאָווס“.

— מיט וואָס האָט זיך דאָס אויסגעלאָזט?

— ביים אָוועקגיין האָט ער מיר ווידער אַמאָל פאַרגעשלאָגן דעם גע־שעפט, און געזאָגט אַז איך האָב גענוג צייט דאָס צו באַטראַכטן, און אַז איך וועל געזונט ווערן, וועט ער נאָך מיט מיר ריידן וועגן דעם . . .

איך האָב אַלץ געטראַכט, צי זאָל איך דערציילן דזשאָען, אַז סענד האָט אויך מיר געמאַכט אַמאָל דעמזעלבן אָנבאָט?

די נוירס האָט אַריינגעשטעקט איר קעפּל אין טיר: — די וויזיטן־צייט איז שוין אַריבער!

איך האָב זיך אויפגעהויבן צו גיין. דזשאָ האָט גענומען מיין האַנט, און אַרויפגעלייגט די אַנדערע אויף מיינער — ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט, ווי ער האָט פּונקט אַזוי געטאָן, ווען איך בין געווען גרייט צו גיין אויפן לייטער, לעבן דער פליענדיקער ראָד . . . זיין שטימע האָט אויך איצט געציטערט, — נאָר זיינע אויגן זיינען איצט געווען אָנגעפּילט מיט טרערן, ווען ער האָט געזאָגט: ווייסט, סעם, איך האָב זיך ניט־ווילנדיק צוגעבונדן צו דיר — — —

* * *

דער דרויסן האָט מיך אַרומגענומען מיט קילע, אויסגעוואַשענע אַרעמס. ס׳האָט געשמעקט מיט יאַסמין און מאַראַנצן־בליאונג. צום גאַנעק פון שפּיטאָל האָט דערגרייכט דער פּיל־קאָלירטער שימער פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך געשפּרייט צופוסנס פונם באַרג, אויף וועלכן דער שפּיטאָל איז געשטאַנען.

אויבן האָבן די שטערן געפינקלט, אויף אַ הינטערגרונט פון טונקל־בלויען זייד. אונטן איז געלעגן די שטאָט, מיטן „קאָפּ“ אָנגעשפּאַרט אויף די האַליוואודער בערג; די „הענט און פיס“ רחבותדיק צעוואָרפן אין טאָל, באַצירט מיט מיליאָנען בלענדנדיקע ברילִיאַנטן. פון איר קערפּער האָבן זיך געצויגן שטראַלן־גאַסן אין וויטן האָריזאָנט אַריין . . .

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך דערטראָגן אַ באַשטענדיקער, איינטאָניקער ברומען. דאָס איז געקומען פונם האַרץ פון דער שטאָט, וואָס האָט שוין דערשפּירט דאָס אָנקומען פונם גרויסן אינדוסטריעלן איבערבראָך . . .

יאנקל פרידמאן

בהלה אין בעלוועדער

(דערציילונג)

אין יענעם טאָג איז מאַריאַ סאַנטשעס אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט באַזונדערס גוט אויפגעלייגט. זיין אַכצן־יאָריקע טאָכטער, טערעזא, האָט נעכטען גראַדואירט פון „בעלוועדער" היי־סקול, און אַ גאַנצן טאָג היינט, ביי דער אַרבעט, איז פאַר מאַריאס אויגן געשטאַנען איר ליכטיק געשטאַלט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון דער שוואַרצער גראַדואיר טונדרע. נאָר ניט אַזוי די טונדרע, ווי דאָס פיר־עקיק היטעלע, מיטן קוטאס אַרונטער. אַזוינע היטעלעך, טראַכט מאַריאַ סאַנטשעס, טראָגן אוודאי בלויז געלערנטע, און ער דערמאָנט זיך, ווי דאָס היטעלע האָט זיך ניט געוואָלט האַלטן אויף איר קאָפּ, צוליב אירע געדיכטע קרויזן, נאָר ווען זי האָט עס שוין יאָ אָנגעטאָן, האָט זיך איר פּנים פאַררויטלט און זי האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער מלאך.

„איכאַ מיא באָניטאַ" (מיין שיינע טאָכטער) — קוועלט־אָן מאַריאַ אין זיך; ער מאָלט זיך אויס, ווי טערעזאס גראַדואיר־בילד הענגט אויף דער וואַנט אין זייער היים, און עס באַשיינט דאָס הויז. ער שמייכלט, מאַריאַ. ער וויל זיך דערמאָנען, אויב ער האָט ערגעץ־וואו ביי באַקאַנטע אַמאָל געזען אַזאַ בילד.

היינט אין אָוונט, וועלן פריינט זיך צוזאַמענקומען. ער, מאַריאַ, וועט אויף דער גיטאַרע שפּילן טערעזאס באַליבטע מעלאָדיע, „לאַ־פּאַלאָמאַ". אַמאָל פלעגט זי טאַנצן ביי דער מעלאָדיע „לאַ־פּאַלאָמאַ", און מיט די „קאַסטאַנעטס", חנ'עוודיק צוקלאַפּן צום טאַקט פון דער גיטאַרע. היינט, טראַכט מאַריאַ, וועט זי זיך שוין אוודאי שעמען דאָס צו טאָן, נאָר לאָזן דאָס צו דער קליינער אַנ־דזשעלינאַ, און פריילעך וועט היינט זיין אין דער היים פון מאַריאַ סאַנטשעס.

אונטערן איינדרוק פון אָט־די טראַכטעניש דורכן טאָג, איז מאַריאַ דער־ווייל אַריין אין אַ סאַלון אויסטרינקען אַ גלאָז ביר.

אין סאַלון זיינען ביים טרינק־טיש געזעסן מענער, וועלכע האָבן גערעדט אויף שפּאַניש, און האָבן, ווי ס'האָט אויסגעזען, הנאה געהאַט פון די מעשהלעך, וואָס איינער פון זיי האָט דערציילט. סאַנטשעס האָט זיך דאָ דערפילט היימיש, צווישן אייגענע. ער וואָלט כ'לעבן אַליין חשק געהאַט, איצט, זיך פאַר אימיצן אויסריידן. ער האָט באַטראַכט די ביזיצנדיקע און באַמערקט, אַז דער עולם לאַכט פון דעם, וואָס ס'דערציילט איינער, וועמען חברה רופט פּראָפעסאָראַ פּעדראָ.

פּעדראָ האָט געהאַט אַ ליכטיק, פיין־געשניצט און אינטעליגענט פּנים. כאָטש די אויגן זיינען ביי אים אַצינד געווען גלאָזיק און פאַרטרונקען, איז זיין שטימע געווען דייטלעך און קלאָר. זיין שפּאַניש—זינגעוודיק און פליסיק. ער זעט טאַקע אויס צו זיין אַ „פּראָפעסאָר" אָט־דער פּעדראָ, האָט סאַנטשעס געטראַכט. ער האָט מיטגעלאַכט פון יענעמס טשיקאַווע מעשהלעך, און ווי נאָר פּעדראָס גלאָז איז ליידיק געוואָרן, האָט סאַנטשעס זיך געפּעדערט און פאַרגעלייגט אַ טרונק. ביי דעם פרישן גלאָז האָט פּעדראָ אָנגעפאַנגען אַ מעשהלע פונדאָסניי.

דאָס מאָל האָט ער דערציילט, אַז אַמאָל פלעגט ער אין די זונטיקס באַזוכן

אַן אַנשטאַלט אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו ס׳האַלטן זיך אויף יונגע פּרויען, געד ירטע פון זיבעץ. געקומען איז ער אַהין, מיטן אויסריד, צו באַזוכן אַ קרובה, און ער האָט שוין געוואוסט דורך וועלכער טיר ס׳איז באַקוועמער אַריינצו־ דרינגען אינווייניק. ווי נאָר די פּרויען האָבן אים דערזען, דערציילט פּעדראָ, — באַטראַכטנדיק די געשפּאַנטקייט פון די צוהערער, — פלעגן זיי זיך אָנהייבן רייצן מיט אים. פלעגן אפילו די בלוזקעס אויפשפּיליען. און אַזוי, טאַנצן פאַר אים. האָט געטראָפן, אַז די אויפזעערין איז אָנגעקומען, האָט ער זיך געמאַכט „ווי ניט אים מיינט מען", אַז ניט צוליב די פּרויען גאָר איז ער אַהין געקומען. נאָר די „יאַטיכעס", שמייכלט פּעדראָ, מיט אַ מויל געזונטע ווייסע ציין, זיינען שוין גאָר ניט משוגע געוועז. זיי האָבן זיך פאַר׳גנב׳עט פון דער אויפזעערין, אים אויפגעזוכט, און נאָך פאַרשייטער געמאַכט קונצן מיטן קערפּער. און פּעדראָ מאָלט אויס, מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי איינע פון זיי, אַ גאָר יונגע, האָט אויס־ געזען מיט אירע צעלאָזטע האָר און צעעפנטער בלוזקע.

קאָן זיין, אַז פּעדראָ האָט אַמאָל יאָ באַזוכט אַזאַ אַנשטאַלט. עס קאָן אָבער גיכער געמאָלט זיין, אַז דער געוועזענער שפּאַנישער הייך־סקול לערער, פּעדראָ שאַוועטס, וועלכער האָט צוליב אַ פאַרזעגלעכער איבערלעבונג, זיך גענומען צום ביטערן טראָפּן, האָט גאָר קיינמאָל אַזאַ פּלאַץ ניט באַזוכט. נאָר אַזוי ווי זיינע אַלקאָהאָלישע באַדערפענישן האָבן בלויז געקענט באַפרידיקט ווערן דורכן גוטן ווילן פון פריינט, וועמען ער פלעגט דערפאַר אָפּצאָלן, דורך דערציילן זיי אַלערליי געשיכטעס, האָט ער די דערמאָנטע מעשה צוגעטראַכט, און זי באַ־ פּעפּערט ווי נאָר ער, פּעדראָ, קאָן.

זיינע צוהערער, דערין מאַריאָ סאַנטשעס, זיינען געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. ערשט ווען דער עולם ביים טרינק־טיש האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנ־ דערצוגיין, האָט סאַנטשעס באַמערקט, ווי פּעדראָס לינקע האַנט הענגט אַרונ־ טער, אַן אָפּגענומענע, און די לינקע זייט ביי אים איז פּאַראַליזירט. אַ רחמנות האָט סאַנטשעסן אַרומגענומען. ער האָט אים געהאָלפן אויפשטיין פונם בענקל, פאַרוואָס דער געליימטער פּעדראָ האָט אים באַדאַנקט, און אים אָנגערופן „אַמיגאָ־פּאַזאַן" (לאַנדסמאַן־פריינט).

צומאָרגנס נאָך דער אַרבעט, איז מאַריאָ סאַנטשעס ווידער אַריינגעקומען אין סאַלון, און פּעדראָ האָט זיך גאָר דערפרייט מיט אים. זיינע ליפּן זיינען נאָך גאָר טרוקן געווען און געלעכצט נאָך אַ טרונק. סאַנטשעס האָט אים טראַקטירט מיט אַ גלעזל, נאָר פּעדראָס האַנט, אפילו די געזונטע, האָט עס ניט געקענט צום מויל דערטראָגן. די אויגן האָבן זיך אים איבערגעקערט פון אָנשטרענגונג און גיריקער דורשטיקייט נאָכן ערשטן ביטערן טראָפּן. נאָר — ווי עס טרעפט ביי אַן אַלקאָהאָליקער, — די האַנט האָט אים ניט געדינט.

סאַנטשעס האָט צוגעזען דאָס בילד, און דאָס האַרץ איז אין אים פאַר־ גאַנגען פון מיטלייד. ער האָט צוגעטראָגן דאָס גלעזל צו פּעדראָס ליפּן, און באַלד נאָכן ערשטן זופּ, ווי אַ כישוף, האָבן פּעדראָס אויגן צוריק אַ גלאַנץ געקראָגן, און זיין האַנט איז ווידער געוואָרן באַוועגלעך.

ס׳איז געווען אין יענע טעג, ווען אַ בייזער ווינט האָט זיך צעוואויעט איבער „בעלוועדער" און אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אירע מעקסיקאַנישע איינ־ וואוינער. אַ באַפעל איז אָנגעקומען פון אימיגראַציע דעפּאַרטמענט צו כאַפּן

ניט „כשרע" מעקסיקאַנער, און זיי מיט צוואַנג אַריבערשיקן איבער דער מעקסיקאַנער גרענעץ. די „כאַפּערס", אין געשטאַלט פון כאַפּטעס פּאָליציי און געהיים־אַגענטן, זיינען, ווי פּאַרצוקנדיקע וועלף, אומגעלאָפן איבער „בעל־וועדער" און דורכגעפירט די גזירה מיט גרויס רשעות. די ראַדיאָ, טעלעוויזיע, און די צייטונגען האָבן אונטערגעוואַרעמט דאָס שווידערלעכע מענטשן־יאַגעריי, באַטיטלענדיק די אכזריות, מיט נאָמען „אָפּערעישאָן וועט־בעקס".

איז וואָס זשע מיינט „וועט־בעקס"? ס'מיינט, אַז אַ מעקסיקאַנער אַרבעטער, זוכנדיק ברויט צו פאַרדינען אויף די פּלאַנטאַציעס פון קאַליפאָרניע, שווימט אַמאָל אַריבער דעם גרענעץ־טייך, און מען כאַפּט אים אַ דורכגעווייקטן, אַ „וועט־בעק". איז דאָס וואָרט געוואָרן אַ סאַטירישע באַצייכענונג ביי די אויגן־גלאָצער, און ליאַרעמער אויף דער ראַדיאָ. און אין „בעלוועדער" אַ פּחד־וואָרט, וואָס האָט זיך צעליגט אויף די שוועלן ווי אַ שוואַרצע פּלאָג.

פּעדראָ האָט אוודאי געוואוסט, וואָס עס פּאַרלויפט זיך, אין יענע טעג, מיט זיינע לאַנדסלייט אין קאַליפאָרניע און אין דערבייאיקע גרעניץ־שטאָטן. און ווען זיינע גוטע ברידער אין סאַלון האָבן געוואָלט וויסן, וואָס ער האָט היינט צו דערציילן, האָט ער געטראַכט, אַז ס'איז דער מאָמענט, פּאַר אַ היימיש מעקסיקאַנער לעגענדע, און האָט פּאַרגעלייגט די מעשה וועגן „גוואַדאלופּע".

ס'איז געווען, האָט ער אָנגעפאַנגען, אין יאָר 1535, ווען אַן אינדיאַנער פּויער אין מעקסיקאָ, איז פון דאָרף אין שטאָט געגאַנגען, ווארום דאָס ווייב איז אים קראַנק געווען, און ער האָט געמוזט פּאַר איר אַ דאָקטאָר ברייגנען. שפּאַנענדיק פּאַרטרויערט איבער די גוואַדאלופּער בערג, אַזוי האָט זיך צו אים באַוויזן דאָס הייליקע געשטאַלט . . . פּעדראָס שאַרף אויג האָט אָבער באַמערקט, אַז די מעשה פּאַרכאַפּט ניט די צוהערער, און וועלנדיק שפּינען ווייטער דעם פאָדעם פון היימישער מעשה, האָט ער גלייך אָפּגעהאַקט, און איז איבערגעגאַנגען צו דער געשיכטע „פּאַנטשאָ וויאַ".

אין יאָר 1911, דערציילט פּעדראָ, איז אין מעקסיקאָ געווען אַ פּרעזידענט מיטן נאָמען פראַנציסקאָ מאַדערא. איז ער געווען אַ מענטש אַ לייטישער, און ער האָט פּרובירט צו לינדערן די נויט פון די מאַסן אין מעקסיקאָ. איז אַ רעגירונגס־באַאַמטער ניט געווען ערלעך, האָט אים מאַדערא באַזייטיקט און באַשטראָפט. די אַמעריקאַנער טראַסטן, וועלכע האָבן תמיד געזוכט צו עקספּלואַטירן די רייכטימער פון מעקסיקאָ, האָבן איבער אים קיין שליטה ניט געהאַט. ביז אימיצער האָט מאַדעראַן דערמאָרדעט, און וויקטאַריאַנא ווערטהא איז געוואָרן פּרעזידענט.

ווערטהא איז געווען דער היפוך פון מאַדעראַן: אַ שקלאַף צו די רייכע, אַ כאַבאַר־נעמער, און די ערלעכע, אָרימע מאַסן האָבן געצאַרנט קעגן מאַדעראס מאָרד. דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען אַ יונגער פּויער, טעהאדארא דעראַנגאָ, וועלכער האָט אָנגענומען דעם נאָמען „פּאַנטשאָ וויאַ", אַ נאָמען פון אַ העלדישן מעקסיקאַנער גענעראַל, אין דער מלחמה מיט שפּאַניע. „פּאַנטשאָ" האָט אָרגאַניזירט אַן אמתע אַרמיי פון אָרימע פּויערים און אַרבעטער, צו באַקעמפן פּרעזידענט ווערטהאַן.

דאָס פּאָלק האָט פּאַנטשאָן פּאַרגעטערט, אָבער די אַמעריקאַנער טראַסטן און זייערע דינער האָבן געזוכט פּאַנטשאָן אומצובריינגען. איבער אַכט יאָר

האָבן די פּויערים אים אויסגעהיט פון אַלע געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף אים, און ווען פאַנטשאָ איז איינמאָל אַריבער די אַמעריקאַנער גרעניץ, אין קאַלאַמבאַ, ניו מעקסיקאָ, איינצוקויפן שפּייז פאַר זיינע זעלנער, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פאַנטשאָ ווילאַ איז אַ פּשוטער רויבער. דאָס פאָלק האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט אמת, דערציילט פּעדראָ, און שטילערהייט, פאַרענדיקט ער, אַז אַ שפּיאָן האָט ערגיץ פון אַ באַהעלטעניש, ענדלעך, פאַנטשאָן דערשאָסן.

מאַריאָ סאַנטשעס איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל, געשלונגען יעדעס וואָרט פון דער דאָזיקער געשיכטע. אַזוי גאָר, אַזוינע מענטשן זיינען געווען אין מעקסיקאָ, אינעם לאַנד פון זיינע עלטערן . . . און אָט־דער פּעדראָ, ווייס עס אַלץ . . . ער וואָלט אַזוי געזעסן, מאַריאָ, אַ גאַנצע נאַכט און זיך צוגעהערט צו אַזוינע מעשות. אַ געמיש פון אָפּשיי און רחמנות פאַר דעם געליימטן פּעדראָ האָט פאַרנומען זיין האַרץ. ער האָט פאַרגעלייגט אים אָפּצופירן אַהיים, און פּעדראָן איז דאָס גאָר געפעלן געווען — בפרט, אַז מאַריאָ האָט צעביטן זיין „פּעי־טשעק״ און מיטגענומען אַ פלעשל משקה. אַהיים איז שוין מאַריא סאַנ־טשעס יענע נאַכט ניט געקומען.

אין דער סאַנטשעס משפּחה אויף בעלוועדער איז מען געווען באַאומ־רואיקט — וואָס ס׳איז געשען מיט מאַריאָן. זיי האָבן געהערט וועגן שכנים, וועלכע זיינען, אין יענע טעג, פּלוצים פאַרשוואונדן געוואָרן. זיי האָבן געהערט וועגן דער בהלה, „וועט־בעק״. אָבער מאַריאָ איז דאָך געבוירן אין אַמעריקע. נאָר ווער ווייס? מ׳האָט שוין אַזוינע אויך פאַרנומען, האָט מען גערעדט. זיי זיינען סוף כל סוף געוואויר געוואָרן, אַז מאַריאָ האָט זיך פאַרחברט מיט איינעם, אַ געליימטן פּעדראָ, און זיי האַלטן זיך אויףביידע אינעם סאַלון.

די טאָכטער טערעזאַ, וועלכע האָט דעם טאַטן שטאַרק ליב געהאַט, האָט פאַרגעלייגט צו גיין נאָך אים. זי האָט געוואוסט, אַז זי איז דעם פאָטער שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן, און זי, מער ווי עמיצער אַנדערש, וועט פועלן ער זאָל אַהיים קומען. דער מוטער איז אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב, אַז איר טערעזאַ זאָל זיך ווייזן אין אַ סאַלון, נאָר זי האָט קיין ברירה ניט געהאַט, און האָט איינגעוויליקט.

דער אַנגעהיצטער לאָס אַנדזשעלעסער טאָג האָט אָנגעהויבן פאַרגיין, ווען טערעזאַ האָט זיך געקליבן אויף איר שליחות. די זון, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג היינט בלענדנדיק געלויכטן, האָט ווי אַ ריזיק, צונטער קיילעך, גענומען זיך אַרונטערגליטשן אין אַ בלוי־דורכזיכטיקן וואַלקן־טול איבער דעם פּאַ־סיפיק, אין מערב־זייט פון שטאָט. דער גאַנצער הימל האָט זיך געטובלט אין גינגאָלדענע פאַרנאַכטיקע פלאַמען. אויך די, צום טייל צעבראָכענע פענצ־טערלעך, פון די נידריקע הייזלעך אין בעלוועדער, האָבן זיך געמיניעט אין שטראַלנדיקע קרישטאָל קאָלירן, אינעם אָפּשיין פון די צעפלאַמטע שטיקער וואָלקנס, העט אויבן איבער זיי.

טערעזאַ איז אַרויסגעקומען פון הויז, און ס׳האָט איר הנאה געטאָן, וואָס דער אָוונט וועט באַלד צופאַלן. דער מילד־קילער לאָס אַנדזשעלעסער פאַר־נאַכט האָט אָנגערירט איר צעהיצט פּנים, ער האָט אָבער ניט געקענט שטילן איר געמיט, וואָס איז געווען אויפגערודערט צוליב איר אויסטערלישער

שליחות. זי קאָן נאָך טרעפן דעם טאַטן אַ שיכורן, האָט זי געטראַכט, און ער וועט זי נאָך באַליידיקן. נאָר איר וועט עס ניט אַרן. זי וועט זיך איינקלאַמערן אין אים, זי וועט אַזש וויינען, און זאָגן צו אים: „פּאַדרא מיאַ קערידא, וואַמוס אַלא קאַסא״ (פּאַטער טייערער, לאָמיר אַהיימגיין) — ווי אַזוי וועט ער איר קענען אָפּזאָגן אויב זי וועט וויינען?

אַ גרופּע מיידעלעך מיט אַרומגעפלאָכטענע קאָלירטע לענטעס און קאָ־רעלן, טרייסלענדיק אין דער לופטן זייערע דיקע צעפּלעך, האָבן אינדרויסן געטאַנצט אַ שפּאַנישן „פּעטשל״־טאַנץ, און צוגעזונגען צום טאַקט פון אַ פּיי־קעלע, אין וועלכן אַ באַרוועס יאַטל האָט געפּויקט. טערעזא איז פאַרבייגע־גאַנגען די טאַנצנדיקע קינדערלעך. דאָס איז דאָך איר באַליבטער טאַנץ, איר באַליבטער ניגון, האָט זי געטראַכט. נאָר זי איז שוין אַ גרויסע, אַן אַלטע — אַ סימן, זי גייט אין אַזאַ ערנסטער שליחות.

די קנאָספּן פון די „האיביסקוס״ און „פּאָינסעטיאַ״ בלומען, וואָס בליען, ווי פון זיך אַליין, אויף די טרוקענע ערדן אין בעלוועדער, האָבן מיטן זונ־פאַרגאַנג אָנגעהויבן צו פאַרמאַכן די רויט־פייערדיקע בלעטעלעך זייערע, און האָניק־זיסע ריחות פון יאַסמין־בוימער האָבן זיך דערטראָגן צו טערעזאַס ציטערנדיקע נאָזלעכער. פּלוצים האָט זי דערהערט דעם געררויש פון אַ מאָטאָר־ציקלעט. ס׳זאָל צומאָל ניט זיין דעני, האָט זי אַ טראַכט געטאָן . . . אין אַן אויגנבליק, האָט דער מאָטאָר־ציקלעט איר פאַרשטעלט דעם וועג. יאָ, ס׳איז ער, דעני, דער יונגער, פריילעכער, דעניעל פּערעץ, פון בעלוועדער, וואָס שדכנט זיך צו איר, און צו וועמען זי איז אויך ניט גלייכגילטיק. און אַ פּאָר גרויסע, ברוינע, פאַרליבטע אויגן, האָבן זי דורכגענומען.

— וואוהין גייט מען עס איצט, טערעזאַ? — האָט דעני געוואָלט וויסן. זי האָט אויפגעציטערט. מער פעלט איר ניט, אַז ער זאָל געוואויר ווערן, וואוהין, און נאָך וואָס, זי גייט . . . — זעץ זיך, טערעזאַ, מיר׳ן אַרויספאָרן אַט דאָרט אויפן באַרג, און זען ווי די זון פאַרגייט — האָט דעני געזאָגט . . . זי האָט אים קאַלט אָפּגעענטפערט, און דעני, ניט זייענדיק געוואוינט צו אַזאַ באַציאונג פון טערעזאַן, האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן, און אַ ברוגזער אַוועק־געפלויגן אויפן מאָטאָר־ציקלעט. אַ ביסל ווייטער, אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּאַלמע־בוים, איז געשטאַנען אַ מאַן, מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן. ניין, ס׳איז ניט איר פאָטער; נאָר, מסתמא זעט ער אויך אַזוי אויס . . . און דעני איז אַוועק אַ ברוגזער . . . אויפן האַרצן איז טערעזאַן זייער שווער געווען.

צוליב דער טונקלקייט אינעם סאַלון, האָט טערעזא באַלד ניט באַמערקט דעם פאָטער. דער טרינק־טיש איז געווען פול מיט מענער, וועלכע האָבן לאַנגזאַם געזופּט פון די גלעזלעך, און זיך צוגעהערט צו פּעדראָן. דערציילט האָט ער זיי ווי אין 1835, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג, אונטער פּרעזידענט דזשעקסאָנען, פאָרגעלייגט צו מעקסיקאַ אַ האַלבן מיליאָן דאָלער, פאַר דעם פּאָרט פון סאַן פראַנציסקאָ, און די געגנט אַרום. ווען מעקסיקאָ האָט ניט איינגעוויליקט, האָט אַמעריקע אַריינגעשיקט די אַגענטן טאָמפּסאָן און גרין קיין מעקסיקאָ, כדי שטילערהייט אונטערצוקויפן די דאָרטיקע רעגירונגס־פירער, און גלייכצייטיק אַרויסגעשיקט באַוואָפנטע שיפן קיין סאַן דיעגאָ,

כלומרשט צו באַשיצן די אַמעריקאַנער פישער־לייט, וועלכע האָבן אומגע־שטערט געכאַפּט פיש אין יענע וואַסערן.

דערנאָך האָט פעדראָ דערציילט פון די צוזאַמענשטויסן צווישן די מעק־סיקאַנער איינוואוינער אין לאָס אַנדזשעלעס מיט די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן פון גענעראַל גילעספּי, און ווי אַזוי די לעצטע זיינען פאַריאָגט געוואָרן קיין סאַן פעדראָ. טערעזאַ, אַ פאַרחידושטע, האָט אויפגעכאַפּט אייניקע פראַזעס פון פעדראָס רייד. זי האָט דערזען דעם פאָטער און זיך געוואָלט דערנענטערן צו אים. פּלוצים האָבן זיך, דורך אַלע טירן, אַריינגעריסן מענער, אין פּאָלי־צייאישע און ציווילע קליידער, מיט רעוואָלווערן אין די הענט. — „זאָל קיינער זיך ניט רירן פון אָרט, און אויפהויבן די הענט" — האָבן רוגזהדיקע שטימען באַפוילן, אין ענגליש און אין שפּאַניש.

אַלע האָבן אויסגעפאָלגט די באַפעלן, אויסער פעדראַ, וועלכער האָט ניט געקענט אויפהויבן זיין געליימטע האַנט . . . — „הויב אויף די הענט, דו מעקסיקאַנער מאַלפּע" — האָט אַ כעסדיק קול אַ געשריי געטאָן צו פעדראָן, און מיט אַ קלאַפּ אים אַרונטערגעשליידערט פונעם בענקל. — „און וואָס טוסטו דאָ?" — האָט אַ דעטעקטיוו, מיט כיטרע אויגן, געפרעגט טערעזאַן. — „אַ יונג, שיין נאַכט־פייגעלע פאַר די „וועט־בעקס", וואָס?" . . . טערעזאַ, אַ דערשראָקענע, האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר דאָ האָט זי באַמערקט, אַז מען שלאָגט אויך איר פאָטער, וועלכער האָט געוואָלט העלפן פעדראָן זיך אויפצוי־שטעלן . . . „פּאַדרע מיא", האָט זי אַ פאַרצאַפּלטע אויסגעשריגן. אַ געפיל פון צאָרן און פּראָטעסט קעגן די ברוטאַלע שלעגער האָט זי באַהערשט. זי האָט גיך אויפגעכאַפּט, אַז דאָ איזדעקוועט מען זיך איבער מענטשן, בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען מעקסיקאַנער.

„לאָזט צורו מיין פאָטער" — האָט זיך טערעזאַ געריסן צום שלעגער... און דערנאָך, ווען מען האָט שוין אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין אַרעסטאַנטן־וואָגן, האָט טערעזאַ זיך אָפּגעזאָגט צו זאָגן ווער זי איז, און דורכדעם פריי זיין אַהיימצוגיין. זי איז מיטגעפאָרן מיט אַלע איבריקע אין אַרעסט־הויז.

אינמיטן שטאָט, בלויז אַרום אַ מייל פון „דאַון טאַון", אַרומגערינגלט פון היפּשע וואַלד־באַדעקטע, אייביק־גרינע בערג, געפינט זיך דער „עליזשען" פּאַרק, וואַקסן אין זיין טאָל שורות לאַנגע, שטאָלצע פּאַלמעס, יוקאַליפּטוס, און פעפער־בוימער, וועלכע פילן אָן דעם אַרום מיט די זיסטע ריחות. דער צופוסנס פון די בערג איז פול מיט אַלערליי מאָן־בלימעלעך, וועלכע בליען און שיינען אין פראַכט־קאָלירן אַ גאַנץ יאָר. אויסגעשפּרייט אויף אַ שטח פון 600 אַקער, אין דער דאָזיקער געגנט, נאָך אין 1781, ביי די דעמאָלטיקע באַזיצער פון לאָס אַנדזשעלעס, די מעקסיקאַנער, שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ פּאַרק. פונדאַנען האָבן זיי מיט די פרעמדע אריינדרינגער געשלעגן געפירט, און אין דער מגפה פון 1850 — דאָ זייערע מתים באַהאַלטן.

היינט שלענגלען זיך אין „עליזשען" פּאַרק אויסגעפלאַסטערטע שמאָלע וועגן, אַרויף און אַראָפּ, צווישן די בערג באַהעלטענישן. איז אָט דאָ, אויס־באַהאַלטן פון פאַרבייפאָרער און שפּאַצירער, האָט מען אָפּגעצאַמט אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, פון וועלכן מ'זאָל די געפאַנגענע, מיט געוואַלד, איבער דער מעקסיקאַנער גרעניץ אַריבערשיקן.

פון פאַבריקן און וואַרשטאַטן, אין די אַרבעטס־קליידער, האָט מען זיי פאַרנומען. פון די גאַסן, קראָמען, און היימען — אַנדערע, אפילו פון די בעטן אַרויסגעריסן — האָט מען זיי, ווי דערשראָקענע שאָף, אין „עליזשען" פּאַרק צונויפגעטריבן.

פאָטערס, ברויט־געבער פון גרויסע פאַמיליעס, האָט מען צוגענומען; פרעמד־געבוירענע מוטערס האָט מען אָפּגעריסן פון זייערע הי־געבוירענע קינדער, און אפילו די הי־געבוירענע, וועמענס ענגליש ס'האָט אין די אויערן פון די כאַפּערס, געקלונגען „פרעמד", אָדער זייערע פּאַפּירן ניט אין אָרדענונג, האָט מען ניט געשאָנעוועט. אָן איינזעעניש האָט געבושעוועט „אָפּערעישאָן וועט־בעק". אַ בהלה האָט אַרומגעכאַפּט בעלוועדער.

אין פרימאָרגן, איז טערעזאַ סאַנטשעס געשטאַנען אַרום דער דראָט־פאַרצאַמונג אין „עליזשאַן" פּאַרק, און אין גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויף איר פאָטער. די געגנט איז געווען פול מיט פרויען און קינדער. אַנדערע זיינען געקומען מיט פּאַפּירלעך אין די הענט, צו באַווייזן, אַז זייערע אייגענע זיינען „כשרע" איינוואוינער אין אַמעריקע. אַנדערע — זיך געזעגענען מיט זייערע נאָענטע. שטילע געוויינען האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שאַרכנדיקן גערויש פון די פּעפּער־בוימער.

טערעזאַ האָט דערזען זייער שכנה לינדאַ בראַוואָ, וועמענס מאַן און דער פאָטער פון אירע 5 קינדער איז אינעווייניק פון דער דראָט־פאַרצאַמונג. זי האָט באַמערקט, ווי דער 10־יאָריקער יעזוס בראַוואָ האַלט דעם טאַטנס גיטאַרע, און בעט אים ער זאָל זי מיטנעמען. קליינע קינדער האָבן, דורך די דראָטן, געשטעקט דינע הענטעלעך — דער טאַטע זאָל זיי אָננעמען און זאָגן „אַדיאָס"; אַנדערע קינדער, האָט טערעזאַ געזען, שטעקן דורך די דראָטן „טאָרטיאָס" צו זייערע פאָטערס, און יונגע מיידלעך וואַרפן קושן צו זייערע פאַרטרויערטע געליבטע.

פּלוצים האָט טערעזאַ דערהערט ווי אימיצער רופט זי ביים נאָמען. אַנט־קעגן איר, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, איז אָנגעקומען מרס. באַרסקי, איר שול־חברטע אסתר'ס מוטער, מיט איר קליין טעכטערל שוירלי. טערעזאַ! טע־רעזינקאַ! האָט מרס. באַרסקי זי וואַרעם אַרומגענומען, וואָס האָט פּאַסירט? דיין טאַטן אויך פאַרנומען? — האָט מרס. באַרסקי צאַרט גערעדט.

טערעזאַ האָט זיך איצט שוין ניט געשעמט. זי האָט איר דערציילט, אַז דער פאָטער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ געליימטן מעקסיקאַנער, האָט מען אים געשלאָגן, און איצט איז ער דאָרט אין לאַגער.

און וואָס טוט איר דאָ, מרס. באַרסקי? האָט טערעזאַ געפרעגט . . . אוי, טערעזינקאַ, וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו? זיי האָבן דאָך אָוועקגענומען מרס. אַקאָסטאַ; דו קענסט זי אפשר — אונדזער שכנה פאַר אזוי פיל יאָרן. בלויז דאָס ייִנגעלע איז געבליבן, און די קליינע קאַרמעליטאַ איז מיט דער מאַמען . . . מיין שוירלי פאַרווינט מיר דעם קאָפּ; ס'טייטש, קאַרמעליטאַ, איר בעסטע חברטע, אַזוי ווי צוויי שוועסטערלעך זיינען זיי געווען. ביי אונדז אין הויז

געטאָגט און געגעבטיקט. אוי, אוי, טערעזינקא, ס׳אַראַ שלעכטע וועלט עס איז . . . אַט האָב איך אָפּגעבאַקט קיכעלעך, מיטגענומען נאָך עטלעכע זאַכן, און געבראַכט אַט־דאָס פּעקעלע פּאַר דער מרס. אקאָסטא.

הערסטו, טערעזינקא, ס׳דערמאָנט מיך, ווען איך בין אַזוי גרויס געווען ווי שוירלי, איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה דאָרט אין „יוראָפּ״, און מיר האָבן געוואוינט ביי אַ טייך, נעבן אַ שטאָט פינסק. האָט פּונקט די אייגענע זאַך פּאַסירט. ס׳איז אַרויס אַ גזירה, אַז יידן טאָרן דאָרט ניט וואוינען . . . ס׳געדענקט זיך מיר אַזוי גוט, וויפל מיר האָבן זיך אָנגעליטן — פּונקט ווי איצט אַט־דאָ, איינעם אַהין, איינעם אַהער . . .

טרערן האָבן זיך טערעזאַן געשטעלט אין האַלדז, פון מרס. באַרסקיס צאַרטע, מוטערלעכע רייד. זיי האָט קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן. זי פלעגט אָפט קומען צו די באַרסקיס, מאַכן מיט אסתרן די שול־אַרבעט, און האָט ליב געהאַט זייער הויזגעזינט. ווען זי שעמט זיך ניט, וואָלט זי זיך גוט אויסגעוויינט, אין די אָרעמס פון אַט־דער יידישער שכנה זייערער.

טערעזא האָט זיך אַרומגעקוקט. זי וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז דעני פּערעץ זאָל זיך דאָ איצט ווייזן. זי האָט אויפגעהויבן די קליינע שוירלי, און זי צוגעדריקט צום האַרצן . . . מרס. באַרסקי האָט מיט אַ טיכעלע אָפּגעווישט צוויי פּערלדיקע טרערן פון טערעזאס בלאַסן, שיינעם פּנים.

אין די שפּעטע שעהן פון טאָג, האָט מען געזען טערעזאַן מיט איר פאָטער פאַרלאָזן דעם „עליזשען״ פּאַרק. אויף אַ פּאַלמע־בוים,ביים וועג, איז געהאַנגען אַ ווייס צעטל. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. טערעזא האָט געלייענט, און דערקלערט דעם פאָטער, אַז דאָס איז אַן אויפרוף פון אַ „קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די פרעמד־געבוירענע״. טערעזא האָט געלייענט — וואָס אַמאָל העכער — די מונטערע רייד פונם אויפרוף, אַז די מעקסיקאַנער זיינען ניט אַליין, אַז רעכט־דענקנדיקע מענער און פרויען פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין קאַליפאָרניע זיינען גרייט צו העלפן באַקעמפן די „וועט־בעק״ בהלה. טערעזאס פּנים, האָט מען געזען, הויבט־אָן אויפלויכטן פון די מונטערע ווערטער. זי האָט מיט דער האַנט שטאַרקער צוגעפעסטיקט אַ ברעג פונם אויפרוף, וואָס איז געווען לויז פונם בוים. און בלייבנדיק זיכער, אַז דער אויפרוף וועט זיך האַלטן, איז זי, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַוועק מיטן פאָטער, אויפן וועג אַהיים, קיין בעלוועדער.

❧ ❧ ❧

גינא מעדעם

כאָזע עסטרוגאַ – דער ספּרדישער ייד און קעמפער

ס'איז געווען איינע פון די מאַדרידער זומער־נעכט, אין יוני 1937. נישט געקוקט אויף דער נאָענטקייט פון דעם מלחמה־פראָנט און די כסדר'דיקע אַרטילעריע־אויפרייסן, איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען מיט זיין „נאָרמאַלן", סיס־טעמאַטישן מלחמה־גאַנג. צוויי און צוואַנציק מינוט רייזע מיטן עלעקטישן טראַמוויי פון צענטער פון שטאָט, פון „פּוערטע דעל סאָל", איז געווען די ערשטע ליניע פון די לאָיאַליסטישע „טרענטשעס". אַ שטח פון 18 פּוס האָט אָפּגעטיילט די שפּאַנישע פאָלקס־אַרמיי פון די פראַנקאָ־פאַשיסטן. אין גאַס, מיט אַ ריי איינגעפאַלענע הייזער, האָט געקוקט קעגנאיבער דער צווייטער. שפּאַניער קעגן שפּאַניער האָבן געקעמפט און פאַרגאָסן ברודער־בלוט, לויטן בעסטיאַלישן ווילן פון הענקער פראַנקאָ.

דורכן טאָג פלעגן אָנלויפן היטלער'ס „סטוקאַס" און „פאָקקערס", אַראָפּ־וואַרפן זייערע באָמבעס אויף מאַדרידער פרויען, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער ריי פאַר ברויט און גרינסן; אויף קינדער אין אַ שול־הויף; אויף אַ קלויסטער, וואו פרומע שפּאַניער האָבן תפילה געטאָן פאַר אַ גיכן שלום . . . אין אַ ווייל־ע אַרום פלעגן אָנקומען אַמבולאַנסן, צונעמען די פאַרוואונדעטע, בעת די פרייוויליקע „סאַניטאַרע הילף" האָט אויסגעגראָבן די פאַרשאָטענע און אַוועקגעפירט די טויטע . . . די מאַדרידער פרויען, מיט פאַרביסענע ציין, פלעגן ווייטער שטיין אין דער ריי נאָך אַ שטיקל קאָרענע ברויט און אַ טעלער „גאַרבאַנצאַס" (אַרבעס). בלויז די ריי איז געוואָרן שיטערער און די אויגן פאַרוויינטער. ס'פלעגן זיך טראָגן איבער די גאַסן מאַטאַציקלעטן צום פראָנט. מידע סאַלדאַטן, מיטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס, האָבן זיך געאיילט אַהיים, צו ווייב און קינד, אויף אַ 24־שעהדיקן אורלויב. אָפט פלעגט מען זען אַ פאָטער, צוזאַמען מיט זיין יונגן 17־יאָריקן זון,ביידע מיט ביקסן אין די הענט, אויף אַ קורצן אָפּרו פון בלויז עטלעכע שעה. מאַדריד, די העלדישע, הונגעריקע, פאַרפייניקטע, אָבער נ י ש ט געבראָכענע שטאָט, האָט אַזוי ג ע ל ע ב ט, אין פייער און אש, כמעט 3 יאָר . . .

די נעכט האָבן געשמעקט מיט מאַראַנצן־בלי, מיט פרישע מאַנדל־בלע־טער און מיט שאַרף־ווירציקע ריחות פון די „גוואַדאַראַמע" בערג. קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן טויט. מיר זיינען צוגעוואוינט געוואָרן סיי צו די באָמבעס, סיי צו די אַרטילעריע־יאַדרעס איבער די דעכער.

ביינאַכט איז דער אויסגעשטערנטער הימל געווען פ ר י י : די פאַשיסטן האָבן אין דער פינצטער מורא געהאַט אַראָפּצוואַרפן באָמבעס, נאָכדעם ווי זייערער אַ פליער האָט אַמאָל באָמבאַרדירט אַ גאַס אין באַרצעלאָנאַ און האָט דערהרגעט דעם גאַנצן פאַשיסטישן שטאַב, בעת זייער אַ זיצונג. אין די געפּאַקטע זאַלן און קינאָ'ס פלעגן דאַן פאַרקומען פּראַכטפולע קאָנצערטן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען, מיטן אָנטייל פון די בעסטע קינסטלערישע

כוחות פון שפּאַניע, מיט דער מיטווירקונג פון אויסלענדישע געסט, שרייבער און קינסטלער, וועלכע פלעגן קומען צוהילף זייערע שפּאַנישע קאָלעגן און אָפּגעבן כבוד די העלדישע פּאַרטיידיקער.

שפּעט ביינאַכט האָט גערעדט צו דער וועלט „ראַדיאָ־מאַדריד״, כמעט אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. ס׳האָט אויך באַקומען, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שפּאַניע, דאָס וואָרט אויף יידיש, די שרייבערין פון די שורות. מיט אַ ציטער אין האַרצן האָב איך, דעם 24 יולי 1937, גערעדט צום ערשטן מאָל צום יידישן צוהערער, פון דער הויפּט־שטאָט פון שפּאַניע, 450 יאָר נאָך דער אינקוויזיציע; גערעדט אין דעם לאַנד פון „רמבם״ און פון דעם יידישן מאַרטירער, סילוואַ, אַ ספּרדישן מלוכה־באַאַמטן פון יענער עפּאָכע, פאַר וועלכן אַפילו די קעניגין, איזאַבעלאַ לאַ קאַטאָליקאַ, האָט זיך איינגע־שטעלט, ווען ער איז געווען פאַרמישפּט צום טויט פון דער אינקוויזיציע. די קאַרדינאַלן האָבן אָבער געשטעלט אַ באַדינג, אַז ער זאָל זיך שמדן. סילוואַ האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, און איז אומגעקומען אויף דעם שייטער־הויפן, מיט „שמע ישראל״ אויף די ליפּן.

זיין טראַגישער טויט, זיין סטאָאיציזם און מאַרטירערטום האָבן אינספּי־רירט אַ גרויסן קינסטלער און חזן צו שאַפן דעם „כל־נדרי״.

אין אַ טיפן, שטיינערנעם קעלער, וואָסערע 20 פוס טיף, איז געווען די ראַדיאָ־סטאַנציע פון מאַדריד. דער אָטעם האָט מיר אַביסל אויסגעפּעלט, ווען איך האָב אַנאָנסירט, ווי יעדער רעדנער ביים ראַדיאָ, אויף שפּאַניש: „אַקי ראַדיאָ־עסטאַסיאָן מאַדריד, רעפּובליקאַ עספּאַניאָלאַ״. און אויף יידיש: „דאָס איז די ראַדיאָ־סטאַנציע פון דער רעפּובליק פון פאָלקס־שפּאַניע!״ ס׳רעדט די און די זשורנאַליסטין פון אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג, פון דער „מאָרגן־פרייהייט״, און פלעג דערביי אָנגעבן די טעמע פון מיין רעדע. איך האָב גערעדט וועגן די 28 טויזנט נייע יידישע איינוואַנדערער, וועלכע זיינען געקומען קיין שפּאַניע, אין די ערשטע יאָרן נאָכן זיג פון דער פאָלקס־פראָנט רעגירונג. געקומען פון פאַשיסטישע לענדער, ווי נאַצי־דייטשלאַנד, פּוילן, ליטע, לאַטוויע, רומעניע און אונגאַרן, זיך איינגעאָרדנט און, ביסלעכווייז, געקומען צו זיך, און אָפּגעאָטעמט אין דעם פרייען ספּרדישן פאָטערלאַנד פון אַמאָל . . .

דער איניציאַטאָר פון אַ יידישער אַרויסטרעטונג אויף דער פרייער שפּאַ־נישער ראַדיאָ איז געווען דער קאַפּיטאַן כאַזע מ. עסטרוגאַ, אַ ספּרדישער ייד, געבוירן אין טערקיי, געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין בוירקלי, קאַליפאָר־ניע, אַוועק צוריק אין זיין אַלט־ספּרדישן פאָטערלאַנד און, ביים אויסבראָך פון דעם בירגער־קריג, זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רעפּובליק. ער איז באַלד באַשטימט געוואָרן, אַלס דער אַדיוטאַנט און געהילף פון גענעראַל מיאַכאַ, דעם הויפּט קאָמאַנדיר פון די שפּאַנישע לאָיאַליסטישע אַרמייען.

מען האָט מיך אויפגענומען אין דער רעזידענץ פון גענעראַל מיאַכאַ און מיך באַקאַנט מיטן קאַפּיטאַן, כאַזע מ. עסטרונאַ. איך האָב אים דער־ציילט וועגן מיין אַרבעט, אַלס יידישע זשורנאַליסטין. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן יענער פאַרכאַפּנדיקער אויסטויש פון געדאַנקען און איבערלעבונגען וועגן צייט־פּראָבלעמען פון צוויי וועלטן — פון דער ספּרדישער, וועלכע ער האָט רעפּרע־

זענטירט, און דער אשכנזיש־יידישיסטישער, וועלכע איז מיר נאָענט. מיר האָבן גערעדט פון אָנהויב אויף שפּאַניש, דערנאָך אויף ענגליש.

פאַר מיר איז געזעסן, אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם פון אַ קאַפּיטאַן פון דער פאָלקס־ארמיי, דער געהילף פון דער העכסטער אויספירנדיקער מיליטערישער מאַכט פון דער רעפּובליק, פון גענעראַל מיאכא, דעם פּאַטריאָט, אַנטיפאַשיסט און פאַרטיידיקער פון זיין פאָטערלאַנד, וואָס ער האָט געזוכט צו ראַטעווען מיט דער הילף פון דעם לאַיאַלן טייל פון דער באַפעלקערונג און מיט אַ הייפל פון דעם בעסטן מענטשן־מאַטעריאַל פון דער אַנטיפאַשיסטישער וועלט, די „אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן", זין פון 28 פעלקער, איינגעשלאָסן דאָס יידישע פאָלק.

פאַר מיר איז געזעסן אַן אַנטיפאַשיסט, אַ סאָציאָלאָג, אַ הומאַניסט מיט אַ דיפּלאָם פון דעם קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט פון בוירקלי, דער מחבר פון א בוך „על רעטאָרנאָ אל סעפאַרד" („דאָס אומקערן זיך צום ספרדישן פאָטערלאַנד"), אַרויסגעגעבן אין מאַדריד אין 1933. צום בוך האָט דער באַקאַנטער נאָבעלער פילאָסאָף און היסטאָריקער, גאַבריעל אלאָמאר, אָנגעשריבן אַ מערקווירדיקן אריינפיר. עסטרוגאָ האָט געהאַט אַ בריוו צום היסטאָריקער אַלאָמאַר פון אַ צווייטן שפּאַנישן געלערנטן, דעם באַרימטן ראפּאעל קאַנסינאָס אסענס.

אין דעם אריינפיר דערציילט גאבריעל אלאָמאר, ווי עסטרוגאָ, אַ פאַרבענקטער און אַ ליידנשאַפטלעך־איפּגערעגטער, איז געקומען צולויפן אין זיין אַלט פאָטערלאַנד, שפּאַניע, באַלד נאָכן פאַלן פון דער מאָנאַרכיע. ער דערציילט וועגן דעם טיפן איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף כאָזע עסטרוגאָ'ן די אַלטע היסטאָרישע שטאָט, טאָלעדאָ, מיט איר פאַרשטאָט „טראַנזיטאָ", וואו עס געפינט זיך דער היסטאָרישער יידישער בית עולם און די סינאַגאָגע פון 13טן יאָרהונדערט; ווי ער האָט זיך אריינגעפרעסט מיט די אויגן אין די אַלטע מצבות, מיט זייערע אַלט־העברעאישע אויפשריפטן . . .

זיצנדיק אויף דער טעראַסע ביי אלאָמארן אין הויז, בעת די זון האָט געלויכטן איבערן מיטל־לענדישן ים, האָט אים אלאָמאר אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ ווייטן שטיינערנעם פּלאַץ וואו מ'האָט געקענט זען חורבות פון אַ תפיסה. דאָרט זיינען אומגעקומען אין 1691 די לעצטע קדושים, קרבנות פון דער אינקוויזיציע.

ניט דאָס שפּאַנישע פאָלק איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון יענער יידן־אויסראָטונג, נאָר די הערשנדיקע קלעריקאַלע מאַכט. „דערפאַר", זאָגט אַלאָמאַר, „האָט דאָס ספרדישע יידנטום נישט געטראָגן אין זיך קיין נקמה־געפיל צום שפּאַנישן פאָלק, צו זיין שפּראַך און צו זיין קולטור". „צום ערשטן מאָל", — זאָגט אַלאָמאַר ווייטער, — „האָב איך דערזען אַ שפּאַניער, וועלכער האָט גערעדט מיט אַ געפיל פון ווירדע און נאָבעלן שטאָלץ וועגן זיין בלוט פון אַ פאַרפאָלגטן און האָט מיר זיין אייגן בלוט אָנגעבאָטן אַלס אַ משכון פאַר אונדזער נייער פריינטשאַפט, און די וועלט וואָרט אויף אַ דענקמאָל, כדי צו גלאָריפיצירן די העלדישע מאַרטירער פון דער פאַרגאַנגענהייט . . ."

אין דעם שמועס מיט מיר האָט קאַפּיטאַן עסטרוגאָ אָפּט באַנוצט דאָס

וואָרט: „מי וויעכא פּאַטריא״, (מיין אלט פּאַטערלאַנד), דערציילנדיק וועגן די ערטער, וועלכע ער האָט באַלד נאָכן אָנקומען אין שפּאַניע, באַזוכט — צווישן זיי, די אַרכיוון פון דער שטאָט מורסיא, מיט די אַלט־באַרבאַרישע געזעצן קעגן יידן און מורן, ווי דאָס געזעץ פון 1352, וואָס זאָגט: „אַ שווערע שטראָף וועט געגעבן ווערן צו אַ „מור״, אָדער אַ יידן, וועלכער באַגייט אַן אוממאָראַלישן אַקט מיט אַ קריסטלעכער פרוי״. ער האָט באַטראַכט דאָס לעגענדאַרישע לאַנד, שפּאַניע, אַלס דעם גייסטיקן „ציון״ פון ספרדישן יידנטום. אין זיין ערשטן שמועס מיט אלאָמאַרן האָט עסטרוגאַ מיט ביטערקייט דערמאָנט די אומגערעכטע און שווערע קריוודע, ווען אין דער ליטעראַטור האָט זיך באַוויזן די געשטאַלט פון „שיילאָק״ — דעם יידן, „וואָס פאָדערט דעם פונט פליש, אַלס זיין פּרייז״. אָבער אלאָמאַר ענטפערט אים: „אויב אַ פאָלק האָט צווישן זיינע זין בעניטאָ עספּינאָזא (ברוך שפּינאָזא), אַ יידן, ווי סעבראַן, היינריך היינע און קאַרלאָס מאַרקס, — איז שוין נישט וויכטיק יענע פאַרלוימדערישע געשטאַלט . . .״ וואָס וואָלט דער נאָבעלער היסטאָריקער, אלאָמאַר, געזאָגט היינט, נאָכדעם ווי זעקס מיליאָן יידן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון די נאַציס? . . .

כאָזע עסטרוגאָ האָט מיר פאַרגעלייגט צו באַנוצן די ראַדיאָ פון מאַדריד, ווי אַ סך אַנדערע זשורנאַליסטן אין שפּאַניע האָבן עס געטאָן, כדי צו געבן דער יידיש־ריידנדיקער וועלט אַ ריכטיקן באַגריף וועגן די געשעענישן אין פאָלקס־שפּאַניע — פון די נויטן פון שפּאַנישן פאָלק, באַזונדערס, פון די קינדער און פרויען; פון דער זאָרג פון דער רעגירונג פאַר די קולטור־באַדערפעניש פון פאָלק. ער האָט נישט פאַרפעלט צו דערמאנען וועגן די „מיליסיאַנאָס דע לא קולטורא״, די לערער פון די סאָלדאַטן אויפן פראָנט וואו מ׳האָט געלערנט די צוריקגעשטאַנענע פויערים צו לייענען און שרייבן; ווי מ׳קלערט זיי אויף וועגן די עלעמענטאַרע געזעצן פון היגיענע און דיסציפּלין; ווי מ׳ברענגט זיי אין שטאָט צו אַ פאָרשטעלונג פון די ווערק פון דעם גרויסן דיכטער און דראַמאַטורג, גארסיא לאָרקא, וועלכן פראַנקאָ האָט דערשאָסן אין גראַנאַדאַ, באַלד נאָכן אויסברוך פון בירגער־קריג אין 1936. אַ ריזיקער עולם פלעגט אָנפילן דעם מאַדרידער טעאַטער צו דער פאָרשטעלונג פון לאָרקאָס רעוואָלוציאָנערער דראַמע „מאַריא פּינעדא״, וואו ס׳ווערט דערציילט וועגן אַ העפטערין, מאַריא, וועלכע ווערט אויפגעהאַנגען פאַר אויסהעפטן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע פאָן, און פאַר אָנהאַלטן באַציאונגען מיט די ערשטע רעוואָלוציאָנערע שפּאַנישע קעמפער, מיט 150 יאָר צוריק.

קאַפּיטאַן כאָזע עסטרוגאָ האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין פרוי, סאָל נוריע גאַביי, אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ מאַדרידער שפּיטאָל, אַ מוטיקע און טעטיקע אָרגאַניזאַטאָרין פון דער סאַניטאַרער הילף אין דער באַלאַגערטער הויפּטשטאָט. זי פלעגט, אונטער אַ האָגל פון באָמבעס, עוואַקואירן פאַר־וואונדעטע, ביז אַ פראַגמענט פון אַ שראַפּנעל האָט איר אָפּגעריסן דעם רעכטן אָרעם. צו סאָל נוריע האָט עסטרוגאָ געווידמעט זיין בוך וועגן „ספּאַרד״.

ער דערציילט וועגן זיין קינדהייט אין טערקיי, וועגן זיין קאָלעדזש אין קאַירא, עגיפּטן און וועגן זיין גרויסער נסיעה קיין קאַליפאָרניע אין 1911, דאָס לאַנד, וואָס ער האָט אַזוי ליב באַקומען, צוליב איר פאַרכאַפּנדיקער

שיינקייט, אַ לאַנדשאַפט קאַלירפול און זאַפטיק, מיט סימנים פון דער שפּאַניש־מעקסיקאַנישער קולטור און שפּראַך, און מיט געשטאַלטן פון מענטשן, וועלכע האָבן אים אַזוי שטאַרק דערמאָנט אָן דער אַטמאָספערע פון זיין משפּחה און חברים, פאַר וועלכע די שפּאַניש־העברייאישע קולטור איז געווען די איינציקע מוטער־קולטור. ער זאָגט: „אַמאַדאָר דעלאָס ריאָס, אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק: „די געשיכטע פון די יידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל", הויבט אָן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „ס'איז שווער אָנצוהויבן די געשיכטע פון דעם איבעריש האַלב־אינזל, אין דעם זין פון פּאָליטיק, רעליגיע, ציווילע רעכט, וויסנשאַפט און ליטעראַטור, נישט אָנטרעפנדיק אויף יעדן בלאַט, ביי יעדער פּראָבלעם, אַ נאָמען, וועלכער איז געשיכטלעך פאַרבונדן מיט'ן יידישן פאָלק.

„דער שפּאַניש־יידישער עטאַפּ איז געווען דער גליקלעכסטער און פרייסטער אין לעבן פון די יידן אין מיטלאַלטער: ס'דערמאָנען זיך די באַרימטסטע נעמען: דער מעדיקער און פילאָסאָף, מאַימאָנידעס („רמב"ם"), יהודה הלוי, פּאָעט און דענקער, איבן עזרא, פילאָסאָף און לערער, און אומצאָליקע אנדערע, וועלכע באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז מיט פרייהייטלעכע און נאַציאָנאַלע מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויקלונג איז דאָס יידישע פאָלק אומעטום אַ ביישטייערער צו נאַציאָנאַלע אוצרות און צו דער קולטור פון דעם פאָלק, וואָס נעמט אים אויף."

זיינע אויגן האָבן יענעם גלאַנץ און שימער, וועלכע קומען פון די טיפענישן פון אַ מענטשלעך האַרץ, בעת ס'קלאַפּט אין דער דערפילונג פון די העכסטע שטרעבונגען און אידעאַלן . . . אין דער פרייער אַמעריקע, ביים פּאַסיפישן ים־ברעג, האָט ער זיך באַקאַנט מיט די גרויסע, קערנדיקע געשטאַלטן פון דער אַמעריקאַנער פרייהייטס־ געשיכטע, אָנגעהויבן פון די קאַמפן קעגן דער קאָלאָניאַלער מאַכט און מיט די אין קאַמפן אויסגעקריצטע, קאָנסטיטוציע־געזעצן.

ער האָט זיך געפילט איצט „אין דער היים". אַלע גלאָררייכע טראַדיציעס פון שפּאַנישן יידנטום, סיי אין די לענדער פון „עקזיל", סיי אין שפּאַניע גופא, האָבן זיך פאַראייניקט אין דעם ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַר דער באפרייאונג פון פאָלק, קעגן פראַנקאָ. ער האָט באַמערקט, אין לויף פון שמועס: „איך געדענק די ווערטער פון איסאַק אַלטשע אי סאַפּאַרטאַ, אַ גרויסן געלערנטן, אַ גלענצנדן רעדנער אין „אַטענעאָ", מאַדריד, דעם 2טן דעצעמבער 1916: „שפּאַניער זיינען מיר געווען, שפּאַניער זיינען מיר און — שפּאַניער וועלן מיר בלייבן" . . . עסטרוגאָ שרייבט אין זיין בוך, „דאָס אומקערן זיך צום ספּאַרד" דאָס פאָלגנדע: „אַלס ספרדים האָבן זיך אויסגעצייכנט איבער דער וועלט אַזעלכע, ווי: קאַרדאָזאָ, אַ ריכטער פון אַמעריקאַנער „סופרים קאָורט"; איסאַק רופוס, אַ וויצע־קעניג פון אינדיע; אַ מלוכה־באַאמטער אין פראַנקרייך, העגרי טאָרעז; אַ פּרעמיער מיניסטער אין ענגלאַנד, לאָרד דיזראַעלי; דיוק נאַזי דע נאַקסאָס, אַ פּירשט אין טערקיי; אַ מיניסטער אין פראַנקרייך, גאַמבעטאַ, און נאָך אַנדערע. צענדליקער טויזנטער ספרדישע יידן לעבן אין נאָענטן מזרח — טערקיי, בולגאַריע, גריכלאַנד, — אין איטאַליע, פּאָרטוגאַל און די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי גיבן אַרויס צייטונגען און

זשורנאלן, זיי האָבן איינגעאָרדנטע ביבליאָטעקן, אַרכיוון, מוזעאומס. ספּרדישע יידן זיינען געווען די סאַמע ערשטע, לויט כּאַזע עסטרוגאַ׳ס דערמאָנטן בוך, וועלכע האָבן געשאַפן אַ דרוקעריי אין טערקיי, באַלד נאָך דער דערפינדונג פון דער דרוק־מאַשין פון יאַן גוטענבערג. ער דערציילט אויך וועגן אוראַלטע קאָלעקציעס פון צייטונגען, געדרוקטע מיט לאַטייניש אותיות, און אַרויסגע־געבן פון ספּרדישע יידן, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווי, צום ביישפּיל: „דאָס ליכט פון געדולד" און „די טיר פון מזרח" און עטלעכע אויך מיט אַלט־העברייאיש אותיות.

עסטרוגאַ דערמאָנט מיט אַ סך געפיל זיין מוטער, ראָזאַ עסטרוגאַ, גע־בוירן אין אַ קליינעם דערפל, קאַסאַבאַ, אַ פּאָר שעה רייזע פון דער טערקישער שטאָט, סמירנאַ. אַ וואָך פאַר איר טויט האָט זי אים געשיקט אַ בריוו פון ראָדעס, דעם 10טן יוני, 1917, אַדרעסירט קיין קאַליפאָרניע. זי שרייבט: „איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט וועגן דיר, מיין טייערער זון, יוזעפ! מיין האַרץ האָט געקלאַפּט שטורמיש אַ לאַנגע צייט, בעת איך האָב געבעטן גאָט, אַז איך זאָל דיך נאָך זען געזונט און לעבעדיק, איידער איך שטאַרב. איך דאַרף קיין זאַך נישט, נאָר איך וואַרט אויף גוטע נייעס פון דיר! דו ביסט מיין איינציקער טרייסט אין לעבן, עס קושט דיך דיין מאַמע, וואָס רייסט פון זיך די נשמה, כּדי דיך צו זען, און וואָס האָט נישט קיין האָפענונג דערויף. דיין מאַמע — ראָזע עסטרוגאַ . . ." און אין אַ בריוו פון זיין פאָטער, מ. עסטרוגאַ, דאַטירט דעם 12טן אויגוסט, 1919, פון ראָדעס, לייענען מיר: „צו מיין טייערן זון יוזעפ, אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע: איך האָב דער־האַלטן דיין טייערן בריוו פון 27טן יוני און דעם טשעק פאַר 1000 פראַנק. טייערער זון, איך וועל דיר קיינמאָל נישט קאָנען אָפּדאַנקען פאַר דעם, וואָס דו טוסט פאַר אונדז. נאָר גאָט אליין וועט דיך באַלוינען דערפאַר, אָמן! די שוועסטער וועלן צו דיר שרייבן. נעם צו מיינע קושן פון ליבשאַפט . . . דיין פאָטער, מ. עסטרוגאַ".

דער נאָמען „עסטרוגאַ" באַדייט „שטערן" — אַ סימבאָל, אַ ליכט און אַ האָפענונג אין יענע טעג און נעכט פון 1937, ווען שפּאַניע איז געווען דאָס בלוטיקע פּרוּוו־פעלד פון היטלערן און מוסאָליניען, דאָס האַרץ פון דער וועלט, וואו אירע בעסטע און מוטיקסטע זין און טעכטער, האָבן געקעמפט, צוזאַמען מיט די אייניקלעך פון יהודה הלוי און רמבם, פאַר דער „וויעכאַ פּאַטריאַ", פאַר דעם אַלטן פאָטערלאַנד פון כּאַזע עסטרוגאַ, דעם פּאַטריאָט און ייד, דעם אַדיוטאַנט פון גענעראַל מיאַכאַ.

מינע סמאָלער

אין גערא נגל

(דערציילונג)

ביי אַ זייט אין אַ שטאָטישן פּאַרק פון אַן אָרעמער געגנט, לעבן אַן אייזערנער אפּצאַמונג, אונטער אַ שוואַך באַלויכטענעם לאַמטערן, אויף אַ נאַסער באַנק, איז געזעסן אַ מענטשלעכע פיגור, איינגעקאָרטשעט אין אַ קורצן רעקל. ער איז אַזוי אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט.

דער פאַרטאָג איז געקומען מיט אַ קילן, צפונדיקן ווינט, פלאַכטעס פון נאַכטיקן נעפּל זיינען, מיט בלויער דורכזיכטיקייט, געשוואומען איבער די טונקל־בלויע שפּיצן פון די אַרומיקע הויכע בערג. אַראָפּגעהאַנגענע נאַסע צווייגן האָבן מיט ווינטיקן גערויש אַראָפּגעטרייסלט די שווערע טוי־טראָפּנס פון די שיטערע, האַרבסטיקע בלעטער, און מיט אָפּגעוואַשענעם גלאַנץ זיך געהויבן אין דער הויך. לאַמטערנעס האָבן אָנגעהויבן זיך אויסלייטערן, און געוואָרפן אַ העלן שיין אויף די, פון נעפּל אַרויסגעהויבענע קאָנטורן, פון די ארומיקע געגנשטאַנדן.

אַנטקעגן פאַרטאָג האָט פון אַ גרויער אַלטער געביידע, אין אַ געדיכט באַוואוינטער גאַס, אַרום פּאַרק, זיך אַרויסגעשאַרט אַ דאַר, דין מענטשל. אַ לויז, דין רעקל האָט פון אים אַראָפּגעהאַנגען, ווי אויף אַ פלאַך־ברעטלדיקער טשוטשעלע. צווישן די אויסגעדרייטע, לאַנגע, שפּיציקע שיך און טריפלדיקע הויזן, האָבן אַרויסגעקוקט שטיקער נאַקעט לייב. זיין שטאַרער בליק פון די פאַרגאָסענע, רויטלעכע אויגן, געריכטעט צום פּאַרקל. ער האָט זיך געלאָזט גיין אין יענער ריכטונג. מיט געאיילטע טריט איז ער צוגעקומען צו דער באַנק און מיט אַ שאַרפן אויסבויג צום פנים פון דעם זיצנדיקן, האָט ער מיט אַ נאַטירלעכער היימישקייט געפרעגט:

— „באָדי״, ביזט דאָ געזעסן אַ גאַנצע נאַכט? — און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ פלעשל מיט אַ ביסל פליסיקייט.

— טרינק דאָס אויס, וועט דיר ווערן וואַרעמער, — האָט ער ארויסגערעדט אין אַן אינטימען טאָן. די ווערטער זיינען פון אים געפאַלן, וויכע, דריבנע, מיט האַלב שיכורער צערטלעכקייט.

דאָס מענטשל איז געבליבן שטיין געפּלעפט, ווען יענער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ יונגן מענטשן, מיט אַ ריין, גלאַט פנים. ער האָט געגעבן אַ פיר זיינע אויגן איבער זיין הולך — אַ בלוי, כמעט ניי געפּרעסטע אויבער־העמד, דער אָנצוג ריין און נעט, אפילו די הויכע שיך האָבן געגלאַנצט מיט נייקייט. בלויז די דיקע זוילן האָבן באַצייכנט, אַז זיי זיינען געמאַכט פאַר בערג־קלעטערער. זיין וואַנדערנדיקער בליק איז געבליבן הייגנען אויף דעם נייעם, געלן רוק־זעקל, אונטער זיין רוקן. ער האָט אַ רגע געטראַכט און מיט אַמאָל אַלץ פאַרשטאַנען . . .

— אַנטשולדיק, איך האָב געמאַכט אַ טעות, דו ביזט ניט פון מיין מין . . .

— האָט ער שטיל ווי אַרויסגעזיפּט צווישן די ציין. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, זיי האָבן זיך אַ מאָמענט אָנגעקוקט מיט אַ אינטימען, פריינט־

לעכן בליק. דאָס מענטשל האָט אים ווידער אונטערגערוקט דאָס פּלעשל. — ווילסטו אַ טרונק טאָן? — האָט ער אים געפרעגט, היימיש. יענער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם מענטשל׳ס געלע פאַרפּאַפּטע ציין, און האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין . . .

ער האָט דאָס גלייך דערפילט. אַ באַליידיקטער אויסדרוק האָט דורכ־געשניטן זיין איינגעפאַלן, בלאַס פּנים, די דינע שפּיציקע נאָז, און די שפּיציקע מאַרדעטשקע האָט מיט שאַרפקייט זיך אַ הויב־געטאָן. ער האָט אריינגערוקט דאָס פלעשל צוריק אין קעשענע, און האָט זיך געלאָזט גיין. נאָך עטלעכע שפּאַן, איז ער שטיין געבליבן — קענטיק, ווי ער האָט עפּעס דורכגעטראַכט. מיט אַ פּאָר ברייטע שפּאַן אין ער צוריק געשטאַנען לעבן באַנק.

— אַנטשולדיקט, מיסטער, איך וויל זיך דאָ צוזעצן. די באַנק איז שוין פון לאַנג מיינע. דער בחור האָט אים צוגעוואָרפן אַ חוזק־שמייכל. — עס איז דיין באַנק, האָסט זי דאָ אליין אַוועקגעשטעלט? — האָט ער אַרויסרופנדיק, געזאָגט.

— ניין, דאָס באַלאַנגט צום פּאַרק. אָבער אָט־די באַנק ברענגט מיך אַלע מאָל צוריק אין שטאָט, ווי אַ כישוף ציט זי מיך אַהער, און זי האָט־איבער מיינע וואַנדער־וועגן . . . דער בחור האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אָפענעם בליק פון ביטול — וואָס אַ שיכור קען פּלאַפּלען . . . אַ גלימער פון צאָרן האָט אַ פינקל געטאָן אין דעם מענטשל׳ס אויסגעלאָשענע אויגן.

— איך בין איצט נישט שיכור, — האָט ער אים צוגעוואָרפן אַ פאַרביטערטן בליק, — איך האָב בלויז אַ פּאָר זופּ געטאָן, זיך צו דערוואָרעמען אַביסל. איך בין אויך אַ מאָל געווען אַ ווירדיקער מענטש; עס האָבן מיט מיר אויך פּאַסירט זאַכן . . . דער בחור האָט זיך אַ שאַרפן קער געטאָן צו אים, — ווילסט דערציילן, „באָדי״, איך וועל דיך גערן אויסהערן . . . באַם וואָרט „באָדי״, האָט דאָס מענטשל אויף אים אַנגעשטעלט זיינע אויגן מיט אַ דערפרייענדיקן בליק.

— לאָמיר זיך פאָרשטעלן, — האָט ער זיך געווענדט צום בחור, מיט אַ ווייכן, פריינטלעכן טאָן. — מיין נאָמען איז יצחק, האָט דער בחור שנעל גע־ענטפערט. — מיין נאָמען איז דען, דעניעל, האָט מיין עגנעס מיך גערופן. — דעניעל, מלאך . . . ער האָט זיך פאַרטראַכט מיט אַ ווייטן בליק און, ווי צו זיך אליין געררעדט צעוואָרפענע, אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— אָט אויף דער באַנק האָב איך געטראָפן עגנעסן. אַ צאַרטע, אַ שוואַכינקע איז זי געווען. אַנטלאָפן פון אַ שלעכטער שטיפמוטער, ווי אַן אַראָפּגעפאַלן, נאַקעט פייגעלע, האָט זי געציטערט — מער פון עלנטקייט, ווי פון קעלט. זי האָט זיך געבעטן בא מיר: איך בין נאָך ניט קיין שלעכ־טע . . . פאַרהיט מיך, באַשיץ מיך . . . איך וויל מער ניט גיין אַהיים . . . און איך, האָב זי אָפּגעהיט, זי באַשיצט. ניט געקענט אָנזעטיקן מיט אָט דער געגאַרטער פרייד, נאָך וועלכער איך האָב געדאָרשט דאָס גאַנצע לעבן. גלייך נאָך מיין געבורט האָט מיין מאַמע אירע אויגן שוין ניט געעפנט; דער טאַטע — ערגיץ פאַרלוירן געגאַנגען . . . בין פאַרשטיינט געוואָרן פון איינ־זאַמקייט אין די עלנדע, קאַלטע קינדער־היימען. און דאָ, מיט אַמאָל, האָט אַזאַ וואַרעמער, לאַשטשנדיקער שטראַל מיין פאַרפרוירן האַרץ דערוואָרעמט.

מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און צאַרטקייט האָט זי זיך שטענדיק געטוליעט צו מיר . . .

ער האָט מיט אַמאָל זיך אַ קער־געטאָן צו יצחק׳ן, אים טיף אַריינגעקוקט אין פנים:

— דו ביזט נאָך גאַר יונג, אייזיק, אפשר ווייסטו נאָך ניט אַט דעם, פריידיקן געפיל, אַז ערגעץ קלאַפּט אַ האַרץ פאַר דיר . . . און דו דערפילסט זיך אַזוי ווירדיק, אַזוי געהויבן, מיט אַ זיכערקייט, אַז קיינער וועט ניט וואַגן דיר עפּעס שלעכטס צו טאָן. — ער האָט מיט ביטול אַ פאַכע געטאָן מיטן האַנט, — נו, וואָס קומט ארויס . . . — ער האָט זיך אָפּגעהאַקט אין די רייד, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין אַן אומעטיקן שוויגן. נאָך אַ קורצן וואַרטן, האָט יצחק אים אַ טאַרקע געטאָן: — וואָס האָט פּאַסירט, דעניעל? — עס איז דיר שווער צו דערציילן . . . האָט ער אים געפרעגט אַ גערירטער.

— עס האָט פּאַסירט, — האָט ער גערעדט שטיל, פאַר זיך, מיט אַ טרוקן, טעמפּן קול:

— דער קריזיס איז געקומען. די פירמע, וואו איך האָב געהאַט אַ „שיפּינג דזשאַב״, איז פאַרמאַכט געוואָרן. מיין עגנעס איז שוין געווען אין די הויכע חדשים, אַ שוואַכע, אַ בלוט־אָרעמע, זי האָט געדאַרפט האָבן נאַר־האַפטע שפּייז. איך בין אַרומגעלאָפן, געזוכט עפּעס צו טאָן. אַמאָל פלעג איך זיך איינבעטן אין אַ רעסטאָראַן מען זאָל מיר געבן צו וואַשן די געשיר, רייניקן די קיך. מיט אַ פריילעך האַרץ פלעג איך דאַן טראָגן אַ נאַרהאַפטן מאָלצייט פאַר מיין עגנעסן. אָבער ניט אָפט האָט דאָס פּאַסירט. די האַרטע געלע קעזן, די טרוקענע, ברוינע בעבלעך, פון די שפּייז־פּעקלעך, פון דער רעגירונגס הילף, האָבן מיר קוים דערצויגן פון איין פּעקל ביזן אַנדערן. מיין עגנעס איז אויסגעצערט געוואָרן — זי האָט שוין קיין כוח ניט געהאַט צו האָבן דאָס קינד. זי איז אויסגעגאַנגען אין די געבורטס־ווייען, אין שטאַטישן שפּיטאָל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף יצחק׳ן, מיט אַ פאַרנעפּלטן, טעמפּן בליק.

— איצט פאַרשטייסטו שוין, אייזיק, וואָרום איך בין אַזוי צוגעבונדן צו דער דאָזיקער באַנק? . . . פון מיין עגנעס׳ס פרישן קבר האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן. אויף די ברייטע, עלנדע וועגן, האָב איך ערשט דערזען, וואָס פאַר אַ געבענטשטער שטאַט קאַליפאָרניע איז, פאַר אונז, היימ־לאָזע הפקר־מענטשן . . . זיך אַנגעטראָפן מיט אַ סך פון מיינע קאָלעגן — וואַנדערער פון אַלע שטאָטן פון לאַנד. נישטאָ דאָ קיין מורא פאַר קיין פרעסט און זאַווערוכעס. דאָס פעלד ווערט די בעט; דער הימל — אַ דאַך.

— דאָס איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, — האָט יצחק זיך אָפּגערופן. ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ שטומען בליק, זיי האָבן זיך אַ מאָמענט אָנגעקוקט, — יאָ, דעניעל, דאָס פעלד אַ בעט, און דער הימל אַ דאַך . . . דאָס מיינט: פריי פון אַלע זאָרגן — האָט יצחק נאָך אַמאָל באַטאָנט, מיט ערנסטקייט . . . אַ טיפער אומעט האָט באַדעקט דעניעל׳ס פנים, ער האָט אַ טרויעריקן שמייכל געטאָן.

— ניין, אייזיק, דער הימל איז ניט אַלע מאָל מיט גנאַד פאַר די היימ־לאָזע, עס קומען רעגנס, איינגעגאָסענע, נאַסע נעכט, די באַהיימטע, זאַטע

מענטשן זיינען רשעות׳דיק אומעטום. מען טרייבט פון די שייערס, פון יעדן פאַרדעקטן ווינקל. עס מאַטערט דיך אַ שטענדיקער הונגער, אַפילו ווען דו עסט שוין צו זאַט דיין ערלעך־פאַרדינטן מאָלצייט, מאַטערט דיך שוין די מורא פאַרן קומענדיקן הונגער, וואָס לויערט אויף דיר . . .

ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף יצחק׳ן מיט אַ נייגעריקן בליק; זיין פאַרגליווערטע גלייכגילטיקייט האָט ביי אים אָפּגענומען דעם חשק צו ריידן, ער האָט אַ טראַכט געטאָן: אָט דער מענטש איז אַ שווייגנדיקער, אָבער דאָך איז ער, אינסטינקטיוו, באַווירקט געוואָרן צו עפּעס פאַר אים זיין האַרץ, ווי עס איז גאַרניט אין זיין טבע. שוין פון קינדווייז־אָן איז אין אים אָפּגעטעמפּט געוואָרן דער צוטרוי צו מענטשן. זיין גאַנץ לעבן איז אַ קייט פון מענטשלעכע רשעות צו אים. אַפילו, ווען מען האָט אים אַרויסגעוויזן רחמנות, איז דאָס געווען מיט אַזוי פיל דערנידערונג, אַז זיין באַליידיקט האַרץ האָט זיך געבאָדן אין טרערן. אָבער אָט דער, — איז עפּעס באַהויכט מיט אַ געוויסער גוטס־קייט. ער האָט אַ זייטיקן בליק אים צוגעוואָרפן; יצחק האָט אים אָפּגע־ענטפערט מיט אַ וואַרעמען שמייכל. דען האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף ווי פון אַ חלום.

— קוקסט אויס צו זיין אַ גוטער יונג, אייזיק. אָבער, מסתמא האָסטו דיינע אורזאַכן צו וואַנדערן אין עלנדקייט. איך וויל דיך אָבער צופיל ניט אָנשרעקן, דו ווײסט דאָס שוין אַליין אויסגעפונען, אַז קוים ווערט מען נאָר ביי זיך אליין הפקר — דאַן איז שוין דאָס לעבן גאָר גרינג . . . האָסט שוין ניט מורא פאַר קיינע געפאַרן . . . דיך אַרט שוין ניט, וואָס דו עסט, וואו דו שלאָפסט. עס שרעקן דיך ניט מער קיינע שוועריקייטן . . . איך דאַנק דיר פאַר אויסהערן מיך. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט פאַראויס, האָט צו אים אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַ געזעגענונג, און שנעל אַוועקגע־שפּאַנט.

יצחק האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ פאַרפּלאָנטערטן חלום. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, און אים נאָכגעשריען: — דען, דעניעל! יענער האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ, און ווידער אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט, און אַוועקגעשפּאַנט ווייטער.

יצחק איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזוכט אַראָפּצוטרייסלען אַ טיפן קאָשמאַר. ער האָט פלעגמאַטיש אַ שמייכל געטאָן — צו וואָס, אייגנטלעך, רופט ער אים? און צו וואָס זאָל ער אים נאָכלויפן, אַז ער קען אים אפילו ניט אַרויסהעלפן מיט אַ טעפּעלע קאַווע. ער האָט, צווישן די פינגער, דורכגעזיפּט אין קעשענע זיינע לעצטע ניינציק סענט. ער האָט זיך ניט געקענט פאַרגינען צו באַצאָלן פאַר נאַכטלעגער, אַפילו אין דעם ביליקסטן האָטעל. ווי קען מען זיך אַזוי אַרויסלאָזן אויף פרעמדע וועגן? ער האָט אויסגערעכנט, אַז ווען ער וועט דורכקומען מיט דריי זעמל אַ טאָג, און דריי טעפּעלעך קאַווע — וועט דאָס קוים קלעקן אויף פינף טעג צו שטילן דעם הונגער. ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק, ווי צו מאַכן אַ טאָלק אין זיינע נייע אַרויפּ־געשוואומענע געדאַנקען.

אַ מיסטיש געפיל האָט אים אַרומגענומען פון דער פּלוצימדיקער באַ־

געגעניש מיט׳ן אויסגעצערטן, קויטיקן „טרעמפ״, אין וועלכן עס ראַנגלט זיך אַזאַ דינע צאַרטקייט און אַ בענקשאַפט מיט פאַרביטערטקייט און רע־זיגנאַציע. — ווען זיין מאַמע זאָל זיך פון אַזעלכעס דערוויסן, וואָלט זי שוין, מיט איר הייליקן גלויבן, אויסגעטייטשט, אַז דאָס האָבן זייערע פרומע אבות זיך געמיט פאַר אים, און אראָפּגעשיקט אַ פאַרשטעלטן מלאך אים אָפּצוקערן פון שלעכטן דרך . . . אַ טרויעריקער שמייכל שוועבט דורך אויף זיין פנים. זי, זיין שוועסטער און שוואָגער, פאַרשטייען ניט, אַז ער וויל זיך בלויז אָוועקרייסן פון די קליינלעכע־האַנדל־וואַנדל פרנסות . . . זיי באַגרייפן ניט, ווי עס האָט אים געשטיקט אין דעם שוואָגערס קרעמל, מיט די אַלטע שוויי־סיקע בגדים. און נאָך אַ אַ טיפערער עקל פלעגט אים אָנכאַפּן צום שוואָגער, ווען אַן אָרעמער פעלד־אַרבעטער האָט זיך אויסגעפּוצט אינם אָפּגעטראָגענעם אָנצוג, און ביי אים איבערגעלאָזט דעם גרעסטן טייל פון זיינע שווער־פאַר־האָרעוועטע פאַרדינסטן . . . מיט אַ פריידיקן גלי אין זיינע כיטרע אויגן פלעגט אים דער שוואָגער אַ קלאַפּ טאָן איבער דער פּלייצע, און נצחונדיק אויסרופן: — „זעסט, יצחקל, ווי מען מאַכט אַ גרינגן טאָלער אין אַמעריקע? . . .״

פון זיך אַליין האָבן זיך געביילט זיינע אַראָפּגעלאָזטע פויסטן. מיט זודיקן אויפברויז האָט זיך געריסן פון אים אַ געשריי: — גזלן! האָסטו גאָר ניט קיין געוויסן? . . . אָבער זיין אויסגעשריי איז געבליבן דערשטיקט אין אים, און אינערלעך געעקבערט, געמאַנט . . .

זיין פיינטשאַפט צום שוואגער האָט זיך אריבערגעטראָגן צו די אַלע אַנדערע, ניט־יידישע געשעפטס־מענטשן פון דעם קליינעם שטעטל. ער האָט זיי אַלע דערזען אין דעמזעלבן קאָליר. צווישן אַזעלכע איז זיין שוואגער געווען אַן אָנגענומענער בכבודיקער בירגער. ווי אַן אייגנטימער פון אַ שיינער, גרויסער געביידע, געפינט זיך זיין נאָמען אויפן צעטל פון די גע־ריכט געשוואוירענע. עס האָט אים געשלעפּט און געצויגן פון שטעטל ארויס.

דאָס גראַבלדיקע קריכן פון אַ וועווערקע אויפן בוים, האָט איבערגעריסן זיינע רעיונות. דאָס שיין, זשוואַווע באַשעפעניש, האָט זיך אָוועקגעשטעלט קעגן אים אויף די צוויי הינטערשטע פיסלעך, און געקוקט אויף אים מיט אַן אַרויסגעשטעלטער מאַרדעטשקע און הונגעריקע אויגעלעך. ער האָט עס מיט צוויי ליידיקע פינגער אַ רוף־געטאָן. עס האָט מיט אויפגעבלאָזענע נאַז־לעכער באַשמעקט אַרום זיך די ערד, און איז אין שנעלן געלויף פאַר־שוואונדן.

ער האָט זיך ארומגעקוקט און מיט אַמאָל דערזען, אַז די זון שטייט שוין הויך אין הימל, אַ צעגליטע. אירע הייסע שטראַלן האָבן צעוואַרעמט זיין פייכטן, קילן קערפּער. ער האָט דערפילט אַן אָנגענעמענע מידקייט; קעגן דער מילדער וואַרעמקייט פון דער האַלב־טראָפּישער זון, וואָלט ער איצט געשמאַק איינגעשלאָפן. ער ווייסט אָבער, אַז אין טאָג־ליכט קען ער דאָס ניט טאָן . . .

פאַרביי אים, און דורך די דורכגעקרייצטע וועגעלעך, האָבן פרויען און מענער, מיט שפּייז קעסטלעך, געאיילט זיך צו די טראַמווייען. אַן אומבאַ־שטימטע בענקשאַפט איז אים באַפאַלן צו זיין ערגעץ, מיט עמעצן, כאָטש מיט וועמען און וואו האָט ער ניט געוואוסט . . .

ער האָט אָנגעטאָן דעם רוק־זאַק אויף דער פּלייצע, געוואָרפן אַ צוריק־בליק צו דער אויפגעוואַכטער שטאָט, וועלכע האָט אים שוין מער ניט געלאָקט. די עטלעכע טעג דאָ האָבן איינגעשלונגען זיינע פאַר אָפּגעשפּאָרטע דאָלער, באַהאַלטענע פון דער שוועסטער.

ער דערזעט נאָך־אַמאָל פאַר זיך, זיין שוועסטערס אַנטוישטן, בייזן בליק אויף אים און אירע שניידנדיקע שטראָף־רייד: וואוהין ציט דאָס דיך צו ווערן אַ „באָם"? . . . גאָט'ס סטראַפּטשע געוואָרן! ערלעכע ארבעט גייסטו זוכן, אליין אָפּגענאַרט ווערן איז בעסער? . . .

ער האָט איר גאָרניט געענטפערט. זי וועט דאָך אים סיי־ווי ניט פאַר־שטיין . . .

ערשט דאָ אין שטאָט האָט ער דערפילט אַ בענקשאַפט צו די בערג, צו די „סיעראַס". ער האָט צוריק אָוועקגעשטעלט דאָס רוק־זעקל, האָט אַרויס־גענומען אַ פּאַפּירענעם זעקעלע מיט צוויי בולקעלעך, צוריק זיך איינגעשפּאַנט אין די רימענס, און זיך געלאָזט מיט דער לאַנגער פּאַרק־אַלייע אין דער ריכטונג, וואָס פירט צום ים־ברעג.

ער האָט שוין געפילט, אַז ער וועט פאַרקירצן זיינע וואַנדער־טעג. ניט דעניעל'ס רייד האָבן אים אָנגעשראָקן, נאָר זיין גאַנצער וועזן, זיינע געלע ציין, דער אָפּגעצערטער קערפּער, די אָפּגעדעקטע, קויטיקע שטיקער לייב, זיין אינערלעכע געפאַלנקייט. ער האָט אינסטינקטיוו אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין, ווי צו געבן אַן אַנטשלאָסענעם ענטפער פאַר זיך אַליין . . .

ער האָט געשפּרייזט לאַנגזאַם, קייענדיק שפּאַרזאַם די האַרטע זעמל. ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער לאָזט זיך אויף באַקאַנטע וועגן. ער האָט ווידער דערזען פאַר זיך דעם ברייטן פּאַס פלאַך־לאַנד ביי די פיס פון די געקייטלטע בערג, וואו זיין שוועסטער און שוואָגער האָבן אים, זיין ערשטן זונטיק, אַרומ־געפירט צו ווייזן די נאַטור־וואונדער פון קאַליפאָרניע. ביי דעם לאַנגזאַמען פאָרן האָט ער מיט די אויגן געמאָסטן די ברייט און די לייג פונעם ליידיקן שטח. זיין דאָרפישער חוש האָט אויפגעכאַפּט, אַז דער דאָזיקער באָדן וואָלט געבראַכט געוויסע פאַרמערשע נוצלעכקייט.

— דאָ וואָלט געווען גוט פאַר הינער־צוכט,—האָט ער אין דער הויך אַרויס־געזאָגט זיינע מבינות.

— דעם וואָלף ציט אין וואַלד, — האָט זיך דער שוואָגער צעלאַכט. ווען זיי זיינען אַרונטערגעפאָרן אין טאָל, זיינען זיינע אויגן ווידער פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ צעגאָסענעם קוואַל־וואַסער, וועלכער איז געלאָפן מיט שטילן גערויש . . . — דאָ וואָלט געווען גוט פאַר פי־צוכט, — האָט ער שוין אַ טראַכט געטאָן שטיל פאַר זיך . . . אָט דער פאַרלאָזענער באָדן, האָט אים געלאָקט דאָס גאַנצע יאָר, זינט ער איז דאָ.

זיין פאַנטאַזיע האָט זיך מיט אַ מאָל צעפליגלט: — אָט זעט ער שוין דאָרטן, זיינע פאַרפלאַנצטע שאָטנדיקע בוימער, אין די אַרומגעצאַמטע הויפן, לעבן די הינער־הייזער. און אָט דערפילט ער שוין די שטילע הנאה פונעם פריידיקן געפילדער פון די הונדערטער שניי־ווייסע עופות, ווי זיי כוואַליען קעגן אים מיט צעעפנטע פליגל, ווען ער קומט־אריין מיטן זאַק קערנער.

אַ פריידיקער שמייכל צעשפּרייט זיך אויף זיין טיף־פאַרקלערטן פּנים.

— אַט זעט ער זיך, ווי אַ גלאַט, גלאַנציק קעלבעלע זויגט אַזוי געשמאַק זיינע פינגער, און די מאַמע־קו קוקט אויף זיי ביידן, מיט אַזעלכע צערטלעכע, מאַמעשע אויגן. זיין געמיט ווערט אים לייכט און פרידלעך . . . זיינע פיס טראָגן אים אַזוי גרינג, מיט שוואונג, ווי געטראָגן אויף פליגל פון בלויע טרוימען . . . און אַט זעט ער זיך אויפן ווייס־געקאַלכטן גאַנעקל פון זיין באַשיידענעם שטיבל, און זיין מרים, לעבן אים. אַ זיסע פיינלעכקייט נעמט אים מיט־אַמאָל ארום. מרים, — רעדט ער ארויס מיט אַ אינעווייניקסטער שטים — ער האָט גאָר אליין ניט באגריפן, ווי שטאַרק זי איז אים איינגע־באַקן אין האַרצן. דאָרט אין דער היים, איז ער בלויז געווען באַרוישט פון איר צאַפּלדיקער ליבע צו אים. אָבער, עפּעס אין אירע לעצטע בריוו פילט זיך איר אַנטוישונג אין אים . . . זי דיינקט, אַז ער האָט זיך געענדערט. אָנ־געשטעקט מיט אומעט און יאוש . . . דאָרפישע נאַאיווקייט — גיט ער אַ טראַכט, ווי שוין אַ דערפאַרענער וועלט־מענטש . . . זי קען זיך גאָר ניט פאַרשטעלן, אַז דורך דעם אויסגעדריקטן אומעט, אַנטפּלעקט ער זיין בענקשאַפט צו איר . . .

ער פאַרשנעלערט זיין גאַנג, ווי ער זאָל זיך אליין אונטעריאָגן, ווי עפּעס ניט צו פאַרשפּעטיקן . . . ווי אַ זלידנע פליג, טרייבט ער פון זיך אָן אויפגע־שוואומענעם שטעכנדיקן געדאַנק, וועגן דעם פאַרטרוימטן הירשל, ווי זיינע טרויעריקע, פאַרביינקטע אויגן האָבן איר שטענדיק נאָכגעפאָלגט . . . — יאָ, — טראַכט ער שוין מיט האַסט, ער מוז זי וואָס שנעלער אַריבערברייגען, און אויך ביידע משפחות — זיינע און אירע. אַ פריילעכער ניגונדל צעזינגט זיך אין אים, עס בליצט אין אים־דורך אַ נייער געדאַנק: — ער וועט זיין דער פּיאָנער פון אַ נייעם, ברייטן ישוב. אַ הינער־צוכט ישוב, באַשטימט ער אויף זיכער . . .

ער איז צוגעקומען צום ארויסגאַנג פון פּאַרק. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאַנט אין דאַניעלן, איז געבליבן שטיין מיטן פּנים צום פּאַרק און גע־וואָרפן זיינע בליקן צו דער באַנק, וועלכע ער האָט ערשט פאַרלאָזט. — וועט ער געדענקען דעם פּלאַץ? — ער וועט דאַניעלן אויך מוזן אַרויסשלעפּן פון אַט־דעם הפקרדיק וואנדער־לעבן. מיט אַ מאָל איז אים פאָרגעקומען אַזוי ווילד און פרעמד זיין פריערדיקער באַשלוס, צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַזאַ לעבן. זיין פּנים פאַרקרימט זיך מיט אַן איראָנישן שמייכל, — מרים, — גיט ער אין זיך אַ שעפּטשע — ער האָט דאָך אייגנטלעך, געוואָלט ווייזן פאַר איר זיין שרעקלאָזע געוואַגטקייט, כדי צו האָבן וואָס צו דערציילן איר פון זיינע אויס־טערלישע דערפאַרונגען . . . — אַ נאַרישע אַוואַנטורע, לויפט אין אים־דורך אַ בייסיקער געדאַנק. ער האָט זיך, אינסטיקטיוו, אַ טרייסל געטאָן, ווי אַראָפּ־צוטרייבן פון זיך אַ בייסנדיקן געשפּענסט.

ער איז ארויס אויף אַ ברייטער, ראַשיקער גאַס, איז געבליבן שטיין אויפן ראָג, און האָט זיך ווי מיט־אַמאָל אויסגעניכטערט . . . — אָבער וואו־הין גייט ער איצט? — האָט ער, ווי נאָך אַ חלום, זיך געריבן דעם שטערן . . .

מר. קראָסבי — האָט ווי אַ פאַקל אין דער פינצטערניש אים אַ לייכט־געטאָן

דער דאָזיגער נאָמען. — דער אַלטער פּאַרמער, קראָסבי, צו וועמען ער פלעגט קומען איינצוקויפן עופות און אייער פאַר זיין שוועסטער.

ביי זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט, האָט דער דאָזיקער אַלטער, אים מער דערפילט, ווי פאַרשטאַנען, ווען ער האָט דערזען, מיט וואָס פאַר אַ נייגעריקייט, און קינדערשער ליבשאַפט, ער האָט געגלעט דאָס פערד, וועלכער האָט באַלד דערפילט זיין צערטלעכע האַנט אויף זיך, און האָט גענורעט זיין קאָפּ צו אים, ווי צו אַן אַלטן פריינט. אַפילו דער הונט, האָט באַלד דערפילט אַ פריינט אין אים, און זיך געלאַשטשעט צו אים, פאָכנדיק מיטן וויידל.

דער אַלטער פּאַרמער האָט מיט פאַרגאַפונג געפירט זיין בליק אויף זיין געדיכטן, קוטשעראַוון, שוואַרצן קאָפּ האָר, אויף דעם לענגלעך פולן פנים און גרויסע ברוינע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט קלוגשאַפט און טראַציקייט. קראָסבי האָט אַ גלעט־געטאָן זיין ברייטע, פעסטע פלייצע; אַ מאָס־געטאָן מיט די אויגן זיין הויכן וואוקס:

— דו האָסט ליב לאַנד־אַרבעט? — האָט ער אים געפרעגט, אין אַ ווייכן טאָן. — דו קוקסט אויס צו זיין אַ וואוילער, ערלעכער יונג. אויב דו וועסט באַשליסן, קום אַריבער צו מיר — וועסט זיך נוצלעך מאַכן. און דערביי האָט ער, צווישן די ציין, אַרויסגעזיפּט — עס איז מער ווירדיקער צו לעבן פון ערלעכער אַרבעט . . . — ער געדענקט, ווי ער האָט דאַן אויסגעמידן דעם אַלטנס דרינגלעכן בליק אויף אים . . .

אַ געמישטער געפיל, פון צווייפל און האָפענונג, האָט אים באַהערשט. — וועט ער קענען פאַרווירקלעכן זיינע באַפליגלטע פאַנטאַזיעס? — ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין טאַטע האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר זיין לערער, אַז ער, יצחק, ווי יונג ער איז נאָך, האָט ער שוין אָבער זיינע אייגענע וועגן, און טוט זאַכן בלויז, ווי ער וויל. און דער שטילער, אָבער שטרענגער לערער האָט אים געענטפערט: — דאָס אינגל פאַרמאָגט כאַראַקטער. לאָזט אים, ער וועט זיך שוין זיינס דערשלאָגן . . . ער האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַנציע, וועלכע איז אויך ניט געווען וויט פונם קרעמל, וואו ער האָט געקויפט זיין ראַזיר־געצייג. ער וועט דאָס פאַרקויפן און וועט האָבן גענוג פאַר דער רייזע צום פּאַרמער, מר. קראָסבי.

⚜ ⚜ ⚜

אסתר מילער

יידן זוכן גליקן אין דער ווייטער וועסט

(דערציילונג)

ווען דייוו איז געוואָרן מיד פון אַרומגייען מיטן זאַק פּעדלען, און זיין שותף, הערי, איז געוואָרן מיד פון לאַטען אַלטע מענערשע אַנצוגן, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרקויפן זייער „סעקאָנד־הענד־סטאָר״, וואָס האָט געטראָגן דעם טשעקאָוון נאָמען „טשיפּ דזשאָן״, נעמען פון דער רעגירונג לאַנד, און ווערן „האָמסטעדערס״.

זיי האָבן זיך דורכגערעדט מיט זייערע ווייבער, געשילדערט פאַר זיי דעם שיינעם לעבן אויפן פאַרם, — דאָס גרויסע גערעטעניש, וואָס די ערד וועט זיי אַמאָל געבן — ווייץ, קאַרטאָפל, גערטנער מיט גרינסן, בהמות, עופות, וואָס זיי וועלן אַמאָל האָדעווען — זיינען זיי געוואָרן אַזוי אַנטציקט, אַז זיי האָבן באַלד געשריבן צו זייערע שוואָגערס אין שיקאַגאָ, אַז עס איז שוין גענוג פאַר זיי צו קלאַפּן מיטן האַמער און שמירן מיטן בארשט; אַז פון ארבעט איז נאָך קיינער נישט רייך געוואָרן, — זאָלן זיי גלייך קומען קיין אָגדען, יוטאָ, מיט זייערע פאַמיליעס. זיי וועלן נעמען פון דער רעגירונג לאַנד און ווערן „האָמסטעדערס״.

ס'איז געווען אַ ליכטיקער פרימאָרגן אין חודש אַפּריל פון יאָר 1915. אויף די הויכע שפּיצן „ראָקי״ בערג, אין אָגדען, יוטאָ, איז נאָך געלעגן דער ווייס־פוכיקער שניי, וועלכן די זון האָט צעהעלט אין בלישטשענדיקער ווייסקייט. די ארומיקע פאַרשנייטע בערג האָבן אויסגעזען ווי גרייז־גרויע קעפּ, מיט הענט פאַרפלאָכטן אין אַ קאַראַהאָד־טאַנץ ארום שטאָט.

די פרילינג־לופט איז געווען אָנגעפילט מיט פייגל־געזאַנג און בעז ריחות. פיר פאַמיליעס אין צוויי לאַנגע וועגענער, אָנגעפּאַקט מיט קינדער, הינט, און אָרעמער באַלעבאַטישקייט, האָבן פאַרלאָזן דעם שטאָט יוטאָ. לאַנגזאַם האָבן זיך די פערד געצויגן צום שטאָט איידאַהאָ. דאָרטן וואַרטן אויף זיי פון פריער־פאַרגרייטע הייזער און ערד, וועלכע איז נאָך פון קיין מענטשלעכע הענט און אַקער־אייזן נישט באַרירט געוואָרן.

דייוו און הערי לעווין זיינען געזעסן אויף איין וואָגן. ליפּע גענקין און ווילי ניידיטש זיינען זיי נאָכגעפאָרן, אונטערטרייבנדיק די פערד, וועלכע האָבן מיט גרויס אָנשטריינגונג געשלעפּט די שווערע משא באַרג־ארויף. די טעפּלעך, פענדלעך, וואַש־ברעטלעך און וואַש־טעפּ, האָבן געמאַכט אַזאַ טומל מיט אַ בראַזגעריי, ווי זיי וואָלטן אָנגעזאָגט, אַז יידישע מענטשן פאָרן ווערן פאַרמער.

— אַ פערד מיט אַן אַקער־אייזן איז שטאַרקער און געזינטער פון אַ נאָדל־פאָדעם. אַך, וועל איך דאָס געבן אַ צעפּיר מיינע הענט אויף דער ערד — האָט ארויסגעזונגען דער האַרעפּאַשנער הערי, אַ ציִ געבנדיק די לייצעס, און אַרונטערקוקנדיק אין די זיג־זאַגישע תהומען צווישן די בערג.

— אָט אין די שפּאַרונעס וועלן מיר דאַרפן אַקערן און זייען . . . אַ שאָד

וואָס מיר זיינען ניט געקומען אַהער פריער. די בעסטע ערד מיט די וואַסער־קוואַלן, נאָענט צו שטעט איז שוין לאַנג פאַרנומען געוואָרן פון די פריערדיקע איינוואנדערער, האָט געזאָגט דייוו, פאַרדריסלעך.

הערי, וועלכער איז געזעסן אויף דער האַרטער הילצערנער וואָגן־ברעט ביי דייוו׳ס זייט, האָט אַ הויב געטאָן די אַקסלען, זאָגנדיק: „בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל נישט.״

די לופט איז געווען טרוקן און געשמעקט מיט „סיידזש־בראש״ (האַרטע טרוקענע גראָז). אַ לויפנדיק וואַסער האָט ערגעץ געזשומעט און גערופן. פערד און מענטשן זיינען געווען מיד, דורשטיק און פאַרשטויבט. די פערד, דערפילנדיק אַ פּייטש באָדן אונטער זייערע פיס, האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מיט זייערע צעשפּרייטע, סאָפּענדיקע נאָז־לעכער און טרוקענע צונגען, האָבן זיי די ערד געלעקט. דערנאָך האָבן זיי מיט פרישע כוחות אַ צי געטאָן דעם וואָגן באַרג אַרויף.

כאָטש די לאַנד־קאַרטע פון „האָקינס בייסן״, מעלעד קאַונטי, איידאַהאָ, ציינט טרוקענע ערד, ווילד־גראָז באַוואַקסענע טאָלן, מער בערג ווי אַקער־לאַנד, דאָך פרייען זיך די צוקונפטיקע פאַרמער. ס׳וואַרעמען זיי די רעגי־רונג־פאַפּירן אין די בוזים־קעשענעס, וואו עס זאָגט זיך שוואַרץ אויף ווייס, אַז יעדער פאַמיליע, וואָס האָט אַמעריקאַנער בירגער פאַפּירן, איז באַרעכטיקט צו דריי הונדערט און צוואַנציק אַקער לאַנד; אַז זיי מוזן אין דריי יאָר צייט אַנטוויקלען אַ דריטל פונם פלאַך לאַנד, אויסבויען הייזער, אויסגראָבן ברו־נעמער, פלאַסטערן וועגן, און אין אַלגעמיין, מאַכן פון דער ווילד־באַוואַקסענער ערד אַ בליענדיקן פאַרם. דערנאָך פאַרבלייבט דאָס זייער אייגנטום, אויף קינדס־קינדער.

די שטויביקע ערד, מיט די געדרייטע באַרג־וועגן, אויף וועלכע זיי זיינען געפאָרן, איז געלעגן פול מיט צוזאָגן. אַלץ אין דער וועלט איז געווען יונג. די הערצער פול מיט האָפענונג און מיט גלויבן אין די אייגענע כוחות.

אַכט קינדער, אין עלטער פון זעקס חדשים ביז צען יאָר, האָבן געוויינט און געטומלט. די מאַמעס האָבן זיי געזונגען שאַפּ־לידער, פּאַטריאָטישע לי־דער, לידער צו דער גוטער ערד און צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וואָס גיט לאַנד פריי צו אַלע אירע בירגער — צום אַדאָפּטירטן לאַנד, אַמעריקע, וואו אַלע מענטשן זיינען גלייכע, פרייע און שטאָלצע בירגער.

אויפן גאַנצן לאַנגן וועג אין די איידאַהאָ בערג און טאָלן, האָבן זיי נאָר געזען איין גרויסן פאַרם-פלאַך פון עטלעכע הונדערט אַקער צעאַקערטע ערד, מיט אַ גרויסער הילצערנער שטוב, מיט תבואה שפּייכלערס, פערד, חזירים, בהמות, הינער, און אַפילו גענדז און קאַטשקעס האָבן זיך אין וואַסער געפּלושקעט. דאָס איז געווען דזשאַן טרעשער׳ס פאַרם, נאָענט צו דער באַן־סטאַנציע „אײַרעאַ״. די איבעריקע הייזער, וועלכע זיי האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, זיינען געווען מיילן אָפּגערוקט איינע פון די צווייטע. געבויט זיינען זיי געווען פון גראָבע קיילעכ־דיקע קלעצער, באַוואַקסן מיט אַ גרינעם מאָך, מיט קליינע פענצטערלעך און נאָך קלענערע שייבעלעך.

נאָך דריי מעת־לעת פאָרן זיינען זיי אָנגעקומען אין „האָקענ׳ס בייסן״, מעלעד קאַונטי, זיבן טויזנט פוס „אַלטיטוד״, 18 מייל פון אַ באַן־סטאַנציע,

50 מייל פון פּאַקאַטעלאָ, 232 מייל פון באָיזי — די קעפּיטאָל פון איידאַהאָ. אַט־דאָס אַלעס האָבן דערציילט די שילדן ביים קרייץ־וועג.

ביי אַ שמאָלן וועג, צופוסנס פון העכערע בערג, האָט אַ בלישטשע געטאָן פאַר די אויגן דייוו׳ס נייע הילצערנע שטוב מיטן משופּע׳דיקן גאַנטענעם דאַך. אויף די בערג, צווישן שטוב און שטויביקן וועג, זיינען געשטאַנען ביימער, באַלאַדענע מיט ווילדן וויינשל און יאַגעדעס בליעכץ. צייטנווייז פלעגן אויטאָמאָבילן פאַרבלאָנדזשען; געדראַפּעט זיך באַרג־אַרויף דעם שמאָלן וועג, מיט דער הילף פון „ציוויליזירטע" פערד, מחמת די פּרעירי־פערד פון די אַלטע „האָמסטעדער" פלעגן זיך שרעקן פאַר אויטאָמאָבילן און זיך צעיאָגן אין די בערג.

די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דייוו׳ס „האָמסטעד" איז געווען דער איינציקער פון אַלע פיר, וואָס האָט געהאַט אַ נאַטירלעכן, לויפנדיקן וואַסער־קוואַל. דאָס וואַסער איז געפאַלן פון די ווייטע הויכע בערג, געשליינגלט זיך אַרונטער אין אַ לאַנגן, גרינעם מולטער־וואַסער, באַוואַקסן פוןביידע זייטן מיט הויכע לולב־האַרטע גראָזן.

זעכצן נפשות, גרויס און קליין, זיינען אַרונטער פון די וועגענער. דורשטיקע, זיינען זיי צוגעפאַלן, בויך־אַראָפּ, צום וואַסער און ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דער גרין־באַוואַקסענער ערד, שלינגענדיק מיט דורשטיקע העלדזער דאָס זשומענדיקע וואַסער, האָבן זיי אויסגעזען ווי פּרימיטיווע מענטשן וואָלטן זיך אַהער פאַרקליבן, אין אַ תפילה, געלעגן, און די ערד געקושט . . .

אַ גרויסע גאָלדענע זון איז געשטאַנען הויך, באַלויכטן די ביימער אויף די בערג. אַ שאָטנדיקע טונקלקייט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אין די טאָלן. אַ מילד, קוים באַמערקבאַר ווינטעלע האָט געגלעט די גרויסע באָול־ביימער, פון וועלכע אַ ווייסער פּוך האָט זיך אין דער לופט געטראָגן.

וואו־ניט־וואו, צווישן די בערג, איז געלעגן אַ שטיקל צעאַקערט ערד, פאַרצוימט מיט שטעכיקע דראָטן. אַ מעקענדיקע סטאַדע שעפּסן, געטריבן פון אַ פּאַסטוך מיט אַ גרויסן שוואַרצן הונט, האָט זיך אַלץ נידעריקער צום וואַסער געצויגן. פייגעלעך אין די ביימער האָבן געזונגען. אַ וועווערקע מיט אַ לאַנגן קוטשעראַווען עק, האָט עפּעס אין איר וואַנציקן מויל געהאַלטן. זי איז שנעל פאַרבייגעלאָפן, אין אַן ערד־לאָך פאַרשוואונדן. רויטע בלומען האָבן אויף די רוקנס פון די בערג געקלעטערט, צו דער זון זיך געצויגן. די שיינע פּרעירי־ווילדקייט האָט אַלעמען באַצויבערט.

פון די בערג זיינען אָנגעקומען צוויי רייטנדיקע פאַרמער. זיי זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, פאַרבונדן די לייצעס און געלאָזן זיך גיין צום וואַסער־פאַל.

— האָודי, מיין נאָמען איז סייקס — האָט אַ ברייטפּלייציקער, מיטליאָריקער פּאַרמער אויסגעשטרעקט זיין ברוינע צעשפּרייטע האַנט צו דייוו׳ן, אַרונטערנעמענדיק מיט דער צווייטער, זיין פאַרשטויבטע, גרויסע, שטרויענע הוט, פון קאָפּ.

— און מיין נאָמען איז דעבאָלט, — האָט דער צווייטער, אינגערער פּאַרמער געזאָגט. זיין לייגלעך, זון־פאַרברוינט פנים, האָט זיך אין אַ וואַרעם שמייכל צעצויגן. פילנדיק דייוו׳ס ווייכע האַנט אין זיינער, האָט ער געזאָגט:

„איך קלער, אַז דו וועסט זיך נויטיקן אין אונדזער הילף. מיר זיינען שכנים אַ צוויי־דריי מייל פון דאַנען" — האָט דעבאַלט אָנגעוויזן מיט זיין האַנט אַרי־בער די בערג.

— „אַ דאַנק, שכן" — און דייוו'ס ווייסער פּנים, מיט די ווייכע בלוי־גרויע אויגן, האָט זיך צעשמייכלט, וואָס האָט אים געגעבן דעם אויסזען פון אַ איבערגעוואַקסן קינד.

— „ווער זיינט איר, און פון וואַנען קומט איר"? — האָט געפרעגט סייקס, מיט פאַרשטענדיקע בליקן.

— „מיר זיינען יידן, פיר משפחות. מיר קומען פון אָגדען, יוטאַ. דאָס איז מיין האָמסטעד" — האָט געזאָגט דייוו מיט שטאָלץ.

— „האָסט אַ גוטן חלק ערד, דורכגעווייקט מיט וואַסער" — האָט געזאָגט סייקס, סמאַטשקענדיק מיט זיינע פעטלעכע וואָנצעס־באַוואַקסענע ליפּן, און קוקנדיק אויפן לויפנדיקן וואַסער.

דייוו האָט געקלערט פון די פיר „קניפּלעך", וואָס זיי האָבן געצויגן, איידער זיי האָבן די שטאָט פאַרלאָזן. גראָדע האָט ער אַרויסגעצויגן דאָס „קניפּל", וואו עס האָט זיך געזאָגט „וואַסער", ווען זיי האָבן זיך פאַרטיילט מיט די צוועלף הונדערט און אַכציק אַקער לאַנד. פרייט ער זיך מיטן וואַסער, און דאָך פאַרדריסט אים עפּעס, וואָס ער באַמיט זיך ניט צו קלערן, אין וואָס ער פאַרשטייט אַליין ניט קלאָר.

— „אָ, באַקאַנט זיך" — האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון די געדאַנקען. און הענט האָבן זיך איז שלום־עליכם'ס געפלאָכטן — אַ וואַרעמע פריינט־שאַפט האָט זיך פאַרבונדן, אַ פריינטשאַפט, וואָס ביי שטאָטישע מענטשן וואָלט געדויערט חדשים, איז דאָ געוואָרן אין מינוטן. דער קורצער, פעטער, ווילי ניידיטש, איז געלאָפן צום וואָגן, אַרויסגענומען אַ פלעשל שנאַפּס, און אָנ־פילנדיק בלעכענע טעפּעלעך מיט דער שטאַרקער פליסיגקייט, האָט מען זיך „צוגעקלאַפּט", צוגעוואונטשן אַל־דאָס־גוטס. ניידיטש האָט פון דער ברייטער האַנט געהאַלטן אין אָנגיסן. אַלע זיינען געוואָרן פריילעך — מער פון אַלע — ער אַליין.

— „קומט, לאָמיר איך באַקאַנען מיט אונדזערע פרויען. איך וויל זען צי וועט איר טרעפן, וועלכע פרוי באַלאַנגט צו וועלכן מאַן. איך וועל אייך געבן אַ „האַנטש": די קליגסטע איז מיינע. די שענסטע און קאַרגסטע איז זיינע, ווייזט ער אַן אויף דייוון. אַ פעטלעכע, אַ שטילע און געהאַרכזאַמע — דאָס איז מיין שוועגערן, און, אַט דעמס — ווייזט ער אָן אויפן קורצן ליפּע'ן — איז פריינטלעך, פּראַקטיש און אַ בריה'טע. אַרבעט ברענט פשוט אונטער אירע הענט." דער צונג האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין אָפּגעריסענע ווערטער. אַלע האָבן געלאַכט, אָבער ניט זיין שוואָגער הערי.

זיי זיינען אַריין אין אַ לאַנגער, איין־חדר'דיקער שטוב. דאָס מעבל איז געווען צעוואָרפן איבערן שטוב, די ווייבער האָבן זיך געפּאָרעט אַרום שוואַרצן אייזערנעם אויוון, די קינדער האָבן געטומלט. זיי האָבן איבערגעריסן דאָס שפּילן, אָנגעקוקט די פרעמדע מענטשן אין מאָדנעם אָנטועכץ — בלויע גראָבע אָוועררהאָלס, בלוי־רויט געקעסטעלטע העמדער, רויטע פאַטשיילקעס פאַר־בונדן אַרום די העלדזער, און אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן גרויסע שיך מיט

אייזערנע שפּאָרן, אַז יעדער טראָט זייערער אויפן דיל האָט מורא׳דיק אָפּגע־קלונגען. די שטרויענע היט האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט. ווען ניט זייערע צעשמייכלטע פּנימער, וואָלטן זיך די קינדער מורא׳דיק געשראָקן.

— „די דזשענטללייט זיינען אונדזערע שכנים" — האָט זיי הערי פאָר־געשטעלט פאַר די פּרויען, וואַרפנדיק בייזע בליקן אויף ווילי׳ן.

— „מיר זיינען ניט קיין דזשענטללייט. מיר זיינען האָמסטעדערס, ווי איר", האָבן זיי גוטמוטיק געשמייכלט.

פאָליע ניידיטש האָט אויפגעהויבן אירע טרויעריקע אויגן, אַ שאָקל גע־טאָן מיטן קאָפּ, אָנגעקוקט איר מאַן ווילי, און פאַרשעמט אַרונטערגעלאָזן זיי צו דער ערד . . .

— „אויף ווידער זען", האָט געזאָגט דיבאַלט, קלאַפנדיק גוט־ברודעריש ניידיטשן אין פּלייצע.

— „קאָנען זיי דייטש שפּרעכן", האָט ער געפרעגט שמייכלענדיק און אַריינגעקוקט אין ווילי׳ס גלאַנציקע, קליינע אויגן.

— „אַ שאלה?", האָט אימיצער געזאָגט, לאַכנדיק.

סייקס, וועלכער קומט פון אַרקענסאָ, וואָס ער רופט די „אָלד־קאָונטרי", האָט דעם שפּאַס ניט פאַרשטאַנען.

זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף די פערד און אַוועקגאַלאָפּירט, נישט געוואָרן פון אויג ווי די בערג וואָלטן זיי פאַרשלונגען.

פון דער צווייטער זייט באַרג איז אָנגעלאָפן אַ רייטער. ראַפּטאָם האָט ער אָפּגעשטעלט זיין פערד, אָנגעקוקט שאַרף די יידן, זיין לאַנגלעכער פּנים, פון אונטערן ברייטן שטרויענעם הוט, איז געווען קאַלט און פאַרפראָרן.

— „מיין נאָמען איז דזשים פּרוט. און ווער זיינט איר?", — האָט ער גע־פרעגט מיט אַ האַרטן קול.

— „מיר זיינען איזראַעליטן. וואָס ווילסטו?", — האָט דייוו געפרעגט געקריינקט און באַליידיקט.

— „איך וויל נישט אַז דו זאָלסט לאָזן די שעפּסן טרינקען וואַסער אויף מיין לאַנד. זיי רייסן זיך אַריין אין מיין גאָרטן, מאַכן פון אַלץ אַ תל, — „גאָד־דעם־איט" . . . כ׳בין לייגער דאָ פון דיר. גראָב נאָך אַלץ ברונעמער . . . האָסט די גאַנצע וואַסער פאַרכאַפּט."

— „דו לייקנסט. אויב דו האָסט אַ גאָרטן, מוזטו האָבן וואַסער. פּאַסטוכער טרייבן נישט די שעפּסן, וואו ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער."

— „שווייג! איך בין פון אַרקענסאָ, כ׳וועל דיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן!"

ער האָט אַ צי געטאָן דעם ציימל, אַ פּאַטש געטאָן דעם פערד אין הינטן, דער פערד האָט אַ שפּרונג געטאָן, אויפהויבנדיק מיט די קאָפּיטעס אַ געדיכטן שטויב. זיי זיינען ווי אין אַ שוואַרצן וואָלקן איינגעוויקלט געוואָרן, איבער־לאָזנדיק נאָך זיך אַ דראָאונג, וואָס איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

* * *

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אַ רויטלעכע שיין פון קעראָסין־לעמפּל האָט געוואָרפן שוואַכע שאָטנס אויף די ווענט, אויף דער סטעליע, אויפן בעטעלע, אין וועלכן דאָס קינד איז געשלאָפן.

ביילקע הערט זיך־צו צום קינד׳ס ריטמישן אָטעמען, קוקט זיך איין אין

זיין רונדן, שיינעם פנימל, אין זיין קליין מויל, וואָס צעשפּרייט זיך פון צייט־צו־צייט אין שמייכלען. פון וואָס חלומט זיך אים? פון שעפּסן, וועווערקעס, צי אפשר פון זיין הינטל „האווא", וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק ליב? . . .

ביילקע פאַרמאַכט די אויגן און שטעלט זיך־פאָר ווי איר זונעלע, איזי־דאָר, וועט דאָ אויסוואַקסן, אין דער גוטער, ריינער באַרג־לופט, אַ סך העכער פון זיין פאָטער: ס'ווילט זיך איר, אַז איר זון זאָל זיין העכער, שטאַרקער און שענער פון אים. ס'זאָל אים, חלילה, קיין שלעכטס דאָ ניט געשען. אַזאַ שיינע ווילדקייט האָט זי נאָך אין איר גאַנצן לעבן ניט געזען.

ביילקע איז איינגעשלאָפן. עס חלומט זיך איר, אַז ווייַנענדיקע קינדער רייסן די פענצטער. דאָס געוויין ווערט שטאַרקער, ווייטאָגדיקער. זי עפנט־אויף די אויגן. ניין, ס'איז ניט קיין חלום. זי הערט אַ וואָיען פון הינט, נאָר עפּעס מורא'דיקער. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דיבאַלט האָט זיי געוואָרנט, זיי זאָלן זיך ניט שרעקן, אויב זיי וועלן הערן ביינאַכט שאַקאַלן בילן. צייטנווייז קומען זיי צו נאָענט, צו די הייזער און עסן־אויף די שפּייז, וואָס זיי קענען קריגן.

פון וואָיען איז געוואָרן אַ גרויסע, ווילדע רייסעריי און אַ בראַזגעריי פון פלעשער. דער הונט האָט עטלעכע מאָל אַ ביל געטאָן און איז שטיל געוואָרן. און ווידער אַ וואָיען, אַ שטאַרקערער, ווי בייזע ווינטן אין אַ שטורעם־דיקער נאַכט. דאָס זיינען געקומען נאָך אַ סטאַדע שאַקאַלן, און ניט געפינענ־דיק מער קיין שפּייז אין קאַלטן קוואַל, וואָס האָט געדינט פאַר אַן אייז־קאַסטן, האָבן זיי די פינצטערע פרעירי־לופט צעריסן מיט זייער יאָמערדיק געוויין.

דער פרימאָרגן איז געווען פריש, טרוקן און קיל. קוואַליק וואַסער אַרום שטוב האָט געזשומעט. די פלעשער זיינען געלעגן אין וואַסער צעבראָכענע, די מילך פאַרשוויינקט. פונם שעפּסן־פלייש איז אַפילו קיין ביינדלעך ניט געבליבן . . . דאָס גרויע, קוטשעראַווע הינטל איז געלעגן אַ טויטער, אַ צע־פליקטער.

ס'איז געווען זייער שווער פאַרן קליינעם איזידאָר צו פאַרגעסן זיין הינטל. צו־יונג איז ער נאָך געווען אַרויס־צורײדן זיין ביינקשאַפט נאָך זיין שטומע פריינט „האווא". זיין ערשטע אַנטוישונג אין לעבן איז געקומען פרי, צו זיינע 18 חדשים.

גאַנץ פרי איז געקומען דיבאַלט, איינגעשפּאַנט די צוויי פערד, „מאַט" און „בעס", אין אַקער־אייזן, און אַוועקגעפאָרן אין פעלד מיט דיוו'ן צו געבן אים די ערשטע לעקציע אין אַקערן די ערד . . .

— ביילקע־ע־ע!! — האָט זיך דערטראָגן אין דער לופט אַ ווייטאָגדיק געשריי.

ביילקע כאַפּט דאָס קינד אויף די הענט, און לויפט אַהין, פון וואַנען דער קול קומט. אויף אַ שטיקל צעאַקערט ערד זיינען געשטאַנען די פערד מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פאַרשולדיקטע. דייוו איז געלעגן ביים אַקער־אייזן און געקרעכצט. „מאַט" האָט אים דערלאַנגט מיטן פוס אין זייט — ליגט ער און קען זיך ניט רירן.

— אַזוי לאַנג ווי דיבאַלד האָט געאַקערט, איז אַלץ גוט געווען. באַ מיר

ווילן די פערד ניט גיין. אוי, מיינעביינער זיינען צעבראָכן — האָט דייוו געקרעכצט.

זי האָט אָוועקגעזעצט דאָס קינד אויפן גראָז און, הויבנדיק זיין שווערן קערפּער, זאָגט זי: אַלע אונדזעריקע אַקערן, און האָבן ניט קיין צרות פון די פערד, נאָר דו.

— דו ביסט אַ שלעכטע, — קוקט דייוו אויף איר מיט בייזע בליקן, אָנהאַלטנדיק זיך אָן איר, און הויבנדיק זיין קערפּער, ווי דאָס וואָלט געווען די שווערסטע משא אין דער וועלט.

איצט איז זי זיכער, אַז זיינע ביינער זיינען ניט צעבראָכן, אַנדערש וואָלט ער דאָך ניט געקענט שטיין אויף די פיס.

ביילקע טראָגט אַ שטילן כעס אויף דייוו׳ן. זי האָט פון אָנהויב־אָן ניט געוואָלט גיין אויפן „האָמסטעד״. זי האָט מורא געהאַט פאַר אים—ניט צו גיין. איז זי אַרומגעגאַנגען טרויעריק פאַרזאָרגט און געשוויגן . . . אַז ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון פאָרן, האָט זי מיט ציטערדיקע ווערטער אַרויס־גערעדט: — דייוו, דו ווייסט . . . כ׳האָב ליב דאָס לאַנד, דאָס פעלד, כ׳האָב, אָבער אַזוי מורא צו פאַרשלעפּן זיך מיטן קינד אין די בערג, אין הרי־חושך, פאָלג מיך, לאָמיר בלייבן דאָ.

ער האָט אויף איר אָנגעשריען, אַז זי ווייסט ניט, וואָס זי רעדט, אַז דאָס געזינטסטע און בעסטע לעבן אויף דער וועלט — איז אַ פאַרמער־לעבן, און זאָל זי ניט ריידן, וואָס זי ווייס ניט. און ווי שטענדיק — זיין וואָרט איז געווען געזעץ . . .

זי ווייסט, אַז הערי און ווילי, און אַ סך מאַנסבילן, באַהאַנדלען זייערע ווייבער ניט פיל בעסער, ווי דייוו באַהאַנדלט זי. אָן אויסנאַם איז איר שוואַגער ליפּע — ער רעכנט זיך מיט זיין ווייב׳ס מיינונג.

דאָס אַלץ איז איר איצט דורכגעלאָפן אין קאָפּ בליץ־שנעל, ווי אַן אַנדער ביילקע וואָלט אין איר געזעסן, און געגעסן איר אין דער שטיל, ווי אַ וואָרעם. אָבער די ביילקע, וועלכע קאָן זען, הערן און פילן אויך, האָט געזאָגט: היט דאָס קינד. איך וועל צולויפן צו סייקס׳ן. ס׳איז נאָר צוויי מייל פון דאַנען, ער וועט אונדז אַרויסהעלפן.

סייקס האָט איבערגעריסן זיין אַקערן, און איז געקומען אין פעלד, וואו דייוו מיטן קינד זיינען געזעסן און געוואַרט.

— נו, ווייז נאָר וואָס האָבן דיינע שיינהייטן געטאָן צו דיר, — האָט ער שפּאַסנדיק געזאָגט. ער האָט באַקוקט און באַטאַפּט זיין נאַקעט לייב, ביזן גאַרטל. שפּאַסיק אַ פּאַטש געטאָן אין זיין פעטלעכן בויך און אַרויסגערעדט: ס׳איז גאָר ניט. אַביסל בלוי, ס׳וועט באַלד איבערגיין.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיץ־פּלאַץ פון אַקער־אייזן, און געגעבן דייוו׳ן אַ לעקציע ווי צו אַקערן.

פערד זיינען סענסיטיוו, ווי פּרויען. זיי האָבן פיינט, אַז מען באַנעמט זיך גראָב מיט זיי; אַז מען שרייט אויף זיי. זע צו באַהאַנדלען זיי מיט גוטן — אַט אַזוי „בעס״, אַט אַזוי „מאַט״. „גוד גוירלס״. און ער גלעט זיי מיט ליבשאַפט, מיט אַ צווייגל איבער זייערע הינטנס, און די פערד שפּאַנען טראַט־נאָך־טראַט,

ציענדיק אַלץ ווייטער דעם אַקער־אייזן, מיט דער אויפגעאַקערטער איבער־געקערטער ערד, גרינג און שפּילעוודיק.

סייקס איז ניט אַוועקגעגאַנגען ביז ער איז געווען זיכער, אַז דייוו ווייס ווי צו אַקערן, ווי צו באַנעמען זיך מיט די פערד, און אַז קיין שלעכטס וועט אים ניט געשען.

— אָט אַזוי, נאָר מיט גוטן, — האָט ער נאָכגעפאָלגט דייוון מיט די אויגן, ווי ער איז געגאַנגען נאָכן אַקער־אייזן.

וואָס פאַר אַ טייערע לעקציע סייקס האָט אים געגעבן. ניט נאָר ווי אַנצוגיין מיט פערד, נאָר אויך ווי אָנצוגיין מיט אַ ווייב. — וועט ער דאָס גע־דיינקען? — האָט ביילקע געפרעגט אין זיך.

כאָטש די אַנדערע יידישע „האָמסטעדערס" איז אָנגעקומען גרינגער ווי דייוון צו אַקערן די ערד, האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן פאַר זיי מיט זייערע פאַמיליעס. זייערע פרויען, וועלכע האָבן מיידל־ווייז אין די שיקאַגער שעפּער געאַרבעט, און די יוניאָנס געהאָלפן בויען, האָבן איצט מיט זייער שווייס די איידעהאָער ערד באַנעצט; „סיידזש־בראַש" געריסן; גערטנער פאַר־זייט; דערמוטיקט זייערע מענער צו גראָבן די ערד אַלץ טיפער, כדי צו געפינען וואַסער. און די מענער האָבן געגראָבן ברונעמס, צוואַנציק פוס טיף אין בויך פון דער ערד. זיי זיינען געשטאַנען אין די גריבער מיט די גראָב־אייזנס, און די פרויען האָבן געצויגן מיט שטריק פולע עמער האַרטע ערד און שטיינער. און אַז ס'האָט זיך באַוויזן אַ ליימיקע בלאָטע, איז געוואָרן אַ שמחה. די פרייד האָט ניט אָנגעהאַלטן, די בלאָטע האָט אויסגעטריקנט, און מען האָט געמוזט אָנהויבן גראָבן אויף דאָס ניי.

וואַסער צום טרינקען און קאָכן האָט מען געפירט פונם „רעזערוואואַר" מיט אַ פעסל. מילך פאַר די קינדער — פון די בלעכענע פּושקעס. פלייש האָבן די פאַסטוכער צוגעשטעלט; און ברויט האָבן די באַלעבאָסטעס אַליין געבאַקט. די פאַסטוכער האָבן געבאַקן זייערע אייגענע זויערע ברויטן אונטער די בערג. פאַליע ניידיטש האָט זיי אויסגעלערנט באַקן בייגל, און עטלעכע יידישע ווערטער: „כ'ליג אין דער ערד און באַק בייגל", — איז געוואָרן זייער ענטפער אויף אַ „האַו דו יו דו?"

נאָך וואָכן גראָבן די האַרטע, טרוקענע ערד, האָבן ליפּע און הערי דערזען וואַסער אין זייערע ברונעמס. קלאָרע וואַסער, ווי קרישטאָל, האָט געשטראָמט פון טיפעניש פון דער ערד.

דערמוטיקט פונם נצחון איבער די וואַסער, האָבן זיי זיך גענומען מיט פרישע כוחות צו דער אַרבעט — אויסהאַקן וועגן, מאַכן גערטנער און צאַמען. וואו עס איז נאָר פאַרבליבן אַ שטיקל ערד צווישן די בערג, האָט מען דאָס צעאַקערט, פאַרזייט קאַרטאָפל, קאָרן און ווייץ. מ'האָט ניט דורכגעלאָזן קיין שפּעלטעלע צווישן די בערג. ס'האָט זיך געדוכט ווי אָט־אָט, פערד, מענטש און אַקער־אייזן וועלן זיך איבערקערן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט פרייד און מיט ליבשאַפט צו דער ערד.

איצט האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן ניט גענוג געלט צו קויפן זריעה. דייוו, דער געלערנסטער פון אַלע מענער, האָט זיך אַוועקגעזעצט, און אָנגעשריבן

אַ בריוו, פול מיט גרייזן, צו דעם דעמאָלדיקן סענאַטאָר באָרא, פון איידעהאָ, מיט אַט־דעם נוסח:

„הויכגעשעצטער סענאַטאָר באָרא, פון שטאַט איידעהאָ:

מיר זיינען דאָ פיר נייע אָנגעקומענע פאַמיליעס, אַלע גרויסע אָרימע לייט.

איך אַליין, האָב אַ ווייב, אַ קינד, אַ שטוב, צוויי פערד, און אַקער־אייזן, דריי הונדערט און צוואַנציק אַקער לאַנד, און דריי דאָלאַר מיט זיבן און פופציק סענט אין מזומן געלט. די אַנדערע צוויי פאַמיליעס — געענקין און ניידיטש, האָבן צו דריי קינדער, און צו איינציקע פערד און איינציקע ווייבער. איך וויל, אַז דער „האָנאָרייבל" מענאַטאָר זאָל וויסן, אַז מיר קומען פון אַ מאָרמאָן־שטאַט, פון אָגדען, יוטאַ, וואו אַ מאַן קאָן האָבן מער ווי איין ווייב (געוויינטלעך אין דער שטיל, און אויב ער האָט גענוג געלט), אָבער מיר דאָ זיינען אַלע אָרימע לייט.

דער פערטער איז מיין געוועזענער שותף, הערי לעווין איז זיין נאָמען. ער פאַרמאָגט אַ קינד, צוויי פערד, אַ שטוב, און דריי הונדערט און צוואַנציק אַקער לאַנד. קיין איינער פון אונדז האָט ניט גענוג געלט צו קויפן זריעה פאַר די פעלדער און גערטנער.

בעטן מיר, דעריבער, דעם ווירדיקן מענאַטאָר, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט׳ן אַגריקולטור דעפּאַרטמענט און פועלן, אַז ער זאָל אונדז ווי אַמשנעלסטן אַרויסשיקן פעקלעך זריעה."

באַדאַנקענדיק אים פאַראויס פאַר דער טובה, האָבן אַלע פיר מענער זיך אונטערגעשריבן מיט זייערע נעמען, ווי זיי זיינען פאַרשריבן אין די „האָמ־סטעד" פּאַפּירן, און אַוועקגעפּירט דעם בריוו אַכצן מייל צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע.

אַ וואָך שפּעטער איז אָנגעקומען אַן ענטפער פונם סענאַטאָר באָרא, אין וועלכן ער שרייבט, אַז ער איז גליקלעך, וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן זיין שטאַט איידעהאָ, פאַר „האָמסטעדינג". זייער פיינעם בריוו האָט ער איבער־געגעבן צום אַגריקולטור דעפּאַרטמענט, און אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי באַקומען פעקלעך זריעה. ער האָט זיי געוואונטשן דערפאָלג, און צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט קומען אַהיים פאַר זיין וואַקאַציע, וועט ער זיי קומען זען, און העלפן עסן די בעסטע קאַרטאָפל אין אַמעריקע, פון דער גוטער איידעהאָער ערד . . .

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען אָנגעקומען פיר גרויסע זעק זריעה פון וואַשינגטאָן, איינגעוויקלט אין אַ סך פּאַפּיר, פאַרבונדן מיט שטריק, און אין אַ בייגעלייגטן בריוו האָט זיך געזאָגט, אַז זריעה פאַר קאַרטאָפל וועלן זיי מוזן קויפן לאָקאַל, ווייל דאָס מוז אומבאַדינגט זיין פריש.

האָט מען געקויפט עטלעכע זעק קאַרטאָפל, רויטע, ראָזעווע און ווייסע, צעשניטן אויף קליינע חלקים, פאַרהיטנדיק די „אויגעלעך" און „גריבלעך" אין די קאַרטאָפל, פון וועלכע די נייע דאַרפן אַרויסשפּראָצן.

די פעלדער זיינען פאַרזייט געוואָרן מיט קאַרטאָפל, קאָרן און ווייץ. גערטנער האָבן זיך צעבליט אין פיל־פאַרביקע געוויקסן. די ערד איז פאַר־גאַנגען אין שוואַנגערשאַפט. די פעלדער און גערטנער האָבן אָבער געמוזט

האָבן וואַסער, — און קיין רעגן איז ניט געקומען; די ערד איז געלעגן אַ פאַר־שמאַכטע.

טעג און וואָכן האָט מען אַרויסגעקוקט צום לויטערן הימל, געזוכט אַ וואָלקנדל, ווי אַ דורשטיקער אין דער מדבר זוכט אַ טרונק וואַסער. דער פאַרזיי איז אויפגעגאַנגען און געבליבן ליגן, פלאַך און פאַרטריקנט, צו דער ערד, ווי אַ מאָך, קיין כוח געהאַט צו וואַקסן העכער; די שווערע האָרעוואַניע האָט געברענט . . .

ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך זע כמאַרעס אויפן הימל, — האָט געזאָגט הערי, אַ צעשיינטער, פאַררייסנדיק זיין קאָפּ אין דער הויך.

דייוו האָט אַ זיפץ געטאָן, זאָגנדיק: „ס'חלומ'ען זיך דיר גוטע חלומות".

— מיין בהמה איז ווידער געוואָרן טרוקן, האָט הערי, ווי צו זיך גערעדט, דרייענדיק פאַרביטערט מיטן קאָפּ.

— דיין בהמה? — האָט דייוו פאַרוואונדערט געפרעגט.

— יאָ, דעם ברונעם, מיין איך. ניטאָ גענוג וואַסער, ניט צום קאָכן און טרינקען, און ניט צו באַוואַסערן דעם גאָרטן.

ער האָט אָנגעשעפּט עטלעכע פעסער וואַסער, אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן, אַ שמיץ געטאָן דעם פערד, און שוין פאָרנדיק אַרונטערגעשריען: — זאָרג ניט! ס'וועט רעגענען אין אָגדן, יוטאַ!

דייוו איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָכן זומער וועט קומען אַ לאַנגער, קאַלטער ווינטער, און אַז מען מוז פאַר־גרייטן האָלץ. ער האָט איינגעשפּאַנט די פערד, מיטגענומען ווייב און קינד אין וואָגן, און איז אַוועקגעפאָרן אין וואַלד אָנהאַקן האָלץ. דאָס קינד האָט מען אַוועקגעזעצט אויפן גראָז, טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעהאַקט אַ וואָגן האָלץ. פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, איז ביילקע געגאַנגען נעמען דאָס קינד.

— גאָט מיינער!! — האָט ביילקע אַרויסגעלאָזן אַ געשריי, ווי אַ פאַר־וואונדעטע חיה. זי האָט דערזען ווי אַ לאַנגע קלאַפּער־שלאַנג האָט זיג־זאַג זיך געצויגן אויפן בויך, אַלץ נעענטער צום קינד.

כאַפּנדיק דאָס קינד אויף די הענט, האָט זי מיט באַנומענע קולות גע־שריען, — שלאַנגען! שלאַנגען אין גראָז!

דייוו איז צוגעלאָפן, האָט אויפגעהויבן די האַק אין דער לופטן, און מיטן גאַנצן כח אַרונטערגעלאָזן די האַק איבער דער שלאַנג. צוויי שטיקער שלאַנג האָבן זיך קאָנוואולסיוו אין גראָז געצאַפּלט.

פון אונטערן באַרג האָט זיך דערהערט אַ קראַכנדיקער דונער. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט שוואַרצע וואָלקנס, וועלכע זענען מיט יעדער מינוט געוואָרן געדיכטער און פינצטערער. דונערן און בליצן האָבן די וואָלקנס דורכ־געריסן, — ס'האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן. צעשראָקענע פון די דונערן און בליצן, אויסגעווייקטע פון רעגן, זענען מענטשן און פערד געלאָפן אַהיים.

אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט און די ערד באַפרוכפּערט. אַ פרייד האָט אַרומגענומען די „האָמסטעדערס" פון „האָקינס בייסין".

אויף מאָרגן איז די זון אַרויסגעקומען. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך די קאַרטאָפל פעלדער צעבליט מיט ווייסע, קליינע בלימעלעך; דער ווייץ האָט זיך גאָלדיק געצויגן צום הימל. פון דער ווילד־האַרטער און גראָזיק־פאַר־

וואַקסענער ערד זיינען געוואָרן בליענדיקע לאַנקעס, פעלדער און גערטנער.

די פרייד האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די ווילדקייט האָט ווידער געקראָגן די אויבערהאַנט איבער מענטשלעכער מי. אַ סטאַדע בהמות און פערד האָט דורכגעבראָכן די פּלויטן און פּאַרקאַנעס, האָבן זיך אַריינגעריסן, צעטראָטן און אויפגעפרעסן די ווייץ ביז די וואָרצלען.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן די „האַמסטעדערס" אַרונטערגענומען דעם שניט, מערסטנס קאַרטאָפל. אייניקע האָבן אויך געהאַט אַ ביסל ווייץ.

דייוו און ביילקע האָבן אָנגעשאָטן אַ הונדערט זעק קאַרטאָפל, אַוועקגעפירט אויפן מאַרק אין איירעמאַ, פאַרקויפט פּאַר אַ דאָלאַר אַ זאַק — איינגעלייזט הונדערט דאָלאַר. די אַנדערע האָבן אויסגעביטן זייערע גערעטענישן אויף שפּייז — מ'האָט זיך פאַרגרייט פאַר אַ לאַנגן, קאַלטן ווינטער.

די לופט האָט געשמעקט מיט פרישן היי און אַלפאַלפאַ. די שעפסן האָבן זיך צעשפּרייט איבער באַרג און טאָל, האָבן אומעטיק געמעקעט. דער הונט האָט מורא'דיק געבילט. דער פּאַסטוך האָט דייוו'ן געבראַכט צעטראָגן אַ באַוואוסטלאָזן. בלוט האָט גערונען פון אַן אויער.

דזשים פּרוט האָט אים דערלאַנגט מיט אַ האַק איבערן קאָפּ.—נאָך אַ גליק, וואָס דער קלאַפּ איז געקומען פון דער לינקער זייט האַק, און וואָס איך האָב דערהערט זיינע געשרייען. ווען ניט דאָס, וואָלט ער שוין איצט געווען אַ טויטער — האָט דער פּאַסטוך ביילקען אָנגעזאָגט די נייעס. ער האָט דייוו'ן אַריינגעבראַכט אין שטוב און אים אַוועקגעלייגט אין בעט.

— אַ דאָקטאָר, דזשאָן!! מען מוז אים גלייך פירן אין שטאָט אריין צום דאָקטאָר, האָט ביילקע, מיט טרערן אין די אויגן, זיך געבעטן. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און זיך ביטער צעוויינט.

רייטנדיק איז פון פעלד געקומען צופליען טעדי, סייקס' עלטסטער זון, אַ בחור פון אַ יאָר זיבעצן. ער האָט אויך דערהערט די געשרייען, און איז געקומען זען, וואָס איז געשען.

— ס'איז צוויי און דרייסיק מייל קיין דאַני. דאָרטן איז פאַראַן אַ דאָקטאָר און אַ שפּיטאָל. איך קאָן ניט אַוועקגיין, מוז אויפפּאַסן אויף די שעפּסן. דו, טעדי, נעם אים, — האָט דזשאָן דער פּאַסטוך אַ זאָג געטאָן.

שווייגנדיק, ווי זיי וואָלטן געווען די שולדיקע אין דייוו'ס ליידן, האָבן זיי איינגעשפּאַנט דעם פערד, אַרויסגענומען דייוון פון בעט, ווי אַ קינד, אים אַריינגעלייגט אין וואָגן, צוגעדעקט מיט אַלטע קאָלדרעס, און טעדי האָט אים אַוועקגעפירט קיין דאַני.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען דייוון געבראַכט אַהיים. ער איז געווען אָפּגעצערט און אויף איין אויער טויב ווי די וואַנט.

שפּעט נאָך האַלבן טאָג איז געקומען סייקס, זיין ווייב און שוועסטער, מאַרטאַ, אַ גאַסט פון וואַשינגטאָן.

מאַרטאַ'ס אויסזען און קליידונג איז געווען גרויס-שטאָטיש, אַריסטאָקראַטיש. אַ איינגערע פון איר ברודער, פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ ווייס פּנים, איינדרוקספולע ברוינע אויגן און טונקל-ברוינע האָר, גלאַט פאַרקעמט אויף הינטן.

מאַרטאַ האָט דערלאַנגט דייוו׳ן איר ווייסע האַנט, אַנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע אויגן, באַטראַכטנדיק זיין פאַרוואונדעטן קאָפּ, האָט זי אַרויס־גערעדט אין אַ ווייכן טאָן: — דאָס האָט ניט געטאָרט פּאַסירן.

— האָט איר ליב דעם „האָמסטעד״ לעבן? — האָט זי געפרעגט נאָך אַ קורצע פּויזע.

דייוו האָט קענטיק ניט געהערט. האָט זי איבערגעפרעגט, מיט אַ העכערן קול: האָט איר ליב דאָס פאַרמער־לעבן?

— ניין, — האָט דייוו פאַרשעמט געענטפערט.

— איך פאַרדיינק אייך ניט. דאָס לעבן פון אַ פאַרמער איז אַ שווערס. זומער — לאַנגע שעהן אויף די פעלדער; ווינטער — אומעט און לאַנגווייליקייט. פאַרשפּאַרט אין די הייזער אונטער בערג שניי. דאָס ערגסטע איז, וואָס די קינדער האָבן ניט קיין שול. דיין טעדי, אַ גרויסער בחור, קען ניט אונטער־שרייבן זיין נאָמען. אן אומצופרידענע גרימאַסע האָט זיך צעלייגט אויף איר פנים, קוקנדיק אויף איר ברודער. סייקס און דייוו האָבן זיך איבערגעקוקט שטום.

ס׳איז ניטאָ קיין לערער, קיין ביכער, קיין שול. טאָ וואָס קענען מיר טאָן, מאַרטאַ? — האָט סייקס גערעדט צו דער שוועסטער פאַרשולדיקט.

ווי איך פאַרשטיי, קלייבט זיך דייוו פאָרן צוריק אין שטאָט. איז דאָס אמת?

— יאָ, נאָר פאַר די ווינטערדיקע חדשים. אין פרילינג וועלן מיר צו־ריק־קומען. מאַרטאַ האָט אויף אים געקוקט מיט פאַרשנדיקע בליקן. ס׳איז איר געפעלן געוואָרן זיין איינגעשפּאַרטקייט צו בלייבן אַ פאַרמער. זי האָט אָבער געצווייפלט. אַזוי האָט גערעדט איר שטומער, קלוגער בליק. נאָר געזאָגט האָט זי עפּעס אַנדערש:

— איך שלאָג־פאָר, אַז איר זאָלט רופן אַ זיצונג פון די שול־פאַרוואַלטער, פון וועלכע דייוו איז אויך איינער, און איר זאָלט דינגען דייוו׳ס שטוב פאַר אַ שול. ס׳איז דאָ דערנעבן אַ וועג, ס׳וועט זיין גרינג פאַר די קינדער צו קומען אַהער. מיט ביכער, לערער און טראַנספּאָרטאַציע וועט שוין די קאַונטי־פאַרוואַלטונג באַזאָרגן. מאַרטאַ האָט זיך גענומען ווישן דעם שווייס פון פנים מיט אַ ווייס טיכעלע, ווי זי וואָלט דאָ אָפּגעטאָן אַ שווער שטיקל ארבייט.

דייוו האָט געשוויגן. האַלב פון אירע רייד האָט ער פאַרהערט, און וואָס ער האָט יאָ געהערט, איז געוועזן אַזוי גוט, אַז עס האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. טאָ זאָל סייקס ריידן, האָט ער געטראַכט.

— איך קלער, אַז דו ביזט גערעכט, מיין שוועסטער. מיר וועלן טאַקע נאָך היינט רופן אַ זיצונג — האָט ער איר געקלאַפּט מיט ליבשאַפט אין פּלייצע. ער האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין.

ביים שוואַרצן, אייזערנעם אויוון, אויף אַ ביינקעלע, איז געזעסן די פעטע מרס. סייקס. אירע קליינע אויגעלעך זיינען געזעסן טיף אין אַ צעשמייכעלט־ברייטן פנים. אויפן שויס האָט זי געהאַלטן דעם קליינעם איזידאָר, געשפּילט זיך מיט זיינע פינגערלעך און געזונגען צו אים דאָס פאַרדאַמט־ראַסיסטיש לידל:

„איני, מיני, מייני מאָ —

קעטש עי ב־יי־ג־ע־ר ביי די טאַ,
— איף הי האלערס,
לעט הים גאָ!"

מאַרטא האָט געוואָרפן א בייזן בליק אויף איר שוועגערן. ביילקע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פון מרס. סייקס פּעטע הענט, צוגעלאָפן צו מאַרטאַ"ן, און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— אייערע רייד זיינען פאַר מיר געווען אַ דערפרישונג. איך דאַנק אייך, טייערע, פאַר העלפן מאַכן אַ שולע פון אונדזער שטוב. אַמאָל, אין שיקאַגאָ, בין איך אין אַ נאַכט־שול געגאַנגען, געלערנט ענגליש. איך געדענק מיט ליבשאַפט מיין ערשטע לערערקע דאָ אין לאַנד. איך האָב ליב דעם "האָמ־סטעד" און די שכנים — אָבער . . . מיר איז דאָ שווער. כ'האָב מורא . . .

מארטא האט געשוויגן. זי האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דאָס פּנים אירס האָט אויסגעדריקט פריינטשאַפט און פאַרשטענדעניש.

זונטיק איז פון דאַני געקומען דזשאָ עפּשטיין, מיט וועמען דייוו האָט אַמאָל געפּעדלט. מיט אים איז געקומען נאָך אַ יידישער פאַרמער, אן על־טערער, מיט זיין פרוי, אַ הויכע, אַ דאַרע און אַן אומעטיקע. זיי האָבן געהערט, אַז אַ "גוי" האָט שיר ניט דערהארגעט אַ יידישן "האָמסטעדער", האָבן זיי אין שפּיטאָל אויסגעפונען וואו דער ייד וואוינט און זענען אים געקומען מבקר חולה זיין.

דייוו האָט זיך ביי זיי אויסגעפרעגט, אויב ס'זיינען דאָ נאָך יידישע פאַר־מער, און ווי ס'לעבט זיך זיי.

— יאָ, ס'זיינען דאָ עטלעכע יידישע פאַרמער אין דאַני. ער האָט גע־הערט, אַז אין און אַרום פאַקאַטעלאָ זיינען אויך דאָ יידישע פאַרמער. א סך זיינען גוט איינגעפונדעוועט. ער אליין איז אויך ניט צו פאַרזינדיקן. חתונה געהאַט. אַנגעפלאַגט זיך ביז מען האָט פון דעם "האָמסטעד" געמאַכט אַ בליענדיקן פאַרם. נו, האָט זיי געטראָפן אַן אומגליק: אַ פופצן־יאַריקער זון איז געפאָרן אין שטאָט אריין מיט פערד און וואָגן; דאָס פערד האָט זיך צעטראָגן און היימי איז דער'הרג'עט געוואָרן.

דזשאָ האָט דאָס דערציילט אַזוי שטיל, אַז זיין ווייב זאָל ניט הערן. דייוו האָט אויך ניט געהערט, אָבער ביילקען איז דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבערן גאַנצן קערפּער. סערע, זיין ווייב, האָט מיט אומעטיקע אויגן געקוקט אויף די גלאַטע הילצערנע ווענט און ווי צו זיך אליין געשעפּטשעט: "גלאַטע ווענט, אָן אַ בילד, אָן אַ ביכער־שראַנק". זי איז צוגעגאַנגען צו ביילקען און אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר גאָרניט קיין יידיש בוך? אין דאַני קריגן מיר ניט קיין יידישע ביכער. שוין לאַנג ניט געלייענט.

— אַ קאַסטן מיט ביכער שטייט אויפן בוידעם. אַ גאַנצן זומער איז ניט געווען קיין צייט צו לייענען — האָט ביילקע געזאָגט פאַרשעמט.

מיר האָבן פאַרדונגען די שטוב פאַר אַ סקול. דאָס וועט זיין די ערשטע סקול אין "האָקענס בייסין". מיר פאָרן אינגיכן צוריק אין שטאָט, — האָט דייוו געזאָגט. א פרייד און שטאָלץ האָט זיך געהערט אין זיין קול.

אויף מאָרגן איז געקומען דזשאַן טרעשער, דער רייכסטער פאַרמער אין

געגנט — דער זעלבער, וועמענס גרויסע, הילצערנע שטוב, מיט תבואה־שפייכלערס, זיי האָבן געזען מיט זעקס חדשים צוריק, ווען זיי זיינען געפאָרן אויפן „האָמסטעד". דזשאָן האָט באַקוקט דאָס מעבל, און, דער עיקר, איז אים געפעלן געוואָרן די ברייטע, געלע, בלישטשענדיקע „ברעס" בעט.

אָט אַזאַ בעט וויל טאַקע זיין ווייב האָבן. זי בעט זיך שוין ביי אים פון כמה יאָרן, אַז ער זאָל קויפן אַ „גאָלדן־ברעס בעט". וועט ער איר מאַכן אַ סורפּריז.

עטלעכע יונגע פאַרם־אַרבעטער האָבן אַרויפגעלייגט דאָס מעבל אויפן וואָגן, צוזאַמען מיט דיוויז׳ן, ביילקען מיטן קינד, מיט אַ גרויסן אַלט־מאָדישן קופערט. דאָס איז געווען די איינציקע באַלעבאַטישקייט, וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך צום באַן אין שטאָט אַריין.

מאַנאַטאַן האָבן געקלאַפּט די רעדער אונטערן באַן אויף די אייזערנע רעלסן. ביילקע איז געזעסן פאַרטראַכט. מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט, איז זי אין אירע געדאַנקען דורכגעגאַנגען דאָס איבערגעלעבטע אין די פאַרגאַנגענע זעקס מאָנאַטן.

— ווי אַזוי קען אַזאַ שיינע לאַנדשאַפט, ווי זייער „האָמסטעד", זיין אַזוי פול מיט סכנות? — האָט זי זיך געוואונדערט. און עס שוועבט פאַר אירע אויגן אַ בילד:

ס׳איז שפּעט אין אָוונט. אַ פינצטערע נאַכט. דיוויז איז ניט געקומען פון פעלד. אַ שרעק כאַפּט איר אַרום. אפשר האָבן אים די פערד דער׳הרג׳עט? אפשר שרייט ער נאָך הילף און זי הערט אים ניט? האָט זי דאָס קינד איבערגעלאָזט אליין אין שטוב, שלאָפנדיק, און זיך געלאָזט לויפן איבער בערג און טאָלן, איבער צעאַקערטער ערד, איבער פלויטן, זוכן דיווין. הינטער זיך האָט זי געהערט ווילדע קעץ מיוקען, איין קאַץ האָט אַ שפּרונג געטאָן פאַר די אויגן. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי, און האָט נאָך שנעלער גענומען לויפן. זי האָט ניט געפילט דעם באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ אונטער זיך.

אַ שוואַך פייערל האָט געלויכטן דורך די שייבלעך פון סייק׳ס שטוב. זי האָט ניט אָנגעקלאַפּט — צעפּראַלט די טיר, אַ פאַרסאָפּעטע, איז זי אַריינגעפאַלן אין שטוב.

די שטוב איז געווען פול מיט קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער. אויף אַ לאַנגער, הילצערנער באַנק איז געזעסן דיווו, מיט נאָך פאַרמער, אַלע האָבן געשמועסט, געלאַכט, געקייט טאַבאַק און געשפּיגן אין אַ זאַמד־קעסטל.

— קינד, וואָס ביזטו אַזוי דערשראָקן? דיווו איז „אָלרייט". געגעסן מיט אונדז סאָפּער, באַרואיקט זיך — האָט געזאָגט ליזע, סייק׳ס ווייב, מיט איר גוטמוטיקן שמייכל אויפן פּנים.

דער באַן האָט אַ ריס געטאָן, צוריק און פאָרויס, און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע. דער טרייסל האָט ביילקען אויפגעוועקט ווי פון שלאָף. אָנקוקנדיק דיווו׳ן מיטן שלאָפנדיקן קינד אויף די הענט, ביי איר זייט, האָט זי מיט אַ פריידיקער באַגייסטערונג געזאָגט:

— דייוו, אין אונדזער שטוב וועט זיין א שולע. פֿאַרמער־קינדער וועלן זיך לערנען לייענען און שרייבן. זיי וועלן לערנען די געשיכטע פֿון דער גרויסער, שיינער אַמעריקע. איך האָב עס געלייענט, ווען איך בין אין אַ נאַכט־שול געגאַנגען. וואונדערלעך!

דייוו איז דורכגעגאַנגען מיט זיינע פֿינגער די קוטשעראַווע, שוואַרצע האָר, אַ קנייטש געטאָן זיין הויכן שטערן, און אַ זאָג געטאָן:

— פֿאַר דער שול, האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען מאַרטאַ'ן. אַן אינטעליגענטע פֿרוי. זיין פּנים האָט זיך פֿאַרוואָלקנט, און צוגעגעבן שטיל, ווי פֿאַר זיך:

— נו, אַ זומער געווען . . . אַ קאַשמאַר . . . אָבער, איך בין צופֿרידן — צופֿרידן, ווייל איך האָב די ווילדערניש צעאַקערט און פֿאַרזייט. מיטן שווייס פֿון מיין פּנים און בלוט פֿון מיין אויער איז די ערד באַשפּריצט געוואָרן . . . צום פֿרילינג וועלן מיר זיך אומקערן צוריק צום "האָמסטעד". איך וועל וויזן דזשים פּרוט'ן, אַז איך האָב ניט מורא פֿאַר אים.

* * *

עטלעכע חדשים שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון פּערלען, וואו זי שרייבט, אַז דער ווינטער אין איידעהאָ איז געווען אַ שרעקלעך קאַלטער; אַז זייערע הייזער און אַלע וועגן זיינען געווען פֿאַרשאָטן מיט בערג שניי; די קינדער האָבן ניט געקענט גיין אין שולע; די ברונעמס זיינען געווען פֿאַרפֿראָרן. פֿאַר וואַסער צום טרינקען און קאָכן האָט מען גענוצט שניי; אַז עס איז געווען אַ פֿייער ביי הערי'ן אין שטוב פֿון אַן איבערגעהייצטן אויוון, און אַ דאַנק די בערג שניי, זיינען זיי ניט פֿאַרברענט געוואָרן; אַז זיי גרייטן זיך צום פֿרילינג פֿאַרזיי. פֿאַרענדיקט האָט זי: איילט זיך אונטער, און קומט צופֿאָרן צוריק צום „האָמסטעד".

די רייזנדיקע, וועלכע פֿאָרן־דורך דעם שטאַט איידעהאָ אויפֿן וועג צום באַרימטן יעלאָוסטאָן פּאַרק, טרינקען פֿון די נאַטירלעכע סאָדע־קוואַלן, באַוואונדערן די וואַסער־שטראָמען און דעם פֿייער־שפּייענדיקן באַרג; קוקן־ארונטער פֿאַרגאַפֿטע אין די טאָלן, צו די צעבליטע פֿעלדער און גערטנער — צי ווייסן זיי, אַז צווישן די „האָמסטעדער" זיינען אויך געווען יידן־פּיאָנערן, וועלכע האָבן זייערע בעסטע יונגע יאָרן, זייערע כוחות אַוועקגעגעבן צו אַנטוויקלען די ערד, צעאַקערט די פֿעלדער, געפֿלאַנצט גערטנער און אויס־געפֿלאַסטערט וועגן?

ניין, זיי וועלן ניט געפֿינען קיין יידישע נעמען אויף די וועגן, אויסגע־קריצט אויף שיינענדיקע בלעכלעך, אָדער אין אַלטע אַרכיוון. אַזעלכע פּאַ־סירונגען ווערן פֿאַרשוויגן און פֿאַרטושט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַ מינאָריטעט־גרופּע — צי זיי זיינען יידן, נעגערס, אינדיאַנער, אָדער מעקסיקאַנער.

❦ ❦ ❦

משה ווײנשטײן

פון פײַער אין וואַסער

(דערציילונג)

1

עוזר מיט דער טשופּרינע, אַ פײַערלעשער, האָט באַקומען צוגעשיקט דורך דער פּאָסט אַ פֿאַרחתמעט פּעקעלע מיט אַ בריוו.

צי דער בריווטרעגער האָט דאָ נישט קיין טעות, צי מאַכט ער אַמאָל נישט קיין חוזק?

ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם בריווטרעגערס געשטופּלטן פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ראָזאָווע ברויטל באַשאָטן מיט קימל, וועלנדיק דערגיין דעם באַהאַלטענעם סוד פֿונעם פּעקעלע. זייט עוזר לעבט, האָט ער נאָך מיט קיין בריווטרעגערס נישט געהאַט צו טאָן.

אונטערגעשריבן זיך מיט דרײַ כפל־שמונהדיקע צלמים, איז ער זיכער געוואָרן, אַז דאָס פּעקעלע מיטן בריוו איז טאַקע צו אים אַליין.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער דעם פּאַקעט אויפֿגעריסן, און אַ קאַל־טער שווייס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויף די פֿאַרשפּיצטע באַקן־ביינער און אויף דער נאָז. אינעווייניק, אינם פּאַקעט, איז געלעגן אַ חנ׳עוודיק, ברוין־גלאַנציק קעסטעלע און צו דעם איז געווען, אויף אַ רויט־שנירעלע, צוגע־בונדן אַ פּיצל שליסעלע.

מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָנגעהויבן שטופּן דאָס שליסעלע אין לעכעלע פֿונם גלאַנצעדיקן קעסטעלע, אָן עפֿן, און אַ בליץ האָט געטאָן פֿאַר עוזרס אויגן . . .

אויף אַ ווייך, גרינלעך, פּליושן קישעלע, איז געלעגן אַ גאָלדענער מע־דאַל, אַזעלכער, ווי באַם „סטאַרשי״ אויף דער ברוסט . . .

ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן בריוו — דאָ מוז זײַן די אַנטפּלעקונג פֿונם סוד!

ער האָט פּאַמעלעך אַרויסגענומען דעם מעדאַל פֿונם פּליושענעם גע־לעגערל און מיט ציטערדיקע הענט אים צוגעשפּילעט דאָ אויף דער ברוסט, דאָ אויפֿן לאַץ. אַרויסגענומען דאָס טאַשן שפּיגעלע, און געשפּיגלט אין דעם דאָס שטיקעלע פֿינדזשאַק מיטן בלישטשעדיקן מעדאַל.

מיט אַ גליקלעכן זיפֿץ האָט ער ענדלעך דעם מעדאַל צוריק אָפּגע־שפּילעט, אַ כאַפּ געטאָן די מעשענע קאַסקע, וועלכע ער פֿלעגט שייערן דרײַ מאָל אין טאָג, גענומען אין האַנט דאָס קעסטעלע מיטן בריוו, און אוועק גלײַך צום „סטאַרשי״.

אַרײַנקומענדיק אין שטוב, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פֿאַרגעסן אָנצוקלאַפּן אין טיר. דער „סטאַרשי״ איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו אים אײַנגעבויגן ווי אַ דלת, און געקושט עפּעס אַ דאַמע אין האַנט .

ווען די דאַמע האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַרויסגעגאַנגען, ערשט דאַמאָלס

האָט דער „סטאַרשי״ דערזען עוזרן, ווי ער שטייט אזוי מיט אן אָפּגעשמיסן פּנים און מיטן קעסטעלע אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

„אהא, עוזר״, האָט דער „סטאַרשי״ מקבל פּנים געווען מיט א ווארימען בליק. „וואָס ווילסטו זאָגן עפּעס גוטס?״

עוזר האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן שטאַמלען:

„ אַ קעסטעלע . . . אַ פּאַפּיר . . . פון פּאָסט . . . אַ מעדאל אַ גאָלדענער״.

און דערלאַנגט דאָס קעסטעלע דעם „סטאַרשי״ אין דער האַנט אריין.

דער „סטאַרשי״ האָט דאָס קעסטעלע פּאַרזיכטיק אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, אָנגעטאָן זיינע גרויסע ברילן מיט די גאָלדענע רעמלעך, און מיט א געניטער, העפלעכער, אַפּטייקער־באַוועגונג, אויפגעעפנט דאָס קעסטעלע. און ווען ער האָט א קוק געטאָן אויפן מעדאל, האָט ער, נישט ווילנדיק, געוואָרפן אַ בליק אויפן מעדאל, אויף זיין אייגענער ברוסט.

ער האָט לאַנגזאַם צעעפנט דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען, פריער שטילער, אונטערן נאָז, נאָך דערנאָך, האָט ער דאָס קול אויפגעהויבן, און פלוצלינג ארויסגענומען די אויגן פון פּאַפּיר און שניידיק, מיליטעריש, אויסגעשריגן:

„מאָלאָדיעץ, עוזר! אַזש פון מיניסטערסטווע! הערסט! פון מיניסטערסטווע!״

און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, גלייך ווי ער וואָלט עס זיך געוואָלט איינחזרן אויף אייביק לזכרון. זיין פּנים איז אזוי ווי ברייטער געוואָרן, ווי אויסגעפּרעסט פון אלע קנייטשן.

און באַלד האָט ערגעץ געקלונגען א גלעקל. אונטערן שווערן דרוק פונם „סטאַרשיס״ פינגער, און עס האָט זיך תיקף באַוויזן אין טיר אַ פייערלעשער, אַ הויכער, אין דער אוניפאָרם, ווי אַ מין „גלית הפלשתי״.

„אַן אינערלעכער אליארם״! איז געווען דעם „סטאַרשי״ס״ באַפעל.

און באַלד איז געוואָרן אַ קלינגעריי, אַ פייפעריי און אַ געלויף פון אַלע זייטן.

עוזר איז געשטאַנען אַ צעטומלטער.

ווען דער „סטאַרשי״ מיט עוזר׳ן זיינען אראָפּ אויפן הויף, זיינען שוין דאָרט געשטאַנען אויסגעשטעלט אלע פייערלעשער אין צוויי שורות און געגלאַנצט מיט די מעשענע קאַסקעס אַנטקעגן דער זון.

פּאַרטיק געוואָרן מיטן ציילן, ווי געווייגלעך, האָט דער „סטאַרשי״ ווידער אָנגעטאָן די ברילן, און גענומען לייענען דאָס פּאַפּיר אויפן קול.

אין נאָמען א. ז. וו. א. ז. וו. ווערט פּאַראָדנט, אונטערן נומער דעם און דעם, לויטן פּאַראַגראַף דעם און דעם, אַז עוזר׳ן, שמערקאָס זון, פעטשאַנקע, געבוירן אין ריביטווע, פינף און צוואַנציק יאָר אלט, פון משה׳ס גלויבן, ווערט דערלויבט צו טראָגן דעם גאָלדענעם מעדאַל, וואָס איז אים געשאַנקען געוואָרן פון מיניסטערסטווע.

ביים לעצטן זאַץ האָט עוזר, אַ צעטומלטער, אַ פריטשמעליעטער, דערזען פאַר זיך די פרוי, וועלכע ער האָט ארויסגעטראָגן, ווי אַ ברענענדיקן קנויל, און דערפילט דעם זעץ אין פלייצע, וואָס דער באַקאַנטער, מיט אַ פולן ברוסט מיט מעדאַלן, האָט אים דאמאלט געגעבן און האָט פארשריבן זיין נאָמען . . . אז דער „סטאַרשי״ האָט זיך צעקושט מיט עוזר׳ן, האָט ער דערפילט דעם

הענגענדיקן מעדאַל אויף זיין ברוסט, און פון די אָרומיקע פלויטן און דעכער האָט דריי מאָל אָפּגעהילכט: הוראַ! הוראַ! הוראַ!

2

אַז עוזר האָט אָפּגעטראָגן דעם מעדאַל עטלעכע וואָכן, איז ער געוואָרן טרויעריק, ער האָט דערפילט, אַז קיינער לייגט אויף אים קיין אַכט נישט מער, עס ווערט אַלץ ווי געווען.

ווען ער איז נעכטן געשטאַנען אין טעאַטער אויף דינסט אין דער גאַנצער אוניפאָרם, האָט מען אויף אים נאָר אַזוי פיל געקוקט, ווי אויף עפּעס אַ סאַמאָוואַר אין אַן עס־צימער, אין ווינקל אויף אַ טישל, מהיכה תיתה, גלייך ווי גאָרנישט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אים האָט עפּעס אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן, ס'האָט זיך אים אָפּגעדאַכט, אַז אויף דער ברוסט געפינען זיך שוין צוויי מעדאַלן. ער איז אָבער גלייך געקומען צו זיך, געוואָרפן נאָכאַמאָל אַ בליק אויף דער ברוסט . . . אויף אַזאַ ברייט האַרץ — נאָר איין מעדאַל! ווען אַט־די קנעפּ אויפן מונדיר וואָלטן געווען מעדאַלן, וואָלט שוין גאָר אַנדערש געווען! אַהאַ, וואָלט מען שוין געקוקט אויף אים! . . .

ער איז פון טאָג־צו־טאָג געוואָרן מער פאַרטראַכט. פאַר די אויגן האָט אים אַלץ אָפטער געשווינדלט און נישט איינמאָל האָט ער זיך פאַרביינקט נאָך אַ פייער. אַט, אַ שטייגער, ווען דאָס הויז הויבט אָן צו ברענען פון אונטן, און קיינער קען דערצו נישט צוקומען, וואָלט איך זיך דורכגעריסן דורכן פייער, און מיט מיין שטריק אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן די מענטשן פון אויבערשטן שטאָק.

נישט איינמאָל פלעגט אים דורכפליען אין מוח אַ געדאַנק: אינמיטן דער נאַכט, ווען אַלע שלאָפן — אונטערצינדן דאָס גרעסטע הויז, וואו עס וואוינען די גרעסטע באַאַמטע פון שטאָט און דערנאָך . . .

ער האָט אַ בליק געטאָן אויף זיין מעדאַל, און האָט זיך, ווי פאַר זיך אליין, פאַרשעמט.

חלילה, עוזר אַן אונטערצינדער? כאַ, כאַ! עוזר קען ראַטעווען פון אַ שרפה, אָבער אָנמאַכן אַ שרפה? חלילה!

אים האָט אָנגעהויבן צו ציען אויף אַנדערע וועגן.

האָבן זיך צעלאָזט אַ פּאָר ווילדע פערד, מיט אַן איבערגעקערטן וואָגן, אַז פּאָליציאַנטן האָבן אפילו גאָרנישט געקענט אויפטאָן, האָט ער זיי אָפּגעשטעלט, אָבער וואָס? — גאָרנישט. אפילו נישט באַדאַנקט, נישט געווען ווער. דער אייגנטימער איז ערגעץ הינטן מיט דער בייטש געבליבן . . .

איז מען נאָכגעלאָפן אַ גנב, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט — האָט ער דעם גנב דעם פּוס אונטערגעשטעלט. און אַלץ גאָרנישט . . .

און אַז מ'האָט דערציילט: אַז אין דער גרויסער שטאָט איז געווען אַן אַטענטאַט אויפן מיניסטער, האָבן זיך בא עוזרן די אויגן צעפלאַקערט. די פּויסטן האָבן זיך אים פאַרקוועטשט. אַך, ווען ער וואָלט דאָרט געווען! ער וואָלט אים שוין געפּאַקט! דער רעש וואָלט געווען גרויס, די צייטונגען וואָלטן געשריבן, געגעבן זיין פאָטאָגראַפיע, אַ העלדישער פייערלעשער מיט מעדאַלן,

— ניין, מיט איין מעדאל! האָט דעם מיניסטער דאָס לעבן געראַטעוועט.

און פון אייגענעם אָטעם צעבלאָזט זיך דאָס פייער אין האַרצן, ווי פון אַ בלאָז־זאַק. אַ פּערלדיקער שוויס קומט אים אַרויס אויפן ביינערדיקן געזיכט, און ער דערפילט אַ פייכטקייט אין די אויגן. ער דערמאַנט זיך, ווער ער איז — עוזר מיטן איינציקן מעדאַל. ער פאַרשעמט זיך פאַר דער פייכטקייט אין די אויגן. אַ ווייבערשע טבע באַקומען! . . .

עוזר שפּאַנט אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט, פאַרטאָן אין זיינע חלומות. ער פלעגט זיך צוהערן צו יעדן שאָרך. אפשר זיינען וועמען באַנדיטן באַפאַלן? אפשר, שלאָגט מען זיך אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל? . . . ער האָט דערהערט אַ וואָיען פון הינט נעבן זיך. ער האָט דערקענט די היימישע יאָטקע־הינט, וואָס וואַלגערן זיך מאַסנוויז אַרום אויף די טונקעלע, טויט־שטילע גאַסן.

עוזר האָט אין די געדאַנקען צעשמועסט זיך מיט די כלבים: „ווען איר אַ שטייגער, באַפאַלט מאָרגן, אין מיטן העלן טאָג, דעם פאַלקאָווניק און בייסט אים אָון רייסט פון אים שטיקער, אייך איז דאָך קיין נפקא־מינה, צי אַ פּאָל־קאָווניק, צי אַזוי אַ געוויינלעכער מענטש, אוי, וואָלט איך שוין געפונען אַ מיטל. איך וואָלט אַרויסגעכאַפּט פונם פאַלקאָווניקס שיידל זיין אייגענע שווערד, און וואָלט גענומען בראַקן און קאַטעווען און שינדן די פעל און האַקן די קעפּ, אַז אייער טריף, ממזר׳יש בלוט וואָלט באַשפּריצט די שטיינער אין גאַס. דער פּאַלקאָווניק וואָלט געדאַנקט . . . די מעדאַלן אויף זיין ברוסט וואָלטן גע־בליצט . . .

3

ביים טייך איז געווען אַ גערודער. פון אַלע זייטן שטאָט איז מען גע־לאָפן זען, ווער ס׳איז דערטרונקען. חברה שווימער זיינען געשפּרונגען אין וואַסער, אַ טוק זיך־אונטער אַלעמאָל אַן אַנדערער. דער עולם שטייט און וואַרט פאַרגאַפט, און יעדעס מאָל קומט אַן אַנדערער אַרויף מיט ליידיקע הענט. ווידער אָנגענומען אַזוי פיל לופט וויפיל די לונגען קענען אין זיך אַריינעמען, ווידער אַ שפּרונג אונטערן וואַסער, ווידער אַ וואַרטעניש פונם אומרואיקן עולם און ווידער אַרויפגעקומען — מיט גאָרנישט . . . מיט אַ שעה צוריק איז דערטרונקען געוואָרן אַ פּאָליציי „פּזשעדאָווניק", זיין פאַר־יתומ׳ט פּעקל זאַכן, מיט די זילבערנע אַדלערדיקע קנעפּ אויפן ראָק, איז געלעגן אויפן ברעג און געמאָנט דעם אייגנטימער.

פּאָליציי האָט איינגעלייגט וועלטן, און יעדן ניי־צוגעקומענעם שווימער האָט מען אויפגענומען מיט דערוואַרטונג און מיט פריינטלעכע בליקן, אָבער אַלע שווימער האָבן געגאַרט, קיינער איז צום גרונט נישט דערגאַנגען, ווייל די וואַסער איז געווען זייער טיף. וועמען גלוסט זיך עס צו האָבן עסקים מיט אַ טויטן פּאָליציאַנט?

ווי אַ בליץ איז אַדורך אַ בשורה, אַז עוזר גייט, ער וועט שוין אַרויס־באַקומען דעם פּאָליציאַנט פון וואַסער . . . דער טייך איז געוואָרן אָפּגע־רייניקט, אַלע האָבן געוואַרט אויף זיין באַפעל.

און באַלד האָט מען געזען שווימען אויפן טייך אַ ליכטל אַ ברענענדיקס אַריינגעשטעקט אין אַ לעבל ברויט. דאָס האָט עוזר באַפוילן צו לאָזן אַ

ברויטל מיט אן אָנגעצונדן ליכטל אויפן וואַסער און דאָרט, וואו דאָס ברויט מיטן ליכטל וועט זיך אָפּשטעלן, דאָרט ליגט דער טויטער. אַזוי ווייסט ער פון באַרימטע שווימער, וועלכע האָבן שוין נישט איינמאָל דאָס מיטל אויסגעפּרוווט.

אויפן ברעג איז מען געשטאַנען מיט שטאַרע אויגן, אויסגעצויגענע העלדזער, דאָס שווימענדיק ליכט־פלעמל האָט צוגעצויגן אַלעמענס בליקן ווי אַ ליקוי לבנה. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע פאַלן אויף די קני, אין אן אויסטערליש־נאַכטיקער גאָטעסדינסט. צום שווימענדיקן ברויטל מיט דעם וואַקלענדיקן פייערל.

דאָס ברויטל איז שטיין געבליבן. באַ עוזר׳ן איז דאָס האַרץ ווי אָפּגעריסן געוואָרן. „אָט דאָ איז ער!" האָט ער אויסגעשריען מיט אַ פאַרדומפּטן קול.

„זאָל זיך ווער אַראָפּלאָזן, אין גאָטס ווילן!" — האָט דער פאָליציי־קאָמענדאַנט אויסגעשריען. קיינער אָבער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ווי געליימטע זיינען אַלע געשטאַנען און, מיט שרעק אין די אויגן, געקוקט אויפן אָרט, וואו דאָס ליכטל האָט זיך געהוידעט אויפן וואַסער. שעמעוודיק האָבן אַפילו די בעסטע שווימער אָנגעהויבן אַרויפציען די מלבושים און זיך אייליק אויסמישן מיטן אַרומיקן עולם.

דער פאָליציי־קאָמענדאַנט האָט זיך איבערגעצלמ׳ט און מיט די שפּיץ פינגער לייכט באַרירט דעם מעדאַלן באַנד אויף דער ברוסט . . .

עוזר איז אויפגעציטערט געוואָרן, ער האָט די אויגן פאַרזשמורעט. דאָס ציטערדיקע ליכטל אויפן וואַסער האָט געפינקלט ווי קאָלירטע פאַסן. ער האָט דערזען אן איינזאַם שווימענדיקן, אָפּגעריסענעם מעדאַל, מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער געגומען אויפקנעפּלען דאָס אָנטון אויף זיך. עטלעכע פאָליציאַנטן זיינען צוגעשפּרונגען אים העלפן. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און דאָס וואַסער אויפן אָרט, וואו דאָס ליכטל האָט זיך געשטעלט, האָט אָנגעהויבן צו קאָכן, ווי עפּעס אַ געראַנגל וואָלט דאָרט, אין דער טיפעניש פונם וואַסער, פאַרגעקומען . . . און עוזר איז שוין פון דאָרט נישט אַרויסגעקומען . . .

אַ באַמערקונג: — די דאָזיקע דערציילונג „פון פייער אין וואַסער" איז אַ בילד פונם יידישן לעבן אינם אַמאָליקן פּוילן, געשריבן אין 1924, ווען די האָפענונג פון דער יידישער אינטעליגענץ צו קריגן אַמטן אין די רעגירונגס אַנשטאַלטן, האָט געבליט, בפרט, אַז אין אונדזער שטאָט־ראָט (מאַגיסטראַט) איז געוואָרן אַ ייד וויצע־פּרעזידענט און צוויי יידן לאַווניקעס, און אַ ייד אַ ראַטמאַן. איז מען שוין געווען ווי זיכער, אַז מיר האָבן גלייכבארעכטיקונג, אָבער ס׳האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, און ווייט נישט דערגאַנגען, און דער איינציקער רעגירונגס אַנשטאַלט, וואו יידן האָבן פאַרנומען בכבוד, איז געווען די פאַזשאַרנע קאָמאַנדע, אגב, זאָל דאָ באַשטעטיקט ווערן, אַז דאָס 3־טע בילד, מיטן טייך איז אן אמת׳ע פּאַסירונג, ווייל צווישן די גוטע שווימער, האָט זיך אויך געפונען דער שרייבער פון דער דערציילונג. — **מ. וו.**

משה ווײנשטײן

לאָס אַנדזשעלעס

אַז ווינטן האָבן געשמיסן מיט בייטשן דעם פרימאָרגן
און פראָסט האָט געקרעכצט, ווי אונטער בוים אַ זעג —
האָט טאָג זיך געשלײערט, געפוצט זיך אין ווייסן,
און איך, מיט מיין פעקל, האָב געלאָזט זיך אין וועג.

האָט הימל זיך צעמאָלן אין קאָלירנדיקע פאַרבן,
אַ חתונה האָט זיך צעוואָקסן אויפן פעלד און אין וואַלד:
שטייען בערג — כלי־זמרים מיט פויקן און טאַצן —
טאַנצן הייזער און בוימער אין לויפנדיקן קאַראַהאָד.

אַ צעשיינטע אין טאָל שטייט אַ כלה פול חן,
באַהאַנגען מיט צירונג: גערטנער, מאַראַנצן און בלומען;
שמעלצט זיך פון נחת און קוועלט די מחותנת׳טע־זון . . .
און משה דער גרינער איז קיין לאָס אַנדזשעלעס געקומען.

אויף שלאַכט־פעלדער דאַן האָט געפלאַקערט אַ בראַנד,
געצאַפּלט האָט וועלט זיך אין פיבער, פון ווייען;
מיין היימלאַנד איז ליב מיר, און כ׳ליג־צו אַ האַנט
צום שיפן־געבוי און צום אוסשמיד פון הייסע כלי־זין.

נאָך יאָרן פון פיין איז געשען דאָך דער וואונדער:
מיר האָבן די לידער פון זיג־פרייד דערהערט!
עס האַלט נאָך אין טריפן דאָס בלוט פון די וואונדן —
אַזויפיל האָט נאַצישער מעסער פאַרצערט . . .

און טיף אין מיין האַרץ כ׳האָב אַ שבועה געגעבן,
און כ׳האָב זי אויף אייביק פאַר דורות פאַרשלאָסן:
קיין איינציקן מאָרד אויף קיין רגע פאַרגעסן,
און קיינמאָל זאָל פאָלק מיינס ניט זיין מער קיין יתום.

אַך, וואָלט מען געקאָנט איצט אַן אָטעם־טאָן טיף!
צעשויבערט זיינען פאַלמען־קעפּ איבער די סקווערן,
פאַרנאַכט פאַרקייקלט זיך זון אויפן ים, ווי אַ פלאַמיקע שיף,
ס׳רויכערט באַרג אַ זילבערנע ליולקע, שפרינקלען פונקען־שטערן.

נאָר שלאַנגען־געשיפּ ווידער סמ׳ט אונזער לופט,
און ס׳הויבן די קעפּ־אויף די שלום־פאַרניכטער;
זיי ווילן מיט קייטן־געקלאַנגען פאַרשטומען דעם רוף
פון יענע, וואָס צינדן אין חושך די ליכטער.

אָ, פילקאָליריקער קראַנץ פון הונדערט יאָר יידישער מי!
דו האָסט זעטיק באַפרוכפּערט די היגע געבויען, ווערקשטאַטן —
אויך פון דיינע צושטייערס גייט־אויף איצט אין בלי
אונזער שטאָט — אַ שנור פערל אויפן האַלז פון די שטאַטן . . .

דאָרא ביירעק

מיין שכן

אין ענגער שטאָט, אין דומפּן שאַפּ,
אין רויש פון די מאַשינען,
האָט ער אויסגעשטעפּט א חלום,
פון גערטנער וואָס גרינען.

פון פויגל נעסט, פון פריי געזאַנג,
פון בייטן בלומען רויטע;
פון טעג מיט זון באַגילטע,
אויף פרייע וועגן ברייטע.

זיינע פרייע אָפּרו־טעג
טיילט ער מיט זיין גאָרטן.
ער גראָבט און שניידט, יעט און זייט,
פלאַנצן אַלע סאָרטן.

זיין הויף, ווי גרינער סאַמעט,
אין זון־ליכט תמיד פינקלט;
אין לויטערע פאַרטאָגן
איז ער מיט טוי־פּערל באַשפּרינקלט.

געניטע זיינען די פאַרברוינטע הענט,
מיט שער און שנייד־מאַשינען,
די ביימלעך רונד אַרומגעשאָרן,
א יאָר אַ קיילעכדיקן גרינען.

די בייטן פול צעבלומטע פרייד —
ווי קינדערישער געלעכטער;
די בלימעלעך — קאָלירטע זייד
באַדאַנקען זייער וועכטער.

זיין ליבשאַפט וואַקסט מיט יעדער פלאַנץ,
פון בוים און בלום צופרידן.
די פאַרבייגייער, פאַרחידושט:
„מען זעט עס ניט ביי יידן".

קלינגט אַפּ מיין שכנס קרעפטיק קול,
היימיש איז זיין יידיש:
„דער ייד קאָן פלאַנצן וויינגערטנער —
און ניט בלויז מאַכן קידוש."

דער נייער דור

(צו דער קינדער־שול פייערונג אין לאָס אנדזשעלעס)

אַ צעבלומטער גאָרטן איז די בינע,
קינדערלעך — צעשטראַלטע פרייד:
די מאַמעס שלינגען יעדע מינע,
וואָס איז מיט זון אַרומגעשפּרייט.

צוזאַמען פרייען זיך דריי דורות:
דער אינגסטער איז אַ בינע־העלד;
ווי די בליענדיקע פּירות
דערפרישן זיי די אַלטע וועלט.

יונגע פּנימלעך צעהעלטע,
ס׳קלינגען ליכטיקע געזאַנגען;
צו אַ שלום׳דיקער וועלט
איז די זון דאָ אויפגעגאַנגען.

מיין צושטייער

פון געאיילטן שווערן טאָג
אַהיים בין איך געקומען;
כ׳האָב אָפּגעשיילט פון זיך דעם רעש
און באַלד די שטילקייט דאָ פאַרנומען.

רואיק שטייט מיין טיש, מיין בעט;
פאַרעלנט — מיינע שטולן;
די שטילקייט, ווי אַ מעסער, שניידט
די בענקענדיקע ווענט און דילן.

צעעפן איך די טירן ברייט
און רוף צו שוועסטער:
פאַר גליק פון קומענדיקע טעג
לאָמיר אָפּגעבן דאָס בעסטע.

טוט מיין אומרו מיך אַ טראָג —
ווי אויף פליגל, שוועב איך פרייער;
און מיין שטוב, מיט שוועסטער פול,
איז פאַרן מאָרגן מיין צושטייער.

יעקב לאַנין

לאָס-אַנגעלעס

(פאַר און נאָכ׳ן זון־אויפגאַנג)

טיף פאַרהילט אין נעפל,
ווי אין אַ סוד פאַרבאָרגן —
חלומט שטאָט לאָס-אַנגעלעס
פון אַ זוניקן פרימאָרגן.

נאָס דאָס גראָז, די גאַסן;
ס׳טריפט פון בוימער, דעכער.
אַ פריקרע קעלט אַ בייסיקע,
שפּאַרט פון אַלע לעכער.

איינגעגנורעטע אין נעסטן,
אין געפלעכט פון צווייגן —
זיינען פייגעלעך פאַרטיפט
אין טרויעריקן שווייגן.

צאַרטע בלומען אין די בייטן,
פאַרזיגלט זייער צויבער-דופט;
און אַ דריקנדיקער אומעט
פילט זיך אין דער לופט.

נאָר אָט, די זון באַווייזט זיך
מיט בונטן מילדע שטראַלן,
און ס׳ברויזט מלאכים-שטאָט אויף
מיט פרישע לעבנס-קוואַלן.

בלומען-דופט, געלעכטער,
שטראָמט פון יעדן ווינקל,
אַזוי ווי אין טאַנץ באַהאַפטן
אין גאָלדענעם זונען-פינקל.

די נאַסע קעלט, דער נעפּל־שטויב
צו די בערג פאַרשוואומען.
שטראָמען פרייד און לעבנס־לוסט
מיט דער זונ׳ס ליכטיקן קומען.

אַ זומער־טאָג ביים ים

ים־פויגלען, ווייס און גרוי,
שטייגן צום לאזורן־בלוי.
און מיט ווילד געשריי, פאַרשייט,
ווערן נעלם אין דער ווייט.

אין אַ רגע אָדער צוויי
ווידער פלאַטערן שוין זיי.
און באַלד, דער גאַנצער מעוועך־שטאַם
זעגלט אויף דעם פלאַך פון ים.

דאָרט, ניט ווייט פון פישער־בריק,
צוגעקניפּט אויף דיקע שטריק,
וויגט אַ שיף זיך הין־און־הער,
ווי אין האַרצן אַ באַגער.

אויפן זאַמד־פלאַך גאָלדיק־העלן
נעבן שפּילעוודיקע וועלן,
בונטע זון־שירעם געצעלטן,
נעסטלען אין זיך מענטשן־וועלטן.

פיל־קאָלירנדיק צעזייט,
מענטשן־וועזנס, קינד און קייט,
טרינקען ביי דעם רויש פון ים
פולע הויפנס זונען־שיין.

⚜ ⚜ ⚜

אהרן גאָרעליק

סערקע שייגעץ

הערי פלאָטקין איז געווען אן אַרבעטער ביי פוטערוואַרג. ער איז געווען אַ פּראָגרעסיווער מענטש און זייער טעטיק אין דער יוניאָן. זיין פרוי, לאה, איז געווען טעטיק אין דער פּראָגרעסיווער שול־באַוועגונג.

די פלאָטקינס האָבן פאַרמאָגט צוויי געראָטענע טעכטער, קלאַרא און סערקע. די עלטערע, קלאַרא, איז געווען געראָטן אין די עלטערן. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט די אַקטיוויטעטן פון אירע טאַטע און מאַמע; האָט זיך גוט געלערנט אין סקול און אין דער יידישער שול. די קלענערע, סערקע, איז שוין געווען גאַר אַן אַנדערע. איר האָט געצויגן מער צו שפּילערייען — טעניס, טאַנצן, שווימען, און נאָך אַזעלכע זאַכן. זי איז אויך געווען אַ שטי־פערקע, און דערפאַר האָבן די עלטערן און די ארומיקע פריינט און באַקאַנטע זי גערופן: „סערקע שייגעץ".

נאָך אַ שווערן סעזאָן אַרבעט, ווען יעדער אַרבעטער וויל געוויינטלעך אַריינכאַפּן וואָס מער אַרבעט, כדי אָפּצומאַכן פאַרן לאַנגן פאַרגאַנגענעם, און דעם פאַרשטייענדיקן „סלעק", האָט הערי פלאָטקין געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע, פון וועלכער ער איז קירצלעך געשטאָרבן. די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן, אויס מיטלייד צו דער פאַמיליע, אריינגענומען לאהן אין שאַפּ זי אויסצולערנען די אַרבעט. זי האָט דאָך געדאַרפט ווערן די שפּייזערין און דערציערין פון אירע צוויי קינדער . . . לאה האָט שווער געאַרבעט אין שאַפּ און אין הויז. דערצו האָט זי נאָך געוואָלט, מיט איר טעטיקייט אין דער יוניאָן, אויספילן דעם בלויז, וואָס איר הערי האָט איבערגעלאָזן.

דער אומגליק איז פאַרפולט געוואָרן, ווען בעת אַ סטרייק אינם שאַפּ, האָט זיך לאה שטאַרק פאַרקילט אויף דער פּיקעט ליין און, זייענדיק אָפּגע־שוואַכט, האָט זי די קראַנקהייט ניט איבערגעטראָגן, און די צוויי מיידלעך זיינען געוואָרן קיילעכדיקע יתומות.

די עלטערע, קלאַרא, איז איצט געוואָרן סערקע'ס מאַמע. איר האַרץ האָט געציטערט פאַר איר קלענערער שוועסטער, ווייסנדיק, אַז זי איז שטי־פעריש און אַביסל לייכטזיניק. קלאַרא איז געווען אַנטשלאָסן, אַז איר שוועס־טער, סערקע, זאָל אָנהאַלטן גיין אין סקול, ביז זי וועט ענדיקן קאַלעדזש. מיט אַ קאַלעדזש־בילדונג, האָט קלאַרא געטראַכט, וועט זי ווערן מיושבדיקער און סאָלידער.

סערקע האָט אָבער אַנדערש באַשלאָסן. זי האָט ניט געוואָלט פאַלן דער שוועסטער צו לאַסט, און באַשטימט ביי זיך צו ווערן זעלבסטשטענדיק. זי איז אַרויס זוכן אַרבעט, און האָט טאַקע באַלד געקראָגן אַ דזשאַב אין אַ טוך־געשעפט ביי דער פירמע „אלפרעד זאַנענשיין ענד קאָמפּאַני".

מיט איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט, האָט סערקע באַלד געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען אין דער פירמע. אַפילו הער

אַלפרעד זאַנענשיין אַליין, דער באַלעבאָס, האָט אויך זיך אָנגעהויבן צו „אינ־טערעסירן" מיט דער שיינער אָפּיס־מיידל זיינער. פאַרשטייט זיך, אַז דער זון פונם באַלעבאָס, דער יונגער אַלבערט זאַנענשיין, האָט זיך באַלד פאַרליבט אין דער שיינער סערקען, ווי מען זאָגט, איבער די אויערן.

די אַלטע מאַדאַם זאַנענשיין, די באַלעבאָסטע, האָט געהאַט אַ געוואוינהייט אַריינצוקומען, פון צייט צו צייט, אין געשעפט צו זען ווי אַזוי איר מאַן פירט דאָס געשעפט, און אויך אין איין וועג „האַלטן אַן אויג", ווי אַזוי ער פירט זיך אויף מיט די מיידלעך אין אָפּיס.

ווען זי האָט איינמאָל, אויף אירן אַ באַזוך, באַמערקט ווי אַזוי דער הער זאַנענשיין „וואַרפט אויגן" אויף דער שיינער סערקען, האָט זי אָנגעהויבן צו וועבן פּלענער, ווי אַזוי אָוועקצונעמען איר „אַלטן" פון דער שיינער מיידל, מיס פלאַטקין.

ס'איז געווען אין צייט פון דער מלחמה אין קאָריע און טאַטע מאַמע, הער און מאַדאַם זאַנענשיין, האָבן מורא געהאַט מ'זאָל זייער אַלבערט'ן ניט רופן אין דער אַרמיי, און אים אָוועקשיקן צום פראָנט. אַ „גליקלעכער" גע־דאַנק האָט אויפגעבליצט ביי דער מאַדאַם זאַנענשיין אין מוח: זי האָט באַ־מערקט, אַז איר זון, אלבערט, איז אויך שטארק פארליבט אין דער מיס פלאַט־קין, און זי האָט פארטראכט צו פארשדכ'ענען איר זון מיט דער מיס פלאט־קין . . .

ווען זי האָט איר פּלאַן פאַרגעבראַכט פאַר דעם הער זאַנענשיין, איז ער פאַרציטערט געוואָרן: „אונדזער יורש, פון דער געהויבענער פאַמיליע זאַנענשיין, חתונה מאַכן מיט אַן אָרעם מיידל פון די „אָסט יודן?" . . . די מאַדאַם זאַנענשיין האָט שוין אָבער דעם ענין געהאַט געניו באַטראַכט און בארואיקט אים מיט אַ פּלאַן: „ווען די מלחמה וועט זיין פאַראיבער, האָבן מיר גענוג מיטלען צו באַלוינען דאָס מיידל און מאַכן צונישט די הייראַט."

דעם יונגן אַלבערט'ן איז דער ערשטער טייל פון פּלאַן געפעלן געוואָרן, נאָר פון דעם „געניאַלן" געדאַנק פון זיין מאַמען איז ער גאָר ניט געווען צופרידן. דאָס יונגע פּאָרל — סערקע און דער יונגער באַלעבאָס, — האָבן זיך איצטער געטראָפן אָפטער. אַלבערט האָט לעצטנס אָנגעהויבן קומען כמעט טעגלעך אין אָפּיס, צוליב צוויי אורזאַכן: ערשטנס, טאַקע צוליב סערקען; צווייטנס, אויך צוליב דעם, וואָס ס'האָט געזאָלט מיינען, אַז דער אַלטער הער זאַנענשיין איז קראַנק, און דער זון מוז פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין אָנפירן מיטן געשעפט. דאָס האָט געזאָלט זיין א סגולה קעגן דעם זונ'ס גיין אין דער אַרמיי.

דאָס יונג פּאָרל האָט זיך איינער אין אַנדערן אַלץ מער פאַראינטערעסירט, און סערקע האָט דערפילט, אַז אויך זי איז ניט גלייכגילטיק צו אַלבערט'ן. ער איז געווען שיין, יונג, עלעגאַנט און האָט אויך געהאַט בילדונג. אָבער געהאַלטן האָבן זיי זיך רעזערווירט. די באַציאונגען זיינען געווען צוריק־געהאַלטענע פון ביידע צדדים. ביידע האָבן זיי ווי געשראָקן זיך פאַר דער סאָציאַלער דיסטאַנץ צווישן זיי. סערקע, אַן אָרעם מיידל פון פראָגרעסיווע עלטערן און אַ שוועסטער פון אַ סקול לערערין, וועמען מ'האָט אָפּגעזאָגט אַלס אַ „סובווערסיווע", און דערצו האָט איר שוועסטער'ס פריינט, שקלאַר,

פאַרלוירן זיין שטעלע אַלס שרייבער אין „האַליוואוד" דערפאַר, וואָס ער האָט, אויף אַן „אויספאָרשונג" פאַר דער „אַנאַמעריקען קאָמיטע" באַנוצט זיך מיטן „פינפטן אַמענדמענט", — ווי האָט זי געקענט טראַכטן פון דערנעענטערן זיך צו אַן אַלבערט זאַנענשיין, אַ זון פון רייכע, קאָנסערוואַטיווע עלטערן, „טעמפל־יאהודים" . . .

איינמאָל, אין אַ קאַלטן, רעגנדיקן פאַרנאַכט, נאָך דער ארבעט, האָט אַלבערט זאַנענשיין פאָרגעשלאָגן סערקען זי זאָל גיין מיט אים אין אַ רעס־טאָראַן עסן, מחמת ער וויל מיט איר עפּעס ריידן. סערקע איז געווען זייער צופרידן פונם פאָרשלאָג, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין אַ רעסטאָ־ראַן, מחמת איר שוועסטער וואָרט אויף איר מיט אָוונט־ברויט. זי האָט אים פאָרגעשלאָגן גיין מיט איר צו זיי אין הויז. אַלבערט האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. ער האָט דערביי געהאַט אין זין, אַז ער וועט זיך טאָקע דערוויל באַקענען נעענטער מיט איר שוועסטער.

אין דער אָרעמער, באַשיידענער וואוינונג, האָט אַלבערט באַוואונדערט די ריינקייט און ציכטיקייט אין די צימערלעך. ביידע צדדים — קלאַראַ און סערקע פון איין זייט, און אַלבערט פון דער צווייטער זייט — האָבן זיך אָנ־געשטערענגט, אַז די באַציאונג זאָל זיין אַ היימישע, דאָך האָט זיך געפילט אַן אָנגעצויגנקייט . . .

בעת קלאַראַ און סערקע זיינען געווען פאַרנומען צוצוגרייטן דאָס עסן, איז אָנגעקומען קלאַראַ׳ס פריינט, שקלאַר. ווען אַלבערט זאַנענשיין האָט דער־הערט דעם נאָמען שקלאַר, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער אין די צייטונגען געלייענט וועגן איינעם מיט אַזאַ נאָמען, וואָס האָט זיך געשטיצט אויפן „פינפטן אַמענדמענט", און האָט זיך אָפּגע־זאָגט ענטפערן פראַגן ביי אַן אונטערזוכונג פון דער „אַנאַמעריקען קאָמיטע".

דער גאַנצער סאָציאַלער אָפּגרונט צווישן אים און דער פלאָטקין משפחה איז אויפגעשוואומען אין געדאַנק פון אַלבערט זאַנענשיין. אין זיין מוח זיינען אַדורך זיינע קינדער יאָרן; די געזעלשאַפט אין וועלכער ער פאַרקערט איצט; די שנאה צו די „רויטע" צווישן זיינע נאָענטע און באַקאַנטע. ער האָט זיך דערמאָנט אין די מעשות, וואָס זיינע נאָענטע, די אַנטלאָפענע פון היטלערן, האָבן דערציילט, אַז כל זמן זיי האָבן געדיינקט, אַז היטלער פאַרנעמט זיך אויסצוראָטן די „רויטע רוסלאַנד" האָבן זיי אים געשטיצט, אפילו ווען אַלע יידן דאָרטן זאָלן אומקומען, ווארום די זיינען דאָך „שמוציקע אָסט יודן" . . .

אָט־די אַלע געדאַנקען זיינען אַלבערט׳ן דורכגעלאָפן אין מוח. ער האָט דאָך פאַרצויגן אַ שמועס מיט שקלאַר׳ן וועגן יידישע פראַגן — וועגן מדינת ישראל, וועגן אַנטיסעמיטיזם און אויך וועגן דער פראַגע פון שלום. די דיסקוסיע האָט זיך פאַרצויגן און די צוויי שוועסטער — קלארא און סערקע — האָבן אויך אַנטייל גענומען. זיי האָבן אַלע אַרויסגעזאָגט מיינונגען און גע־דאַנקען, פון וועלכע דער יונגער יידישער אַריסטאָקראַט, אַלבערט זאַנענשיין, האָט גאָר קיין אָנונג ניט געהאַט. ער האָט דערזען זיין געליבטע, פון וועלכער ער האָט געטראַכט, אַז זי איז אַ געוויינטלעכע אָפיס־מיידל, וועלכע אינטע־רעסירט זיך ניט מיט וועלט פראָבלעמען און דאָס לעבן גייט איר ניט אָן, אין גאָר אַן אַנדער ליכט . . .

נייע געדאַנקען האָבן אים יענעם אָוונט, ביי די פּלאָטקין שוועסטער אין הויז, אַנגעהויבן קומען אין קאָפּ אַריין. די סאָלידע רואיקייט און זעלבסט־צופרידנקייט, וואָס זיינען אַזוי אייגנטלעך דעם רייכן קלאַס, האָבן אים ווי פאַרלאָזט . . . פאַרנדיק אַהיים פון זיין באַזוך ביי די פּלאָטקין שוועסטער, האָט דער אַריסטאָקראַטישער אַלבערט זאַנגענשיין געטראַכט, און בשום אופן ניט געקענט באַשטימען, ווער ס'איז רייכער, — ער מיט זיינע מיליאָנען, צי שקלאַר און די פּלאָטקין שוועסטער, מיט זייערע געדאַנקען, און מיט זייער פאַרשטענדעניש פון דער וועלט און דעם לעבן.

⚜ ⚜ ⚜

ג. קרופּין

ווענן „העברעאיזמען" אין דער אידישער שפּראַך

(אַריינפיר צום האַנט־בוך „העברעאיזמען אין אידישן לשון".)

קיין שפּראַך קאָן ניט באַצייכנט ווערן ווי עלעמענטיש אָדער אָריגינעל. ניטאָ קיין נאַציאָנאַל לשון, וואָס האָט ניט איינגעזאַפּט אין זיך קיין השפּעות און פאַראייגנט ווערטער, פון אַנדערע לשונות. מענטשן, פעלקער און קול־טורן, האָבן זיך שטענדיק געקרייצט און קעגנזייטיק באַווירקט און באַאיינ־פלוסט. צוליב געאָגראַפישע און היסטאָרישע סיבות, האָט זיך די אידישע שפּראַך אויסגעקנאָטן פון צוויי שפּראַכן — מיטלאַלטערלעכן דייטש און העברעאיש. ווען עס זיינען אפילו שפּעטער צוגעקומען „סלאַוויזמען", „פּוי־לאַניזמען" און „אַנגלאַציזמען" אין דער אידישער שפּראַך, זיינען זיי אויך געוואָרן פאַראייגנט, געוואָרן בוי־עלעמענטן פון אירע גראַמאַטישע פונ־דאַמענטן און אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אידישער שפּראַך. דער קאָנ־טעקסטער, אָרגאַנישער טייל פון אידישן לשון — זיינען די „העברעאיזמען".

ווען איר באַקאַנט זיך מיט דער גרויסער צאָל העברעאישע ווערטער, ווערט איר פּשוט איבערראַשט. דעם אידיש־ריידנדיקן עולם וועט אפשר גאָר ניט איינפאַלן, אַז מיר פאַרמאָגן אַזאַ רייכן אוצר „העברעאיזמען" אין אונדזער לשון. ווען מיר רעדן וועגן באַנוצן „העברעאיזמען", מיינען מיר ניט דווקא די ווערטער מיטן העברעאישן אויסלייג. דאָס העברעאיש וואָרט בלייבט העברעאיש, אפילו ווען איר לייגט דאָס אויס אויף אידיש (פאָנעטיש).

דער געביט „העברעאיזמען אין אידישן לשון" — האָט שוין פון לאַנג אינטערעסירט און פאַראינטריגירט דעם שרייבער. אונדזער אידישע לי־טעראַטור איז פול מיט העברעאיזמען און העברעאישע אידיאָמען. ניט נאָר האָבן אונדזערע קלאַסיקער זיך באַנוצט מיט העברעאיזמען, נאָר מיר גע־פינען אַ שלל העברעאישע ווערטער ביי די היינטיקע שרייבער, וואָס היטן אָפּ די ירושה פון די קלאַסיקער און גייען אין זייערע פוס־טריט. די העב־

רעאיזמען, וואָס זיינען אַ טייל פון אונדזער אידיש־לשון, גיבן צו דער אידישער שפּראַך איר אייגנאַרטיקן חן און דריקן אויס דעם פאָלקס שטייגער־לשון און לעבן. זאָל דאָ אָבער געזאָגט ווערן, אַז די כוונה פונם מחבר איז בשום אופן ניט צו גלאָריפיצירן די העברעאישע שפּראַך און אויך ניט צו באַלאָדן אידיש מיט אומנויטיקע העברעאישע ווערטער. ער האָט בלויז בדעה צו דערקלערן פאַרן אידישן לייענער, וואָס קאָן ווייניקער, אָדער גאָרניט, קיין העברעאיש, דעם טייטש און, במילא, דעם מיין און באַגריף פון העברעאישן וואָרט, וואָס איז אָרגאניש אריינגעוועבט אין אידישן לשון. ווייל אָן די „העברעאיזמען", וואָלט אונדזער שפּראַך געבליבן נאַקעט, זי וואָלט פאַרלאָרן דעם רייץ, איר אייגנאַרטיקייט, און דעם ספּעציפיש־אידישן אויסדרוק.

עס איז אַ פאַקט, אַז דאָס העברעאיש וואָרט ווערט פון מענטשן, וואָס קאָנען ניט קיין העברעאיש, אַרויסגעזאָגט קאַפּידרעך. דאָס האָט דערוועקט דעם דראַנג ביים מחבר, צונויפצונעמען אָט די אַלע העברעאיזמען מיט אַ סדר, לויטן אַלף־בית, זיי אויסלייגן אויף העברעאיש און אידיש (פאָנעטיש) און פאַרטייטשן. בלויז אָט־די אויפגאַבע האָט זיך דער שרייבער געשטעלט, ביים צוזאַמענשטעלן דעם האַנט־בוך. עס טוט זיך אָבער ניט ווי עס רעדט זיך. דער ענין איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער. די פראַגע איז געווען — וואו נעמט מען אָט די אַלע „העברעאיזמען"? פון וועלכע קוואַלן שעפּט מען? איר קאָנט דאָך ניט צונויפנעמען אָט די אַלע ווערטער פון קאָפּ, אפילו ווען איר באַזיצט גוט די העברעאישע שפּראַך. איר קאָנט אויך ניט גיין קאָפּירן פון אַ ווערטער־בוך, ווייל וואָס וועט איר דאָ מחדש זיין? דעריבער האָט מען געמוזט אָנווענדן פאַרשיידענע מיטלען. איינער פון די מיטלען איז געווען דורכצושטודירן אונדזערע קלאַסיקער. מ'האָט זיך טיילווייז אויך געמוזט באַנוצן מיט די שוין געשאַפענע ווערטער־ביכער און אויסקלייבן נאָר אַזעלכע ווערטער, וואָס דער מחבר האָט געפונען פאַר נויטיק זיי אַריינצונעמען. אין פּראָצעס פון דער אַרבעט, האָט ער אויך אָנגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל „העברעאיזמען", וואָס ער האָט געפונען אין דער אידישער פּרעסע און אין די צייט־שריפטן. דאָס איבעריקע איז געקומען פון זכרון.

דאָס צונויפזאַמלען און אויססאָרטירן די „העברעאיזמען" איז אַ לאַנגער פּראָצעס. מען האָט געדאַרפט וועגן און מעסטן, וועלכע ווערטער אַריינצונעמען און וועלכע ניט. צו דעם, האָט מען אויך געדאַרפט געפינען דעם ריכטיקן טייטש און דעם פאַסיקן פאָלקס־אויסדרוק, פון דעם באַטרעפנדן וואָרט. אַ חוץ די איינצלנע העברעאישע ווערטער, האָבן מיר אויך צונויפגעשטעלטע „העברעאיזמען", העברעאישע אידיאָמען, „פּרעפיקסן" און „סופיקסן". דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט אויספאָרשן, פאַרטייטשן, און ברענגען מיט אַ סדר.

צו פאַרטייטשן די „העברעאיזמען", איז ניט געווען קיין גרינגע מלאכה. מען האָט געדאַרפט געפינען די פאַסיקע פאַרטייטשונג פון דעם וואָרט און אין דער זעלבער צייט, אויך איבערגעבן דעם ריכטיקן באַגריף, וואָס דאָס פאָלק מיינט און פאַרשטייט מיט דעם וואָרט.

דער זיידע, מענדעלע מוכר ספרים, און איבערהויפּט שלום עליכם,

באַנוצן ניט די „העברעאיזמען" און די העברעאישע אידיאָמען, ווערטער־לעך. זיי פאַרטייטשן זיי, לויטן באַגריף, ווי דאָס פאָלק פאַרשטייט דאָס. למשל: ווען מענדעלע זאָגט — „הקליאַטשע הזו הלך למיתה", זאָגט ער ניט, אַז די קליאַטשע האָט אָוועקגעפגר׳ט, נאָר זאָגט: „די קליאַטשע האָט אַ מיתה־משונה איינגענומען". אָדער נעמט, צום ביישפּיל, דעם פּסוק: „כמה מעלות טובות למקום" — פאַרטייטשט ניט מענדעלע, אַז דער רבונו של עולם פאַרמאָגט אַ סך מעלות, נאָר ער פאַרטייטשט: „וויפיל דאַנק בין איך דעם רבונו של עולם שולדיק".

אַז טביה דער מילכיקער גיט אַ זאָג — „והילד איננו" — זאָגט ער ניט, אַז דאָס קינד איז פאַרשוואונדן, ניט געוואָרן. שלום עליכם זאָגט — דער בחור האָט זיך אָפּגעטראָגן, נעלם געוואָרן. נעמט, למשל, דעם פּסוק — „לא יחרוץ כלב לשונו" — אַ הונט האָט ניט געבולן, ניט געהאַווקעט. טביה פאַרטייטשט דאָס — „קיינער האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן, ס׳איז געווען שאַ־שטיל". אַזוי ווערט איר געפינען צענדליקער אַזעלכע אויסטייטשונגען, וואָס דריקן אויס דעם פאָלקס־באַגריף, רופן אַרויס הומאָר, און פאַרשאַפן דעם לייענער פאַרגעניגן.

דער מחבר פון אַט־דעם האַנט־בוך האָט, קודם כל, געגעבן צו די „העברעאיזמען" אַ ווערטערלעכע פאַרטייטשונג און ער האָט אויך צוגע־געבן די אַנדערע באַגריפן. אַזוי האָט ער אויך געטאָן מיט די ציטאַטן פון תלמוד און פון תנ״ך. די ווערטער, אָדער די פּסוקים, ווערן אַפריער פאַר־טייטשט און נאָכדעם צוגעגעבן דעם באַגריף, וואָס די תנאים און אונדזערע חכמים האָבן געמיינט, מיט אַט־דעם אויסדרוק.

עס איז אויך ניט לייכט אָנגעקומען אויסצוליינן דעם העברעאישן וואָרט אויף פאָנעטיש. ניט אַלע ווערטער האָט מען געקאָנט אויסלייגן פּינקטלעך אויפן פאָלקס־לשון, ווייל ביי אונדז רעדט דאָס פאָלק אויף פאַר־שיידענע דיאַלעקטן. דער מחבר האָט דעריבער באַשטימט, צו באַנוצן זיך אין דער פאָנעטיק, מיט דעם ליטווישן דיאַלעקט.

גאָר די שווערסטע מלאכה איז באַשטאַנען, אין צונויפזאַמלען די ציטאַטן און ליטעראַטור־מוסטערן פון אונדזערע קלאַסיקער, פּראָזאַאיקער און דיכטער, און צייגן מיט ביישפּילן, ווי אַזוי זיי האָבן באַנוצט די „העברע־איזמען", אין זייערע ווערק. כדי דאָס צו טאָן, האָט מען געמוזט אויפמערק־זאַם דורכלייענען אַלע ביכער פון די שרייבער, פון וואַנען די ציטאַטן זיי־נען אַרויסגענומען געוואָרן. מ׳האָט געמוזט זיין זייער פּאַרזיכטיק און אָפּ־געהיט, עס זאָל ניט זיין קיין איבער׳חזר׳ונג און אַז די ציטאַטן גופא זאָלן האָבן אַ זינען און אַ מוסר־השכל. אַזוי אַרום, ווערט אינם דריטן טייל פון האַנט־בוך געבראַכט אַ שלל צונויפגעקליבענע חכמה׳לעך, משלים, אַנעקדאָטן, פאַבלען, אַפאָריזמען, גלייכווערטלעך און טיפּזיניקע געדאַנקען, אין וועלכע עס זיינען איינגעוועבט די העברעאיזמען, וואָס וועט דעם לייענער געבן אַ באַגריף ווי אַזוי צו באַנוצן דעם העברעאישן וואָרט אין זיין שרייבן, און אין דער זעלבער צייט, איז דאָס אינטערעסאַנטער לייען־מאַטעריאַל. עס דאַרף דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז די כוונה איז ניט געווען צו שאַפן אַ ניי איי־דיש־העברעאישן ווערטער־בוך, נאָר בפירוש — אַ האַנט־בוך. ווערטער־ביכער זיינען דאָ פאַרשיידענע, גרעסערע און קלענערע. דאָס נייע, די

אַנדערשקייט פון אַט־דעם „האַנט־בוך״ באַשטייט אין דעם, וואָס דער מחבר האָט אויף אַ קאָנדענסירטן אופן געבראַכט די „העברעאיזמען״ (אויף העב־רעאיש און פאָנעטיש) און זיי פּאַרטייטשט, געבראַכט די „פּרעפיקסן״ און „סופיקסן״, אַלץ מיט אַ סדר, לויטן אַלף־בית, און אויך געבראַכט ציטאַטן און ליטעראַטור־מוסטערן, ווי אַזוי צו באַנוצן די „העברעאיזמען״.

מיר דרוקן אַט־דעם אַרטיקל פון נ. קרופין, וועלכער ווערט געדרוקט ווערן אַלס אַ הקדמה צו זיין בוך „העברעאיזמען אין אידישן לשון״, וואָס וועט באַלד דערשיינען, צוליב זיין אינטערעסאַנטן, אינפאָרמאַטיוון אינהאַלט.
—רעדאַקציע.

רפאל פאָזנער

די רומפּולע שטאָט לאָדזש

(דערינערונגען)

לאָדזש פאַרנעמט אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט אין דער יידישער ליטע־ראַטור. לאָדזש איז געווען אַ יונגע שטאָט, וועלכע איז אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה, וואָס אַלע האָבן זיך מיט איר געגרויסט: „איך בין אַ לאָדזשער!״

דאָס גאַנצע חסידישע, רעוואָלוציאָנערע, אינטעלעקטועלע און ראָמאַנ־טישע לעבן איז געקומען פון דער יוגנט, וועלכע האָט זיך געצויגן פון די קליינע, נאָענטע און ווייטע שטעטלעך.

אין אָנהויב איז אָט די יוגנט געווען ווי אַ פאַרלוירענע אין דער גרוי־סער שטאָט, וואָס האָט פאַרמאָגט הויכע פאַבריק־קוימענס, טראַמווייען, און דעם גערויש פון פערדישע פאָדקאָוועס, וועלכע האָבן אַ גאַנצן טאָג אָפּ־געהילכט איבער די ברוקירטע, שטיינערנע גאַסן. דאָרט אין שטעטל האָבן זיי איבערגעלאָזן אַ בלויען הימל, גרינע לאָנקעס, פעלדער מיט הויכע זאנגען, און דאָ — שטיקלעך פאַסן פון אַ פאַררויכערטן הימל און שמאָלע פינסטערע גאַסן. דאָרט — אַ געזונט לעבן און אַ ריינע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט פרילינג אַ גאַנץ יאָר; אין לאָדזש האָט געשמעקט מיט זויערקייט פון טוכלע הייזער, מיט דער גרויסער זאָרג: „וואו נעמט מען אויף שבת״. אין שטעטל איז די זון אויפגעגאַנגען מיטן קרייען פון האָן. אין לאָדזש איז זי אַרויס א מידע, אַ פאַרכמאַרעטע.

דאָס שטעטל האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, אַחוץ אבערגלויבן און אידיליע. לאָדזש האָט שוין געהאַט גלאַנץ, רייכטום, בליץ־לאָמפּן מיט נאַפט און — גרויסן דלות אין די ארבעטער־היימען פון „באלוט״.

לאָדזש האָט שוין אָבער דעמאָלט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל באַגאַבטע קינסטלער, שרייבער, דיכטער, פאָלקס־זינגער, — לאָדזש האָט אַלץ געהאַט, נאָר נישט קיין גראַשן ביי דער נשמה . . .

קיין לאָדזש איז די קליינשטעטלדיקע יוגנט געקומען זיך באַקאַנען מיט

די בעסטע יידישע אַקטיאָרן און מיט די פּיעסן, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל אַרויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע. געקומען איז מען אויך זיך צו באַקאָנען מיט דער פּלאַסטישער קונסט, וועלכע איז נאָך געווען אין די וויקעלעך.

געקומען קיין לאָדזש איז גרויס און קליין. אַ סך האָבן נישט געוואוסט אַ צלם פאַר אַן אַלעף, און דאָ האָט מען זיך שפּעטער דערהויבן ווער — צו די ליכטיקסטע הויכן פון ליטעראַרישע דערגרייכונגען, און ווער — צו נגידישקייט, מאַנופאַקטור־געשעפטן און קרומע וועגן פון לעבן . . .

מיט פופציק יאָר צוריק האָט די שטאָט שוין געשוויבלט מיט פּאַרטייען, און צווישן זיי איז אויסגעוואַקסן אַ כוליגאַנישע פּאַרטיי, „נאַראָדאָוצעס”. איר הויפּט עובדה איז באַשטאַנען פון אַרויסטרייבן די יידן פון זייערע געשעפטן, און אָפּראַמען די אייגנטימער. אָט וואָס מיר איז געבליבן אין זכרון: אויפן ראָג זגערזשער און קעלבאַך, איז געשטאַנען א הילצערן הויז, וואָס איז געווען געבויט מיט אַ שפּיץ פון פּאַרנט, און האָט אויסגעזען ווי א שיף. דאָס הויז מיטן געוועלב ווי אַ דריי־עק („טרייענגל”), האָט מען געזען פון דריי זייטן. אויף גרויסע בלעכענע שילדן זיינען געווען אויסגעמאָלן זעק מעל, בעבלעך, רייז און אַנדערע ארטיקלען. אין דעם גרויסן געוועלב האָט מען געקאָנט קויפן אַלץ, וואָס אַ הויזגעזינד באַדאַרף האָבן.

אַנטקעגן האָט געוואוינט דער סטאַרשע פעלדשער. אין פראָנט פון זיין הויז זיינען געהאַנגען דריי גלאַנציקע, מעשענע טעלער ווי אַ פאָן. דער סטאַרשע פעלדשער, נישט קיין ייד, איז געווען באַליבט אין דער יידישער געגנט. ער איז געווען אן אריינגייער צו דער יידישער משפּחה פון געוועלב, וואָס איז געפירט געוואָרן פון אַ שווער מיט זיין אידים. אייגמאָל, דאָנערשטיק, ווען די מאַמע האָט זיך שוין געגרייט אויף שבת, און מיך געשיקט קויפן צימערינג, האָב איך דערהערט אַ שיסעריי, און געזען אַ פּאָר געזונטע לאָבוסעס, אין שטיוול, מיט גלאַנציקע כאַלעוועס, ארויסלויפן פון געוועלב . . . דער שווער מיטן איידעם זיינען דערהרגעט געוואָרן, און דער פעלדשער, וועלכער איז דאַן געווען אינם געוועלב, איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

מיטן אויפשטייגן פון דער יידישער און פּוילישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיינען אויך אנטשטאַנען די פינצטערע עלעמענטן, סיי אויף דער יידישער, סיי אויף דער פּוילישער גאַס. דורך שווערע קאַמפן זיינען די „נאַראָדאָוצעס” אָפּגעווישט געוואָרן. אָבער דער אַנטעסימיטיזם האָט שפּעטער אָנגענומען אַנדערע פאָרמען . . .

* * *

ס'איז געווען שבת, נאָכן עסן. די מאַמע איז געזעסן אויף אַ בענקל, געוואָרעמט אירע מידע פלייצעס ארום קאַכלנעם אויוון, וועלכער האָט שוין געהאַלטן ביים אויסגיין, אַריינגעקוקט אין אַ ספר, שטיל געשעפּטשעט מיט טרוקענע ליפּן, און אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ בליק צו מיר, און געזאָגט: „ניטע, די שויב וועט פּלאַצן”.

איך בין געשטאַנען ביים פענצטער, געכראַמטשעט אַ מייער, געקוקט

ווי דער שניי פּאַלט אויף דער צעבראָכענער פּלומפּ אויפן הויף און אָפּגע־קראַצט דעם פראָסט פון אַ שויב.

איך האָב אַרויסגעקוקט אויף מיין עלטערער שוועסטער. יעדן שבת, נאָכן עסן, פלעגט זי קומען מיט געשוואָלענע הענט, פון אַ וואָך שווערער פּראַצע, אַזש בלוט רינט פון זיי, און גוט אויסוויינען זיך פאַר דער מאַמען . . .

די שוועסטער טויבע־גיטל האָט געדינט אין אַ רייך הויז אויפן זמן. האָט מען זי „פריי געלאָזט" יעדן צווייטן שבת. זי פלעגט שטענדיק האָבן עפּעס מיטגעבראַכט פאַר מיר און די קלענערע קינדער.

איך געדיינק אַ שבת, וואָס אין הויז איז געווען ווי תשעה באב. דאָ־נערשטיק, האָט מיך די מאַמע מיטגענומען, ווען זי איז געגאַנגען אויפן „סטאַוו" איינקויפן. אויפן וועג שטעלן זי אָפּ דריי יידן און פאַרפירן אַ שמועס מיט איר. איינער פון זיי הויבט דערוויל אונטער דאָס אויבער־שטע קלייד, שטעקט אריין די האַנט אין דער קעשענע פון דער האַלקע, און איז פאַרשוואונדן אין אן אויגנבליק. ווען די קעשענע־גנבים זיינען אַנט־לאָפן, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט. די מאַמע האָט אויך גענומען שרייען און וויינען: „אוי, גאָטעניו, וואו וועל איך נעמען אויף שבת?" . . .

יעדן שבת פלעג איך מיט דער שוועסטער גיין צו עמעצן אַנדערש פון דער משפחה, מומעס און פעטערס, „גוט שבת בעטן" . . .

ווען די שוועסטער איז אריין אין הויז, האָט די מאַמע זיך גוט אויס־געוויינט און געזאָגט אין דער שטיל: „נישטאָ מאָרגן אויף ברויט, מער קיין „פאַרשוס" וועט מען דיר נישט געבן, דעם טאַטן אויך נישט" . . .

די שוועסטער זאָגט צו מיר: „לאָמיר גיין צו דער רייכער מומע אויף גייערס מאַרק". צו דער מומע אסתר חנה וויל איך נישט גיין, ווייל זי איז אַ בלאָנדע ווי אַ פּוילישע, גייט אין די האָר, איר מאַן קלייבט זיך פאָרן נאָך לאָנדאָן, און אירע צווי טעכטער, פעסע און גיטל, טראָגן קורצע קליידלעך ביז די קני, און ווען איך קום, וויזן זיי מיר, ווי שיין זיי קאָנען טאַנצן, לאָזן זיך אַראָפּ אויפן דיל, ציען אויס די ווייסע נאַקעטע פיס, און דערנאָך לויפן זיי־צו מיך קושן און זאָגן: „ביסט שיין און נאַריש".

איך שלאָג פאָר צו מיין שוועסטער, מיר זאָלן בעסער גיין צום פעטער אברהם יצחק. וויל זי נישט, ווייל די מומע גאָלדע מיטן פעטער זיינען שוין באַלד פינף יאָר פאַרהייראַט, און האָבן נישט קיין קינדער, און דעריבער וועט דער פעטער זיך באַלד גטן מיט איר . . .

גייען מיר צום פעטער משה־יחיאל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דער מומע ביילע, האָבן קינדער און גיבן שבת אויבסט, מאַן־קיכעלעך, חלה און איינגעמאַכטס.

דער פעטער וואוינט אויפן זעלבן הויף מיט דער מומע פעסע־גיטל. צו איר גייען מיר נישט, ווייל אַז מען גייט אויף אירע טרעפּ, זעט מען דאָס אַלטע „גוטע אָרט", און ביידע האָבן מיר שטאַרק מורא פאַר מתים . . .

פאַרנאַכט לויפן מיר צוריק אַהיים. דער שניי פּאַטשט אין פּנים, פּאַלט געדיכט, ווי ווייסע פעדערן. קראָען פליען איבערן שטאָט, שטעלן זיך אויף דעכער, קוימענס און טעלעגראַף סלופּעס, שרייען הייזעריק — ס'וואַרפט אַן אַ מורא. די גאַסן זיינען שטיל — ס'איז שבת. אַ שייגעצל יאָגט זיך נאָך

מיט אימפעט, וואַרפט אַ פּאָר קוילן שניי אין די פּלייצעס. שליטעלעך לויפן איבער די גאַסן, קלינגענדיק, ווי זיי וואָלטן אויסרופן: „מאַכט אַ וואַרע! אַ פּריץ פאָרט!"

אויך מיר יאָגן זיך. אונדזערע באַקן זײַנען רויט פון פראָסט. אונטער די נעגל שטעכט שוין, ווי מיט שפּילקעס. אָט־אָט, און עס פאַלט צו די נאַכט . . . פּלוצים טוט עפּעס אַ בלענד אין די אויגן. איך בויג זיך אײַן — ס'איז אַ שוואַרץ, לעדערן בײַטל מיט געלט. מיר באַהאַלטן דאָס אין דער שוועסטער'ס בוזים, נעמען לויפן געשווינדער, אונדזערע הערצער קלאַפּן . . . מיר לויפן אַרײַן אין שטוב מיט אַ גדולה, און זײַנען מגלה דעם גרויסן סוד. די מאַמע באַהאַלט דאָס בײַטל אונטערן קישן, און זאָגט: „מ'עט זיך מישב זײַן, ווען דער טאַטע וועט קומען פון „שלש־סעודות".

יענעם שבת־צו־נאַכט איז דער גבאי, ר'זונדל, געווען אין הויז. מ'האָט געגעסן הערינג מיט קאַרטאָפל. די שוועסטער איז געבליבן נעכטיקן — „דאָס האָט גאָט צוגעשיקט", האָט זי געזאָגט.

זונטיק, צום אָנבײַסן, האָבן אַלע קינדער געגעסן זעמל מיט פּוטער און מילך מיט קאַווע, — אַזוינס, וואָס אונדזער הויזגעזינד האָט זעלטן געהאַט. פּלוצים איז אַרײַנגעקומען מײַן חבר, שלום אהרן דעם דאָקטאָר'ס, פון בעל־כאַטאָוו, מיט זײַן געשוועסטערקינד, מאַניעלע, מיך נעמען אין חדר. דערזען די ברייטע סועדה, האָבן זיי אויסגעשטעלט אויגן, גרויס ווי וועלטשענע ניס, און זיך באַלעקט די ליפּן . . . כאָטש דאָס געפינס איז געהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער סוד, האָט זיך עס באַלד צעקלונגען איבער אַלע גאַסן . . .

* * *

אין דער טייל שטאָט, וואָס האָט זיך גערופן באַלוט, האָט געוואוינט דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָ איז געווען די אונטער־וועלט, מיט דער באַרימטער „פּייפּערופקע". דאָ האָט אויך געלעבט די אָרימע יידישע אינטעליגענץ. פונדאַנען האָט זיך די יוגנט אויסגעשפּרייט אין אַלע טיילן פון דער ריזיקער שטאָט. פון באַלוט האָט לאָדזש געשעפּט גייסטיקע יניקה. באַלוט איז געווען די האַרציקע געטרייע מאַמע, וועלכע האָט גע־האַלטן אירע קינדער אונטער די פליגלען, זיי געפּלעגט און געכאָוועט ביז די קינדער האָבן אַליין אָנגעהויבן פּיקן קערנדלעך.

פרייטיק צונאַכטס, נאָכן עסן, איז די יוגנט געשטאַנען אין פּראָנט פון די הײַזער, געקנאַקט קערלעך, געאַמפּערט זיך וועגן „האַמלעט", „די רויבער", „אוריאל אַקאָסטאַ", „די וועבער", „שולמית", „אַ מענטש זאָל מען זײַן" — טעאַטער פּיעסן, וואָס האָבן אַרויסגערופן היציקע דעבאַטן, און נאָכדעם זיך פאַנאַנדער־געשאָטן אויפן שפּאַציר איבער ברעזשינער גאַס, אָנגעפילט די ביבליאָטעקן, אַקאַדעמיעס, טעאַטערן, טאַנץ־זאַלן און געהיימע רעוואָלוציאָ־נערע צוזאַמענקונפטן.

* * *

אין די יאָרן פון היטלעריזם, בעת ס'האָט געוועלטיקט חיים רומקאָווסקי, איז „באַלוט" געוואָרן די געטאָ, וואו טויזנטער יידן זײַנען די ערשטע אומ־געקומען פון שוידערלעכע קראַנקהייטן. די גאַסן זײַנען געווען באַלאַגערט מיט דעם ערגסטן שמוץ; מאַסן קרבנות האָט פאַרשניטן דער טיפוס. צום

סוף האָבן די נאַציס פאַרנומען די גאַנצע באַפעלקערונג — מענער און פרויען, איינגעשלאָסן די גאָלדענע יוגנט, און פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס.

בעת מיין באַזוך אין לאָדזש, נאָך דער מלחמה, האָט מען מיך געפירט צו ווייזן די געטאָ. איך האָב אַ דערשיטערטער באַטראַכט „באַלוט", „ראַדאָ-גאָזשט" און די „לאָטקעס". איך בין געגאַנגען איבער פאַרשנייטע פעלדער, און געזען ווי „שמות" פון די יידישע קלאַסישע ביכער — און פון „הייליקע" ספרים, האָבן זיך געוואָלגערט, אויסגעווייקט אין קויט און בלוט. פון שפּאַלטן אין די חורבות האָבן אַרויסגעקוקט די ביכער פון זיידע מענדעלע, י. ל. פּרץ, שלום עליכם און אַנדערע רומפּולע שאַפער־גיגאַנטן, וואָס האָבן אַרויסגעפירט די יידישע שפּראַך צו די הויכן פון אייביקייט, פאַרן יידישן פאָלק.

אין געטאָ האָט מען געהאַט אַריינגעפירט דעם טויבן נתן׳עו, צוזאַמען מיטן צדיק, לייבעלע זייפער; יאָסעלע „גנב", מיט מנשה דער שרייבער; אַהער האָבן די נאַציס געטריבן יידן פון ווייטע קאַנטן.

דערציילט מיר חיה׳לע, ווי אַזוי זי האָט זיך געראַטעוועט: זי איז אַנטלאָפן פון די „קאַפּאָס", די יודן־ראַטלער, וואָס האָבן געשלאָגן זייערע קרבנות מיט באַטעקעס. זי, צוזאַמען מיט גיטעלען דער בונדיסטקע, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פויערטע, הינטער זגערזש. דאָרט האָבן זיי צוגעזען ווי יידן ווערן געטריבן אין געטאָ — צום טויט.

* * *

ביז היינט גייט נאָך אָן דער קאַמף געגן דער פאַשיסטישער ירושה, אויף אַלע פראָנטן, איינגעשלאָסן דעם געביט פון קולטור. פּוילישע שרייבער, דיכ־טער, און פּלאַסטישע קינסטלער, ברענגען אַרויס אין זייערע ווערק, אין זייער שאַפן, דעם היטלעריסטישן פּעריאָד, און שילדערן מיט וואַרעמקייט זייערע יידישע קאַמף־חברים.

זייער קאַמף האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן: בעת אין לאָדזש, האָבן אַמאָל שרייבער און דיכטער, אַרויסגעגעבן זייערע ווערק אין עטלעכע הונדערט עקזעמפּליאַרן, — דאָס איז געווען חל סיי אויפן יידישן, סיי אויפן פּוילישן ביכער־מאַרק — ווערן אין היינטיקן לאָדזש, מיט דער גאָר קליינער יידישער באַפעלקערונג, אַרויסגעגעבן ווערק פון יידישע דיכטער און פּראָזאַאיקער, אין זעקס און זיבן טויזנט עקזעמפּליאַרן.

* * *

די געשיכטע פון די לאָדזשער יידן איז פול מיט צער, — אָבער אויך מיט העלדישקייטן. לאָדזש האָט אַלע מאָל שימערירט, אויפגעפלאַמט אין ליכטיקע קאָלירן, און געווירקט ווייט אַריבער אירע גרעניצן.

די לאָדזש, וועלכע מיר האָבן געקאָנט מיט פופציק יאָר צוריק, איז מער ניטאָ. אָבער די, וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט איר שיינקייט און העלדישקייט, כאָטש זיי לעבן איצט אויסער אירע גרעניצן, צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט— טראָגן אַריין דעם אימפּעט, דאָס מענטשלעכע און דאָס גייסטיקע, וואָס זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט אין די קינדער יאָרן . . .

אַזוי אַרום לעבט און ווירקט די שטאָט לאָדזש אין אַלע וועלט־טיילן.

באַגריסונגען פון דער „איקוף" משפחה
און פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס

דער „איקוף" און די לייען־קרייזן באַגריסן האַרציק דעם „מוזיניק" אין דער משפחה, צו דער דערשיינונג פון „קאַליפאָרניער שריפטן" . . . מיר באַטראַכטן מיט שטאָלץ אָט די דערגרייכונג פון אונדזער שרייבער־פאַראיין און גלויבן, אַז דאָס איז אַ וויכטיקע דערשיינונג אינם פּראָגרעסיוון אידישן לעבן אין קאַליפאָרניע.

בעת די „נביאים פון אונטערגאַנג" זיינען גרייט צו „צינדן ליכט" נאָך אידיש, איז עס אַ פריי צו זען, אַז אין „קאַליפאָרניער שריפטן" זיינען פאַרטראָטן איבער 30 לאָקאַלע אידישע שרייבער. מיר ווילן האָפן, אַז אונדזער שרייבער־פאַראיין וועט זיך ניט אָפּשטעלן ביי אָט־דער איינער אויסגאַבע, און וועט שטרעבן צו פאַרוואַנדלען די „שריפטן" אין אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע.

דער „ל. א. אידישער שרייבער פאַראיין ביים איקוף" האָט אַ וויכטיקע מיסיע דורכצופירן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, און מיר פאַרזיכערן אייך, ברידער און שוועסטער פונם שרייבער־פאַראיין, אונדזער פולסטע אונטערשטיצונג . . . יישר כוח!

מיט קולטור גרוס —

פאַרן „איקוף" פּרעזידיום:

יוסף קאַראַבעלאַ, פאָרזיצער   שמואל פראַנצבלוי, סעקרעטאַר

פאַרן קאָונסיל פון די לייען קרייזן:

מיימי יאַשאַן, פאָרזיצערין   בעסי ראָטבלאַט, סעקרעטאַרין

די לייען־קרייזן און קלובן:

אברהם ביק
דוד בערגעלסאָן
ראובן ברײנין
ש. גאַדינער
הירש גליק
ז. וויינפּער
כאָוער פּאָווער
נחמן מייזיל
מענדעלע מוכר ספרים
קלמן מרמר
דוד עדעלשטאַט
י. ל. פּרץ (ביים ים)
א. ראַבאָי
י. א. ראָנטש
ל. שאַפּירא
שלום עליכם
„איסט סייד איקוף"
אָקלאַנד איקוף
אַב. וויקטאָר לייען־קרייז (ס. פ.)
אברהם רייזין „וועלי קלוב" ביים איקוף
כאָוער פּאָווער לייען־קרייז (ס. פ.)
אידישער קולטור קלוב, ביים ים

עמאַ לאַזאַרוס פעדעראַציע פון אידישען פרויען־קלובן
עמאַ לאַזאַרוס פרויען קלוב ביים ים
מאָרים ווינטשעווסקי בר. 983 אַרבעטער רינג

אמעריקאַנער פעדעראַציע פון פוילישע אידן, ל. א.
אידישער פאָלקסכאָר, ל. א.
האליוואוד אידישער קולטור קלוב
האליוואוד קולטור קלוב
שיקאגער קולטור קלוב
אָנטאַריא קולטור קלוב
אידישער קולטור קלוב, פעטאלומא
אידישער קולטור צענטער, עלסינאָר
טשענסטאָכאָווער און אומגעגנט לאַנדסמאַנשאַפט
אידישער פרויען לייען-קרייז, פעטאלומא
אידישע דראַמאַטישע גרופע, פעטאלומא
אידישער פאָלקסכאָר, פעטאלומא

Greetings:

Our appreciation to the L. A. Writers' Group for the unique contribution to the celebration of 100 years of Jewish life in California.

COORDINATING COMMITTEE OF THE LOS ANGELES JEWISH CULTURAL CLUBS

באַגריסונגען פון אונדזערע פריינט

יוסף און סאָניע קאראבעלא
א. מאטלין
הערי און ראָז מארקוס
נייטן און ליובא הורוויץ
אב. קאָרן
אהרן און רבקה קערטמאן
אנא און פיליפ גארקער
אסתר און שמואל מילער
אוירווינג און מרים זאכארי
אהרן און מערי רעזניק
ירחמיאל און לינא פארבער
אל. און פערל פייגלסאָן
מיני און מאַקס פאָלער
רעגינא גאָלדראַט
הערי גאָלדשטיין
מאיר און ראָז גאָלדשטיין
מענדל און שרה יעלין
דוד און בערטא ריוואָל
שפרה און לואי זוויים

שלמה און אידיט בעלסקי
סידני און אידיט נאָוויק
אהרן און בעסי ראָטבלאַט
יהושע און שרה גורעוויטש
בעקי בערג (פּאַרק מענאר)
יאנקל אוןביילע פרידמאן
מאקס און מיני הייקין
י. מאָרדען
מיני סמאָלער
עלמער און סערא קיימין
ה. באלזער
אב. אדלער
מ. סופר
ה. ביאלאָס
משה און פייגל שטראסבורגער
פעני און דייוו בעסמאן
ישראל און דאָרא לאקריץ
ס. ראטינאָף
ר. דזשעקסאן

ג. גערטלער
אב. און מערי פינקלשטיין
עליע און אנא גאָרדאָן
הערי און לייקע סקאָבל
סעם און ראָז סטעפּקין
מיימי יאשאָן
אסתר חכם
סאָפי און מאָרים קענאָן
ד. לערמאַן
י. א. ראָנטש
דוד און בערטא פאדאלסקי
סעם און לינע קלאָפּערמאַן
לאָטי מלאך און מאקס קריימער
מערי און דייוו ריטשמאַן
ישראל און חוה ביילאָוויץ
חיים און רוט שווארץ
משה און חוה וויינשטיין
אהרן פינסקי
ה. בוכוואלד
מאקס פרידנטאל
הערי און עלקע ווילינסקי
דאָרא פאָינס
יעקב און גאָלדע טשערניצקי
באָרים און טילי גאָלדבלאט
י. שאכנאָוו
סיידי דאָראָשקין
חיים שאפירא
בנימין און מאניע ראָזענפעלד
הערי און עני גאָלדפאַרב
יעקב און העלען לאָנין
דאָרא אַגראַנאָווסקי
דוד ראבינאָוויץ
ריווא באָיארסקי
ראָכיל ליסט
מ. ראבקין
עטל גינזבורג
שאול האָפמאַן
דזשעק און פאולין רובין
עזרא שטיין
יעקב און נאדיע לון
יאנקל און מיני ביאליק

מאקס היטלמאַן
יעקב שייפער
נייטן און מערי גאָרפילד
מאקס און רחל גיטלין
חיים און מיכליע לאָזניק
דוד לעדערמאַן
ביל גאָלטץ (פּראָגרעסיוו אָפּטישענס)
ק. ס. מ. מאָהל
מענדל און בעקי קאַנטאָר
אב. און לינע באָרנשטיין
עד. און סארא האָן
הערשל און איטקע באָראָן
אשר און מירל ראָטבלאט
סעם און פאָולין גאָלדשטיין
טשארלי און חנה לוקאָוויטש
מ. סילווערמאַן
שמואל און חוה פראנצבלוי
סארא לעוויטאָוו
אב. און סאָניע ראָזענבערג
גרשון און גאָלדע גורשטעל
מלכה און זארי גאָטפריד
יוסף און ליליען קאָרן
יעקב און סיידי בערגמאַן
סעם און מאָלי דאָרדיק
לעא פאָרבער
דוד גאָטפריד
שלמה און פויגעלע
יוסף און פראַניע וויים
מאָרים קאפלאַן
רפאל און שרה פאָזנער
ראָז וואנעטיק
טריסא און הערי
ב. מעלאַמעד
אייזיק און קלאָרא קאהן
נייטן רובין
לילי פאָנאנסקי
דזשעק רישע
אנא פריינק
דר. באָרדען
דר. פריינקלין גארדאָן

קלאַרא אָרעשקעס
מ. ראַסין
אב. און ראַז מאגיל
דזש. קליין
נחום און מאלי בוכמאַן
(צום יובל פון אונדזער
גאָלדענער חתונה)
חיה פּערים

שמואל בערמאַן
נתן און פּויגע פּודעמבערג
מרדכי און לאה בלום
חיים און סאָניע נאַקוטין
הערי און גישא רעזניק
עדמאָנד און עז ראָזען
סעמועל און קעראָליין דינאָוויץ

אין אייביקן אָנדענק פון אונדזערע ליבסטע, קעמפער פאַר פרייהייט און בויער פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור:

אברהם אָלקין
אב. וויקטאָר
א. מאורים
אהרן גאָרעליק
העניע גארעליק-שאפּירא
העניע גאָרעליק-שאפּיראָ
י. א. מייערס
שמואל ראָזענפעלד
שמואל קאדיש
לואיס האָפמאַן
מישא יאבלאָן
דוד עווענסאָן
זלמן טשעסין
אברהם לעווין
סעם ריטש
אלעקסאנדער קאָפּילאפסקי
אברהם ראבינאָוויטש
דזשיימס קאָרן
אברהם פּרימאַק (פּאַסאַדינא)
אברהם אָלשאנסקי
דזשוליוס פּאַפּלער
זלמן טשעסין
יאָשאָ בערמאַן
מאַקס מעדניק

דזשין און די קינדער
באָרים און משפּחה
פּאַשאָ און פאַמיליע
אידא און פאַמיליע
מאָזירער „ה. ג־ש." פרויען קלוב
ראובן און אבראַשא
איוואָ
ראָז
איידא און די קינדער
מעי און פאַמיליע
סאָניא און די קינדער
אנא און פאַמיליע
איד. קולטור קלוב ביים ים
ברכה לאה
ברכה'קע און די קינדער
רחל און די קינדער
איידא און פאַמיליע
אב. און איידא רובין
בעסי און די קינדער
בלומע און די קינדער
דאָרא
סיליע און פאַמיליע
ליבע
אָנקל משה

urge upon our fellow Jews the recognition of the fact that there can be no peace in Israel or Germany, no abatement of McCarthyism in the United States, without peace in the world.

In the words of Moshe Bitan, representative of the Histadruth to the American Federation of Labor's Convention in October, 1954: "What Israel needs—is not an arms-race, but peace and trade . . ." This, too, applies to all the troubled spots in the world.

The tercentenary gives us also the opportunity to review one hundred years of California Jewish history within the framework of general American history. Here is the opportunity to view the early and significant role of Jewish individuals in the great centers, San Francisco, Sacramento and Los Angeles; the part played by educators, engineers, artists; religious, labor and civic-minded leaders.

Here also is the opportunity to view the impact of great social changes on the western frontier; the Civil War; the rounding out of the continent; the growth of the trade-union movement; the social and literary ferment in the period of great unrest at the turn of the century; the impact of two World Wars, and the emergence of California as one of the nation's greatest population centers, and of Los Angeles as one of the great centers of Jewish population.

Here,too, we can see, in broad outline, the gradual democratization of Jewish community organization, and the increasing involvement of Jewish organizations in the problems of the Negro people and of the Mexican-American people, who form a substantial part of California's population.

The celebration of 300 years of American Jewish life, thus, becomes an occasion to review the main lessons in our history, and to profit thereby in the decades opening up before us.

Out of this celebration we want to derive increased knowledge of Jewish history among ourselves and in the American community as a whole.

Out of this celebration we want to fill the voids in the textbooks of our schools.

Out of this celebration we want inspiration to join with the Negro people, the Mexican-American people and others to achieve full freedom for all.

Out of this celebration we want courage to walk together with all of our fellow Americans to a future of democracy and peace.

ought to be crushed, and the unrestrained license of speech and arrogant assumption of the so-called Eastsiders that mere numbers give wisdom ought to be treated as nil."

Despite, or perhaps because of this opposition, the workers' organizations gave leadership to great masses of American Jews; and within the middle-class, and among religious Jews, there also came gradual democratization.

The "American Jewish Congress," founded during the 1st World War, had as its aim the expression of all points of view in the peace settlement. Though the "American Jewish Congress" did not retain all of its affiliates after World War I, during the thirties and forties it assumed the character of a peoples' organization and pressed for a positive fight against fascism and anti-semitism, at a time when other middle-class Jewish organizations were hesitant, or unwilling to speak out.

In the thirties, the Jewish Community Council movement flourished, as a response to two factors: First, the demand to democratize the control of philanthropic institutions, which had been, for the most part, concentrated in the hands of wealthy donors. Second, the urgent need for united action against Hitler and the home-grown varieties of fascism.

This united action reached its height during World War II and in the years following, until the wave of hysteria affected the Jewish, as well as the general, community. Certain Jewish groups returned to the old policy of "hush-hush," devoting more time and energy in cleansing themselves of "red" taints, than in fighting the enemies of the Jewish people.

Yet, the objective laws of our existence as a people will not permit us to remain long in this weak and apologetic position. The Fort Monmouth investigations, the dismissal of Abraham Chasanow and Wolf Ladejinsky from government service, have made clear the anti-Semitism inherent in McCarthyism. The arming of reactionary Arabs, and the renazification and the rearming of Germany have required us to speak out in protest.

It would be wrong to suppose that this speaking-out has been with a full voice, or that the top leaders of organizations have mobilized their members to decisive action through techniques of democratic expression—meetings, petitions, visits to congressmen, etc. Moreover, most Jewish groups still voice their protest within the perspective of a divided world and of a military solution of world tensions.

It becomes the job of all who ardently desire peace, to

Amalgamated Clothing Workers, the International Fur and Leather Workers, the United Hat, Cap and Millinery Workers. The momentum which they created swelled the general movement of workers in all of the trade unions.

From this period date also the fraternal benefit societies—the Workmen's Circle, the Jewish People's Fraternal Order, the Jewish National Workers Alliance, etc.

The quality of American Jewish life in this period was also effected in a deep cultural sense.

The people from Eastern Europe brought with them a knowledge and love of the Yiddish language, of the prophetic traditions of the Jewish people, and of the folk-quality of their culture, as this was expressed in literature, song, drama and dance. On American soil there was a new birth of culture. The crowded Eastside teemed with literary and dramatic activity; with philosophical, as well as political controversy; with Yiddish newspapers; journals; novels of immigrant life; Jewish People's choruses; a tremendous blossoming of the Yiddish Theatre; children's schools, in which Yiddish, Jewish history and traditions were taught from a secular point of view.

Still flourishing in the major centers of the country, these cultural treasures are now becoming also the possession of the English-speaking, through numerous translations, such as those by Aaron Kramer of the works of the classic worker's poets, David Edelstadt, Morris Winchevsky, Joseph Bovshover and Morris Rosenfeld, and through the translations and dramatic productions in English, of the works of Sholom Aleichem, J. L. Peretz, Peretz Hirshbein, and many others.

These changes were not without conflict among the Jewish people themselves. Both the economic and cultural activity of the immigrants were opposed by certain sections of the older Jewish settlers. The latter's economic interests for the most part were on the side of conservatism. Their cultural patterns were strongly assimilationist. Their Jewishness was of an increasingly attenuated religious character, unrooted in language, literature, music or folkways. The wealthier core of Jewish bankers and industrialists organized themselves into the "American Jewish Committee" on a highly selective basis. In the words of Judge Mayer Sulzberger, one of its early leaders: "The suggestion that mere numbers can give rise to statesmanlike advice on matters effecting the Jewish people is unthinkable. The know-nothing element among the native American Jewish people

America; many of them were among the pioneers of the American trade union movement and of the early Socialist, Communist and Populist parties; many moved westward, and became part of the frontier civilization.

Out of this period grew many of the characteristic institutions of organized Jewish life; the philanthropies; Reform Judaism with its seminary and synagogual associations; the B'nai B'rith, and the Young Men's Hebrew Association. Prominent Jewish religious and lay leaders made their contributions to American life; great women, such as Ernestine L. Rose, fighter for women's rights and emancipation, and Emma Lazarus, whose poem "The New Collosus" is inscribed on the base of the Statue of Liberty.

From the 1880's on the whole character of American Jewish life changed, quantitively and qualitatively. There began the tremendous wave of immigration from Eastern and South Eastern Europe, sparked by the intensified wave of pogroms in Czarist Russia against the Jewish people. From a population of a quarter of a million in 1880, the Jewish people grew to two and a half million in the next three decades.

Qualitatively the whole character of American Jewish life was altered. The new millions brought out of Europe an intense hatred of tyranny. They found themselves thrown into an America which was going through the convulsions of social unrest, with the economic system periodically throwing millions out of work; with the increasing monopoly and stratification of classes; with large scale strikes, and the consolidation of nationwide trade-union organizations. They found themselves crammed into unsanitary sweatshops, working long hours for little pay, subject to arbitrary dismissal and wholesale layoff. They saw their husbands, wives and children racked with tuberculosis. And in the fight against sickness and unemployment, they found themselves thrown entirely upon their own resources.

This led to a tremendous upsurge in trade-union organization, the formation of workers' fraternal organizations; "Landsmanshaften" and organizations of radical political parties. Their organizational gains were not easily won. Through long and bitter years the workers met lockouts and starvation, they felt the blow of the policemen's club, they met violent deaths and frame-ups, they met frequent defeat and destruction of their organizations. But in the second decade of the new century they began to consolidate into the gerat needle trade unions as we know them to-day: the International Garment Workers, the

man was jailed, and when Jefferson's followers were forced to meet in secret. Nones, responding to an attack on himself, stated: "I am a Jew, and if for no other reason, for that reason am I a republican . . . In the monarchies of Europe, we are hunted from society, stigmatized as unworthy of common civility, thrust out, as it were, from the converse of men. Among the nations of Europe we are inhabitants everywhere, but citizens nowhere, unless in Republics. Here, in France, and in the Batavian republic alone, we are treated as men and brethren. In republics we have rights, in monarchies we live but to experience wrongs . . . How then can a Jew be but a Republican"?

These main lessons emerge again in the Civil War period. Jewish people were divided, along sectional and economic lines, as were the American people as a whole. In the North some Jews were identified with the shipping, selling and financing of the cotton trade. In the South most of them were identified with the Confederacy, and Judah P. Benjamin rose to be Secretary of State of the Confederacy. Yet, the overwhelming majority in the North were for the Union. In the South there were heroic instances of Jews, who made their homes stations in the underground railroad.

Some historians seek to be "objective" by simply listing the Jews on each side of the struggle. Yet, the truly "objective" law of Jewish life is that our people have suffered in time of reaction and have moved to greater freedom in times of social advance. The true stake of the Jewish people in emancipation was voiced by men such as Rabbi Felsenthal of Chicago, who stated, that, from the Roman times onward, the same calumnies and falsehoods were told about the Jewish people as were now told aboutt he Negro people to justify their oppression; and Rabbi Fischel of New York, who warned that the success of the Confederacy would result in a set of State Constitutions less liberal than that of the Federal Government.

That the forward movement of the Negro people was a move forward for the Jewish people, was demonstrated in the glorious days of Reconstruction in the South. The new democracy of blacks and whites cleansed the Southern statute books of anti-Negro laws, and in the same act wiped out the remaining anti-Jewish laws.

The early Portuguese-Spanish immigration, meanwhile, had been supplemented by large numbers of German Jews, many of them refugees from the unsuccessful democratic revolutions of 1848. These newcomers brought vigor and experience to

He petitioned the directors of the Dutch West India Company to grant him the right to expel the Jews.

The story of the Jewish people's success in remaining in New-Amsterdam is the story of their own courage, of the solidarity of fellow Jews in Holland, and of the new currents of freedom running in a time when feudalism was dying and a new commercial and industrial society was being born.

The linked faith of all minority peoples was foreshadowed in Peter Stuyvesant's words, "Granting them (the Jews) liberty, we cannot refuse the Luthers and Papists". The common interest of Luthers, Papists, Jews and all other groups, eventually secured the principle of separation of church and state in American life.

Behind the story of the first settlement is the fascinating history of identification of the Jewish people with the major moments in the settling of the New World. The historic position of the Jews as a scattered people gave them knowledge in the languages, sciences and commercial skills of the expanding industrial and commercial society.

On Columbus' voyage, members of the crew were Jews; the ships' surgeons were Jews, and Columbus' interpreter, Luis de Torres, was a Jew. And the very origin of the expedition itself lies in the financial aid given by Luis de Santangel and Gabriel Sanchez, and other Jews, who supported Columbus, when all other avenues had been closed to him.

The voyages of the Portuguese, of Vasco da Gama, of the settlement of Brazil, are also intertwined with Jewish history; Abraham Zacuto, who briefed da Gama's navigator, Gaspar Judeo, navigator of the expedition that landed in Brazil in 1500, thousands of Jewish settlers, who brought skill and industry to the opening up of the tobacco, sugar and other riches of the New World.

The main lessons of our history emerge also from the Revolutionary War period.

Though some Jews, together with some non-Jews, sided with England, the vast majority shared the common thirst for freedom. In the words of Benjamin Nones we have perhaps the clearest awareness of the fact that our history as Jews both anciently and in the eighteen hundreds, required the Jewish people to be for freedom. Nones fought in the Revolutionary War and was a follower of Jefferson in the stormy 1798 - 1800 period. This was the period of the Alien & Sedition Laws, when Jefferson himself was called a "red Jacobin"; when a Jeffersonian congress-

LESSONS OF 300 YEARS OF AMERICAN JEWISH HISTORY

By DR. SANFORD GOLDNER

The vast panorama of American Jewish History is beginning to emerge out of obscurity. The historic facts unfortunately do not shine out by their own light. They have been kept in darkness by the forces of Anglo-Saxon supremacy in our national life, which have minimized or altogether suppressed the contributions of our great minority groupings.

Even among those who profess to bring the history to light, there are some who leave certain facts untold. The quest for a true history parallels the quest for a true doctrine for the existence of the Jewish people.

Up to a point, however, the whole activity of celebrating 300 years of American Jewish History will have an overwhelming positive outcome if it begins to fill the vast void in our text books and in our common knowledge. Simply to know that we have been here from the earliest times; that we have moved into the frontiers and helped build the land; that our people have been among America's scientists, statesmen, artists, leaders of labor — simply to know these things, and to make them common knowledge, is to advance a long step against the evil of Anglo-Saxon supremacy.

Beyond this, however, our very existence to-day demands that we learn the main lessons of our history. We must learn that our life from the earliest times has been a struggle to live in dignity and security as a people; that freedom has never been a ripe fruit, waiting to fall into our hands; that it has had to be won anew in each generation.

Likewise our history reveals a basic law of our existence: that our fate as a people has been inseparably linked with the forward-moving processes in American life.

These lessons are seen in the very first moments of settlement in New Amsterdam in 1654.

23 Jews came here in flight from the Inquisition in Brazil. They and their immediate ancestors had already sailed many seas. Now they sought safety in New Netherlands. But Peter Stuyvesant, Director General of the New Netherlands, already harassed by demands for self-government by his subjects, was not willing to see further additions to the ranks of the disaffected.